STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03767

YUDISHE NESHOMES

Samuel Hurwitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „פאלקסבילדונג", ניו יארק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד 3

ליטא.

הויפט פערקויף ביי:
סטאר היברו בוק קא.
18 ארטשארד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1917
by S. Hurwitz, New York.

All rights reserved.

מיין פאַטער'ס און מוטער'ס אנדענקען געווידמעט.

אינהאלטס־פערצייכנעס.

ווארשעווער אַנטיקען.

1. רויזעלע די הויכע נשמה.
2. דער נדר פון אַ קאָצקער חסיד.
3. דער קאָמוניסטישער קעלער.
4. ווי אזוי ברוך דער טרעגער איז קאַליע געוואָרען.
5. יחזקאל קאַטיק און זיין קאַוויאַרניע.
6. די ערנידריגטע און בעליידיגטע.
7. ווארשא אין ליכט און שאָטען.

אויף די „נאַלעווקעס".

1. אין קאָד־קעסעל פון די נאַלעווקעס.
2. אויף די נאַלעווקעס אין אַ יאָהר ארום.
3. דורך אַ פענסטערל אויף די נאַלעווקעס.

אויפ'ן „דעק" פון ווארשא.

1. אויפ'ן ווארשעווער לומפען־מארק.
2. „וואוילע יונגען", „קאַלייקעס" און „ריזען".
3. „אלפאָנסען".

אין פוילישען „ירושלים".

1. דאָס אלטע לובלין.
2. אויפ'ן אלטען לובלינער „בית עולם".
3. דער חורבן פונ'ם פוילישען „ירושלים".

אין דער פוילישער שטעדטעל.

1. ביאַלער אנטיקען.
2. אין שלום אש'ם שטעדטעל.
3. איינער אין אַ שטאָדט.
4. דער „מומחה".
5. דער „פע־פע־עס־ניק" און זיין ווייב.

6. אט קומט ער!
7. שמולעוויזנע.
8. ווי אזוי עס ווערט געבארען א יודיש שטעטעל אין פוילען.
9. פון א ציעג.

צווישען גרעניץ-יודען.

1. ביי גאט'ס מוטער אויף קעסט.
2. א כפרה אמעריקא!
3. יודישע פרנסות ביין גרעניץ.

אין דער „מלוכה" פונ'ם יודישען קאפיטאל.

1. א פריינד פון ארימע און ליידענדע.
2. „ירמיהו הנביא" פון זגערזש.
3. א שפאציר דורכ'ן „גן עדן" און „גיהנום". אדער וואס איז אזוינס „זאוויערצע?".
4. זאוויערצע פון דער לינקער זייט.

„ש מ ד ' ק ע ס".

א. וואס טרייבט דאס יודיש מיידעל אין פוילען צום שמד.
ב. ביי דער „שמד'קע" אין דער היים.
ג. די היימישע ערציהונג פון דער „שמד'קע".
ד. „די שמד'קע" אין קלויסטער.
ה. „מאישעלע, געה נישט, דא איז בעסער."
ו. גע'שמד'ט זיך אום ניט געשאסען צו ווערען.
ז. נישט גוט אויסגעפיהרט.
ח. שלום געמאכט.

װאַרשעװער אנטיקע.

רויזעלע די הויכע נשמה.

1.

פאר גרויסע אידעאליסטען, וואס די וואהרהייט פון לע־בען איז ביי זיי טייערער, ווי דאס לעבען אליין; וואס בעזי־צען אין זייער ברוסט א קוואל מיט ליעבע צו מענשען; וואס זענען גרייט יעדע מינוט צו זעלבסט־אפפערונג, אום צו לינדע־רען די מענשענס ליידען — פאר אזוינע מענשען האט די יו־דישע פאלקס־מאסע א בעזונדער טיטעל. זי רופט זיי „הויכע נשמות".

די „הויכע נשמות" פון דער מאסע טוען זייער גרויסע ארבייט פון ליעבע און זעלבסט־ אפפערונג אין דער שטיל, אין געהיים. די בלעטער דעקלאמירען זיי ניט; אויף די מיטינגען מאכט מען זיי ניט קיין אוואציעס; זייער נאמען ווערט ניט געדרוקט מיט גאלדענע בוכשטאבען אויף מארמארנע טאוולען אין וואויל־טעטיגע הייזער. און דאך איז זייער שפור טיעף אין לעבען. און אויב מען זעהט זיי ניט, אויב מען געדענקט ניט זיי־ער נאמען, שפירט מען זייער איינפלוס, זייער ליעבע, זייער וואַ־רעמקייט און טרייסט, וואס זיי טראגען אריין אין לעבען פון די עלענדע און ליידענדע.

איינע, אזא הויכע נשמה איז די העלדין פון מיין איצטי־גער שילדערונג. דאס איז די געוועזענע „שמד'קע" רויזעלע — אנטאנינע.

רויזעלע האט זי געהייסען אין דער היים, ביי איהר טאטען

און מאמען, ביז זעקס יאהר. דאן האט דער געוועהנליכער גאנג פון איהר לעבען, פון רויזעלעס לעבען, זיך פלוצלונג איבערגע־ריסען. זי האט געלעבט ניט אין דער היים, ניט צווישען טאטע און מאמע, שוועסטער און ברידער, אין איהר היימישען שטעד־טיל קאלאשין, נאר ווייט, ווייט פון דארט, צווישען שיקסעס, מנישקעס, גלחים. דרייצען יאהר האט זי פערלעבט אין א פוי־לישען קלויסטער א שמד'קע, א קריסטין, אונטער דעם נאמען אנטאנינע לוטינסקא ביז... אין א שעהנעם פריה־מארגען האט זי אלץ אראבגעווארפען, וואס עס האט זיך אנגעקליבען אויף איהר נשמה פאר די גאנצע דרייצען יאהר, און איז איבער א נייעם געווארען רויזעלע ווי אמאל.

דער לעזער שטויסט זיך אן, אז מ'האט רויזעלען גע'גנב'עט.

„דאס איז געווען האט זי מיר — ווען זי איז שוין צוריק רוי־זעלע געווארען — ערקלערט, א פרייטאג־צונאכט. „יע־שטשע פאמיענטאם יאק דזיס" (איך געדענק נאך ווי היינט. רויזעלע האט גערעדט נאר פויליש, זי האט געקענט זעהר שוואך יודיש). מען האט ביי אונז אנגעצונדען די ליכט. דער טאטע מיט'ן „סטארע דזיאדעק" (אלטען זיידע) זענען אוועק אין שוהל די מאמע איז געזעסען אויפ'ן פריזבע און גערעדט מיט שכנות. איך מיט נאך מיידלאך פון מיינע יאהרען האבען זיך געשפיעלט אויפ'ן גאס; שפיעלענדיג זענען מיר פערשפרונגען אין א גע־סעל. איך געדענק ניט, ווי אזוי איך בין געבליבען אליין, איך האב ניט מורא געהאט, ווארום דא איז מיר אלץ געווען בעקאנט. איך וויים ניט, ווי אזוי עפעס אנ'אלטע גוי'ע האט מיך אנגע־נומען פאר'ן האנד, געגלעט מיך פאר די האאר, געקושט מיך אין שטערען; האט מיך אריינגענומען אין א הויז, געגעבען גוטע זאכען; און אז איך האב געוואלט געהן א היים, האט מען מיך ניט געלאזען; אז איך האב אנגעהויבען וויינען, האט מען מיר גערראהט און איך האב געמוזט שווייגען".

וואס ווייטער איז געווען געדענקט רויזעלע זעהר שוואך. זי געדענקט אויך ניט, ווי אזוי זי איז געקומען אין קלויסטער, וואס דארט האט פאסירט די ערשטע צייט. די טאקטיק איז צו איהר געווען די געוועהנליכע אין אזעלכע פאלען: מיט גוטען

און מיט בייזען, מיט קושען און מיט שלאגען האט מען איהר גע־צוואונגען פערגעסען אלץ וואס עס האט מיט איהר פאסירט אויף יענער זייט קלויסטער־טויער און רעכענען זיך פאר א געבא־רען קריסטען־קינד. מען איז צו איהר געווען זעהר פריינדליך און ליב, ביז זי האט ניט געמאכט א פראגע: ווער איז זי? ווי אזוי קומט זי אהער? דאן האט זיך די דעקאראציע פלוצלונג געביטען. די פנימ'ער פון די גרויסע מענשען, אין וועמענס הענד זי איז געווען, זענען פלוצלונג געווארען שטרענג, בייז און פינס־טער. מען האט איהר געצוואונגען פאסטען, תשובה טאן, זאגען תפלות, אז עס זאל אויסגעלייטערט ווערען איהר הארץ פון אונ־ריינע מחשבות.

צייטענווייז פלעגט קומען אויף די הייליגע שוועסטער א גוטער הומאר, און אז רויזעלע פלעגט מאכען א שאלה וועגען איהר פערגאנגענהייט, פלעגט מען אויף איהר ניט שרייען, נאר ערקלערען גוטמוטיג, אז א „בוציאן" (א בושעל) האט איהר געבראכט אין קלויסטער אויף זיינע פליגלען. שפעטער אביסעל אז רויזעלע איז עלטער געווארען און די פאבעל מיט דעם „בור־ציאן" איז געווען צו האמעטנע, האט מען איהר געזאגט, אז די איינענע מאמע האט איהר אונטערגעווארפען. דאס איז געווען אויסגערעכענט מיט א כיון, כדי איינצופלאנצען האס אין איהר הארצען צו איהרע עלטערען און דערמיט אבווענדען איהר פון די געדאנקען וועגען איהר יודישער פערגאנגענהייט. מען האט איהר פערפאסט נאך בבא מעשיות וועגען דער „זשידאווסקער" גרוי־זאמקייט און דער בארימהערציגקייט פון די קלויסטער לייט. מען האט איהר אויפגעוויזען, אז זי דארף זיי זיין אייביג דאנקבאר אייביג בעטען פאר איהרע „בעלי־חסדים, און מען האט איהר פערבאטען צו ריידען וועגען די אונריינע, „פערפלוכטע" זשי־דעס. דעם קינד'ס הארץ איז צועסען געווארען פון קלעמעניש, פון רייסעניש. אבער זי האט קיין איין מענשען ניט נעהאט אויף דער וועלט, וועמען צו פערטרויען די יסורים פון איהר נשמה. אין קלויסטער איז זי געווען, ווי אין א טורמע. זי האט פון דארט ניט געטראט ארויס, אויב ניט אין דער בעגלייטונג פון די היי־ליגע שוועסטער און די חבר'טעס, די קריסטליכע מיידלעך.

אט אזוי איז אוועק א יאהר נאך א יאהר. רויזעלע האט בעקומען א פאלקאמענע קלויסטערליכע ערציהונג. מען האט זי געלערנט אלץ, וואס עס ווערט געלערנט אין א פוילישען קלויסטער. די זכרונות פון דער היים האבען אנגעהויבען ביסלעכווייז אויסגעלאשען צו ווערען. זי האט זיך צוגעבונדען מיט איהר גאנצער בעליידיגטער נשמה צום קריסטענטום, אין וועלכען זי האט געזוכט א טרייסט צו איהר ביטער הארץ. זי האט געלערנט די נייע רעליגיאן פלייסיג, האט ארויסגעוויזען גוטע פעהיגקייטען און פערשטאנד. איהרע לעהרער און לעהרערינס זענען מיט איהר געווען זעהר צופרידען. און זי איז אויך געווען צופרידען און גליקלאך, ווען זי האט זיך נאר פערגעסען. אבער אזוינע פערגעסונגס־מאמענטען האבען לאנג ניט געדויערט. די פערלאשענע עראינערונגען פלעגען שטענדיג אויפטויכען און צופלאקערען זיך מיט א נייער קראפט. און וואס מעהר זי האט געלערנט אלץ שמערצליכער האבען איהר געברענט די פראגען: ווי קומט עס, — די הייליגע שוועסטער, פארשטעהער פון אזא הויכער רעליגיאן, זאלען זיין אזוי גרויזאם און ניט וועלען איהר זאגען: ווער און וואו איז איהר מאמע, אדער טאטע? ניט וועלען איהר אבגעבען צוריק צו איהרע עלטערן? פארוואס האלט מען זי דא מיט גוואלד? וואס האט מען צו איהר? וואס פאר א שלעכטס האט זי עמיצען געטאן?....

צייטענווייז, פערקעהרט, איז איהר קינדערש הארץ געווען פול מיט בייזקייט אויף איהר טאטען און מאמען: פארוואס קומען זיי איהר ניט אבנעהמען? קען דאס זיין, אז זיי וויסען ניט וואו זי איז? אז זיי זאלען ניט קאנען זי אבנעהמען? וואלט זי אליין געוואוסט, וואו זי איז, וואו די עלטערן זענען, וואלט זי שוין אנטלאפען און זיי אויפגעזוכט. אבער דאס האט זי ניט געוואוסט. און אין מח האט זיך ניט זעלטען אריינגע־גנב'עט א שלעכטער געדאנק, אז עס קאן זיין, אז די „הייליגע שוועסטער" זאגען אמת, אז מען האט איהר מיט אן אמת אונטערגעווארפען צו די קריסטען, צו פרעמדע מענשען.

די „שוועסטער" זענען צו איהר געווען זעהר גוט, ווארום זי האט געפאלגט אלץ וואס דער קלויסטער־רעזשים האט געפא־

דערט. אויסער דעם פֿאַל, ווען זי האָט געפֿרעגט שאלות. דאָן מוזט פֿערשטיקען טיעף אין הארצען אלץ, וואָס דאָרט האָט גע־
מוזט פערשטיקען טיעף אין הארצען אלץ, וואס דאָרט האָט גע־ ברויזט און געעגבערט, פֿערשטיקען ביז אַ צייט.

מיר לאָזען רויזעלען אין קלויסטער, און ווע‌לען (ווי מען שרייבט אין די ראָמאַנען) אַ קוק טאָן: וואָס טוט זיך ביי איהר אין דער היים.

דער לעזער קאָן זיך לייכט אַנשטויסען, וואס עס האָט זיך דאָרט געטאָן דעם פֿרייטאָג אָווענד, ווען רויזעלע איז ניט גע־וואָרען, און אויף מאָרגען שבת דעם גאַנצען טאָג. דאָס איז געווען ניט שבת, נאָר תשעה באָב. מען האָט, נאַ־טירליך, געמעלדעט דער פּאָליציי, געמאַכט אָביסקעס אין אלע פֿערדעכטיגע קריסטליכע הייזער. נאָר אומזיסט. יעדער שפּור פֿון רויזעלען פֿערשוואונדען.

„אז זי וואָלט געווען אַ גרויסע און וואָלט אַוועק מיט'ן גוטען ווילען, וואָלט עס מיך ניט געאַרט", האָט מיר ערקלערט רויזעלעס מאַמע, ווען איך האָב זי בעזוכט. „איך וואָלט ניט געוויינט, ווי אַנדערע מאַמעס, איינרייסען וועלטען.. ווילסט זיך שמד'ן, האָב דיך אַ שווארץ יאהר... ביזטו מיינע קיין טאָכטער ניט און געגנוג... אָבער אַ קליין קינד, פֿון זעקס יאהר! וואָס ווייסט זי נעביך? ווי קאָן דאָס דערלאָזען אַ מאַמעס הארץ"...

און רויזעלע איז נאָך אַ קלייניניקע געווען, אַ לעבעדיג, קלוג קינד. און אלע אין שטוב און ביי די שכנים ארום האָבען זי ליב געהאַט. דער מאַמעס הארץ האָט ניט געקאָנט רוהען. עס איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ מאָנאַט נאָך אַ מאָנאַט אין זוכעניש. ס'האָט גאָר נישט געהאָלפֿען! מ'האָט אין אַלע יודישע צייטונגען בקשות געדרוקט: טאָמער האָט עמי־צער געזעהן, געהערט, זאָל רחמנות האָבען און געבען צו וויסען. אלץ אומזיסט.

דער טאַטע רויזעלעס איז פֿון הארצוועהטאָג געשטאָרבען. נאָר די מאַמע איהרע איז פֿון אייזען געקנאַטען געווען. זי האָט

ניט אויפגעהערט איינצולעגן וועלטען, געפאָחרען צו רבנים, צו גוטע יודען. יענע האָבען איהר געהייסען זוכען, גוטע האָפ־נונגען געגעבען. און זי איז אוועק איבער דער וועלט זוכען איהר קינד.

יעדער האָט גענומען אַנטייל אין איהר שיקזאַל. אפילו קריסטען — איידעלע און פיהלענדע, האָבען מיטלייד געהאַט מיט איהר. די פּאָליציי האָט איהר אויך כמעט אומעטום גע־האָלפען, די העכערע מאכט האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו בעזוכען די קלויסטערס און מאָנאַסטירען, וואו זי האָט גע־האַט אַ פערדאַכט, אַז איהר טאָכטער געפינט זיך דאָרט. ניט איין מאָל איז זי געפאַלען אויף אַ שפּור: אָט, אָט, דאַכט זיך האָט זי זיך אָנגעשטויסען אויף איהר קינד.

— מען האָט זי נאָר וואס אוועקגעפיהרט...

— פאָהרט אהין, אין יענעם קלויסטער... דאָרט איז פאַראַן טאקע אזא...

— לויפט אהין, מיר האָבען אזעלכע געזעהן... גיכער, איהר וועט זי נאָך כאַפּען...

די אָרימע מוטער איז געלאָפען, געפאָהרען, געגאַנגען, גע־זוכט, געהאָרכט — ס׳איז געווען אומזיסט! ניט איין מאָל איז זי געווען זיכער, אַז זי האָט זי. אַלע סמנים זענען געווען ריכטיג. צווישען איהר מיט איהר טאָכטער איז אָפט נאָר געווען אַ שטח פון אַ פּאָר וויאָרסט, זאָגאָר פון אַ פּאָר קלאָפטער און ניט זעלטען האָט איהר בלויז אַ וואַנד אָבגעטיילט פון איהר קינד און זעהן האָט זי זי ניט געקאָנט. ווי קונציג זי האָט נאָכגע־שפּירט איהר קינד, אזוי געשיקט זענען די מנישקעס געווען און בעהאַלטען זי.

דאָס איז געווען אַן אונענדליכע שפּיעל אין קאַץ און מויז.

ווי אַ פערוואונדערטע הירשין, מיט אַ גיפטיגער פייל אין איהר הארצען, איז די אָרימע מוטער געלאָפען מיט אימפעט נאָך איהר טאָכטער, ניט וויסענדיג פון רוהה און פון ראַסט, פון טאָג און פון נאַכט, אַלץ איז פערשוואונדען ארום איהר, האָט פאַר איהר ניט עקזיסטירט. נאָר איין זאַך האָט זי געהאַט אין איהר

לעבען, איין אויפגאבע, וואס איז געלעגען כאר אין איין ווארט:
—רויזעלע...

2

עס איז ווידער אוועק א יאהר נאך א יאהר. רויזעלע איז געווארען א יונג בליהענד מיידעל פון 16—17 יאהר. איהר מוטער, א פרוי פון פערציג יאהר, איז אלט און שוואך געווארען פון גלות אבריכטען און וואנדערען איבער דער וועלט, זוכענדיג איהר טאכטער. ביידענס נשמות זענען געווען צוריסען פון בענקעניש. צווישען דער מוטער'ס הארץ און דער טאכטערס איז געווען פערצויגען א מין דראטלאזער טעלעגראף. יעדע פון זיי האט געשפירט, ווען די צווייטע איז נאהנט געווען און ווען זי האט זיך דערווייטערט.

און דער סדר פון רויזעלעס מאמעס אבריכטען גלות, איז געווען אזוי: ווינטער פלעגט זי אנקומען ערגיץ אויף אן ארט פאר א קעבין: אבגעוועזען דארט א האלב יאהר, אויפגעקליבען עטליכע רובל, און זומער אוועקגעלאזען זיך מיט די פאאר רובל אויף איהר וואנדער. וואנדערען פלעגט זי מעהרסטענס צופוס: פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, פון קלויסטער צו קלויסטער.

זי האט זיך כמעט מיאש געווען צו בעקומען איהר טאכטער און איהר האט זיך געוואלט כאטש זעהן זי, אנקוקען איין מאל איהר פנים, איידער זי וועט שטארבען. צוליעב דעם צוועק האט זי אומגעביטען איהר טאקטיק. זי האט זיך ארומגעהאנגען פון אויבען מיט צלמים, האט אנגעטאן א רויטע פאטשיילקע און גענומען א שטעקען אין האנד, ווי אן אלטע פוילישע פוירעטע, וואס געהט מתפלל זיין אויף איהרע זינד, און איז אזוי אומגעגאנגען פון קלויסטער צו קלויסטער: איז געווען אין טשענסטאכאוו, אין קאלווארייע, און כמעט אין אלע קאטוילישע קלויסטערס.

איייינמאל האט זי שיער זיך ניט אנגעטראפען אויף איהר טאכטער אין א קלויסטער — לויט די סמנים, וואס מ'האט איהר

איבערגעגעבען.— נאר מ׳האט רייזעלען, אזוי ווי אונטער דער נאז, ביי איהר אויך דאס מאל אוועקגעריסען.

ווי עס שיינט, האבען די יעזואיטען מיט די „היילינע שוועסטער" זיך אנגעשטויסען, אז רייזעלע ווערט נאכגעשפירט שטארקער ווי שטענדיג.

אז רייזעלע איז עלטער געווארען, האט זי אויפגעהערט צו טומלען א קאפ די „היילינע שוועסטער" מיט איהרע שאלות. זי האט זיך פערשלאסען אין זיך און ניט אויפגעהערט אויסקלערן א פלאן, ווי אזוי אויסצוגעפינען איהר מאמען. ביי נאכט פלעגט זיך איהר חלומ׳ען וועגען דער היים, בעזונדערס וועגען דעם טאטען, אויף דעם ודוי פאר׳ן גלח פלעגט זי מוזען די חלומות איהרע אויסזאגען, ווי אויך איהרע געדאנקען, וואס פלעגען איהר פייניגען וועגען דער היים. דער גלח פלעגט אויף איהר אנפאלען, פארוואס זי איז אזוי זינדיג, וואס אין איהר מח האט געמאכט א נעסט דער „טייוועל" און האלט איהר אין דער „טומאה". אין „היילינען ראט" איז געבליבען, אז אום אבצוואשען זי פון איהרע זינד און אויסצולייטערען איהר נשמה פון „אונריינע" „זשידאווסקע" מחשבות, איז פאר איהר ניטא קיין אנדער תשובה, ווי לאזען זיך אין רוים צום פאבסט, און דארט, ארויסטרייבען פון זיך די „רוחות".

רייזעלעס מאמע איז שוין געווען אזוי געניט אין די קלויסטערס, אזוי בעקאנט מיט די איבעריגע בעטלערקעס און בעלי־תשובה׳ניצעס, אז דער פאקט איז פאר איהר קיין געהיימניס ניט געבליבען. זי האט ניט געוואוסט, צי דאס איז דוקא רייזעלע מ׳האט איהר בלויז געזאגט, אז מען פיהרט אוועק איינס פון די יונגע מיידלאך קיין רוים. איהר הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען. און זי האט זיך אויך אוועקגעלאזען קיין רוים. דארט האט זי אויסגעמאסטען אויף די קניה אלע קלויסטערס, מאנאס־טירען, היילען, אלע היילינע בעהעלטענישען; האט ווי אן עכ־טער שפיאן, א ספעציאליסט, אויסגעפארשט אלעמען אין די היילינע ערטער, ווען זי האט נאר געקאנט. נאר איהר גאנצע מיה איז געווען אומזיסט — זי האט איהר טאכטער אין ערגיץ ניט בעגעגענט.

דאס מאָל האָט זי אינגאַנצען גע'פּטר'ט איהרע פּיס און געמוזט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אבזאגען זיך פון איהר גלות־אבריכטען. נאָר איהר האָפנונג האָט זי ניט אויפגעגעבען. דער רבי האָט דאָך זי געטרייסט, אַז פּונקט ווי יוסף האָט זיך בעווי־זען צו זיינע ברידער און צו זיין טאַטען, אַזוי וועט זיך איהר רייזעלע צו איהר בעוויזען. זי האָט זיך בעזעצט אין וואַרשוי, איז אַנגעקומען ערגיץ פּאַר אַ קעבין אין אַ הויז, האָט געלאָזען מעלדען איהר פּאַס אין דער פּאָליציי און איהר וואוינאַרט צו דעם רב פון איהר שטעדטעל קאַלאַשין, און האָט געוואַרט.

„איך האָב געוואוסט, — האָט די פּיעל ליידענדע פרוי מיר דערצעהלט מיט אַ טריאומפירענדען טאָן, — איך האָב געוואוסט, אַז רייזעלע וועט קומען; מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז מיין טאָכטער וועט זיך געפינען, און איך האָב געוואַרט“...

און רייזעלע איז טאַקע געקומען.

— איין מאָל — דערצעהלט די פרוי ב. — מעלדעט מען מיר, אַז עמיץ, עפּיס אַ שיקסעל פרעגט מיך. איך האָב געמיינט אַז דאָס איז איינע אַ שיקסעל פון ווילאַנאָווער קלויסטער, מיט וועלכען איך האָב געהאַט פערבינדונגען. איך בעט זי אריין אין זאַל און פרעג: וואָס דאַרף זי?

— איך בין — זאָגט זי — רוזשאַ לוטינסקאַ...

ביי דעם נאָמען „רוזשאַ לוטינסקאַ“— ערקלעהרט מיר די פרוי ב. — בין איך זעהר איבערראַשט געוואָרען, דורך די „שמד־קעס“, מיט וועלכע איך האָב געהאַט צו טאָן, האָב איך שוין לאַנג געוואוסט, אַז אין ווילאַנאָווער קלויסטער, וואָס איז ניט ווייט פון וואַרשוי, געפינט זיך אַ קריסטליך מיידעל רוזשאַ לוטינסקאַ. אַלע זענען געווען איבערצייגט אַז דאָס איז אַ שיקסעל, און אַז דאָס שיקסעל איז ביי אַלעמען אָנגענומען: אי ביי די „הייליגע שוועס־טער“, אי ביי די גלחים; און די שמד'קעס האָבען זיך ניט גע־קאָנט פון איהר אָבלויבען. זי איז געווען די איינציגע, וואָס פּלעגט ניט צו ריידען די אידישע מיידלאך צו טויפען זיך. פּלעגט זי זעהן, אַז אַ מוטער קומט צו איהר טאָכטער און וויינט, און בעט זיך, פּלעגט זי דאָס ניט קאָנען גלייכגילטיג צוקוקען. „איך

וויים ניט ווער און וואו איז מיין מאַמע, — פלעגט זי זאָגען צו די שמד'קעס — איך וואָלט מיך געשעצט די גליקליכסטע, ווען צו מיר וואָלט געקומען אַ מאַמע. איך וואָלט מיט איהר און צו איהר אוועק כאָטש עק וועלט"...

פון די „שמד'קעס" ווידער האָט רייזעלע זיך דערוואוסט, אַז אין ווארשוי איז דאַ אַ זשידאָווקע ב., וואָס נעהמט אַ שטאַר־קען אַנטייל אין די „שמד'קעס": זי האָט געוואוסט דעם אַדרעס פון מיין וואָהנונג, זי האָט געוואוסט אַז איך וויים פון איהר.

— וואָס פערלאַנגט איהר, פאַננאַ רוזשאַ, פון מיר? — האָב איך זי געפרעגט.

— איך פערלאַנג, איהר זאָלט אויסזוכען מיין מאַמען.

איך האָב אַנגעשטעלט זעהר אַ פערוואונדערט פנים. נאָר רוזשאַ האָט מיר ערקלעהרט די געשיכטע פון איהר לאַנג־יעה־ריגער האַרץ־רייסעניש. זי האָט מיר דערצעהלט בקיצור, ווי אַזוי זי האָט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק בעקומען אין איהרע הענד די דאָקומענטען, פון וועלכע זי האָט דייטליך געוואוסט דעם נאָמען פון איהרע עלטערן, פון איהר געבורטס־שטאָדט, איהר אייגענעם פריהערדיגען יודישען פאַמיליען נאָמען; ווי אַזוי זי האָט בע־שלאָסען דורך פאָלגזאַמקייט און שטרענג פרומער אויפפיהרונג צו געווינען דעם צוטרוי פון איהרע אויפזעהער און אויפזעהע־רינס אין קלויסטער, און מאַכען זיי מיינען, אַז זי האָט אינגאַנ־צען צוריסען מיט איהר פערגאַנגענהייט און בלייבט אויף אייביג אַ קריסטין.

דורך אַזאַ אויפפיהרונג האָט זי געוואונען אַביסעל זעלבסט־שטענדיגקייט און פרייהייט. מען האָט איהר איבער געפיהרט קיין ווארשוי. דאָ האָט מען איהר זאָגאַר צייטענווייז אַנגעטרויט די איבעריגע מיידלעך. זי האָט בעקומען עפּיס אַ מין עהרען־אַמט. מ'האָט איהר שוין ערלויבט אַ פּאָר מאָל צו געהן אַליין אין אַ היי־ליגער שליחות צום גלח.

בשעת איינע פון אָט די שליחות איז זי, געהענדיג צוריק פון גלח, אוועק צו פּרוי ב.

די פרוי האָט געפּרובט דאָס מיידעל אַבריידען פון איהר

פלאַן צו ווערען צוריק אַ יודיש קינד. ניט מיט אַנ׳אמת, נאָר אַזוי איז געווען איהר טאַקטיק.

— עס קאַן זיין, אַז דו וועסט אויסגעפינען דיין מאַמען, אָבער עס איז מעגליך, אַז זי איז אַרים און קראַנק און דו וועסט דערפון ליידען פון איהר און פאַר איהר, ליידען דיין גאַנצען לעבען... בע־קלעהר זיך...

—פּאַני ב—וואַ! — האָט רוזשאַ אויסגעשריען — איך בין עלענד, איינע אליין אין דער גאַנצער וועלט. איך בין מקנא יעדעם מיידעל, וואָס האָט עמיצען, וועמען זי קאָן אָנרופען „מאַ־מע״. איך וויל אַ מאַמע האָבען.. מעהר וויל איך נישט אין מיין לעבען. און ווען זי איז אָרים און קראַנק, וועל איך אַרבייטען און וועל אויסהאַלטען מיך און מיין מאַמען...

— איצט ביזטו אַ קריסטין און דיר איז גוט און דיר קאָן נאָך זיין בעסער (די שמד׳קעס האָבען איהר דערצעהלט, אַז רייכע, יונגע פּריצים שדכנ׳ען זיך צו רייזעלען און ווילען מיט איהר חתונה האָבען). דיין מאַמע רעכענט דיך שוין לאַנג פאַר געשטאָר־בען און האָט זיך בערוהיגט... אַ יודיש קינד איז שווער צו זיין: דו ווייסט, ווי מען האַסט זיי, ווי מען פערפאָלגט אַ יודען. דו וועסט מוזען ליידען און וועסט אפשר ניט אויסהאַלטען, — האָט פרוי ב. זי נאָך געפּרובט אָברייידען, טיעף געריהרט אין דער נשמה.

— איך ווייס, איך ווייס דאָס אַלץ, — האָט איהר רייזעלע געענטפערט פעסט און בעשלאָסען — איך בין געבוירען אַ יודיש קינד און וועל פערבלייבען אַ יודיש קינד. איך פערלאַנג, דו זאָלסט אויפזוכען מיין מאַמען...

פרוי ב. האָט דאָן גענומען אַנ׳אַנדער טאָן. זי האָט איהר צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס אין איהר מעגליכקייט: און ווען זי וועט אָנטרעפען אויף אַ שפור פון איהר מאַמען, וועט זי קומען צו איהר אין קלויסטער און איבערגעבען געוויסע סמנים.

די זאַך איז געווען אָבגערעדט. רייזעלע האָט שוין געהאַל־טען ביים אַוועקגעהן. פּלוצלונג האָט זי זיך אָבגעקעהרט צוריק און געפרעגט פרוי ב.:

— קאָנסטו מיר זאָגען... איך האָב דיר געוואָלט פרעגען...

וועט דער יודישער גאָט... ניט האָבען אויף מיר קיין פערדרוס, וואס איך בין אזוי לאַנג געווען אַ קריסטין?...

— ניין, ניין, — האָט איהר פערזיכערט די פרוי ב. — וואס ביזטו שולדיג, מיין קינד?

— און... און... קריסטוס... וועט ניט בייז זיין... אויף מיר... וואס איך וויל קומען צוריק צום יודישען גלויבען?...

— איך בין נישט קיין קריסטין — האָט פרוי ב. איהר ווייטער געזאָגט — איך ווייס ניט... אָבער איז קריסטוס אליין ניט געווען קיין יוד?... האָט ער ניט געלעהרענט אלעמען ליבען און פערצייהען?

רייזעלע איז אוועק בערוהיגט.

3

אויפזוכען רייזעלע'ס מאַמען איז פרוי ב. אָנגעקומען ניט שווער. זי האָט געשריבען צום קאַלאָשינער רב. דער רב האָט איהר געגעבען צו וויסען דעם אדרעס פון רייזעלעס מאמע פון וואַרשוי. פרוי ב. איז געגאַנגען מיט'ן אדרעס אויף סמאַטשע גאַס, געפינען די פרוי.

איהר אויפגאַבע איז איצט געווען זעהר אַ לייכטע און דאָך זעהר אַ שווערע. געהענדיג צו רייזעלע'ס מאַמען, האָט די פרוי ב. זיך געמיהט אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן, וואס זאָל די אָרימע פרוי ניט צו שטאַרק איבערראַשען. זי האָט ביי זיך געהאָט דער פרוי'ס שיקזאַל: זי האָט איהר געבראַכט איהר פערלאָרענע טאָכטער, אייבער וועלכער זי האָט דרייצעהן יאָהר גלות אָבגעריכט. די בשורה קומענדיג פּלוצלונג, האָט געקאָנט זיין געפעהרליך פאַר דער אָרימער מוטער'ס לעבען.

פרוי ב. האָט צוזאַמענגענומען איהר גאַנצע גייסט יעהריגע ערפאַהרונג מיט די שמד'קעס, און איידער זי איז אריין אין הויז וואו רייזעלע'ס מוטער האָט געדיענט אלס קעכין, האָט זי שוין געהאָט אויסגעאַרבייט אַ טאַקטיק, ווי אזוי צוצוגרייטען בים־לעכווייז די מוטער צו דער בשורה.

נאָר דער גאַנצער פּלאַן פון דער טאַקטיק האָט גאַרניט געהאָלפען. שוין נאָך די ערשטע עטליכע ווערטער האָט די פרוי גע־

געבען אַ געשריי: „איהר ווייסט, וואו מיין טאָכטער איז:" און איז אַנידערגעפאַלען, געריהרט פון אַן'אַפּאָפּלעקסיע.

*   *

*

מ'האָט באַלד געבראַכט צו דער אומגליקליכער פרוי עט־ליכע דאָקטוירים, און מיט גרויס מיה האָט מען זי ווידער צום לעבען געבראַכט. איינינגע טעג האָט מען מיט איהר גאָרניט גע־קענט רעדען, דערנאָך, אַז זי האָט זיך שוין געגנוג ערהאָלט, האָט מען אַבגערעדט דעם טאָג און די שעה, ווען די מאַמע מיט דער טאָכטער זאָלען זיך בעגעגענען ביי דער פרוי ב.

רייזעלע האָט שטאַרקער אויסגעהאַלטען די בשורה, אַז איהר מוטער לעבט און איז ניט ווייט פון איהר. צו דער בעשטימטער שעה איז געקומען די מאַמע מיט איהר עלטערער טאָכטער, ריי־זעלע'ס שוועסטער, צו דער פרוי ב. זיי האָבען געוואַרט אַ שעה, נאָר רייזעלע איז ניט געקומען. די מוטער איז געוואָרען זעהר אונרוהיג, נאָר מ'האָט זי בערוהיגט אַז וואַהרשיינליך איז גע־ווען אונמעגליך צו געפינען אַן אויסרייד פאַר די „הייליגע שוועס־טער". מ'האָט אַבגערעדט אַז פרוי ב. וועט זיך זעהן מיט רייזעלען און דאַן וועט מען נאָכאַמאָל בעשטימען אַ צייט. די מוטער מיט דער שוועסטער זענען אוועק אַראָבגעהענדיג די טרעפּ, האָבען זיי בעמערקט ווי עפּיס אַ שיקסעל לויפט אַרויף די זעלבע טרעפּ. „עס מוז זיין אַ ידיעה פון רייזעלע'ן"— האָט די מוטער געזאָגט צו דער עלטערער טאָכטער. זיי זענען אַ ווייילע געשטאַנען אין בעדענקען, דערנאָך געלאָזען זיך צוריק אויף די טרעפּ גלייך נאָך דער שיקסעל.

— טאַ מאיאַ מאַמוניאַ ?!... (איז דאָס מיין מאַמע ?—) האָט רייזעלע, אַריינלויפענדיג, גלייך זיך געווענדעט צו פרוי ב.

— יאַ, האָסט זיי דאָ אונטען בעגעגענט ?..

פרוי ב. האָט קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיגען די פראַזע, ווען די „שיקסעל" האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טהיר. נאָר די טהיר האָט זיך באַלד געעפענט פון יענער זייט און רייזעלע'ס מוטער איז אַריין מיט דער שוועסטער.

אַן'אויגענבליק שפּעטער האָט זיך די לופט אין פרוי ב.'ס

וואהנונג קאנוואולסיוו געצאפעלט פון שטילע אויסרופונגען און שלוכצען:

— רייזעלע!... דראגא מאמוניא!... דראגא מאמוניא!... דראגא מאמוניא:...

רייזעלע׳ס מאמען האבען אנגעחאפט ספאזמען. זי האט זיך געטרייסעלט אין קאנוואולסעס. רייזעלע איז צו געפאלען צו איהר.

— מאמוניא, ניע „אומיעראי" ווטאקיע בלאגיע חווילי... שטארב ניט אין אזא גליקליכער מינוט... איך בין ניט שולדיג... איך וועל אייביג בלייבען ביי דיר...

די עלענדע מוטער איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך און האט גענומען בעטאפען איהר פערלארענע און געפונענע טאכטער..

— יע, יע!... דאס איז מיין רייזעלע, מיינע הערעלאך, מיינע אויגעלאך...

— טאק, טאק, — האט איהר רייזעלע נאכגעמורמעלט, — יא טוואיא רייזעלע, טוואיא... (איך בין דיין רייזעלע... דיינע...)

אלע אנוועזענדע, וואס זענען געשטאנען ביי דער סצענע, זענען געוועזען אזוי ווי ערשטארט, אזוי ווי פערגליווערט. שטילע, הייסע טרעהרען האבען זיך ניט ווילענדיג געגאסען ביי יעדען פון די אויגען.

*

*　　　*

מיט דעם פאל פון רייזעלע־אנטאנינע האבען זיך שטארק פעראינטערעסירט די ווארשויער יודישע גמינע און א סך פון די פרומע ווארשויער יודען. מ׳האט אויפגעקליבען א פאר הונדערט רובל אויף נדן פאר רייזעלען; עטליכע רובל האט מען איהר געגעבען אויף בעקליידען זיך אביסעל — ווארום זי האט אלע איהרע קליידער און זאכען, א חוץ דאס, אין וואס זי איז געקומען, געלאזען אין קלויסטער. מעהר פון אלעמען האט זיך פעראינטערעסירט אין איהר שיקזאל ה׳ פ., וועלכער האט איהר געגעבען הונדערט רובל.

אין א געוויסער צייט ארום איז רייזעלע געקומען צו איהרע פריינד און געמעלדעט, אז זי האט א חתן. מ׳האט איינגעלעגט 200 רובל און געמאכט שעהנע תנאים, בשעת די תנאים האט מען

געפרעגט רייזעלע'ן צי זי האט עפעס ארייגצושטעלען אין די תנאים.

זי האט געענטפערט, אז זי האט עפעס יא וואס צו שטעלען אין די תנאים. דער עולם האט מיט א בעוואונדערונג געפרעגט: וואס?

איך וויל, אז מאמוניא זאל שטענדיג זיין לעבען מיר. דער חתן זאל נארנישט האבען דאגעגען.

דער פונקט איז ארייגעשריבען געווארען. דער עולם האט זיך צולאכט און האט אבגעגעבען „מזל טוב!"

רייזעלע איז נאכדעם געגאנגען ארבייטען: נייהען, שטריקען, העפטען אין גביר'ישע הייזער. זי פלעגט בעקומען צוויי און א האלב רובל א וואך, מיט פארטיג עסען. דאס האט, פערשטעהט זיך, ניט געקלעקט דער מאמען אויף דער הוצאה און איהר אויף א בגד. נאר רייזעלע איז געווען צופרידען, וואס זי דארף ניט אנקומען צו לייטען. א גאנצען טאג, פון גיין אין דער פריה ביז צעהן אין אבענד, האט זי געארבייט. נאך דער ארבייט פלעגט זי געהן גלייך צו דער מאמען, אין ווינקעל ביי דעם „קאצקער" אויפ'ן בוידעם.ביידע זענען געווען אנגעהארעוועט און מ'לעגט זיך גלייך אין בעט אריין. ליגענדיג אין בעט, דארט ערשט, פערברייגגט די מאמע מיט דער טאכטער, ביז מען ווערט אנשלאפען.

רייזעלע'ס מאמע איז נאך א מיטעלע פרוי פון עטליכע און פערציג יאהר, נאר זי איז אינגאנצען צובראכען פון איהרע שווערע איבערלעבענישען. פון גלות אבריכטען האט זי גע'פטר'ט די פיס. פון דער אפאפלעקסיע האט זי זיך אפילו ערהאלט; אבער דאס פלוצלונגע געפינען פון איהר טאכטער האט געווירקט צו שטארק אויף איהר נשמה. זינט רייזעלע איז געקומען צו איהר, געפינט זי זיך אין א היסטערישען צושטאנד. אט וויינט זי, אט לאכט זי. אמאל, אין די יונגערע יאהרען, איז זי געווען א בריה. האט געפיהרט א קראם, איז געווען א בעל־הבית'טע. איצט איז זי אונפעהיג אפילו צו שטעהן מיט א קאשיק. מ'האט אפילו איהר געפרובט געבען עטליכע רובל, זי זאל מיט עפעס האנדלען אין מארק, האט זי דאס ניט געקאנט, מ'האט איהר געמוזט אויסצעהלען די קיכלעך, צי די עפעל, מען מוז איהר העלפען אויס־

צעהלען דאס געלייזטע געלד. זי איז אזוי ווי א צוטומעלטע.

דאך אז איהר רעדט מיט איהר, מאכט זי דעם איינדרוק פון א קלוגער וועלטליכער פרוי. פאר א זייטיגען מענשען בעהערשט זי זיך און גיט ניט ארויס די צובראכענקייט פון איהר נשמה.

אום ניט צו בעלעסטיגען רייזעלע׳ן, איז זי אנגעקומען דינען פאר א קעכין. נאטירליך, נעהמט זי ביליג. האט זי אבגעקאכט אבגע׳פטר׳ט איהר ארבייט, פלעגט זי קומען א היים, אין איהר ווינקעל, ביי דעם „קאצקער״ אויפ׳ן בוידעם, זעצען זיך אויפ׳ן בעט און צעהלען די מינוטען, ווארטענדיג אויף איהר רייזעלע׳ן. ביי נאכט—האט מיר דערצעהלט איהר בעל־הבית׳טע, דעם קאצקער׳ס ווייב — טרעפט אפט, אז זי האפט זיך אויף א דערשראקענע. עס חלומ׳ט זיך איהר ווי זי געהט נאך איבער די קלויסטערס, אבריכטענדיג גלות. זי שטרעקט אוים מיט ציטערניש די הענד און, אנטאפענדיג רייזעלע׳ס קערפער נעבען זיך, חאפט זי פון גרוים פרייד, קושען די פיס, די הענד, דאס העמד רייזעלע׳ס. „איך בין ניט ווערט — זאגט זי פאר לייטען, וואס ווייסען איהר דראמע איהרע פיס צו וואשען און דאס וואסער צו טרינקען״.

*   *

*

איך האב זיך אינטערעסירט צו וויסען ווי פיהלט זיך רייזעלע איצט, אין יודישקייט. איך ווייס, אז דאס מיידעל לעבט אין א פאנאטישען איגוויסענדען קרייז, צווישען מענשען, וואס ווייסען, אבער זענען ניט פעהיג צו פערשטעהן איהר אינערליכע דראמע.

פון דעם געשפרעך מיט די נאהענטסטע מענשען ארום איהר האב איך פערשטאנען, אז מאראליש איז אפילו איצט רייזעלע׳ס נשמה אויך ניט געהיילט. עס געהט דארט פאר, עטוואס אויף אן אנדער שטייגער, אבער ניט ווענינער, ווי פריהער אין קלויסטער, א שטילע דראמע, וועלכע קיינער פערשטעהט ניט. רייזעלע׳ס לעבען איז צושפאלטען אויף שטענדיג. עס טרעפט מאמענטען, ווען רייזעלע זאגט: זי וועט זיך נעהמען דאס לעבען.

די פריינד האבען זיך אינטערעסירט מיט רייזעלען בלויז די ערשטע צייט. דאן האט מען זי געלאזען, צו דעם לעבען פון א יו־

דיש ארבייטער מיידעל איז זי ניט צוגעפאסט. דער קאטוילי־שער קלויסטער האט זי ערצויגען צו אנ'אנדער ארט לעבען.

און דער נייער קרייז, וואוהין זי איז אריינגעפאלען איצט, איז איהר אבשטויסענד דורך די קליינליכע, די גראשענדיגע לי־גענס, שאכער־מאכעריי, פאלשקייט, בעטרוג, זעלבסט־בעטרוג, שמוץ, קאלטקייט און גייסטלאזיגקייט. זי האט אלעמען פיינט, א חוץ איהר מאמען און די פאמיליע פ., וועלכע איז אפשר די איינציגע, וואס פערשטעהט א ביסעל דאס דייסעניש פון איהר הארצען.

רייזעל'ס חתן איז א פראסטער ארבייטער, א שוסטער. געהט אום מעהרסטענס לידיג, און אז ער ארבייט, פערדיענט ער זעהר ווענייג. זי האט איהם געוואלט, ווייל ער איז א פרומער און רייזעלע וויל זיין פרום. נאר די מאמע איהרע הערט ניט אויף צו וויינען און צו טענה'ן, אז פאר איהר רייזעל'ען איז דער שידוך צו קליין, אז איהר רייזעלע איז ווערטה א בעסערען חתן. איהר הארץ, דאס הארץ פון א מוטער, זאגט איהר, אז רייזעל'ען שטעהט פאר א קלעגליכע צוקונפט, א צוקונפט פון ביטערער ארימקייט, דחקות און הונגער. די ארומיגע ווייסען דאס אויך, און זי געהט ווי אן אקס צו דער שחיטה. זי קאן זיך ניט העלפען. ווארום ווער פון איהר איצטיגען קרייז וועט דאס וועלען חתונה האבען מיט א שמד'קע, וואס איז אבגעוועזען 13 יאהר אין א קלויסטער.

איך האב געוואלט וויסען דעם אינערליכען צושטאנד פון רייזעלע'ס נשמה, און דעריבער האב איך געזוכט זי צו זעהן און מיט איהר מינדליך צו ריידען. דאס איז מיר אפילו אנגעקומען זעהר שווער, גערעדט האט זי פויליש, ווייל יודיש איז איהר נאך איצט שווער צו ריידען. זי האט געזאגט, אז איהר קרענקט שטענ־דיג וואס זי איז פריהער ניט אוועק פון קלויסטער, וואס זי איז דארט אזוי לאנג געזעסען, און איהר אויפגאבע אין לעבען איז צו לעבען פאר איהר מוטער.

רייזעלע איז בעקליידעט און האלט זיך ריינליך, נעט. איהר וואקסען און ערציהונג אויסערהאלב דעם געטא האבען געהאט א געוויסען איינפלוס אויף איהר האלטונג און בענעהמען זיך.

זי געהט און רעדט מיט א נאטירליכען שטאלץ. איהרע ווער־

טער זענען ערנסט און געמאַסטען. זי איז ניט קיין שעהנהייט. גאָר אויף איהר פּנים ליגט אַ געוויסע אינטעליגענץ און טיעפע סימפּאטיע. איבעריגענס, אז איהר וועט זי בעגעגענען אין גאַס, וועט איהר בשום אופן ניט דערקענען, אז דאָס איז אַ יודיש קינד. די שטריכען פון איהר געזיכט זענען פון אַן עכטער קריסטין. אינטערעסאַנט איז, אז אויך איהר מוטער האָט ניט קיין יודיש פּנים.

ביי דער פאמיליע פּ. ווערט רייזעלע געליעבט און פערגעטערט, ווי א היילינע. אַז איך זעה זי ניט אַ טאָג — ערקלעהרט מיר די פרוי פּ. — קאָן איך ניט לעבען: איך מוז וויסען וואו זי געפינט זיך און פרעג מיך אַן אלע טאָג דורכ'ן טעלעפאָן: וואָס זי מאכט?"

גאר ניט גלייכגילטיג רעדט אויך דער אַלטער פערפרומטער פּ. וועגען איהר. „ניט אלע קאָנען זי משיג זיין",—האָט ער צו מיר געזאָגט, ריידענדיג וועגען איהר — אזוינע ווי רייזעלע געפינט איהר ניט צווישען הויכע מיליאָנען. זי איז א הויכע, גאָר א הויכע נשמה..."

דאָס פריהערדיגע איז געווען אָנגעשריבען מיט אַ צייט צוריק. פון דעמאָלט אָן בין איך ניט איין מאָל געווען אין ווארשוי, יעדעס מאָל, פאָהרענדיג קיין ווארשוי, האָב איך שטענדיג געטראכט אריינצוגעהן צו רייזעלע'ן און זעהן, ווי זי לעבט. איהר שיקזאל האָט מיך טיעף גערירט אין דער נשמה. ווי אזוי האָט זי זיך צוגעפּאסט צו דער נייער יודישער ספערע, וואָס האָט ניט גאָר פריינדליך אויפגענומען איהר פערלאָרענע טאכטער? ווי האָט זי זיך איינגעלעבט מיט איהר פּשוט'ן מאַן? ווי פיהלט זי זיך בכלל אָט די צאַרטע, איידעלע נאַטור אין דער רויהער, שרעקליכער ווירקליכקייט פון פּראָלעטארישען חסידיש־פאנאטישען לעבען?

אָט די און נאָך אַזעלכע פראגען האָבען מיך שטענדיג געאָרט און איך האָב געוואָלט בעקומען אויף זיי אַן ענטפער. נאָר דער טומעל און האַוועניש פון ווארשוי האָט יעדעס מאָל מיר ארויסגעשלאָגען פון זינען דעם געדאַנק צו בעזוכען רייזעלע'ן, און איך פלעג, צו מיין גרויסען בעדויערען, זיך דערמאָהנען גראָד

דעמאלט, ווען איך פלעג שוין זיצן אין וואגאן, פארענדיג צוריק.

ענדליך איז מיר אמאל געלונגען מיין אלטען בעשלום אויסצופיהרען.

איך בין געקומען קיין ווארשוי, אריין צו ה׳ פ. אין געשעפט און האב דארט געטראפען איהם אליין און די פרוי. ער איז געווען פערנומען מיט קונדען; זי איז געשטאנען ביי א טישעל אין קאנטאר אן א זייט פון דעם געשעפטס־עולם. איך בין צוגעגאנגען הארט צו איהר און האב איהר שטיל געפרעגט, צי זי דערקענט מיך.

זי האט זיך שטארק אין מיר איינגעקוקט און א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס: ניין.

איך האב געמוזט געבען א סימן און גלייך געפרעגט:

— וואס מאכט רייזעלע?

די פרוי האט א ציטער געטאן, געשטאנען אנ׳אויגענבליק ווי פערגליווערט, און אויסגעפלאצט מיט א געוויין.

— וואס האט געטראפען?

— רייזעלע איז געשטארבען... געשטארבען מיין ליב קינד. מיין הייליגע נשמה... מיין טייערע רייזעלע...

זי האט דערצעהלט:

רייזעלע איז געשטארבען שוין מעהר ווי א יאהר... פון א טיפוס. ביז די לעצטע מינוטען איז זי געווען ביים פולען זינען.. האט זיך געזעגענט מיט אלעמען... מ׳האט געבראכט דאקטוירים. געלד האט מען ניט געשפארט... אבער עס האט נישט געהאלפען... איך האב קיין נעכט ניט געשלאפען... מיר האט זיך ניט געגלויבט... ווי קאן דאס זיין?... אזא יוגענד, אזוי פיעל געליטען... מיין טייערע רייזעלע... מיין איידעלע... ריינע נשמה...

מיט א שטילער, אבער נאך שטענדיג ציטערנדער שטים פון טרעהרען האט זי מיר דערצעהלט, ווי אזוי רייזעלע האט פערלעבט דאס יאהר נאך דער חתונה מיט׳ן שוסטער; ווי אזוי זי האט געוואוינט אין א קליין ענג קעמעריל; ווי זיי האבען זיך ביידע ליב געהאט; ווי ביי איהר אין שטיבעל איז תמיד געווען אזוי ציכטיג ריין, אזוי פיין צוגעקליבען, ווי אין יעדען ווינקעלע האט געבלאנקט, און זי אליין איז געווען גליקליך, און פרום

איז זי געווען, האט אלע ברכות געקענט, און אין א שייטעל גע־גאנגען, און אלע מצות אבגעהיט, ווי א כשר'ע יודישע טאכטער. ארים האט זי געלעבט. נאר די ארימקייט האט איהר גארנישט געקימערט. דער מאן האט זי געשעצט... עהרליך און שטיל האבען זיי געלעבט... אה, מיין יונג, שען בוימעלע!... אזוי פריה צובראכען...

— און דער מאן, — האב איך געפרעגט — ווי האט ער אריבערגעטראגען דעם קלאפ?

— ער האט שוין חתונה געהאט מיט אנ'אנדערער — האט פרוי פ. מיר ערקלעהרט. פרומע יודען האבען זיך ארויג־געמישט. א יונגער מאן טאר נישט זיצען אהן א ווייב. פונ־דעסטוועגען קומט ער צו מיר, שוין איצט, נאך דער חתונה. זיצט אב שעה'ן לאנג און — וויינט. איך שלאג איהם אב: סטייטש, עס פאסט דאך ניט פאר איהר, פאר דער צווייטער ווייב. נאר ער וויל זיך ניט בערוהיגען. ניין, — טענה'ט ער— איך האב צו דער גארנישט, צו דער איצטיגער. אבער ווי קאן איך זי פערגעסען, זי, מיין רייזעלע, מיין נשמה?

דער נדר פון אַ קאַצקער חסיד.

אויפ׳ן בוידעם פונ׳ם „קאַצקער" בין איך אייגענטליך פער־קראַכען צופעליג. געזוכט האָב איך דאָרט „רייזעלע אנטאָניען" מיט וועלכער דער לעזער איז שוין בעקאַנט, און האָב מיך אַנ־געשטויסען אויפ׳ן „קאַצקער".

פריהער וועגען דעם בוידעם גופא. דער בוידעם איז גאָר ניט גלייך צו אַלע בוידעמער; אַלע בוידעמער האָבען דאָך אַ שטי־קעל פענסטער, און אָט דער האָט גאָר ניט קיין פענסטער, נאָר עפּעס אַ שויב אין דאַך, אין הימעל אריין. דער בוידעם בע־שטעהט פון איין קאַמער. און אין דער איין קאַמער וואוינען צוויי געזינדען: דער קאַצקער חסיד מיט זיין ווייב און צוויי קינדער־לאַך, און ביי זיי אין שכנות האָט געוואוינט „רייזעלע־אנטאָ־נינע" מיט איהר מאַמען. אין בוידעם שטעלען זיך קוים, קוים אוים דער אויוון און דריי בעטען, און פון זיי איז דוכט זיך אַזוי ענג, אַז פאַר די מענשען איז אבסאָלוט ניטאָ קיין פּלאַץ. פונדעסטוועגען קליגען זיך די מענשען און שפּאַרען זיך דורך ווי עס איז. מעבעל איז דאָרטען מעהר ניטאָ, ווי איין צובראָ־כענער שטוהל, איין צובראָכענער טישעל און איין צובראָכענע קעסטעל. דעריבער מוז מען זיין עקאָנאָמיש, און דער גאַנצער עולם קלייבט זיך קיינמאָל ניט צוזאַמען אויף אַמאָל: דעם קאַצקער׳ס ווייב איז כמעט שטענדיג ביי אַ שכנה; די קינדער — תמיד אונטען אויפ׳ן הויף; רייזעלעס מאַמע דינט פאַר אַ קעכין און איז אַ גאַנצען טאָג אין דער פרעמד, אין קיך; נאָר

א זייגער צעהן, עלף ביי־נאכט קומט זי א „היים". רייזעלע ארבייט אויך אין דער פרעמד און קומט אויך 10—11 אזייגער אין אווענד א „היים". און גלייך ווען זיי קומען, לעגען זיי זיך ביידע, די מאמע מיט דער טאכטער, אריין אין בעט, וואס שטעהט אין א ווינקעל, כמעט אונטער דעם סאמע אנגעבויגענעם קרומען סופיט, ווי דער שטויגער איז פון א בוידעם.

פאר דעם בעט צאהלען זיי אנדערהאלבען רובל א חודש. דער גאנצער בוידעם קאסט פינף.

געקומען בין איך אויפ'ן בוידעם א זייגער צעהן אין אווענד. רייזעלען האב איך ניט געפונען. געזעסען איבער'ן טיש איז דער באלעבאס, דער קאצקער. דאס איז דער איינציגער. וואס זיצט אין שטוב מעהר פון אלעמען, און, לויט, ווי ער האט מיר דערצעהלט, איז ער דארין ניט שולדיג. שולדיג איז די „געז", דאס הייסט דאס וואס מ'האט כמעט אין אלע הייזער יעצט איינגעפיהרט געז; און דעריבער איז דער עסק מיט קער־ראסין אין דער ערד, און דער קאצקער, וואס האט יאהרענלאנג געצויגען זיין חיונה פון ארומטראגען איבער די הייזער נאפט, איז געבליבען אהן ברויט.

איבריגענס זיצט דער קאצקער ניט לעדיג. ער זיצט איבער דעם „חק לישראל", פאר די וואס ווייסען ניט, וואס איז אזוינס דער „חק לישראל", וועל איך דא ערקלערען, אז דאס איז א מין חסידישע ענציקלאפעדיע, ד א געפינט דער חסיד, וואס זיין הארץ געלוסט: תורה, נביאים, כתובים, משנה, גמרא, מדרש, זוהר, חסידות, מוסר, דרוש, עברי טייטש, פרושים, משלים און וויים איך נאך וואס. דאס אלעס איז צוזאמענגע־שטעלט, אדער בעסער געזאגט — צוזאמענגעפליקט, שטיקער־ווייז, פון דאנען און פון דארטען, אפט אהן אן אנהויב, און אהן א סוף, אהן א שום צוזאמענהאנג און לאגישער פערקניפּפלונג. נאר דער „קאצקער" צו דער „גערער", צו דער „קאידאנאווער". צו דער ליבאוויטשער חסיד אפילו דארפען ניט האבען קיין לאָ־גישע פערקניפּפלונג. זיי זוכען אין „חק לישראל" נאר הויכע בונות, אנווינקונגען, סודות און דערצו איז גענוג א ווארט, אן אות, א פינטעל...

דער „חק לישראל“ בעשטעהט פון צעהן גראבע בענדער און קאסט צוזאמען צעהן רובל. וועמען גאט העלפט, פון די פוילישע חסידים, איינצוהאנדלען דעם „חק לישראל“, שעצט זיך יענער גליקליך. פאר אן ארימען חסיד איז דאס א אידעאל, צו וועלכען ער שטרעבט יאהרענלאנג, און נים זעלטען קאן ער צו איהם זיין גאנצען לעבען ניט קומען.

דער „קאצקער“ פערדינט פון ארומטראגען קעראסין זיינע דריי, פיר רובל א וואך. דארפט איהר פערשטעהן וויפיעל הונגער־טעג עס האט איהם געקאסט דער „חק לישראל“, און דאך האט ער עס בעוויזען צו קריגען.

דערפאר איז דער „חק לישראל“ זיין איינציגער געגוס אין לעבען. קומט ער נאר א היים, נאך דעם ארומלויפען מיט די קעראסין־קאנען, זעצט ער זיך גלייך פערברייינגען מיט זיין טייערן פריינד, מיט זיין ליבלינג, און זיצט אזוי אוועק ביז שפעט אין דער נאכט.

איך וויים ניט מיט וואס האב איך געוואונען זיין צוטרוי, נאר צוליב מיר האט דער „קאצקער“ אבגערוקט אן א זייט זיין טייערן פריינד — דעם „חק לישראל“, און האט מיר דערצעהלט זיין גאנצע ביאגראפיע.

איך וועל אייך ניט איבערדערצעהלען ווארט אין ווארט דאס גאנצע געשפרעך. איך וועל אייך נאר איבערגעבען זיין אינהאלט בקצור.

פון דעם קאצקער'ס ביאגראפיע האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער ליידט זיין גאנצען לעבען צוליב א נדר, וואס ער האט געגעבען דעם קאצקער רבי'ן, שוין לאנג, לאנג, בשעת ער איז נאך געוועזען א יונגעל פון זיבען יאהר. זיין טאטע איז געווען א קאצקער חסיד, האט געהאט גוטע געשעפטען און — געווען רייך. פונדעסטוועגען האט ער, דער זוהן, אין זיין גאנצען לעבען מעהר ניט געלערנט, ווי צוויי זמנים. מיינט איהר: ער האט געהאט א פראסטען קאפ? דוקא געהאט א קעפעל א ברען! אין די צוויי זמנים האט ער אויסגעלערנט עברי, איז געווארען קלאר אין חומש, תנ"ך, און האט אנגעהויבען גמרא. א חוץ דעם האט זיין לערנען אין חדר דעם טאטען א קאפיקע

ניט געקאָסט. די מלמדים האָבן מיט איהם געלערנט אומזיסט, געכאַפּט איהם איינעם פון דעם אַנדערן, וואָרום ער האָט געהאַט אַ נאָמען אין שטעדטעל, און צוליב איהם האָט דער מלמד גע־קראָגען אַ סך קינדער. און דאָס איז אַלץ געווען בשתיקה פון טאַטען. דער טאַטע איז ניט געווען אַזוי קאַרג, ווי ער האָט מורא געהאַט, דער זוהן זאָל חס וחלילה ניט אַראָב פון דרך. די ערשטע צוויי זמנים האָט ער ניט געוואָגט אָבצורייסען דאָס קינד פון חדר, נאָר ווי ער האָט צום סוף פון צווייטען זמן אַ קוק געטאָן, אַז אַלץ וואָס זיין בן יחיד לערנט, ווערט ביי איהם „פאַר־ברענט", אַז עס קלינגט מיט איהם די שטעדטעל, האָט ער איהם — אַ יונגעל פון אַכט יאָהר — אָבגענומען מיט געוואַלד פון חדר, כאָטש איהם האָט דאָס לערנען גאָר נישט געקאָסט, און האָט איהם צוגענומען צום געשעפט.

זייענדיג ביים פאָטער אין געשעפט, האָט ער זיך אַליין פון זיך און אויך בשתיקה פונ'ם פאָטער, אויסגעלערנט לעזען און שרייבען רוסיש און פּויליש (ער האָט מיר געוויזען זיין האַנדשריפט), אויך יודיש. ער האָט געטויגט גוט צום געשעפט, און וואָלט געקאָנט קריגען שפּעטער אַ שטעלע, אָדער האָט גע־קאָנט אַליין עפּעס עוסק'ן און גוט אַרויפאַרבייטען זיך (זיין טאַטע איז געוואָרען אַ יורד און האָט דערנאָך געלעבט זעהר געדריקט), ווען ניט דער נדר...

און מיט'ן נדר איז די מעשה געווען אַזוי: אַז ער איז אַלט געווען זיבען יאָהר, האָט איהם דער טאַטע גענומען מיט זיך אין קאָצק צום רבי'ן, ווי דער מנהג איז, מחנך צו זיין איהם אין חסידות. דער רבי האָט איהם פערהערט און איז זעהר נתפּעל געוואָרען פון דעם יונגעל'ס ענטפערים אויף זיינע פראַגען. קורץ ער האָט געבעטען זיין טאַטען, דאָס יונגעל זאָל בלייבען ביי איהם. זיין טאַטע איז געווען גליקליך. דאָס יונגעל איז גע־בליבען ביים רבי'ן. און ווען ער בלייבט אויף לאַנג, ווער ווייס וואָס פון איהם וואָלט געוואָרען מיט דער צייט? פיליכט דער הויפּט גבאי; און אפשר אַליין אַ רבי מיט אַ נייער שטאָרט, מיט מויזענדער אַנהענגער־חסידים...

אבער דאָס יונגעל איז געווען א יונגעל. איהם איז אומעטיג געוואָרען אין דעם קרייז פון די חסידים, איינער אליין צווישען גרויסע מענשען. ניטאָ מיט וועמען צו שפּילען; קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום.

גלייך ווי דער טאַטע איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער אין געהיים אויפגעזוכט א בעל עגלה און האָט געמעלדעט דעם רבי'ן פעסט און ענטשלאָסען, אז ער וויל א היים. דער רבי האָט איהם געפּרובט איינרעדען — אהין, אהער, עס געהט ניט. „נו, — מאַכט ער דאָן צום יונגעל — ווילסט פאָהרען — פאָהר בשלום. אבער דו מוזט מיר צוזאגען צוויי זאכען: אז דו וועסט זיין אין דער היים, זאָלסטו זיי געדענקען און היטען".

— איך וועל פאָלגען, רבי, איך וועל היטען, אלץ וואָס איהר וועט מיר הייסען, האָט דאָס יונגעל געענטפערט מיט מורא.

— דו זאָלסט אויף דיין לעבען קיין ליגען ניט זאָגען. זאָלסט א קללה קיינמאָל אויף דיינע ליפּען ניט ברייגנען.

— איך וועל היטען, רבי, איך וועל פאָלגען...

דאָס יונגעל איז געוואָרען א בחור, א יונגערמאַן, א באַלעבאָס'ל, איז געוואָרען א טאַטע פון קינדער און האָט דעם רבי'ס צוואה געהיט און היט זי ביז היינטיגען טאָג.

אבער קאָן מען אויסקומען היינטיגע צייטען אָהן א ליגען? אָהן א שווינדעל? אָהן זידלען זיך און שילטען? בפרט ווען מ'דאַרף האָבען פרנסה, ווען מען מוז דערנעהרען קינדער? ווען עס איז ביטער אויפ'ן הארצען?...

דער „קאָצקער" קען. אמת דערפאַר איז ער געוואָרען פון א „קעפּיל—א ברען" א טויגעניכטס פאַר דער וועלט; האָט זיך געמוזט כאַפּען פאַר דער נידריגסטער פרנסה — ארומטראָגען קעראָסין, ביי וואָס עס איז מעגליך אויסצוקומען אָהן א ליגען, אבער ער היט דעם רבי'ס פאַרזאָג...

איך האָב געפרעגט זיין ווייב, וועלכע איז אונטערגעקומען צו ענדע פון איהר מאַנ'ס „ודוי", צו איז זי צופרידען פון איהר מאַנ'ס נדר?

— הלואי וואָלט ער מיך געשאָלטען און געבראַכט אויף

דער חוצאה, וואָלט מיר געווען א סך ליעבער — האָט זי געענטפערט.

איהר שטימע איז געווען גיט ערביטערט, גיט בייז; נאָר, פאַרקעהרט, ווייך און ערגעבען דעם שיקזאַל. „ער" האָט איהר אַ קוק געטאָן אין די אויגען מילד און אונשולדיג, האָט צו איהר אַ ליבליכען שמייכעל געטאָן מיט אַ מינע, וואָס האָט דייטליך געוויזען, אז ער גלויבט איהר האַרץ מעהר, ווי איהר מויל, און אזוי ווי ער וואָלט געווען פערזיכערט אין איהר פערצייהונג און ערגעבענהייט שוין לאַנג, האָט ער מיט דעמזעלבען שמייכעל זיך געווענדעט צו זיין צווייטען גוטען פריינד אין אלע גויטען— דעם „חק לישראל".

דער קאָמוניסטישער קעלער.

אַז דעם דאָזיגען קאָמוניסטישען קעלער האָב איך מיך אָנגעשטויסען אויך אַזוי צופעליג, ווי אַז דעם קאַצקער׳ס בוידים. קיין גרויסער סורפריז איז ער, אייגענטליך, פאַר מיר ניט געווען. ווארים אַז מען געהט זוכען אַן אַרימאַן, מוז מען זיך, נאַטירליך, אָנשטויסען ענטוועדער אויף אַ בוידעם, אָדער אויף אַ קעלער. געגאַנגען בין איך זוכען די יודישע שכנים, וואָס זענען געגאַנגען צו דער לויה פון זייער רוסישען באַלעבאָס, האָבען איהם בעגלייט צו זיין אייביגער רוה, מספיד געווען, און מיט אמת׳ע טרערען בעוויינט. די געשיכטע איז אַן אינטערעסאַנטע און איך וועל זי אייך דאָ איבערגעבען, לויט ווי די שכנים האָבען מיר פערזענליך דערצעהלט. דער פּלאַץ, וואו די געשיכטע האָט פּאַסירט, איז מוראַנאָווער גאַס. אויף דער גאַס איז דאָ אַ הויז נומער 51, וואָס האָט בעלאַנגט, ניט צו קיין יודען, ניט צו קיין פּאָליאַק, נאָר דוקא צו אַ רוס. אַ רוס אַ באַלעבאָס אין דעם וואַרשאַווער יודישען קוואַרטאַל איז בכלל ניט קיין געוועהנליכע ערשיינונג. רוסען אַנטלויפען פון וואַרשאַווער יודישען געטאָ, וואו פעפער וואַקסט. אַ רוס אין פּוילען, איז ענטוועדער אַ סוחר, דאַן זיצט ער דאָ נאָר צייטווייליג; אָדער אַ רעגירונגס־בעאַמטער, וועלכער וואוינט ערגעץ אין עק שטאָדט. דער רוס פיהלט זיך ניט גוט צווישען די פּאָליאַקען, נאָך שלימער פיהלט ער זיך צווישען די פּוילישע יודען, מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט די לאַנגע טלית קטן׳ס מיט די לאַנגע בערד און פּאות.

אַז דאָס גופא וואָלט שוין געווען גענוג צו שאַפן לעגענ־
דעס ארום דעם רוס אין דער יודישער גאַס, וועקן אַ פערדאכט
אין דעם עכט־רוסישען יחוס פון דעם רוס (עס געהט טאקע אַ
קלאַנג אין מוראַנאָוו, אַז דער רוס איז ניט קיין אמת׳ער רוס,
נאָר — אַ געשמד׳טער יוד פון די קאַנטאָניסטען*). בפרט, אַז
דער רוס איז ווירקליך געווען גאָר נישט קיין געוועהנליכער באַ־
לעבאָס. ערשטענס, ווי געזאָגט, האָבען געוואוינט ביי איהם
כמעט בלויז יודען: און וועלכע יודען? קבצנים שבקבצנים!
צווייטענס: האָט דער רוס זיך ניט געפיהרט מעשה באַלעבאָס.
ער האָט געוואוסט, וואָס עס האָט זיך געקאָכט ביי דעם לעצטען
יודישען קבצן אין טעפּעל; ער האָט אויך געוואוסט, ווען עס האָט
זיך גאָר נישט געקאָכט אין טעפּעל. אויפ׳ן הויף מיט די קינדער
איז ער געווען אַ שטאַרקער מחותן; האָט אַ סך פון זיי געקענט
ביי די נעמען; פלעגט זיך אָפט אריינמישען אין זייער שפּיעלען;
פלעגט די יונגוואַרג אָפט נעהמען אויף די הענד, אויף די קניע,
אריינגעהמען זיי צו זיך אין הויז און געבען זיי צאַצקעס און נאַ־
שערייען. ניט ווענינער מחותן איז ער געווען מיט די טאַטעס
און מאַמעס פון די קינדער. איז געווען ביי אימיצען אַ שמחה,
האָט מען צווישען די געהויבענע געסט געלאַדען אונבעדינגט
אויך דעם „גאָספּאָדין חאָזאַין“. האָט זיך געטראָפען, זאָל די
בייזע שעה ניט זיין, עפּעס אַן אונגליק; אַ חולה, אַ בר־מנן, איז
אַריך געווען אויפ׳ן פּלאַץ „גאָספּאָדין אָסיפּאָוו“, און געווען איז
ער אומעטום ניט גלאַט ווי אַ גאַסט, נאָר ער האָט גענומען אַ
טייל אין אַלץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת׳ען מחותן. האָט געגע־
בען צושטייער צו הכנסת כלה, צו הלוית המת, צו היילען אַ
חולה; האָט געגעבען צושטייער פאַר פּסח אויף מצה, נאָך פּסח
אויף חמץ, ווען ביי אימיצען האָט אויסגעפעהלט, (און אויסגע־
פעהלט האָט דאָך מסתמא שטענדיג). געוועהנליך האָט מען גע־
געבען אַ משכון, וואָס ווער ס׳האָט פערמאָגט: אַ פּאָר לייכטער,
איז אַ פּאָר לייכטער. אַ פּאָר תפילין — איז אַ פּאָר תפילין. אַז

*) קאַנטאָניסט הייסט אַ סאָלדאַט, וואָס מ׳האָט איהם אַמאָל,
פאַר ניקאָלאַיען, געכאַפּט און אָבגעגעבען, קליינערהייט, אַלס קינד.

ס'איז גאָר ניט געווען, וואָס צו פערלעגען, איז רעכט געווען אַהין א משכון. צאָהלען האָט מען געקענט ווען און וויפיעל מ'האָט פערמאָגט.

וואָס אנבעלאַנגט דירה געלד איז אָסיפּאָוו געווען א שטרענ־גער באַלעבאָס און... פערשריבען אקוראַטנע, וואָס פון יעדען שכן ס'האָט געקומט. און מיינט איהר נאָר פערשריבען? ער פלעגט אָנגעבען אויך אין סוד, ארויסנעהמען א „וויראַק" און מאַהנען — פלעגט ער גראַד ניט. ער פלעגט נאָר מעלדען דעם בעל חוב, אז אויף איהם ליגט א וויראַק. „און צאָהלען" — פלעגט ער זאָגען — „קענט איהר וויפיעל איהר פערמאָגט, און ווען איהר האָט.. זאָל אייך גאָר ניט קימערן". ער פלעגט נעהמען, א פּאָר קערבלאך, א קערבעל, און דרייסיג קאָפּיקעס אויך — מעלדעט מיר איינער פון זיינע שכנים. זאָלען מיר דאָס ביידע פערמאָגען, איך מיט אייך, דערצעהלט א צווייטער שכן, וויפיעל שכנים זענען איהם שולדיג געבליבען דירה־געלד. דאָ, אונטען אין קעלער זענען דאָ שכנים, וואָס האָבען אבגעוואוינט ביי איהם צו 20־25 יאָהר און וויפיעל מיינט איהר האָט מען פאַר די 20־25 יאָהר געצאָהלט דירה־געלד? הלואי 10 יאָהר! איך וואוין דאָ פינף יאָהר — זאָגט מיר א פערטער שכן — און האָב געצאָהלט נאָר פאַר צוויי. דעם חשבון האָט אָסיפּאָוו געפיהרט שטרענג. אז איך האָב אריינגעטראָגען ניט לאַנג דריי רובל האָט ער צוגע־נומען די דריי רובל און מיר מודיע געווען, „אז דאָס איז ניט פאַר היינטיגען חודש, נאָר פאַר דעמזעלבען חודש מיט דריי יאָהר צוריק. מעהר האָט אָסיפּאָוו גאָר ניט געזאָגט". — „אזוי פיעל הונדערטער זאָל איך צעהלען מיין מאַכטער נדן" — ערקלערט א שכנה אונטען פון קעלער. — „וויפיעל מאָל ער האָט מיר גע־געבען צוריק די דירה־געלד, אז איך האָב עס איהם געבראַכט, און נאָך זיינע צוגעלעגט א פּאָר גילדען. ווען ער האָט געוואוסט אז ס'פעהלט מיר אויף שבת, צו יום טוב, צו אויף פעררייכטען א שוך".

געוואוסט האָט אָסיפּאָוו זעהר גוט, ווען און ביי וועמען און וואָס עס פעהלט, און דאָס פלעגט טרעפען גאַנץ אָפט, אז אַנשטאָט נעהמען דירה־געלד, פלעגט ער נאָך עפּעס צוצאָהלען

פון זיין קעשענע. העכערן פלעגט ער קיינמאל ניט און קיינעם ניט. וואס א שכן האט געצאהלט פון דעם ערשטען טאג, ווען ער האט זיך אריינגעקליבען, דאס האט ער געצאהלט שטענדיג. ס'איז נאטירליך, אז קיין יודישער שכן, האט פון אסיפאוו'ן ניט געוואלט ארוים. פון אסיפאווס הויז איז פאר דעם יודען געווען בלויז צוויי וועגען: אין אמעריקא און... אויפ'ן „בית חיים". דערפאר זענען די שכנים צווישען זיך אויפגעקניפט געווארען. זיי — צווישען זיך און אלע צוזאמען, מיט'ן באלעבאס, האבען געבילדעט אזוי ווי איין פאמיליע, ווי איין קאמונע. א ריכטיגען בילד פון אט דער „קאמונע" גיט אונטען דער קעלער. אלץ איז דא אויפ'ן הויף פאטריארכאליש, אלט־פרענקיש, דער באלעבאס, דער „רוס" האט זעלטען ווען געגעבען רעמאנט, געווים מעהר פון נאכלעסיגקייט, ווי צוליב קארגקייט, און אז איהר זייט אריין צו איהם אין דער אונטערשטער „אבטיילונג", האט איהר געקענט זעהן בעשיינפערליך, ניט בלויז, ווי עס קוקט אוים א ווארשעווער קעלער יעצט, נאר ווי א ווארשעווער קעלער האט אויסגעזעהן מיט פופציג יאהר צוריק. איך רעד וועגען א קעלער. אייגענטליך אבער זענען דא אונטען צוויי קעלערן: איינער רעכטס, איינער לינקס. נאר דאס איז אויך ניט גאנץ ריכטיג. אין גרונד זענען דארט פאראן זעקס קעלערן. ווארום יעדער קעלער האט צו דריי קאמערן, און יעדער קאמער בילדעט א בעזונדער קעלער מיט א בעזונדער שכן, וואס דינגט דעם קעלער דירעקט פון באלעבאס. צוזאמען וואוינען דארט בייא ניין פאמיליעס, ווייל אין א פאר קעלערס־קאמערן וואוינען צו פאר פאמיליעס. אין דעם ערשטען קעלער האט מיך מקבל פנים געווען אן אלטשינקע. זי האט מיך א צייט אנגעקוקט זעהר פערוואונדערט: דערנאך האט זי מיך געפרעגט: וואס דארף איך? איך האב איהר פערענטפערט מיין וויזיט גאר פשוט. איך האב איהר געזאגט דעם אמת: איך בין א יוד, וואס שרייבט אין די בלעטער און וויל וויסען, ווי אזוי יודען לעבען. זי האט מיך, ווי עס שיינט, ריכטיג פערשטאנען, און איז געווען צופרידען. „נו, נו— מאכט זי — אויב אזוי, טא זייט אזוי גוט, פאניע, און רוקט אריין אט דא די חאנד... ווייזט די האנד אהער, ווייזט, נישט

קשה... זי האט גענומען מיין האנד און ארייננעשטעקט אין אויוועז אין א גרויסע לאך. „זעהט איהר אן אויווען — מאכט זי — גוט, חא?... חיינט נים א קוק דא... און דא.... און דא... געזאגט האט זי דאס אהן א שום ביטערקייט, אדער בייזקייט גע־גען אימיצען. זי האט מיר פשוט געוואלט ווייזען א טשיקאווע זאך. ווארום זי פערשטעהט, אז נאך די דירה־געלד, וואס יודען צאהלען — מוזען זיין אין אויוועז לעכער. אט הערט זיך, אז עס וועלען אנקומען עפעס יורשים, און די יורשים אויף דעם מויער. — זאגט מען, — וועלען זיך גלייך נעהמען פעררי‌כטען די לע־כער, און... די יודישע שכנים האלטען אין איין ציטערן...

ווי אזוי ברוך דער טרעגער איז קאליע געווארען.

ברוך דער טרעגער איז א „בעריהמטע" פערזאן אויף די גאלעווקעס. ער איז ניט קיין פשוט'ער טרעגער, נאר א „קולטור־טרעגער", אין דעם סאמע פשוט'ן זין פוןווארט. ריכטיגער וואלט געווען צו זאגען: א ליטעראטור־טרעגער. בעשעפטיגט איז ער כמעט נאר ביי די בוכהענדלער, פערלעגער, דרוקער און ליטעראטען. מען קאן זאגען, אז פרץ, אש, רייזען און אנדרע בעוואוסטע יודישע שרייבער האבען זייער נאמען צו פערדאנקען ברוך'ן: ברוך האט זיי אויף זיינע פלייצעס געטראגען. נאטירליך, ניט זיי, נאר די פלאטען, די בלייענע דרוק־ברעטלעך פון זייערע ווערק. אבער דאס איז נאך וויכטיגער, ווי זיי אליין. ווען ניט ברוך, וואלטען זייערע ווערק די ליכטיגע שיין ניט געזעהן. און ווען זיי דערזעהן שוין יא די שיין, וואלטען זיי צום לעזער ניט אנגעקומען.

ווארום ברוך טראגט ניט בלויז אום די פלאטען פונ'ם שרייבער צום פערלעגער, פונ'ם פערלעגער צום דרוקער און פונ'ם דרוקער צוריק צום פערלעגער און שרייבער. ער טראגט אויך די געדרוקטע בויגענס צום בראשירער — דער איינבינדער, וואס קנייטשט און לעגט זיי צונויף אין בראשור־אדער בוך־פארם; פונ'ם בראשירער טראגט ער צוריק צום בוכהענדלער; פונ'ם בוכהענדלער צום עקספעדיטאר, אדער גלייך צו דער באהן אין דער געשטאלט פון פארטיגע ביכער.

ברוך אליין איז פאלקאם אונבעוואוסט פון דער וויכטיגער

ראַליע, וואָס ער שפּיעלט אין דער יודישער ליטעראַטור. שוין מעהר ווי 25 יאָהר, אז ער איז א טרעגער אויף די נאַלעווקעס, און ווען איהר חאַפּט איהם, א שטויגער אין גאַס, ווי ער געהט, מיט א גרויסען שווערען פּאַק ביכער, אָדער א קליינעם, אבער נאָך א שווערערען פּעקעל בלייערנע פּלאַטען, און איהר פרעגט איהם: וואָס טראָגט איהר, ר' ברוך? — ווייסט אייך ברוך ניט וואָס צו ענטפערן. ער קען אפילו קיין איינציגען נאָמען ניט פון די ביכער, וואָס ער שלעפּט איבער אויף זיין קארק. א חוץ א פּאָר שרייבער, וואָס האָבען ביי זיך די פּלאַטען פון זייערע ווערק און וואָס ער מוז דעריבער וויסען זייער אדרעס, קען ברוך ניט קיין איינציגען שרייבער און קימערט זיך וועגען זיי אזוי ווינציג, ווי זיי וועגען איהם.

נאָר אָהן ברוך'ן וואָלט ניט בלויז די נייע יודישע און העברעאישע ליטעראַטור דאָס ליכט ניט געזעהן; אָהן איהם וואָלט פון עהרליכע יודען די תורה און אמונה פערגעסען געוואָרען. ווארום ברוך טראָגט ניט בלויז די פּלאַטען פון השכלה, ער טראָגט אויך די פּלאַטען פון דער תורה, פון דער גמרא, פון מוסר און אלע פרומע ספרים אויף זיינע פּלייצעס. און — מען דאַרף זאָגען דעם אמת, — צו זיי איז ער אויך אזוי גלייכגילטיג, ווי צו השכלה־ספרים און דער שענער ליטעראַטור, ווארום דערווייל איז איהם פוןביידע זאכען ניט גרינגער...

מען האָט מיר פון ברוך'ן לאַנג שוין דערצעהלט, און איך האָב נאָך מיט א צייט צוריק געוואָלט מיט איהם שליסען בעקאַנטשאַפט. נאָר דאָס איז מיר ניט אזוי לייכט געלונגען: איך האָב איהם אלץ ניט געקאָנט כאַפּען. ענדליך אבער האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבען מיט איהם צו בעגעגענען זיך ביי א בעקאַנטען ווארשויער בוכהענדלער און פערלעגער.

ברוך דער טרעגער קוקט אויס אונגעפעהר א יאָהר זעכציג. ער האָט אין באָרד א סך מעהר שווארצע האָר ווי גראָהע. פונדעסטוועגען איז ער שוין גאָר אינגאַנצען אויסגענוצט און האָט שוין קיין פּים ניט.

אלע ווייסען, אז ברוך דעם טרעגער איז לייכטער צו געהן

מיט א פּאַק אויפ'ן קאַרק, ווי גאָר אַהין משא. אַז ברוך געהט אַהין משא, וויעגט ער זיך, און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. האָט ער אָבער אויף זיך אַ פּאַק, שפּאַרט ער זיך איין אין פּאַק און דער פּאַק אין איהם און — עס געהט זיך... עס קאָן זיין. אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער שטרענגט אָן זיינע מוסקו־לען שטאַרק און דער אימפּעט טראָגט איהם. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ געוועהנהייט. ברוך דער טרעגער איז אַזוי ווי צונויפ־געוואַקסען מיט'ן פּאַק. אָהן איהם האָט ער ניט קיין גלייכגע־וויכט אין פוס... ער מערקט ניט די לאַסט, אַזוי ווי דער האָר־באַטער פיהלט ניט זיין האָרב.

און דעריבער האָט ברוך פיינט צו געהן אַהין משא. עס פעהלט איהם דאָס גלייכגעוויכט און ער וואַקעלט און פאַלט פון די פיס. דאָס איז ניט קיין שפּאַס, נאָר אַ פּאַקט, וואָס אַלע מוכרי ספרים און דרוקער ווייסען, אויף די נאַלעווקעס און אַרום. איך בין זיכער, אַז ווען די קונדען זיינע זאָגען זיך אָב צו צאָהלען איהם, וואָלט ברוך געטראָגען זייערע פּעק אומזיסט, אַבי ניט געהן אַהין משא.

אַז ברוך שטעהט אין גאַס אָהן אַרבייט און זעהט ווי דער בוכהענדלער פּיוועל מונק טראָגט אונטער דער האַנד אַ פּעקעל, געהט ער צו און בעט דרך־ארץ'דיג, ער זאָל איהם, ברוך'ן, גע־בען דאָס פּעקעל טראָגען. קיין געלד נעהמט ער ניט דאָן, ווען ער שלאָגט זיך אָן אַליין. און ער שלאָגט זיך אָן אַליין, וויל ער קאָן זיך ניט פאַרשטעלען, אַז אַ פּעקעל זאָל טראָגען פּיוועל מונק און ניט ער, ברוך.

אָט די שוואַכקייט זיינע, די ליעבע צום פּאַק, מאַכט, אַז אַ סך קונדען ברוך'ס עקספּלאָאַטירען זיין קאַרק אונ'ברחמנות'־דיג. ברוך איז בטבע אַן „איש תם“, אַ נאַאיווער מענש, ווי איחר קאָנט זיך גאָר ניט פאַרשטעלען. ער איז אונשולדיג ווי אַ קינד. ער האָט קיין שום בעגריף ניט פון בלאָף, פון שווינדעל, פון לי־גען. אויף ברוך'ן וואָלט יעדער פון זיינע קונדען אַנגעטרויט זיין גאַנץ פערמעגען, און ברוך האָט טאַקע ביי אַלעמען חן גע־האַט. נאָר געליעבט האָבען איהם די קונדען ניט אַזוי פאַר זיין גראַדהייט, עהרליכקייט און קינדערשע אונשולד, ווי דערפאַר,

וואס מען קאן איהם מעהר פון אלעמען עקספלאאטירען. אנ׳אנ־דער טרעגער — אזוי איז שוין דער מנהג — אז ער ברייגנט צוטראגען דעם פעקעל, בעט ער, א חוץ וואס מען האט בעדונ־גען, נאך עטליכע קאפיקעס, אויף א כוס׳ע. ברוך — קיינמאל ניט. בעדונגען — איז בעדונגען. אנ׳אנדער טרעגער, אז דער פאק שיינט איהם צו זיין גרעסער, ווי מען האט איהם פארגע־שטעלט אין גאס, בעט ער נאך פריהער א הוספה. ביי ברוך׳ן איז קיין נפקא־מינה ניט. בעדונגען — איז בעדונגען: אזא פאק, צי אזא... געהן דארף מען דאך סיי־ווי־סיי... און, ווי איהר ווייסט, איז ביי ברוך׳ן א גרעסערער פאק נאך א מעלה.

ברוך האט קיינמאל ניט ליעב זיך צו דינגען א סך. וויפיעל מען באט — נעהמט ער. נאר ניט אכטענדיג דערויף, וואס ער נעהמט ביליג — טראגט ער א גרויסען טייל פון זיינע פעק נאר אומזיסט. און דאס איז דורך א שפיצעל פון זיינע קונדען. דהיינו: אז ברוך געהט ערגיץ מיט א פאק, טרעפט אפט, אז עמיצער לויפט ארויס פון א קראם און פערפיהרט מיט איהם א שמועס בזה הלשון:

— ר׳ ברוך, וואוהין טראגט איהר דעם פעקעל? (מען זאגט קיינמאל ניט „דעם פאק", נאר: „דעם פעקעל").

ברוך ענטפערט: אהין און אהין.

— זייט אזוי גוט, ר׳ ברוך, אט איהר געהט דאך סיי־ווי, טראגט־אונטער א פעקעל צו דעם און דעם.

ברוך קאן ניט אבזאגען. ער נעהמט דעם פעקעל, וועלכער איז אפט טאקע א גאנץ גרויסער פאק, און געהט שוין מיט צוויי פעק.

אויפ׳ן וועג וואקסט אזוי די צאהל פון די פעקלעך. גע־צאהלט בעקומט ברוך בלויז פאר דעם ערשטען פאק, און פאר די איבעריגע פעק ניט, ווארום וואס הייסט? ער געהט דאך סיי־ווי, זאל ער א בעקאנטען קיין טובה ניט טאן?..

און דאך האט ברוך דער טרעגער אמאליגע יאהרען פער־דיענט צוועלף און פופצעהן רובל א וואך. ער האט זיך מיר אליין בעריהמט. איהר קאנט אייך פארשטעלען, וויפיעל פעק

ער האט דאן געדארפט צוטראגען א טאג! ער איז געווען אן אמת'ער גזלן אויף זיין רוקען.

און מיינט נים, אז ברוך ווייסט נאר פון די נאלעווקעס און פון ווארשוי. ער האט שוין געפרובט א פאהר טאן איבער'ן ים! אין לאנדאן איז ער געווען. דאס איז געשעהן אין זיינע יונגע יאהרען. נאר קיין סך צייט האט ער אין ענגלאנד ניט פער־בראכט. ער האט זיך פערבענקט נאך די נאלעווקעס און געקומען צוריק.

ברוך איז געווען א גזלן נישט בלויז אויף זיין רוקען, נאר אויך אויף זיינע פיס. שוין עטליכע יאהר, אז ער האט גע־פטר'ט די פיס, און געהט, ווי איך האב שוין אויבען געזאגט, וויעגענדיג זיך.

פון דעמאלט אן איז זיין לעבען געווארען א טרויעריגעס. פריהער האט ער געקאנט קאנקורירען מיט די יונגערע און פליג־קערע טרעגער, דורכדעם וואס ער פלעגט נעהמען ביליגער און שלעפען אויף זיך גרעסערע פעק. איצט קאן ער שוין גאר שווערע משא נים פערטראגען און קוים וואס ער שלעפט זיך. עס טרעפט זיך אפט, אז ער פאלט אונטער זיין לאסט און פאלענדיג, צו־ברעכט ער פלאטען, אדער אנ'אנדער זאך. דעריבער נוצט מען איהם איצט ווייניג, און ברוך מאכט קוים פינף רובל א וואך.

פינף רובל איז ברוך'ן ווינציג אין אזא גרויסער שטאדט, ווי ווארשוי. און דאס האט געמאכט, אז ברוך איז איצט „קא־ליע" געווארען. די בוכהענדלער זאגען מיר, אז ברוך ערלויבט זיך שוין איצט צו זאגען א ליגען, צו בעטען, מען זאל איהם ־ערלעגען, צו שנארען ערב א יום־טוב ביי די קונדען. אין אט דער הינזיכט איז ער אמאל געווען שטאלץ. ער האט קיינמאל גאר־נישט געבעטען.

אז ברוך איז „קאליע" געווארען און געווארען אזוי ווי אנ־דערע טרעגער, האב איך מיר אליין איבערצייגט. איך האב מיך מיט איהם בעגעגענט ערב פסח. איך פרעג איהם: צי האט ער שוין וויין אויף „ארבע כוסות", און זאג איהם, אז עס וואלט נים געווען קיין עולה, די בוכהענדלער זאלען איהם אריינשיקען וויין. ער האט דאס אנגענומען גאנץ ערנסט, און קוים האב איך

מיך אבגעקעהרט, איז ער צוגעגאנגען צום בוכהענדלער און גע־בעטען אויף מצה.

אז ברוך האט אוועקגעטופעט מיט'ן פאס און מיט א צוזאג אויף צעהן פונט מצה, האט זיך דער בוכהענדלער מיר שטארק בעקלאגט אויף ברוך'ן, וואס ער איז קאליע געווארען. „ניט לאנג — זאגט ער — האט ער מיר צובראכען עטליכע פלאטען. ער איז אפנים געפאלען. האט ער מורא געהאט, איך זאל איהם ניט אברעכענען און לייקענט אב שטיין און בייז. זאגט נאאיוו, אז ער האט זיי גארניט גענומען. און אליין האט ער דערביי אזא רחמנות'דיג פנים, אז איהר קאנט איהם ניט ענטפערן. מען האט איהם כמעט אויפגעהערט צו ניצען. נאר אמאל איז ער פונ־דעסטוועגען נאך איצט בעסער פון אנ'אנדערן. אט האט ער איצט געדארפט א האלבע שעהווארטען אויפ'ן פאק, ביז מען האט איהם פארטיג געמאכט און פערבונדען. אן אנדערער וואלט געמאכט גוואלדען און אויסגעבעטען נאכאמאל אזוי פיעל. ברוך האט זיך דערוויייל א ביסעל דורכגעשלאפען, זיצענדיג אויפ'ן קעסטעל, און האט קיין טענות ניט.

— איך האב — זאגט מיר דער פערלעגער — גערעדט מיט די איבעריגע בוכהענדלער, אז יעדער פון אונז זאל איהם געבען פענסיע צו א האלב רובל א וואך; ער זאל קריגען זיינע 4—5 רובל א וואך און זאל זיך אברוהען אין דערהיים. 25 יאהר אויף אונז געהארעוועט. איז דאס אן עולה? נאר, וואו! יעדער טרייסעלט זיך אב; קיינער וויל ניט הערען".

יחזקאל קאַטיק און זיין קאַוויארניע.

אויב ווארשא איז דער מיטעלפונקט פון די יודישע שטעדט אין רוסלאנד, זענען די „נאלעווקעס“ דער מיטעלפונקט פון דעם דאָזיגען מיטעלפונקט, און דאָ, אויף די נאלעווקעס, ווע̇לען מיר זיך היינט אבשטעלען ביי איין טויער נומ. 31. דאָ אין טויער איז פאראַן א קאַוויארניע. די דאָזיגע קאַוויארניע איז דער ציעל פון אונזער היינטיגען בעזוך.

אַט די קאַוויארניע איז די מערקווירדיגסטע יודישע קאַ־וויארניע אין דער וועלט. און איהר אייגענטימער, קאַטיק, איז איינער פון די סאמע אָריגינעלע יודישע טיפּען.

קאַטיק'ען און זיין קאַוויארניע קען גאַנץ ווארשא. נאָר עס איז א ספק, אויב א סך פון די וואָס קענען איהם, גיבען זיך אָב אַ רעכענונג, וואָס פאר א בעדייטענדע ראָליע זיי ביידע, קאַטיק און זיין קאַוויארניע, האָבען געשפּיעלט אין קולטורעלען לעבען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ווארשא.

דעם יודען וואָס זיצט אין ווארשא, איבערהויפּט דעם ליט־ווישען יודען, קומט, וואהרשיינליך, קיין מאָל ניט אויפ'ן זינען, אז סך הכל מיט א יאָהר 40—50 צוריק, האָט דער ליטווישער יוד ניט געטאָרט דאָ וואוינען; אז בלויז מיט גרויסע שוועריגקיי־טען איז איהם ערלויבט געווען דאָ אויפצוהאלטען זיך. נאָר גע־צעהלטע טעג, און צאָהלען פאר דעם גליק צו אָטעמען מיט ווא̇ר־שעווער לופט 25 קאָפּ. א טאָג „קאָפּ־שטייער“; אז ווען א ליט־וואק איז דורכגעגאנגען אויף דיזעלבע נאלעווקעס, וואס איז

יעצט דער מיטעלפונקט פון דער ליטווישער בעפעלקערונג אין פוילען, זענען איהם נאכגעלאפען התדערטע פויליש־חסידישע אינגלאך און געשריען: „ליטוואק, חזיר, טשי!... טשי!... טשי!... און ווען א ליטוואק האט עפעס געוואלט קויפען אין א יודישער קראם, האט ער געמוזט שיקען אימיצען פון די שטוב־מענשען אין זיין יודיש־פוילישער אכסניא, אז ניט האט מען ביי איהם בוכשטעבליך אויסגעבעטען אין דרייען און דערביי נאך מכבד געווען מיט א געשמאקען „ליטוואק־חזיר", אדער ניט זעלטען, גאר ניט געוואלט פערקויפען.

קורץ, די ערשטע ליטווישע קאלאניע אין ווארשא האט געמוזט דורכמאכען א סך שווערערע יסורים, ווי די ערשטע יודישע עמיגראנטען אין אמעריקא.

נאך דעם לעצטען פוילישען אויפשטאנד איז בטל געווארען דער קאפשטייער און די בעזונדערע פאספארטען אין פוילען. דאן האבען יודען פון אנדערע געגענדען געקענט קומען אין ווארשא און בעזעצען זיך דא אויף א לענגערע צייט, צאהלענדיג בלויז, ווי עס איז ביז יעצט איינגעפיהרט, אלע פערטעל יאהר פאר א „קארטא־פאביטא".

נאר א שטענדיגע קאלאניע פון ליטווישע יודען טרעפען מיר אין ווארשא ערשט נאך די ערשטע פאגראמען פון 1881. און ווער עס וויל בעקומען ידיעות וועגען די פריידען און ליידען פון אט דער ערשטער קאלאניע זאל זיך דורכשמועס'ען מיט יחזקאל קאטיק, דעם אייגענטימער פון דער קאוויארניע אויף נאליעווקעס 31. ער איז די לעבעדיגע היסטאריע פון אט דער מערקווירדיגער אינערליכער וואנדערונג פון די רוסישע יודען, וואדרום ער איז געווען איינער פון די ערשטע ליטווישע אימיגראנטען אין פוילען.

יחזקאל קאטיק איז געווען א זוהן פון רייכע עלטערן. זיין פאטער איז געווען א יודישער פריץ, ערגעץ אויפ'ן גרענעץ צווישען ליטא און זיד־רוסלאנד. ער האט בעקומען א משכילישע ערציהונג. נאך דער חתונה האט ער זיך בעזעצט אין קיעוו. נאכ'ן קיעווער פאגראם, האט ער, ווי א סך אנדערע יודען, אויסגעוואנדערט און געלאזען זיך קיין ווארשא.

אויף לאָזן זיך קיין וואַרשאַ האָט מען אין יענער צייט געדאַרפט האָבן כמעט אַזוי פיל מוט און ענערגיע, ווי אויף לאָזן זיך „עבר לים". און די ערשטע קאָלאָניע פון די רוסישע יודען אין אַמעריקאַ האָט געוויס ניט געהאַט אויסצושטעהן אַזוי פיל צרות, ווי די ערשטע קאָלאָניע ליטוואַקעס אין וואַרשאַ. עס איז געווען קוים אויף אַ מנין אָן דער וואכען. בלויז שבתים און ימים טובים האָט זיך אויפגעקליבען אַ פּאָר מנינים. געדאַוונט האָט מען ערגעץ אויף אַ בוידעם. מ'האָט זיך געפּיהלט עלענד און פערלאָזען, ווי אויף אַן אינזעל. נאָר די פּאָר מנינים ליט־וואַקעס — שטענדיגע איינוואוינער אין וואַרשאַ — האָבען זיך געהאַלטען פעסט איינער ביי דעם אַנדערען. דער צעמענט, וואָס האָט זיי פעראייניגט איז געווען י ח ז ק א ל ק א ט י ק. דאָס איז געווען דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פונ'ם געזעלשאַפט־ליכען לעבען צווישען די ליטווישע יודען אין פּוילען, און, גאַנץ מעגליך, פיליכט פון דעם גאַנצען פּוילישען יודענטום. וואָרום, ווי עס איז בעוואוסט, האָט צווישען די פּוילישע יודען, פ אַ ר די ליטוואַקעס, קיין שום געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירט, אפילו קיין פילאַנטראָפּישע.

קאַטיק איז געווען דער איינציגער משכיל צווישען די מיט־גליעדער פון דער ערשטער ליטווישער־קאָלאָניע אין וואַרשאַ. דעריבער איז זיין ווירקונג אויף דער קאָלאָניע געווען זעהר גרויס. זיין שטוב איז געווען דער מיטעל־פּונקט ניט בלויז פאַר דער קאָלאָניע, נאָר אויך פאַר צייטווייליגע אורחים, פאַר קאָמיסיאָ־נערען, סוחרים, דורכפאָהרער. ער האָט זיך געסטאַרעט ניט בלויז צו אָרגאַניזירען, נאָר אויך צו רעפאָרמירען דאָס רעלי־גיעזע לעבען, ווי ווייט דאָס איז געווען איהם מעגליך. אין דעם ערשטען ליטווישען מנין, איז ניט געווען קיין צאַנקערייען פאַר „שלישי" און „ששי". צו געבען אַ מוסטער אַנדערע, פלעגט קאַ־טיק זיך לאָזען אויפרופען צו דער תוכחה: פלעגט יעדען שבת האַלטען זיינע חברה־לייט רעדעס, ווי מען דאַרף זיך אויפפיהרען: האָט איינגעפיהרט אין זיין מנין אַ מין געגענזייטיגע שטיצע. קורץ ער איז געווען די נשמה פון יעדער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט אין דער קליינער ליטווישער געמיינדע. ביסלעכווייז

אין די קאָלאָניע גרעסער געוואָרען. נייע קאָלאָניסטען זענען אימער צוגעקומען. דאָס זענען געווען, הויפּטזעכליך, יודען פון זיד־רוסלאַנד, וואָס זענען אַנטלאָפען אהער פון די פּאָגראָם־שרע־קען; אָדער יודען פון טיעף־ראַסיי, וואָס זענען געלאָפען אהער צוליב די פערפאָלגונגען פון דער פּאָליציי. די און יענע זענען געווען ענערגישע מענשען מיט גרויסע אונטערנעהמונגס־פע־היגקייט און — מעהרסטענס אויך מיט קאַפּיטאַל. א דאַנק זיי־ערע ברייטע האַנדעלס־פערבינדונגען מיט זיעד־און טיעף־ראַסיי, האָבען זיך די ליטווישע קאָלאָניסטען אין וואַרשאַ אין אַ קור־צער צייט היבש ארויפגעאַרבייט: באַלד האָט מען גענומען טריי־בען יודען פון מאָסקווע און אַ צווייטער ליטווישער־שטראָם האָט זיך אַ גאַס געטאָן אין וואַרשאַ.

דאָ זענען שוין אַ סך געקומען פון אָנהויב אָן מיט קאַפּיטאַ־לען און אויפגעבויט גרויסע געשעפטען אין וואַרשאַ. קאַטיק איז אימער געווען דער מיטעלפּונקט פון דער גאַנצער ליטווישער קאָ־לאָניע. אַלע סוחרים און פאַבריקאַנטען זענען געווען זיינע גוטע בעקאַנטע און פריינד. ער האָט געקאַנט לייכט אויסנוצען זיין גינסטיגע לאַגע: האָט געקאָנט מיט אימיצען שותפות מאַכען, אָז ער אַליין זאָל ווערען אַ פאַבריקאַנט, אַ סוחר.

נאָר קאַטיק האָט דאָס ניט געוואָלט. אז ער וועט אַליין מאַ־כען אַ געשעפט וועט ער דאָך מוזען געבען וועקסלען און נעה־מען וועקסלען. ווי איז, אז ער וועט זיין שולדיג און וועט ניט קע־נען בעצאָהלען? וועט ער דאָך פערנעהמען יענעמס געלד! און אַז א י ה ם וועט קומען און י ע נ ע ר וועט איהם ניט האָבען צו בעצאָהלען, וועט ער זיין אַ גזלן און אָבשרייבען יע־נעמס שטוהלען און בענקלעך, יענעמס קליידעל?!..

דערצו: ווי קען מען דאָס ליגען נאָכאַנאַנד אין ביזנעס, רק אין קויפען און פערקויפען, וועקסעל און דיסקאָנט? קאַטיק האָט געהאַט אַנדערע נעדאַנקען, האָט געלעבט אין אַנאַנדער וועלט, א שענערע וועלט, ווי וועקסעל און דיסקאָנט. ער האָט אַלץ געקלערט: ווי מאַכט מען, אַז אַרום איהם זאָל זיך ניט הערען קיין קרעכצען, זאָל קיינער ניט וויינען, ניט ליידען... אָט די מחשבות האָבען איהם פערנומען טאָג און נאַכט. ער האָט גע־

וואַלט אין דעם אַרומיגען געלאַף און הו־הא אריינגעטראָגען כאַטש וויפיעל עס איז הארמאָניע; אז אין דעם געוואלדיגען שטויסענים און שטופענים זאָלען ניט אזוי פיעל מענשליכע לעבענס צוריבען ווערען.

אָבער לעבען דארף מען דאָך. און נאָך פערשיעדענע ניט געלונגענע פּראָבעס, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף אזא געשעפט, וואָס דארף ניט האָבען קיין וועקסלען; אויף אזוינע סחורה, וואָס יעדער דארף עס האָבען. ער האָט געעפענט א קאַוויארניע. די קאַוויארניע האָט זיך זעהר גוט געפּאַסט מיט קאַטיק'ס פּלענער. דאָ איז ניטאָ קיין עשירות. אין בעסטען פאַל איז ער בעוואָרענט מיט'ן יצר הרע. אין ערגסטען פאַל אָבער איז ער פערזאָרגט מיט א שטיקעל ברויט, א גלאָז טיי אָדער קאַווע. פון הונגער קען מען שוין דערביי נישט שטאַרבען. אגב האָט דאָ קאַטיק געהאַט נאָך א בעהאַלטענע כונה: ער וועט זיינע לאַנדסלייט, די ליטוואַקעס, ניט דארפען זוכען; יעדערער וועט קומען צו איהם.

און קאַטיק'ס קאַוויארניע איז טאַקע מעהר ווי צוואַנציג יאָהר געווען דער קלוב פון די ליטווישע יודען, פון אַלע ליטווישע אורחים, איבערהויפּט פון יונגע לייט, וואָס זענען געקומען אין ווארשא זוכען פרנסה, חיונה. דאָרט האָט מען געקראָגען א ריכטיגע גלאָז קאַווע מיט צובייסען, און — ביליג. טאָמער האָט מען ניט געהאַט קיין קליין־געלד ביי זיך, איז אויך קיין געפאַהר ניט געווען. ביי קאַטיק'ן האָט מען געהאַט אביסעל קרעדיט. איז געווען קאַלט אין דרויסען; אָדער מען האָט גלאַט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, איז מען אריין צו קאַטיק'ען אביסעל זיצען אין דער וואַרעם, שפּיעלען א דאַמע, א שאַך, זיך דורכשמועסען מיט א בעקאַנטען אָדער הערען עפּעס נייעס.

איבערהויפּט איז קאַטיק'ס קאַוויארניע געווען די לעצטע 15 יאָהר א גליק פאַר די יונגע יודישע ליטעראַטען. זינט אין ווארשא איז געוואָרען א מיטעל־פּונקט פון יודישער ליטעראַטור און פּרעסע, האָבען אָנגעהויבען אריינצוואַנדערען אַהין די יודישע שרייבער. זייער איצטיגע לאַגע איז, נאַטירליך, אויך ניט גלענצענד. אָבער אַמאָל האָבען זיי וואַכען־לאַנג זיך געוואַל־

גערט אויף א בוידעם, מאנאטען־לאנג זיך געמוטשעט ארומשלעפּען. האלב פערהונגערטע, ווי שאטענס, ביז עס האט זיך איינגעגעבען ארויסצורייסען ביי א רעדאקטאר, ביי א פערלעגער א פּאר גראשען. קאטיק׳ס קאוויארניע האט זיי אין אזא לאגע ניט איינמאל געראטעוועט פון הונגער. איצט זענען די יודישע ליטעראטען ביי זיך גרויס געווארען. זיי שטעהען שוין ניט אן צו טרינקען קאווע ביי קאטיק׳ען. זיי ווייסען שוין דעם וועג אין די געהויבענע קאפע־הייזער: „בריסטאל“ און „אסטראווסקי“ אויף „קראקאווסקע פּשעדמעסטיע“. קאטיק׳ס קאוויארניע איז אבער אפילו נאך יעצט א היים פאר אלע אנפאנגער־ליטעראטען און „טרעמפּס“, פאר אלע עלענדע און פערוואגעלטע ליטוואקעס. זי איז יעצט אויך א בערזע פאר אלע מיטעלע און קלענערע אנגעפּאהרענע ליטווישע קאמיסיאנערען און סוחרים.

קאטיק׳ס קאוויארניע האט אלזא א היסטארישע בעדייטונג. דער גרעסטער טייל פון אלע ווארשאווער פילאנטראפּישע און אנדערע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס זענען געבארען געווארען דא, אין קאטיק׳ס קאוויארניע, און זייער אויפטוער און אויפבויער, איז געוועזען טאקע קאטיק אליין.

קאטיק איז ניט קיין פילאנטראפּ. זיין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט האט ניט קיין כאראקטער פון צדקה אין אלטען יודישען סטיל. לויט דעם פּלאן, וואס ער בויט זיי, דארפען זיינע אינסטיטוציעס האבען א כאראקטער פון געגענזייטיגער הילף. ווען זיי וועבען זיך אוים אין פּשוט׳ע צדקה־חברות, זענען דעריין שולדיג די בעדינגונגען פון ווארשאווער לעבען אין די קרייזען, אין וועלכע קאטיק לעבט.

קאטיק בויט זיין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט עכט אייראפּעאיש. פערקלערט ער א וועלכען עס איז פּלאן פון א געזעלשאפטליך־נוצליכער אינסטיטוציע, בעטראכט ער פריהער די אלע וואונדען פון דעם ארומיגען געזעלשאפטליכען לעבען, וואס מאכען נויטיג אזא אינסטיטוציע. סיסטעמאטיש און מעטאדיש, ווי א געניטער דאקטאר, שטעלט ער פריהער דעם דיאגנאז פון דער מכה, איידער ער שלאגט פאר די רפואה. זיינע א חברה,

וואס ער גערעכט גרינדען, איז ניט סתם א יודישע חברה, האט ער אייך דורך לאגיק און פאקטען ערקלעהרט און בעגרינדעט די נויטיגקייט פון אזא און אזא מין חברה, בעשאפט ער אייך פאר זיין ארגאניזאציע אן אויספיהרליכע קאנסטיטושאן (אוסטאוו) וואו יעדע קלענסטע זאך איז פאראויסגעזעהן. איהר דארפט אייך מעהר ניט איין מאל אויפקלייבען און די געזעלשאפט ווערט לייכט געבויט און הויבט אן צו עקזיסטירען.

אינטערעסאנט איז, אז קאטיק האט ניט קיין שום בע־קאנטשאפט מיט דעם בוי פון מאדערנע פארטייען און פעראיי־נען, און זייערע קאנסטיטוציעס. אלעס וואס ער בעשאפט איז פון זיך אליין ארויסגעשפונען, פון זיין אייגענער קאפ ארויס־געטראכט.

נאך א וויכטיגען שטריך האט זיין געזעלשאפטליכע טהע־טיגקייט. ער קומט ניט צו אייך מיט פראזען, קומט בכלל ניט צו אייך, איידער ער האט די זאך אליין ניט גוט דורכגעטראכט. ער רעדט מיט קיינעם קיין ווארט ניט פון זיינע פראיעקטען, איי־דער זיי זענען ביי איהם אליין ניט גענוג צייטיג געווארען, און אפילו דאן, ווען ביי איהם אליין איז אלעס קלאר, קומט ער צו אייך ניט מיט א מינדליכער אגיטאציע. זיין גאנצען פלאן — די גענויע ערקלערונג און בעגרינדונג, פון זיין חברה שרייבט ער אויף אין יודיש, אפט אויך אין העברעאיש, און דרוקט עס אב אין א ביכעל. דעם ביכעל גיט ער אייך אוועק אומזיסט. אהן איבעריגע ריידערייען בעט ער אייך פשוט און היימיש־פאמילאר, מיט א שמייכעל, זיין צוטרויליך־ליעבען קאטיק׳שען שמייכעל, איהר זאלט דעם ביכעל איבערלעזען אין דער היים, אין א פריי־ער צייט. קומענדיג א היים גיט איהר פון נייגיעריגקייט א קוק אין ביכעל. איהר גיט איין קוק מוזט איהם שוין דערלייענען ביז׳ן סוף. איהר געפינט זיך אונטער קאטיק׳ס מאכט, איהר זענט שוין זיינער א קונד. דאס ביכעל נעהמט אייך ניט מיט׳ן שעהנעם סטיל, מיט די פיין אויסגעשניצטע ווערטער און גע־דאנקען. קאטיק איז אויף דעם קיין מייסטער ניט. אין זיין שרייבען דארפט איהר אויך ניט זוכען קיין גראמאטיק. גאנץ אפט ציהט זיך ביי איהם איין זאץ איבער א גאנצער זייטעל און

נאָך לענגער. דערפאַר איז זיין יודיש אַן אמת רייז, ניט גע־קינסטעלט יודיש, פונקט, ווי דאָס פאָלק רעדט. ער בעגייסטערט איך מיט זיינע תמימות, מיט זיין אייגענעם גלויבען אין דער זאַך, וואָס ער פּרעדיגט.

—נו, וואָס זאָגט איהר? — פרעגט אויף מאָרגען, אדער איבערמאָרגען קאַטיק ביי זיין קונד, וועמען ער האָט מיט א טאָג, אָדער צוויי צוריק געגעבען זיין ביכעל צום לעזען.

— אודאי, אודאי, איהר זענט גערעכט, א יושר! מוזט איהר איהם צוגעבען.

אויף מאָרגען, צו איבערמאָרגען בעקומט איהר פון קאַ־טיק'ן אן איינלאַדונגס־קאַרטעל אויף א גרינדונגס־פערזאַמלונג פון דער און דער חברה. קאַטיק'ס מאַכט ציהט אייך, איהר מוזט געהן. אויף דער פערזאַמלונג לעזט קאַטיק איבער פאַר אלעמען דעם זעלבען ביכעל, צוגעבענדיג נאָך מעהר וואַרימקייט און ראיות. ווילט איהר עפּעס ענדערן מאַכט אויך ניט אויס. אבי עס זאָלען נאָר ניט אָנגעריהרט ווערען די דעמאָקראַטישע פּרינ־ציפּען פון גלייכבערעכטיגונג פאַר אלע מיטגליעדער, און די נויט־טיגע קאָנטראָל פאַר די געלדער. די חברה ווערט געבויט, און קאַטיק'ן איז צוגעקומען א ים מיט נייע ארבייט, אין וועלכער ער פּיהלט זיך, ווי א פיש אין וואַסער.

אַט אזוי זענען געבויט געוואָרען, דורך קאַטיק'ן, כמעט אלע בעסטע אינסטיטוציעס, פון הילף און זעלבסט־הילף, וואָס די ליטווישע יודען פערמאָגען אין ווארשא. ווי צ. ב. ש. „בקור חולים", „עזרת יתומים", „לינת הצדק", „אחיעזר" און נאָך אנ־דערע. די גרויסע ווארשא מיט איהרע 300 טויזענד יודען האָט ניט געהאַט קיין „מושב זקנים", קיין הויז פאַר אלטע און שוואכע, ביז דער אלטער קאַטיק האָט זיך דערצו גענומען. אין א קורצע צייט איז ביי איהם געוואָרען א חברה מיט א קאַפּי־טאַל פון 30 טויזענד רובעל.

קאַטיק'ס געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט האָט אויך איהר טראַגישע זייט. קוים האָט קאַטיק זיין חברה אויפגעבויט, זי אויף די פיס געשטעלט, אזוי ווערט ער אליין פון איהר ארויסגע־

שטויסען. פאר וואס? דעריבער איז פאראן צוויי־ערליי מיינונ־גען. א טייל זאגען, אז דאס איז דערפאר, וואס קאטיק, נישט האבענדיג קיין שלעכטע כונות, לאזט צו שטארק פיהלען זיין פערזענליכקייט אין יעדער קלייניגקייט פון דער חברה׳ס אר־בייט, זאגט צו פיעל דעות. דאס בעליידיגט די אמביציע פון די איבעריגע טוער און זיי סטארען זיך פון איהם לויז צו ווערען. אנדערע זאגען פארקעהרט: אז ווייל קאטיק׳ס א חברה איז אימער געבויט אויף דעמאקראטישע יסודות און אויף א שטרענג אויסגעארבייטער קאנסטיטושאן, און אליין האט ער דערביי ניט קיין פערזענליכע פניות, שטערט דאס די יעניגע לייט, וואס געהען אריין אין א חברה צוליב כבוד און גבאות, צו באלע־באטעווען און שטעלען זיך ביי דער שיסעל. דעריבער הויבען אן אט די גבאות־זוכער באלד צו פיהרען געגען איהם אינטריגעס און מען ווארפט איהם ארויס פון דער פערוואלטונג. אזא פאקט האט ביי קאטיקען פאסירט מיט דעם „מושב זקנים“. ער האט אזוי פיעל קרעפטען דערויף געלעגט, צום ענדע האט מען איהם אויף דער גרינדונגס־פערזאמלונג ניט געלאדען. דאס האט זעהר אויפגעבראכט די געזעלשאפטליכע מיינונג. דער פראטעסט אין דער געזעלשאפט און אין דער פרעסע האט דאס מאל געווירקט אויף די גבאים, וואס קאטיק אליין האט זיי צוגעצויגען, אליין זיי די גבאות פארגעלעגט. זיי האבען זיך פערשעהמט און אריינגענומען איהם צוריק אין דער פערוואלטונג.

קאטיק אליין, אלענפאלס, ווערט דערפון ניט שטארק נתפעל. „זאל זיין אהן מיר, זאגט ער, אבי, קינדערלעך. ארבייט, טוט עפעס אויף א גוטע זאך“. ווערט ער ארויסגעשטופט פון איין חברה, געהט ער און בויט אנאנדערע, א נייע. בעדערפעני־סען אין א חברה איז אין ווארשא, ברוך השם, תמיד פאראן, און מיט חברות־פראיעקטען, איז קאטיק תמיד אנגעשטעקט ווי א מילגרוים. יעצט איז איהם די ארבייט א סך לייכטער, ווי פריהער. אין קאוויארניע האט ער א טעלעפאן, און גאנץ ווארשא, די ליטוואקעס מיט די „פאליאקעס“ צוזאמען, זענען אלע זיינע גוטע ברידער. א הויב די טרייבעל... טררר... און — עס ווערט פארטיג א חברה...

דער אלטער אונערמיעדליכער פאָלקס־אידעאַליסט האָט מיר געגעבען אַ גאַנצען פעקעל פון זיינע בראָשורען און האָט מיר, צום סוף פון אונזער שמועס פערטרויט אַ סוד, אַז ער געהט אַרום יעצט מיט נאָר אַ נייעם, אַ הערליכען פּראָיעקט, וואָס דאַרף פעראייניגען דעם גאַנצען כלל־ישראל, וועניגסטענס אין וואַרשאַ. און אַז ד ע ר פּראָיעקט, זאָגט ער, זאָל זיך אויספיהרען, וועט ניט זיין אין וואַרשאַ קיין אָרימע און קיין ליידענדע. יעדער וועט זיין געהאָלפען. איך האָב מיר אינטערעסירט צו וויסען, ווי אַזוי קאָטיק מיינט צו פעראייניגען די צעריסענע יודישע סטאָדע, פערשמירען די שפּאַלטען אין דער צעבראָכענער יודישער חורבה, מאַכען אַז קיינער זאָל ניט ליידען. קאָטיק האָט מיר אָבער ניט געוואָלט ענטדעקען די איינצעלהייטען, נאָר די אויגען זיינע האָבען געשטראַהלט און דער נאַאיווער מילדער פּנים פון'ם אַלטען האָט געלויכטען מיט האָפנונג און גלויבען, אַז זיין לעצטער פּראָיעקט וועט בעקרוינען די פּרוכטבאַרע טעטיגקייט פון זיין גאַנצען לעבען. ער וועט יעצט דערגרייכען די שענסטע, די גרעסטע אויפגאַבע פון זיין לעבען: אַריינברענגען אחדות אין כלל־ישראל; ער וועט אַריינגעהמען דאָס גאַנצע יודישע פאָלק אין איין גרויסער חברה, און — דאַן וועלען מעהר ניט זיין אָרום איהם קיין נאַקעטע און קיין באָרוועסע, קיין הונגעריגע און קיין ליידענדע...

אין אַ פּאָר יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי די אויבערשטע שורות זענען געווען געשריבען, איז יחזקאל קאָטיק'ס נאָמען בעקאַנט געוואָרען אין דער יודישער פּרעסע פון אַ גאַנץ אַנדער זייט. ער האָט אָנגעשריבען צוויי בענדער „מעמוארען" וועגען אַמאָליגען יודישען לעבען. די קריטיק האָט זיך אָבגערופען וואַרם אויף אָט די צוויי בענדער פון קאָטיק'ס „זכרונות". סיי פון דער ליטעראַרישער זייט, סיי אַלס קולטור־היסטאָרישער מאַטעריאַל, האָבען זיי, קאָטיק'ס מעמוארען, אַ וויכטיגע בעדייטונג. קאָטיק איז אַלזאָ מיט זיינע צוויי בענדער שריפטען אַריין, שוין אין זיינע עלטערע יאָהרען, אַלס עהרענמיטגליעד, אין דער פאַמיליע

פון יודישע שריפטשטעלער. אויף אזא נ'ארט פעראייניגט שוין דער אייגענטימער פון דער קאוויארניע אויף נאלעווקעס 31 דריי בערופען: פון א ליטעראט, געזעלשאפטליכען ארגאניזאטאר און פאלקס־אידעאליסט — א דריי־אייניגקייט וואס טרעפט זיך אזוי זעלטען אין איין פערזאן.

די ערנידריגטע און בעליידיגטע.

די פאָלקס־מאַסע האָט איהר „אַריסטאָקראַטיע“ און איהרע נידעריגע פאַכען.

אָן דער שפּיץ פון דעם לייטער שטעהען, ביי די פרויען, די קאַסירערינס און די אָנגעשטעלטע אין די רייכערע מאַגאַזינען. מיט אַ שטאַפּעל נידעריגער, נאָר צו דערזעלבער „אַריסטאָקראַטיע“, געהערען די הוט־מאַכערינס. דערנאָך געהען פּריקאַשטשיצעס, שניידערינס, קאַרסעטען־מאַכערינס, און — צולעצט — דיענסט־מיידלעך. איך נעהם, פערשטעהט זיך, די הויפּט־קאַטעגאָריעס, וואָס בילדען כמעט ווי קלאַסען. עס זענען דאָ אָבער אויך „צווישען־קלאַסען“, וועגען זיי וועל איך דאָ ניט ריידען. די ערשטע, וואָס שטעהען בראש פון דעם פּראָלעטאַרישען לייטער, ווערט איהר אין גאַס ניט אָננעהמען פאַר פּראָלעטאַרקעס. זיי געהען אויסגעפּוצט, ריידען פּויליש און דאָס איז דאָך דער אידעאַל פון אַ וואַרשויער מיידעל. זייער גייסטיגער באַגאַזש איז זעהר אַ לייכטער. זיי האָבען אויך די בעסטע האָפנונגען אויף אַ שדוך. דער אָנגעשטעלטער זוכט אַ כלה דוקא צווישען אָט די קאַטעגאָריעס מיידלעך.

די פּ אַ ר י ע ס, די סאַמע פערוואָרפענע און דערשלאָגענע פון אַלע יודישע מאַסען־מיידלעך, זענען די דיענסט־מיידלעך. די אַרבייטער־בעוועגונג האָט אַ ביסעל צעוואָרפען די מחיצות. נאָר די ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע אַגיטאַציע האָט ניט צייט געהאַט צו לאָזען טיעפע שפּורען. די שייד־וואַנטלעך

אין דער מאסע גופא זענען נאך ערטערווייז גאנץ שטארק, און קיינער ליידט ניט איצט אזוי פיעל, ווי די דיענסט־מיידעל.

ווארום אויף קיינעם האט די בעוועגונג ניט געווירקט אזוי שטארק, ווי אויף דעם דיענסט־מיידעל. פריהער האט מיט איהר א בעל־הבית'ישער בחור ניט געוואלט האנדלען. אפילו אן ארבייטער, וואס האט עפים פערדיענט, איז ניט אנגעשטאנען צו פיהרען בעקאנטשאפט מיט א קעכין. און פלוצלונג האבען צו איהר אנגעהויבען צו קומען אינטעליגענטען, מ'האט זי גערופען אויף פערזאמלונגען, אריינגענומען איז א פעראיין, געלערנט מיט איהר און געוואלט זי „מאכען פאר א מענשען".

קיינער האט ניט אנגענומען די פראלעטארישע תורה מיט אזא ענטוזיאזם, ווי די יודישע דיענסט־מיידעל. זי איז געווארען שטאלצער, האט אנגעהויבען לערנען, האט אנגעהויבען דענקען, האט געצוואונגען די בעל־הבית'טע צו פערהאלטען זיך צו איהר מיט רעספעקט. און דאס איז אלץ אין ווארשוי קענטיגער געוועזען ווי אומעטום.

איך מוז דא אבער בעמערקען, אז לויט מיינע בעטראכטונגען, איז די דיענסט־מיידעל מאראליש געוועזען העכער פאר איהרע איבעריגע חבר'טעס. זי איז מעהר בריה, צוגעבונדען שטארק צו איהר פאמיליע, איז זיך אפט מקריב צוליעב איהרע עלטערן און פאמיליע. עס איז דערום קיין וואונדער ניט, וואס די פראלעטארישע פראפאגאנדע האט אויף איהר א גרויסען רושם געמאכט.

איהר לאגע איז אבער ערגער געווארען. דען קוים האט זי אנגעהויבען מעהר צו פערשטעהן, האט זי אנגעהויבען שטארקער צו פיהלען איהר ל א ג ע פון א „פאריע", וועלכע איז געבליבען ניט געענדערט. ניט בלויז אן ארבייטער, וואס קאן עפעס פערדיענען, וואס האט איבערגעלעזען א בראשורע, נאר אפילו א מיידעל מיט א שטאפעל העכער: א שניידערקע, א נייהטערקע וועט ניט האנדלען מיט א קעכין.

דערפון ענטוויקלען זיך ניט זעלטען טראגעדיעס, פון וועלכע איך וועל ברייננען איין פאקט, וואס איז מעהר כאראקטעריסטיש.

מיט דער קעכין, דער העלדין פון מיין ערצעהלונג, בין איך בעקאנט געווארען ביי אן אמעריקאנער לאנדסמאן אין ווארשוי. א טייל פון איהר געשיכטע האט מיר דערצעהלט מיין לאנדס־פרוי, דאס איבעריגע — די קעכין אליין.

דאס איז געווען א שען לוסטיג מיידעל. זי האט אבער שטענדיג געארבייט און געפעלען געווען דער בעל־הבית'טע. האט מען זי געהאלטען טייער.

די בעוועגונג האט זי אבער ניט געקאנט אויסמיידען. זי איז בעקאנט געווארען מיט א בחור, אן „אגיטאטאר". ער האט איהר איין מאל, צוויי מאל בעגלייט צו איהר קיך און האט איהר ערקלערט אלץ, וואס א קעכין דארף היינטיגע צייטען וויסען. פון דעמאלט אן האט די בעל־הבית'טע בעמערקט אן ענדערונג אין דער קעכין. זי איז געווארען שטאלצער, האט אנגעהויבען זינגען ביי דער ארבייט אנדערע ליעדער. זי האט אנגעהויבען אפט ארונטערצולויפען צום בחור. אבער זי האט נאך אלץ געטאן טריי איהר ארבייט, און די בעלי־הבתים האבען זיך געמאכט ניט זעהענדיג. ווייטער אין דער אגיטאציע איז אבער די מיידעל ניט געגאנגען. ערשטענס — ווייל דער גייסטיגער אינהאלט פונ'ם „אגיטאטאר" אליין איז ניט געווען קיין גרויסער: צווייטענס, ווייל עס האט זיך אנגעהויבען א ליעבע, צווישען איהר און איהר „רבין".

דער רבי איז געווען אנ'איינפאכער ארבייטער אין א דרוק און פערדיענט זיינע 4—5 קארבען א וואך, ווען ער האט געארבייט. ער איז געווען ניט קיין פראסטער, האט געהאט א געשליפען צינגעל. בשעת די בעוועגונג איז געווען אזוי גרויס, אז עס האט ניט געקלעקט קיין נויטיגע אינטעליגענטע קרעפטען, האט מען ניט געקליבען און געמוזט בענוגענען זיך מיט יעדען, וואס האט געקאנט זיין נוצליך. דאן האבען אזוינע „מאסאווע האלב־אינטעליגענטען" געשפיעלט א ראליע. בעקומענדיג דעם נאמען „אגיטאטאר", האבען זיי אנגעווארען די ארבייט. די בעלי־הבתים האבען זיי פערפאלגט. זענען זיי געווארען איגנאנצען „כלי־קדש" און די ארגאניזאציע האט זיי געמוזט טראגען אויף די פלייצעס. לעבענדיג אהן ארבייט, אין האוועניש,

אין אומלויפעניש ארום די קרייזלעך: ניט האבענדיג קיין שום בילדונג, א חוץ וואס זיי האבען ארויסגעכאפט פון דער לעצ־טער בראשורע: ניט האבענדיג קיין נארמאלע ערציהונג, קיין ענטוויקלונג, זענען אזעלכע יונגע־לייט אפט פערדארבען געווא־רען און האבען פיעל געשאדט דער בעוועגונג. ווען ס׳איז גע־קומען אין א קריטישען מאמענט, און מ׳האט זיך מעהר ווי אלע מאל גענויטיגט אין מענשען.

אזא טיפ איז געווען אט דער רבי. זי האט קיין בעסערן ניט געזעהן און ניט געקאנט זעהן. אז ער האט זיך איהר ערקלערט אין ליעבע, האט זי זיך איהם אבגעגעבען מיט לייב און זעעל, איין מאל אויף אלע מאל.

פון אנהויב האט זי איהם פערגעטערט — ווייל ער האט צו איהר גערעדט פון אזוינע הויכע זאכען, פון וואס זי האט פריהער קיינמאל ניט געקלערט, און האט זיי איצט גוט פער־שטאנען. זי פלעגט געהן מיט איהם אין גאס און בעמערקען, ווי ער גריסט זיך מיט יונגע־לייט אין קאפעלושען, גאנצע אינ־טעליגענטען, און צו מיידלעך, פיעל שענער אנגעטאן פאר איהר, און זי האט דערין געפיהלט א כבוד.

דערנאך האט זי איהם אנגעהויבען האסען — ווייל ער פלעגט צו איהר קומען אלע שבת־צו־נאכט אויסשנארען ביי איהר, מיט גוטען צי מיט בייזען, איהר געהאלט פאר דער וואך, און דערנאך לאכען פון איהר, דערצעהלענדיג איהר, אז פאר דאס געלד, וואס ער האט ביי איהר גענומען, איז ער גע־ווען אין טעאטער מיט שענערע מיידלעך פון איהר.

איהר הארץ איז צעעסען געווארען פון ליעבע, האס און איפערזוכט.

אז איך האב זי איינמאל געפרעגט, פארוואס ווארפט זי איהם ניט אוועק? — האט זי געזאגט, אז זי קאן ניט אנדערש. עס איז פערפאלען. זי האט איהם געשאלטען, און דאך האט זי געזאגט, אז זי מוז מיט איהם חתונה האבען. און זי האט געחאפט רעכט. זי האט געמוזט....

איבעריגענס, האט ער ניט געוואלט חתונה האבען, נאר איהר פאמיליע האט איהם דערצו געצווינגען.

ווילט איהר וויסען דעם סוף פון אָט דער געשיכטע?

דער סוף איז אזעלכער, ווי עס קאָן זיין דער סוף נאָר פון א קעבינס ראָמאן. זי דיענט איצט ניט ביי מיין לאנדסמאן, נאָר ביי אנ׳אנדערען. דיענט צוזאמען מיט איהר קינד. יענער האָט איינגעשטימט נעהמען זיי צוזאמען, ווייל זי איז אנ׳עהרליכע און גוטע קעכין. ער, איצט איהר מאן, קומט צוגעהן ווי פריי־הער, ווען ער נויטיגט זיך אין געלד, גיט א קוש דאָס קינד און דערפאר מוז זי איהם אבגעבען, וואָס זי פערדיענט.

איבעריגענס, ווען זי וואָלט מיט׳ן שדוך געטראָפען, וואָלט דאָך איהר שיקזאל געווען דערזעלבער. א קעכין, נאָך דער חתונה, מוז אוועק מיט׳ן קאָשיק, אָדער ווערען אנ׳אם. ווארום דער ארבייטער, וואָס קאָן כאָטש ווי־עס־איז מאכען א לעבען, קומט צו איהר ניט אָן.

וואַרשא אין ליכט און שאטען.

ווען דער עקאנאמישער צושטאנד פון דעם ווארשויער געטא מאכט א פיעל בעסערן איינדרוק, ווי יעדער אנדער יודישער קווארטאל אין רוסלאנד, קאן מען דאך דאס זעלבע ניט זאגען פון דעם גייסטיגען, פונ׳ם אלגעמיין־נאציאנאלען לעבען דא אין דער יודישער גאס. אין אט דער הינזיכט שטעהט, צום בעדויערן, ווארשוי נידריגער ניט בלויז פון א ווילנא, מינסק, זאגאר פון א סך אנדערע קלענערע שטעדט.

דא זעהען מיר דעם פאקט, אז בעסערע מאטעריעלע בעדינגונגען זענען ניט גענוג, אום צו שאפען א העכערע קולטורעלע מדרגה.

דער צושטאנד פון דעם ווארשויער יודישען געזעלשאפטליכען לעבען איז דער טרויעריגסטער פון אלע שטעדט אין יודישען תחום. ערגיץ איז די יודישע געמיינדע ניט אזוי צוריסען און צופרעסען פון געגענזייטיגען האס, ווי אין ווארשוי.

די יודישע בעפעלקערונג איז דא צוטיילט אין דריי בעזונדערע, איינער דעם אנדערן פיינדליכע, עלעמענטען: ליטוואקעס, חסידים און „דאטשען“. איינער דעם אנדערן איז טריף, ווי חזיר. יעדער לעבט אין א בעזונדער איינגעשלאסען װעלטיל און וייכט־אויס יעדע בעריהרונג מיט א יודען ניט פון זיין קרייז. אז עס לעבען אין ניו־יארקער יודישען קווארטאל, אין איין קארידאר, א רומענישע, א גאליציאנער און א ליטווישע פאמיליע, ווערען זיי שנעל בעקאנט און אפט בעפריינדעט. אין ווארשוי

מעגען פוילישע און ליטוואקעס אבוואוינען אין איין הויף צעהנד־ליגער יאהרען, בלייבען זיי איינער דעם אנדערן פרעמד און זאר גאר פיינדליך. זייביידען האסט אדער, ריכטיגער נעזאגט, פער־אכטעט דער „דאטש". דאס איז דער פוילישער יוד, וואס האט אויסגעטאן די לאנגע קאפאטע און דאס היטעלע מיט'ן קליינעם בריליק, און אנגעטאן א קורצען ראק מיט א צילינדער. א חוץ דעם קורצען ראק מיט דעם הוט איז אינ'ם אינערליכען לעבען פון די בורזשואזנע חסידים און „דאטשען" א קליינער אונטער־שיעד; אי דא, אי דארט איז אינווייניג אלץ פערשימעלט, פער־פוילישט און אסימילירט. ביי פוילישע יודען מעגען די קינדער טאן, וואס זיי ווילען, אבי עס זאל זיין פערדעקט מיט דער לאנגער קאפאטע. די פוילישע יודען זענען מורא'דיגע פאנאטי־קער בלויז אין איין זאך — אין זייערע נאציאנאלע מלבושים: אין דער לאנגער קאפאטע מיט דעם מיצעל און קליינטשיקען בריליקעל. זיי קאנען די קינדער אלץ פערצייהען, נאר ניט דאס קליידען זיך „דייטש". דערין איז קיין אונטערשיעד ניט צווי־שען די רייכע און ארימע. וועקסעלט א יונגער־מאן ביי זיי די לאנגע קאפאטע אויף א קורצען ראק, מוז ער זיך געזעגנען מיט זיין פאמיליע: מיט טאטע־מאמען, שוועסטער, ברידער, קרובים, פריינד. דאס איז די אורזאך, פארוואס א סך פון דער פויליש־יודישער יוגענד מיט פראגרעסיווע געדאנקען פיהרען זיך אין זייער היימישען לעבען אויפ'ן אלטען שניט. דער אויטאריטעט, די מאראלישע מאכט פון די עלטערע איז ערגיץ ניט אזוי שטארק, ווי אין דער יודישער פאמיליע פון פוילען. דאס ער־קלערט זיך דערמיט, וואס ערגיץ איז דער פאמיליען־בונד, די פאמיליען־טרייהייט ניט אזוי פעסט, ווי דא. און דאס געהערט שוין צו די, אהן א ספק, ליכטיגע זייטען פון'ם פוילישען יודענ־טום. די ליטווישע יודען זארגען ניט אזוי פיעל פאר די קינ־דער, ווי די פוילישע. זיי, די פוילישע יודען, טראגען די קינדער אויף די פלייצעס ביז דער חתונה, און אפילו נאך דער חתונה. דא האט, פילייכט, געהאט אן איינפלוס די קריסטליכע פוילישע בעפעלקערונג, ביי וועמען דער טרייער פאמיליען־בונד איז א מוסטערהאפטער. דער פרייגעזאנענער זוהן טראגט די לאנגע

קאפאטע, געהט מיט דעם טאטען אין שוהל, וואשט זיך צום עסען, ניט בלויז, ווייל ער איז מאטעריעל אבהענגיג פון זיינע עלטערען, ווייל אהן דער פאמיליע קאן ער זיך ניט בעהעלפען, נאר ווייל ער פיהלט זיך גוט אין זיין היימישען קרייז און וויל, צוליב א צערעמאניע, ניט שטערען דעם פאמיליען־פריעדען, ניט אברייסען זיך פון זיינע פערוואנדטע און פריינד. אזוי איז געווען מיט יאהרען צוריק, אזוי איז אויך געבליבען איצט.

ביי דעם באלעבאטישען ליטווישען יודען איז טרייף אריינצוגעהן אין א שיינק, עסען אין גאס, עסען א גוטען מיטאג און בכלל זוכען זיך פערגעניגען. דער פוילישער יוד בעזיצט א שטארקע לעבענס־לוסט. אין שיינק געהט ניט בלויז דער המון, נאר אויך דער באלעבאטישער יוד. אין שיינק, ווי אין דער „קאוויארניע", פאסירט א גרויסער טייל פון דעם פוילישען יודענ'ס געזעלשאפטליכען לעבען. דארט ווערען געשלאסען געשעפטען. אהין קומט מען גלאט צו פערברייגגען די צייט, צו לעזען א בלאט. אין אזוינע גרויסע שטעדט, ווי ווילנא און מינסק, האט איהר ניט קיין איין יודישע ריינליכע קאוויארניע, וואו מען זאל קאנען אריינקומען טרינקען א גלאז קאווע און קריגען א בלאט צו לעזען. אין ווארשוי איז דא א סך.

א ווארשויער שיינק איז ריינליכער און אנשטענדיגער פון א ליטווישען. אין די שיינקען איבערציייגט איהר זיך, וויפיעל שענע יודישע פרויען עס זענען דא אין פוילען. די פרוי און די טעכטער פון דעם יודישען שיינקער זענען די רעכטע ארבייטער אין געשעפט. די שענע, יונגע יודישע שיינקערין ציהט צו פובליקום. מען קאן ניט זאגען, אז דאס זאל ווירקען גוט אויף דער מאראל פון דער יודישער מיידעל אדער ווייבעל. דאך בעמערקט מען ערגיץ ניט, אז עמיצער פונ'ם פובליקום זאל זיך ערלויבען אנ'אונאנשטענדיגקייט אין בעצוג צו דער שענער יודישער שיינקערין. דאסזעלבע האב איך בעמערקט אין גאליציען. דאס יודישע מיידעל ווייסט זיך צו האלטען שטאלץ. זי וועט זיך ניט ערלויבען קיין לאך, קיין איבעריג ווארט מיט די איינגעהער פונ'ם שיינק. אז עמיצער פון די בעזוכער ערלויבט זיך נעגען איהר א צוויי־דייטיג ווארט, א וויץ, אדער א קאמפלי־

מענטש, וועט די שיינקערין ניט זידלען, ניט אויסריידען דעם העזה'ניק, וואָרום דערמיט טרייבט מען אָב די קונדען און פּרנסה דאַרף מען דאָך האָבען. אבער דאָס מיידעל מאַכט אַזאַ מינע, אַז איהר זעגט איבערצייגט, אַז זי האָט גאָר נישט געהערט; אַז יעדע בעליידיגונג איז געגאַנגען פאַרביי איהר. איהר בעהאַנדלען די קונדען איז ערנסט און שווייגענדיג. שוין איהר קעהר, איהר בע־וועגונג אַליין רעדט פיעל דייטליכער, ווי מיט ווערטער: „איך מוז דיך ליידען, ווייל איך מוז האָבען חיונה. אבער א חוץ דער גלעזעל ביזטו מיט מיר קיין מחותן ניט. טרינק־אויס און געה!"

צו דער עהרע פון די פּוילישע שיינק־בעזוכער מוז מען צוגעבען, אַז זיי האַלטען זיך א סך אַנשטענדיגער אין א שיינק, ווי א רוס. דער פּוילישער ארבייטער בעזוכט גערן א שיינק; נאָר ער מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלען, שלאָגט זיך ניט, טרינקט זיך ניט אָן ביז צו פאַלען פון די פיס. דער פּוילישער ארבייטער האָט, ווי דער יוד, ליעב דאָ אין א קאָמפּאַניע צו דעבאַטירען, ריידען וועגען פּאָ־ליטיק, פּאַרטיי־זאַכען און פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען. ער פּער־טרינקט אבער ניט דאָס לעצטע העמד און וואַלגערט זיך ניט אין גאַס.

עס איז נאָך צו בעמערקען, אַז דאָ אין פּוילען איז דער שיינק ניט אַרויסגענומען געוואָרען פון יודישע הענד, ווי אין איבעריגען יודישען תחום, מיט דעם איבערגאַנג פון דעם בראַנ־פען־האַנדעל אין דער רעגירונגס־מאָנאָפּאָל. דער שיינק איז דאָ אַלזאָ געבליבען, ווי אמאָל, איינע פון די יודישע הויפּט־פּרנסות.

די טרייהייט און צוגעבונדענקייט אין דער פּויליש־יודי־שער פאַמיליע איז נאָך פיעל שטאַרקער אין די פערמעגענדע הייזער. קיין אונטערשיעד: צי חסידים, צי „דאַטשען". דאָ איז ניט צו בעמערקען אַזאַ צושפּליטערונג, ווי אין דער ליטווישער יודישער פאַמיליע. בלויז דער איבערגאַנג פון חסידים צו „דאַ־טשען" איז אין דער רייכער פאַמיליע עפּטער. דער שטראָם פון דער קולטור און נאָך מעהר פון דעם קאַפּיטאַליזם ברעכט איין אַלץ מעהר די פעסטונג פון'ם חסיד'ישען אַלט־פרענקישען לעבען. די קינדער מוז מען געבען שטודירען. א זוהן, וואָס שטו־דירט, מוז גלייך אַראָבוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטע און קליי־דען זיך קורץ, די יוגענד קומט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אין בע־

ריהרונג מיט דער פוילישער בעפעלקערונג, מיט אויסלאנד, מיט ליטוואקעס.

וואס אנבעלאנגט דער מאסע, האט די רעוואלוציע, און, נאך פריהער, די ארבייטער־בעוועגונג, דא אויך א שטארקען ריס גע־מאכט. ווען די רעוואלוציע זיעגט, וואלט דא פון׳ם אלט־פרענ־קישען פויליש־חסיד׳ישען לעבענסגעביי אין א קורצער צייט א שטיין אויף א שטיין ניט געבליבען. די רעאקציע האט עס גע־ראטעוועט, אבער ניט אויף לאנג. פוילען איז ניט גאליציען, און אפילו גאליציען קאן ניט ביישטעהן געגען דעם שטראם פון דער צייט. דארט הויבט זיך איצט אן א ניי לעבען. דאס געטא פון׳ם רוסיש־פוילען וועט אויך מוזען ענדערן זיין פנים. דאך, עס וועט זיין א שאד, אויב צוזאמען מיט דעם שימעל און פא־נאטיזם פון דעם אבגעלעבטען חסיד׳ישען לעבענס־געביי, וועט פערשווינדען די פאטריארכאלע רוהיגקייט, די פאעזיע פון׳ם פוילישען יודענ׳ס לעבען, די צובינדליכקייט און גאנצקייט פון דער פויליש־יודישער פאמיליע.

ווען איהר קוקט זיך צו נעהנטער צום אינערליכען לעבען פון׳ם פוילישען יודען, איבערראשט אייך די ליעבע, די צובינד־ליכקייט פון דעם היגען יודען צו פוילען, צום פוילישען פאלק. דער „פוילישער פאטריאטיזם", דאס שטאלצירען, דאס קאקע־טירען זאגאר מיט דער פוילישער שפראך און קולטור. אויף דעם נאר־וואס אנגעקומענעם ליטווישען יודען מאכט דאס א שווערען איינדרוק. ער קאן זיך נאך ניט פונאנדערקלויבען אין די קאמפ־ליצירטע בעדינגונגען פון׳ם היגען יודישען לעבען. דער פוילי־שער פאטריאטיזם ביי דעם היגען יודען ווערט בעטראכט ווי א מין „מה־יפית"־זינגען פאר דעם פוילישען פריץ, פון וועלכען („מה יפית") דער פוילישער יוד האט זיך נאך ניט בעפרייט. אין גרונד אבער איז דא מיט דער שאטען־זייט אויך פאראן א ליכ־טיגע זייט. א מענש איז, נאך אלע זאכען, דאך א מענש מיט א הארץ, וואס מוז ערגיץ זוכען צובינדליכקייט. צו דער ראליע פון א שטיף־קינד האט זיך דער פוילישער יוד שוין מעהר אדער ווענינער דאך צוגעפאסט. דערפאר אבער האט דער יוד דא אין פוילען קיינמאל ניט געהאט קיין קישינעוו, קיין אדעס, קיין

קיעוו, קיין זשיטאָמיר, קיין ביאַליסטאָק. און ווען ער האָט גע־האַט „סעדליעץ״, האָט עס ניט פון פוילען געשטאַמט...

בכלל, לעבט דאָ די קריסטליכע מאַסע פריעדליך מיט דעם יודען, און די געגענזייטיגע בעציהונגען וואָלטען געווען נאָך בע־סער, ווען ניט די קלעריקאַל־בורזשואַזע אַנטיסעמיטישע פרעסע.

אויף די „באַלעוואָקעס.“

אויף די „נאַלעווקעס"

די „נאַלעווקעס" איז וואַרשוי איז דער מערקווירדיגסטער יודישער קוואַרטאַל אין דער וועלט. דאָ איז אַלץ אזוי טיפּיש, אזוי אַריגינעל יודיש, אַז איהר געפינט נישט עהנליכעס, ניט אין מינסק, ניט אין ווילנא, ניט אין אָדעס, ניט אין קראָקוי, ניט אין לעמבערג, ניט אין לאָנדאָן. מיט גרענד סטריט אין ניו יאָרק קאָן מען די נאַלעווקעס פּערגלייכען ביז אַ געוויסען גראַד, אָבער נאָר ביז אַ געוויסען גראַד. אי דאָ, אי דאָרט זענען די גרויסע יודישע אַנגראָ־געשעפטען, אי דאָ, אי דאָרט רודעלט און עס רוישט כמעט טאָג און נאַכט; אי דאָ, אי דאָרט זעהט איהר אַלע יודישע טיפּען. אָבער אַז איהר קוקט זיך איין אויפּמערקזאַמער אין דעם שפּרודעל פּון די נאַלעווקעס, זעהט איהר דאָ ניט דעם כאָאטישען הו־האַ, וואָס אין קאַנעל, אָדער אין גרענד סטריט. אין קיין יודישען קוואַרטאַל אין דער וועלט איז די בעוועגונג ניט אזוי שטאַרק, ניט אַזוי האַסטיג און קאָכעדיג, ווי אויף די נאַלעווקעס. ווען איהר קוקט פּון אויבען אויף, און איהר זענט ווייניג בעקאַנט מיט׳ן וואַרשויער לעבען, דוכט זיך אייך, אַז דאָ איז אַן׳אייביגער „כף הקלע", אַן׳„עולם התהו", וואו מענשען ווערען געטריבען און געיאָגט, וואו עס הערשט נאָר משוגע׳נער הוק און שווינדעל.

אין גרונד אָבער איז די בעוועגונג אַ לעבעדיג פריידע, אַ מונטערע, אַ האַרמאָנישע. מ׳לויפט דאָ — ווייל עס איז טייער

די צייט. די צייט איז טייער — ווייל מען געווינט עפּעס פון איהר. קורץ, דאַ איז אַ מסחר וועלט: דאַ איז דער גרעסטער האנדעלס־צענטער פון יודישען תחום. דאַ איז דער פּלאַץ וואו דער ליטוואַק מיט'ן פּוילישען חסיד, וואו דער יוד מיט'ן רוס, מיט'ן אַרמענער, טאַטער, קירגיז און טשערקעס בעגעגענען זיך אויפ'ן פרידליכען קאַמערציעלען באָדען: וואו עס בעגעגענען זיך אַלע מיני יודען און קריסטען בכלל, און שליסען צווישען זיך פעסטע געשעפטליכע פערבינדונגען.

די נאַלעווקעס זענען בעריהמט דערמיט, וואס דאס איז אין ווארשוי דער איינציגער קווארטאל (צוזאמען מיט די דערבייאיגע גענשא, דזעלנא, דזיקא, נאַוואליפּסקי און, צום טהייל, קאַרמעליצקאַ), וואו דער מסחר ליגט ביי די ליטוואַקעס אין די הענד. אמת, די קליינע געשעפטלאך, ווי שיינק־הייזער, קאַוויארנעס, שפּייז־קראָמען א. ד. גל. (א חוץ רעסטאָראנען, וועלכע זענען ס'רוב ביי ליטוואקעס אין די הענד) געהערען צו די פּוילישע יודען. אבער די הורט־געשעפּטען, דערהויפּט: די פאַרשטעהערשאפט פון די גרעסטע לאַדזער, מאַסקווער און אנדערע רוסישע גרויסע פאַבריקאנטען — געפינט זיך דאַ אין די הענד פון ליטווישע יודען. זיי זענען די פערמיטלער צווישען מזרח און מערב, צפון און דרום פון רוסלאנד. די לעצטע צייט שפּיעלען זיי אויך א וויכטיגע ראָליע און פערשפּרייטען אין רוסלאנד די נייעסטע טעכנישע ערפינדונגען פון איירָאפּא און אפילו פון אמעריקא. א סך פון די יודען, וואס מען האָט ארויסגעטריבען פון מאָסקווע, האבען זיך שוין לאנג דאַ אויף די נאַלעווקעס בעזעצט, אַלס פאַרשטעהער פון די רוסישע פירמעס. זיי ענטוויקלען און פערשפּרייטען די רוסישע פאבריקאציע און האָבען אנגעזאמעלט פערמעגענס. דאָס זענען די „פּני" פון די נאַלעווקעס. דער מיטעלערער קלאַס בעשטעהט פון קליינע פאבריקאנטלעך, וואָס אַרבייטען אויס קליינע גאלאנטעריי־סחורות און קינדערשע שפּיעל־זאכען, ווי אויך קאָמיסיאָנערען־פערמיטלער צווישען דעם פאבריקאנט און אנגראָ־הענדלער פון איין זייט און דעם פראָווינץ־קרעמער פון דער אנדער זייט.

אט דער קאמיסיאנער־פערמיטלער איז זעהר א וויכטיגע פערזאן אויף די נאלעווקעס. אמאל איז זיין הויפט־פלאץ געווען מאסקווע. נאכ'ן „גירוש" איז ער צוזאמען מיט די יודישע סוחרים אוועק קיין ווארשוי, ער איז דער קאכלעפעל, וואס ברייגנט אין בעוועגונג דעם גאנצען מסחר אויף די נאלעווקעס. אהן איהם וואלט דא אונמעגליך געווען אזא לעבעדיגע, רוישיגע בעוועגונג; אהן איהם וואלט זיך אבגעשטעלט דער קרעדיט, וואס אויף איהם איז דא געבויט דער האנדעל. ווארום דער פראווינציעלער קרעמער שטעהט זעלטען אין דירעקטע בעציהונגען מיט'ן פאבריקאנט און אנגרא־סוחר. דער קרעמער קומט צופאהרען קיין ווארשוי ערב סעזאן — איין מאל, צוויי מאל א יאהר. דאס גאנצע יאהר בעציהט ער סחורה דורכ'ן קאמיסיאנער. דער קאמיסיאנער איז פאר איהם ערב און שאפט איהם קרעדיט. א קרעמער דארף א סך יאהרען האנדלען און האנדלען ראיעל, ביז ער איז זוכה צו קריגען א רעפוטאציע ביי זיין פאבריקאנט אדער אנגרא־סוחר.

די מאסען־בעפעלקערונג דא אויף די נאלעווקעס בעשטעהט פון פריקאשטשיקעס, טרעגער, גאסען־הענדלער און סתם גאס־מענשען. די ערשטע זענען אויך מעהרסטענס ליטוואקעס, בעזונדערס אויף די וויכטיגערע, פעראנטווארטליכע שטעלען, ווי: קאסירער, בוכהאלטער, קארעספאנדענטען, עלטערע געזעלען. די איבעריגע זענען היגע, פוילישע יודען. ווען איהר פערגלייכט אט די יודישע מאסען־בעפעלקערונג אין ווארשוי און אין אנדערע יודישע שטעדט, ווארפט זיך אייך אין די אויגען דער חלוק צווישען דארטען און דא. דארט איז אלץ דערשלאגען, אבגעריסען, פערקומערט; דא איז אלץ ריהרעוודיג, מונטער. אזא ארימקייט ווי אין ליטווישען יודישען תחום איז דא ניטא. קוים האט מען עפים וואס צו טון, האט מען דעם רובעל א טאג. אפילו דאס יונגעל, וואס שטעהט מיט געבראטענע ארבעס אין גאס און פערקויפט צו א קאפיקע א מעסטעלע. אין דער גרויסער ווירבעלשטראם־בעוועגונג איז ניט שווער צו פערקויפען 200 מעסטעלעך א טאג און פערדיענען דערביי 200 גראשען. דאס זעלבע איז מיט די גאס־ווייבער און יודען, וואס שטעהען דא מיט קיב־

לעך, עפּעל, אַפּעלסינען, לעקעכלעך און עהנליכע „קרייטיכער". א צייטונגס-מאַן פערדיענט לייכט זיינע פאַר רובל א טאַג און אַפט נאָך מעהר. די פרוי מיט'ן קאַשיק, דאַ אויף די נאַלעוור־קעס, זעהט ניט אויס אזוי פער'חושכ'ט און פעראַרימט, ווי די־זעלבע הענדלערין אין ווילנא, אין יאַטקעווער געסיל.

דאָס הייסט, נאַטירליך, ניט, אז די מאַסע לעבט דאַ א גוּ־טען טאָג. נאָר אין פערגלייך מיט דער ליטווישער מאַסע לעבט זיך איהר דאַ א ביסעל לייכטער, דערהויפּט די לעצטע צייט. מיט א יאָהר צעהן צוריק איז איהר לאַגע געווען פיעל ערגער. דער ארבייטס־טאָג אונגעהויער לאַנג. די בעוועגונג האָט דאַ, מעהר ווי אומעטום אין יודישען תחום, אויפגעהויבען דעם אר־בייטער'ס לאַגע און ער האָט איצט א מעהר מענשליך פּנים. דער־פאַר איז אין ערגיץ ניט צו בעמערקען איצט אזא ענערגישע שטרע־בונג פון די בעלי־בתים אומצוקעהרען די פריהערדיגע צייט, ווי אין ווארשויער געטאָ.

כדי די שילדערונג פון אָט דעם מערקווירדיגסטען יודי־שען קווארטאַל זאָל זיין מעהר אָדער ווייניגער פאָלקאָם, דאַרף מען צוגעבען נאָך א פּאָך, וואָס ליעגט כמעט דורכאויס ביי ליט־וואקעס אין די הענד. דאָס זענען, ווי געזאָגט, די רעסטאָראַנען. אין ערגיץ האָט איהר ניט אזא מאַסע גאַרקיכען, ווי אין דער נאַלעווקעס־געגענד. כמעט אין יעדען הויף איז דאַ א רעסטאָראַן מיט'ן נאָמען „הויזליכע מיטאָגען". אין ערגיץ איז אויך דער מיטאָג ניט אזוי ביליג, ווי דאַ. פאַר 25 קאָפּיקעס, אפילו פאַר 22 ווערט געגעבען פיער שפּייזען. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז אין גאַנץ קליינע דאָזען. אבער דאָך עסט מען זאַט. דער פּרייז איז נידעריג צוליעב דער קאָנקורענץ.

דאָך דאַרף מען ניט רעכענען, אז די רעסטאָראַנען לעגען־צו. פערקעהרט: זיי פערדיענען גאַנץ גוט, — ווייל עס זענען דאַ א מאַסע עסער. אז איינגעפיהרט גאַרקיך האַלט מען אויף די נאַלעווקעס פאַר א גוט געשעפט. נאָר ארבייט איז דאַ פאַרהאַן פיעל.

ריידענדיג וועגען די גאַרקיכען, דאַרף מען דערמאָהנען די בעריהמטע „קאַטיק'ס קאַוויארניע" — דער זאמעל־פּונקט פון

וואַרשויער ליטעראַטען, געוועזענע, צוקינפטיגע און געגענווער־טיגע טאַלענטען. דאָ קאָנט איהר דערגעהן אַלערליי נייעסען און רכילות'ן פון דער יודיש־ליטעראַרישער וועלט. אויף די ניט־וועניגער בעריהמטע „סלאַוויאַנקע", אַ רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אייגענטליך ניט גראָד אויף די נאַלעווקעס, נאָר אַביסעל אָן אַ זייט, אויף לעשנאָ גאַס, ווערט אָבער גערעכענט צום נאַלעוו־קער ראַיאָן — ווייל זי ווערט אַם מעהרסטען בעזוכט פון דער אָרימער יודיש־ליטווישער שטודירענדער יוגענד. פאַר די אָרימע סטודענטען איז דאָס דער ביליגסטער רעסטאָראַן און ווערט דע־ריבער זעהר שטאַרק בעזוכט, בעזונדערס דערפאַר, ווייל דאָ איז ריינליכער, ווי אין די יודישע קיכען.

אויף די „נאַלעווקעס" אין א יאָהר ארום.

מעהר ווי א יאָהר, אז איך בין פון ווארשוי. קומענדיג יעצט ווידער אין פוילען'ס רעזידענץ אין גרעסטען יודישען צענטער פון רוסלאנד, האָב איך שוין אויפ'ן ערשטען בליק בעמערקט האָ די ווירקונג פון דער רעאקציע. עס איז אלעס רוהיג, אלעס געהט ווידער זיין געוועהנליכען גאנג, ווי מיט צעהן יאָהר צוריק. צוגעקומען איז נאָר דער עלעקטרישער טראַמוואַי, וועלכער קורסירט דערווייל בלויז אין איינציגע גאַסען.

ס'פערשטעהט זיך, אז די רוהיגקייט און נאָרמאלעס אויסזעהן איז א שיינבארע, איז בלויז אין גאס. דאָס אינערליכע לעבען אָבער איז טיעף צוטרייסעלט. באָמבעס און ברוינינגס איז געוואָרען א כראָנישע קרענק אינ'ם לעבען פון פוילען. אבער מ'איז שוין דערצו געוואוינט. דאָס איז געוואָרען אזוי ווי א נויטווענדיגער אטריבוט אינ'ם לעבען פון ווארשוי און לאדז, מיר דאכט זאָגאר, אז ווען די ברוינינגס און באָמבעס הערען אויף, וואָלט מען נאָך זיי געבענקט...

פריהער פון אלץ לאָמיר ארויף אויף די נאלעווקעס און זעהן וואָס ס'טוט זיך דאָרט? וואָס האָט זיך געענדערט אין דעם יאָהר צייט?

די „נאַלעווקעס" אין ווארשוי איז דער מערקווירדיגסטער יודישער קווארטאל אין דער וועלט. דאָ איז אלעס אזוי טיפּיש, אזוי אָריגינעל יודיש, אז איהר געפינט נישט עהנליכעס ניט אין מינסק, ניט אין ווילנא, ניט אין אדעס, ניט אין קראקוי און

לעמבערג. ניט אין לאנדאָנער ווהייט־טשעפעל. מיט קאַנעל, אָדער גרענד סטריט אין ניו יאָרק קענען די נאַלעווקעס ליידען א פערגלייכונג ביז א געווויסען גראַד; אָבער בלויז ביז א געוויסען גראַד. אי דאָ, אי דאָרט זענען די גרויסע יודישע האָלסייל־געשעפטען: אי דאָ, אי דאָרטען, רודערט עס און רוישט כמעט טאָג און נאַכט; אי דאָ, אי דאָרטען זעהט איהר אלע יודישע טיפּען. אבער אז איהר קוקט זיך איין אויפמערקזאַם אין דעם שפּרודעל פון די נאַלעווקעס, זעהט איהר דאָ ניט דעם כאַאָטישען הו־הא, וואָס אין קאַנעל, אָדער גרענד סטריט. אין קיין יודישען קוואַרטאַל אין דער וועלט איז די בעוועגונג ניט אזוי שטאַרק, ניט אזוי האַסטיג און קאָכעדיג ווי אויף די נאַלעווקעס. ווען איהר קוקט פון אויבען אויף, און איהר זייט ווייניג בעקאַנט מיט'ן וואַרשעווער לעבען, דוכט זיך אייך, אז דאָ איז אן אייביגער „כף הקלע“ און „עולם התוהו“, וואו מענשען ווערען געטריבען און געיאָגט, וואו עס איז הוילער משוגענער הוק און שווינדעל.

אין גרונד אבער, איז דאָ די בעוועגונג, א לעבעדיג־פרייע, א מונטערע, א האַרמאָנישע. מ'לויפט דאָ, ווייל עס איז טייער די צייט. און די צייט איז טייער, ווייל מען געווינט עפּעס פון איהר. קורץ, דאָ איז א מסחר־וועלט, דאָ איז דער גרעסטער האַנדעלס־צענטער פון יודישען תחום. דאָ איז דער פּלאַץ, וואו דער ליטוואַק מיט'ן פּוילישען חסיד, וואו דער יוד בכלל מיט'ן פּאָניע, מיט'ן אַרמעניער, טאַטאַר, קירגיז און טשערקעס בעגעגענען זיך אויפ'ן פריעדליכען קאָמערציעלען באָדען; וואו עס בעגעגענען זיך אלע סאָרטען יודען און קריסטען בכלל, און שליסען צווישען זיך פעסטע פערבינדונגען.

נאָר דאָס אייגענטליך איז וואַרשאַ בכלל. די נאַלעווקעס זענען בעריהמט דערמיט, וואָס דאָס איז אין וואַרשאַ דער אייציגער קוואַרטאַל — (צוזאַמען מיט די דערבייאיגע גענסיע, דזעלנאַ און דזיקאַ), וואו דער מסחר ליעגט ביי די ליטוואַקעס אין די הענד. אמת, די קליינע געשעפטלאַך, ווי שענקען, קאַוויאַרנעס, שפּייז־קראַמען און דאָס גלייכען (א חוץ רעסטאָראַנען, וועלכע זענען מעהרסטענס ביי ליטוואַקעס אין די הענד)

געהערען צו די פוילישע יודען. אבער די האלסייל־ביזנעס, איבער־הויפּט: די פארשטעהערשאפט פון די גרויסע לאדזער, מאסקווער און אנדערע רוסישע גרויסע פאבריקאנטען — געפינט זיך דא אין די הענד פון ליטוואַקישע יודען. זיי זענען די פערמיטלער צווישען מזרח און מערב, צפון און דרום פון רוסלאנד. די לעצטע צייט שפּילען זיי אויך א וויכטיגע ראלע אין פערשפּרייטען אין רוסלאנד די נייעסטע טעכנישע ערפינדונגען פון אייראפּא און זאגאר פון אמעריקא. א סך פון די יודען, וואס מען האט זיי ארויסגעטריבען פון מאסקווע, האבען זיך דא אויף די נאלעווקעס בעזעצט אלס פארשטעהער פון די רוסישע פירמעס, זיי ענטוויקלען און פערשפּרייטען די רוסישע פאבריקאציאן און האבען אנגעקליבען א פערמעגען. דאס זענען די „פּני" פון די נאלעווקעס. דער מיטעלערער קלאס בעשטעהט פון קליינע פאבריקאנטלעך פון ביליגע גאלאנטעריי־וואארען און קינדערשע שפּיל־זאכען, ווי אויך קאמיסיאנער־פערמיטלער צווישען דעם פאבריקאנט און האלסיילער פון איין זייט און דעם פּראווינץ־קרעמער פון דער אנדערער זייט.

דער דאזיגער קאמיסיאנער־פערמיטלער איז זעהר א וויכטיגע פערזאן אויף די נאלעווקעס. אמאל איז זיין הויפּט־פּלאץ געווען מאסקווע. נאכ'ן „גרוש" איז ער צוזאמען מיט די יודישע סוחרים אוועק אין ווארשא. ער איז דער קאכלעפעל וואס ברייננט אין בעוועגונג דעם גאנצען מסחר אויף די נאלעווקעס. אהן איהם וואלט געווען אונמעגליך דא אזא לעבעדיגע רוישיגע בעוועגונג; אהן איהם וואלט זיך אוועקגעשטעלט דער קרעדיט אויף וועלכען דער האנדעל איז דא געבויט. ווארום דער פּראווינציעלער קרעמער שטעהט זעלטען אין דירעקטע בעציהונגען מיט'ן פאבריקאנט און האלסייל־סוחר. דער קרעמער קומט צו פאהרען אליין אין ווארשא ערב סיזאן — איין מאל, צוויי מאל א יאהר. דאס גאנצע יאהר בעציהט ער סחורה דורכ'ן קאמיסיאנער. דער קאמיסיאנער איז פאר איהם ערב און שאפט איהם קרעדיט. א קרעמער דארף א סך יאהרען האנדלען און האנדלען ראיעל, ביז ער איז זוכה צו קריגען א רעפּוטאציע פון א ראיעלען סוחר ביים פאבריקאנט אדער האלסיילער.

די מאסענבעפעלקערונג, דאָ אויף די נאַלעווקעס, בע־שטעהט פון די אַנגעשטעלטע, טרעגער, גאסענהענדלער און סתם גאס־מענשען. די ערשטע זענען אויך מעהרסטענס ליטוואקעס, בעזונדערס אויף די וויכטיגערע, פעראַנטוואָרטליכע שטעלען, ווי: קאסירער, בוכהאלטער, קאָרעספּאָנדענטען, עלטערע געזע־לען. די איבריגע זענען היגע פּוילישע יודען. ווען איהר פער־גלייכט אַט די יודישע מאסענבעפעלקערונג אין ווארשא און אין אנדערע יודישע שטעדט, וואַרפט זיך אייך אין די אויגען דער אונטערשייד צווישען דאָרטען און דאָ. דאָרטען איז אַלעם דער־שלאָגען, אַבגעריסען, פערקימערט; דאָ איז אַלעם ריהרעוודיג, מונטער. אזא ארימקייט ווי אין ליטווישען יודישען תחום איז דאָ ניטאָ. קוים האָט מען עפּעס וואָס צו טאָן, האָט מען זיין רובל אַ טאָג. אפילו דער יונגעל, וואָס שטעהט מיט געבראָטענע אר־בעס אין גאס און פערקויפט עס אויף'ן קווארטעלע — פאָר אַ קאָפּיקע. אין גרויסען ווירבעל־שטראָם־בעוועגונג איז ניט שווער צו פערקויפען דריי הונדערט קווערטעלעך אַ טאָג און מאכען דערביי דריי הונדערט גראשען. דאָס זעלבע איז מיט די גאָס־ווייבער און יודען, וואָס שטעהען דאָ מיט קיכלעך, עפּעל, אפּעל־סינען, לעקעכלאָך און עהנליכע „קרייטיכער". אַ צייטונגס־מאַן פערדינט לייכט זיינע צוויי דריי רובל אַ טאָג און אַפט נאָך מעהר. די פרוי מיט'ן קאָשיק, דאָ אויף די נאַלעווקעס, זעהט ניט אויס אזוי פער'חושכ'ט און פעראָרימט, ווי די זעלבע הענדלע־רין אין ווילנא, אין יאטקעווער געסיל.

דאָס הייסט ניט, נאַטירליך, אז די מאסע לעבט דאָ אַ גו־טען טאָג. נור אין פערגלייך מיט דער ליטווישער פערדינט זי דאָך בעסער. איבערהויפּט די לעצטע צייט. מיט אַ יאָהר צעהן צוריק איז איהר לאַגע געווען ערגער. דער ארבייטס־לוין איז דאָ געווען אונגעהויער אַ נידריגער. די ארבייטס־צייט אונגעהויער לאַנג. די בעוועגונג האָט דאָ, מעהר ווי אומעטום אין יודישען תחום, אויפגעהויבען דעם ארבייטערס לאַגע און ער זעהט יעצט אויס ווי אַ מענש.

אום די שילדערונג פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגסטען יו־דישען קווארטאל זאָל זיין מעהר אָדער ווייניגער פּאָלקאָם, דאָרף

מען צוגעבען נאָך אַ פאַך, וואָס ליגט כמעט דורכאויס ביי ליט־וואקעס אין די הענד. דאָס זענען, ווי געזאָגט, די רעסטאָראַ־נען. ערגעץ האָט איהר ניט אזא מאסע גאַרקיכען, ווי אין דער נאַלעווקעס־געגענד. כמעט אין יעדען הויף איז דאָ אַ רעסטאָראַן אונטער דעם נאָמען „הויזליכע מיטאָגען". ערגעץ איז אויך דער מיטאָג ניט אזוי ביליג ווי דאָ. פאַר פינף און צוואנציג קאָפּי־קעס, זאָגאר פאַר צוויי און צוואנציג ווערט געגעבען פיער שפּיי־זען: אַ פאַרשפּייז, פליייש, זופּ און קאָמפּאָט. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז אלעס אין קליינע דאָזען. אבער דאָך קען מען זיך אָנעסען צו זאַט. דער פרייז ווערט דאָ געהאַלטען נידריג צוליב דער קאָנקורענץ.

דאָך, דאַרף מען ניט רעכענען, אז די רעסטאָראַנען לעגען צו. פערקעהרט: זיי פאַרדינען גאַנץ גוט, ווייל עס זענען דאָ אַ מאסע עסער. און איינגעפיהרטע גאַרקיך ווערט אלזאָ בע־טראַכט אויף די נאַלעווקעס אלס אַ גוטער געשעפט. נאָך האָ־רעוואַניע איז דאָ אַ מאסע. רעדענדיג וועגען די גאַרקיכען, דאַרף מען דאָ דערמאָנען די בעריהמטע „קאַטיק'ס קאַוויארנע" — דער זאַמעלפּונקט פון וואַרשעווער ליטעראַטען, געוועזענע, איצ־טיגע און צוקונפטיגע טאַלאַנטען. דאָ קענט איהר זיך דערוויי־סען אלערליי נייעסען, רכילות, פון דער יודיש ליטעראַרישער וועלט. אויך די ניט וועניגער בעריהמטע „סלאַוויאַנקע", אָדער מיט איהר פולען נאָמען: סלאַוויאַנער קיך, אַ קריסטליכער רעס־טאָראַן, וועלכער געפינט זיך אייגענטליך ניט גראָד אויף די נאַ־לעווקעס, נאָר אביסעל אָן אַ זייט אויף לעשנאָ גאַס, ווערט אבער גערעכענט צו נאַלעווקעס דיסטריקט, ווייל זי ווערט אַם מעהרסטען בעזוכט פון דער אָרימער יודישער שטודירענדער יו־גענד. כאָטש די שפּייזען זענען דאָ געשמאַקלאָז און כמעט אי־מער דיזעלבע גריכטען, אָבער דאָך גיט מען צוויי פליישען, צוויי זופּען און אַ גלאָז שוואַרצע קאַפע — און דאָס אלעס פאַר פינף און צוואנציג קאָפּיקעס. פאַר די אָרימע סטודענטען איז דאָס דער ביליגסטער רעסטאָראַן און — כאָטש אַ קריסטליכער — ווערט ער דעריבער זעהר שטאַרק בעזוכט.

אין די „געהויבענע טעג" פון דער רעוואָלוציע, האָט קיין

קווארטאל אין ווארשא ניט געהאט אזא געהויבענעם אויסזעהן, ווי די נאַלעווקעס. אויף קיין קווארטאל איז דעריבער די פּאָליציייאישע „השגחה“ ניט געווען אזוי שטארק ווי דאָ. די נאַלעווקעס זענען געווען גערעכענט אלס דער געפעהרליכסטער פונקט פון דער רעוואָלוציע. דאָ איז געווען ניט מיליטערישער צושטאַנד, נאָר ממש בעלאגערונגס־צושטאנד.

דערפאר איז יעצט קיין קווארטאל ניט אזוי „רוהיג“ ווי די נאַלעווקעס. די מיליטערישע פּאטרולען זענען שוין לאנג ארונטערגענומען. דער שפּרודעל און שטראם האָט אנגענומען זיין הארמאָניש־פּאטריארכאלישע פיזיגנאָמיע. ווי אמאָל אין די „אלטע גוטע צייטען.“ און נאָר דער ביקס, וואָס דער פּאָליציסט טראָגט פון הינטען און אַ באָמבע, וואָס פלאצט אמאָל אונטער אַ טיר (איבריגענס דאָ זעלטענער ווי אומעטום) דערמאָנט אָן דעם אלגעמיינעם נאָך ווייט ניט בערוהיגטען צושטאנד.

דורך א פענסטעריל אויף די „נאלעווקעס".

אויב איהר זייט געווען אין ווארשא מיט א האלב יאהר צוריק און קומט ווידער אהער יעצט, בעמערקט איהר גלייך אן ענדערונג. דער שטראם פונ'ם נארמאלען, קאכיגען ווארשעווער לעבען, שיינט צו זיין ווידער אריינגעאנגען אין זיין נאטירליכער קאלוזשע, בעזונדערס בעמערקט איהר עס אויף די נאלעווקעס, דעם מיטעלפונקט פונ'ם ווארשעווער געטא. אלעס בעוועגט זיך, לויפט און האוועט קאכיג אבער אהן אימפעט, אהן דער צעשראקענער האסטיגקייט, וואס איהר האט דא בעמערקט די גאנצע פריהערדיגע אנדערהאלבען יאהר פון דער רוסישער רעוואלוציע.

ווען איהר מיינט אבער, אז ווארשא האט זיך בערוהיגט, האט איהר א טעות, דאס איז פשוט די בעפעלקערונג צוגעוואוינט געווארען צום „קאנטשיק", האט זיך צוגעפאסט צו די אומשטענדען און אויסגעלערנט זיך פיהרען איהר געוועהנליכען טעגליכען לעבענס־קאמפף, האווענדיג, כלומרשט ווי ס'וואלט גאר נישט פאסירט און דאך אונבעמערקט ווארפענדיג אויגען אן א זייט, צו די ראגען גאס וואו עס שטעהען, ווי פריער, די פאטרולען — די וועכטער פון ניקאלאי'ס קאנסטיטוציע.

אלעס לויפט דאכט זיך רוהיג. אבער עס דארף זיך נאר לאזען הערען א קלאפ, א בראזשג, אז עטוואס העכערער קויל, ווי דאס לעבען ווערט פלוצלונג אבגעשטעלט און פערגליווערט אין א פאנישען שרעק. עס ווערט א משוגע'נער געלאף, ווי אין

א מוראשקעס־הויפען, וואו אימיצער האט אריינגעשטעקט א שטעקען. אבער, וואס פאר אן אורזאכע דער שרעק זאל ניט האבען, אין א וויילע ארום ווערט ווידער רוהיג אויף צוכלומרשט רוהיג, ווי גאר נישט געווען.

דאס לעבען אין ווארשעווער געטא איז זעהר אינטערע־סאנט, אבער צוליב דעם אויסערליכען ביזנעס־קאך איז אויך שווער אריינצוקוקען דא אינעווייניג, אין דער נשמה פונ׳ם גע־טא. נאך שווערער איז דאס אויף די נאלעווקעס, וואו די הא־ווענעס און געלאף זענען נאך שטארקער, ווי אין די איבריגע גאסען.

די נאלעווקעס זענען שטארק עהנליך צו נויארקער גרענד סטריט מיט די גרויסע קלייטען, מיט דער ראשער בונטער בע־וועגונג, מיט די רייהען סטענדס און קעסטלאך פון די גאסען־הענדלער פון ביידע זייטען גאס. נאר די בעפעלקערונג איז דארט אן ארטיגע, מעהרסטענס ארבייטער; און דא א דורכפליהענדיגע, א ניט־היגע, מעהרסטענס פראווינציעלע קרעמער און קרעמער־לאך.

ווען איהר ווילט זיך אלזא צוקוקען צו די מענשען, צו זיי־ער לעבען און פאסען זיך פיעל־ווייניג דערפון א בעגריף, מוזט איהר אריין אין א הויף און צוקוקען זיך, וואס דארט טוט זיך, דורך א פענסטער. קוקען אזוי א פאר שטונדען איז גאנץ אינ־טערעסאנט. איהר האט דא א גאנצע פאנאראמע פון סצענען, בילדער פון אלע סארטען וואס איהר קענט זיך נאר פאר־שטעלען.

א הויף אויף די נאלעווקעס איז אן אונגעהייערער קאנט־ראסט צו דער גאס. דארט אויפ׳ן גאס קאכט און זידט און רעש׳ט — דא אויף דער „פאדוואורקע" איז שטיל און רוהיג און דאס לעבען פליסט ווי אין א קליין שטעדטעל. א ווארשע־ווער הויף איז ווי א פעסטונג, אדער, ריכטיגער, ווי א גרויסע טורמע: פון דריי זייטען ארומגעצאמט מיט הויכע מאסיווע מויערן און צום גאס פערשפארט דורך א שווערען אייזערנעם טויער, ביי וועלכען עס זיצט טאג און נאכט א וועכטער און גיט אכטונג אויף יעדען, וואס געהט אריין און געהט ארויס. א חוץ

„סטרוזשען“ איז אין יעדען הויף דאָ „א זשאַנצע“, א הויז קיפּער, וואָס גיט אויף אייך אכטונג. ווייס וויפיעל קינדער איהר האָט, וואָס איהר טוט, ווי איהר לעבט, ווער עס געהט אָדער פאָהרט צו אייך אריין, נעהמט אָפּט אנטייל אין אייערע ביזנעס, אין אייער פאמיליען־לעבען, און מוז — לויט דער פאָדערונג פון דער פּאָליציי, אבגעבען דין וחשבון פונ׳ם לעבען פון יעדען קווארטיראַנט דעם „רעווירָאָווע“ און צירקעל, וועלכער איז אייגענטליך דער רעכטער באלעבאָס פונ׳ם הויף.

אין א פרייען לאַנד וואָלט דעם בירגער גאָר אונמעגליך געווען זיך פאָרצושטעלען, אז מען קען לעבען אונטער אזא דרייפאכער השגחה פון סטרוזשען, זשאַנצעס און פּאָליציי. דאָ איז מען שוין דערצו געוואוינט, מען ווערט געבאָרען, מען האָט חתונה, מען קינדערלט און מען שטארבט אונטער דעם דאָזיגען צוים. וואו מען קען זיך ניט א קעהר טאָן פריי.

איך האָב געזאָגט פריהער, אז אויף א ווארשעווער הויף לעבט זיך רוהיג און שטיל, ווי אין א קליין שטעדטעל. דאָס מוז מען אָננעהמען מיט א געוויסער ערקלערונג. אייגענטליך פויקט דאָ און טומעלט דאָ אָהן אויפהער פון דער פריה ביז ביינאכט. נאָר דאָס פויקען און טומלען איז אזוי איינטאָניג און ענג פערבונדען מיט דעם הויפישען לעבען, פונקט ווי טיטום מיט דעם „מוק“, וואָס האָט איהם געעגבערט דעם אויער. זאָל צום ביישפיל אוועק א טאָג און אויף א ווארשעווער הויף זאָל זיך ניט הערען דער הייזעריג־אָנגעבראָכענער קול: „האנדליע! האנדליע!“ אָדער „קאָסטי קופּויע!“ פון די פּוילישע שמאטעס־ און ביינער־הענדלער, וועט א ווארשעווער באלעבאָס געווים פיהלען, אז עס פעהלט איהם עפּעס.

דער טאָג הויבט זיך אָן אויף א ווארשעווער הויף מיט דעם קלינגען און קלאַפּען פון די שלייפער, האָלצהעקער און זעגער. די דאָזיגע שרייען ניט, ווי די שמאטעס הענדלער, נאָר זיי קלינגען מיט א גלעקעל און קלאַפּען מיט דעם פלעקעל פונ׳ם זעג.

נאָך זיי קומען גלעזער און שרייען: שויבען! שויבען! נאָך די גלעזער קומען יודישע אלטווארגער און קריסטליכע ביי־

נער־ און שמאטעס־הענדלער, מיט זייער בעקאנטען איינטאָני־ גען: „האנדליע!" און קאסטי קופּויע!"

גאנץ פריה הערט איהר אויסרופען: ציימונגען! צייטו־ נגען! „טאגעבלאט!" „פריינד!" „ראמאנעןצייטונג!" א. ז. וו. דאָס קומען די צייטונגסיונגלאך מיט פרישע בלעטער. אויף די גאסען לאָזט מען זיי נים שטעהן, געהען זיי איבער די הויפען.

ארום האלבען טאָג איז אַ סדרה פון פוהרען. מען פיהרט וואגענס שטרוי, העלצלעך, קויהלען און עהנליכע באלעבאטיש־ קייט. דערנאך קומען מיסט־קלייבער און פּארקען זיך אין גרוי־ סען צוגעמאכטען מיסט־קאסטען אויף רעדלאך. אויב מען גע־ פינט צווישען די שמאטעס, שטיקלאך ברויט, בולקע זעצט מען זיך צו ביין קאסטען און מען בייסט איבער.

אַט אזוי הערט א גאנצען טאָג נים אויף די הויפען־פּעד־ לעריי, בעגלייט פון פערשידענע געשרייען: בערשט! בערשט! האנדליע! קאסטי קופּויע! גאלגאני קופּויע! שוי־ בען! שויבען! פּאמעראנצי מאלינאווי!... דין־דין־דין! טראך!... אַט די אלע קולות, דאָ איינטאָניג ווי דער סקריפּ פון א וואָגען. אָדער „קו־קו" פון א קוקאווקע, דאָ קונציג און פערדרעהט ווי א מין געמאסטענע פערזוין־דעקלאמאציע, אָדער אַ ליעדער־גע־ זאנג וואָס גיט אָב שטענדיג מיט א בעהאלטענעם אומעט פון מורא'דיגער אָרימקייט און הונגער־נויט.

דאָס איז דער ביזנעס־טייל פונ'ם טאָג אויף אַ הויף פון די נאלעווקעס. עס גיבט גאנץ אָפט אויך מוזיקאלישע און דראַ־ מאטישע פּאָרשטעלונגען, פערשידענע קאטערינקעס, בלינדע מוזיקאנטען און זינגער, קונצען־מאכער, גראמאָפּאָנען, — דאָס הערט אויך נים אויף אין די אנטראקטען צו פויקען אויף די הוי־ פען. די שכנים אויף אַ הויף פון די נאלעווקעס זענען כמעט אימער ביזנעס־לייט, וואָס האָבען געשעפטען צום גאס, אָדער אין הויף גופא. און דאָך איז מען זעהר צופרידען פון די גאסען־מוזיק און קאָמעדיאנטען. קוים בעווייזט זיך נאָר א קאטערינקע, א קונ־ צענמאכער מיט א פויק און מעשענע טעלער, עס לאָזט זיך הערען א הייזעריגער „כל נדרי" פון אַן אַלט־מאָדישען געניצ־ טען גראמאפאָן, ווערט שוין פול אין די פענסטער פון אַלע

עטאַזשעז. עס שטעקען אַרוים קעפּ פון ווייבער, מיידלעך, בחורים און עלטערע יודען — הערען זיך צו מיט פערגניגען צו דער „מוזיק“ און בעטראַכטען מיט נייגירינקייט די פאַרשטעל־לונגען. די מוזיקער און קאָמענדיאַנטען געהען קיינמאָל ניט אוועק מיט לעדיגע פון אַ הויף. מען וואַרפט זיי אַרוים פון די פענסטער וויפיעל ווער עס קען.

דאָס איז אַלץ דער נאַטירליכער גאַנג פון די פּאַסירונגען. עס טרעפען אָבער אויך עקסטראַ־אָרדינאַרע פאַרשטעלונגען. אַט ווערט פּלוצלונג אַ טומעל. עס ווערט אַן אַנגעלאָף פון אַלע עטאַ־זשען. אין די פענסטער שפּאַרען זיך צו פינף, זעקס קעפּ מיט אַמאָל, מען שרייט, מען ליאַרעמט. וואָס איז די מעשה? מען האָט געכאַפּט אַ גנב! ער איז געקראָכען אויף אַ בוידעם גנב'ענען וועש. אין טאַש האָט מען ביי איהם געפונען אַן „אַטמיטשקע“ אַ מין דראַטעל, וואָס עפענט אַלע שלעסער. מען קוקט איהם פריי־ הער אָן ווי די קאַץ אַ מויז. דער בחור — אַן אויסגעפּראַנטעוועט־ טער אין אַ שטרויהענעם הוט און געלע טופליעס, קוקט אָן דעם עולם פון זיין זייט, תם'עוואַטע, כלומרשט איבערראַשט, מיט אַ מינע פון אַן אונשולדיגען קרבן. אָבער די נאַלעווקעס ווייסען זייערע קאַסטימער. עס יאָווען זיך יונגע אַרבייטער. מען נעהמט איהם פּאַטשען פון אַלע זייטען. מכבד זייענדיג איהם מיט הינטער־פּלעצלעך, צום פערבייסען, הייסט מען איהם אויף גיך זיך אָבטראָגען. צו דער פּאָליציי גיט מען קיינמאָל נישט אַי־ בער דירעקט. אָבער אונדירעקט פאַלט ער פאַרט אַריין אין ציר־ קעל, וואָרום ווי עס ווערט נאָר אַ רעדעל, איז שוין אימער דאָ אויף דער „חתונה“ אַ שפּיאָן און ברייננט אונבעמערקט די פּאָ־ ליצייאישע כלי זמר.

דאָך, אויב דער גנב איז אַן אמת'ער גנב און ניט קיין אַנאַרכיסט, האָט ער זיך ניט וואָס צו שרעקען. פון צירקעל בע־ קומט ער באַלד די מעגליכקייט צו נעהמען זיך אויף דאָס ניי צו זיינע „ביזנעס.“

די הויפּט־ראָלע אויף אַ הויף פון די נאַלעווקעס שפּילען די קינדער. איבערהויפּט זומער זענען זיי די באַלעבאַטים פונ'ם הויף. אין דעם לעבען פון די מענשען האָט דאָס וואָרשעווער נע־

טאַ פּיעל עהנליכקייט צו נויאָרקער יודישען קוואַרטאַל. נאָר די פּראָלעטאַרישע קינדער מאַכען דאָ אַ בעסערן איינדרוק, ווי אין נויאָרק. דאָ האָט איהר כמעט ניט קיין לויפערס. קינדער ליגען ניט אויף די גאַסען. די הויפען זענען דאָ גרויסע און זיי האָבען גענוג פּלאַץ זיך צו שפּילען ביי זיך אויפ'ן הויף. קינדערשע געשלעגען בעמערקט איהר כמעט ניט. דערפאַר נעהמען זיי אַ שטאַרקען אנטייל אינ'ם לעבען פון די גרויסע. קיין זאַך פּאַסירט ניט אויפ'ן הויף, אין וואָס זיי זאָלען זיך ניט אריינמישען אויף זייער קינדערשען שטויגער. בעזונדערס ווערט לעבעדיג פון זיי, ווען עס מאַכט זיך אויפ'ן הויף אַ שטיקעל שמחה. אַט יעצט, בשעת איך שרייב די דאָזיגע שורות און קוק צייטענווייז ארוים דורכ'ן פענסטער — איז אַ חתונה אין הויף. עס דראָהען די שויבען פונ'ם קינדערשען הורא! מיט וועלכען זיי בעגלייטען די קאַרעטע מיט חתן־כלה און מחותנים. זיי אקאָמפּאַנירען די מוזיקאַנטען, אקאָמפּאַנירען דעם בדחן און בילדען אַ מין עהרען־וואַך פאַר די חתונה־לייט. די גרויסע געפינען דאָס אַלעס נאַטירליך. און עס שיינט אז אָהן זייער, דעם קינדערשען, הורא און געטומעל וואָלט די שמחה קיין שמחה ניט געווען.

איבריגענס, ווען עס מאַכט זיך אַ חתונה, איז דאָס אַ שמחה פאַר'ן גאַנצען הויף. פרעגט ביי אימיצען וועגען חתן־כלה, וועגען מחותנים, וועט ער אייך דערצעהלען: ווי אַלט זיי זענען, וויפיעל נדן מען גיט, וועט אייך דערצעהלען: אַלע זייערע מעלות און חסרונות און געוואוינהייטען! קורץ: וואָס אונטער נאָגעל. אַזוי ווי אין ניו יאָרקער געטאָ, לעבט מען דאָ תמיד ביי יענעם אויף די אויגען, און פון דעם שכן, וואָס וואוינט מיט אייך אַ טיר צו אַ טיר ענטגעהט ניט די קלענסטע זאַך, וואָס פּאַסירט אין אייער לעבען.

מיט איין וואָרט, אַ וואַרשעווער יודישער הויף איז אַ געמיש פון אַ גרויסער שטאָדט מיט אַ קליין שטעדטעל. דער איבעריגער גערויש און הו־האַ שטערט ניט דעם שטילען אַלט־פרענקישען גאַנג פון דעם יודיש־פּוילישען פאַמיליען־לעבען מיט אַלע זיינע ליכט און שאָטענס.

אויפ'ן „דעק" פון ווארשא.

אויפ׳ן ווארשעווער לומפען־מארק.

ס׳איז פאראן אין ווארשוי א ווינקעל, איינס פון די מערק־ווירדיגסטע אין יודישען תחום. פון יענעם ווינקעל הערט איהר גארנישט, נישט אין דער יודישער פרעסע, נישט אין דער יודי־שער ליטעראטור. איך צווייפעל אפילו, אויב עמיצער פון די הונדערטער טויזענדער יודען־אורחים, וואס קומען קיין ווארשוי און ס׳שוויבעלט און גריבעלט מיט זיי אויף די נאלעווקעס, קעהרט זיך אביסעל אב אן א זייט, צו זעהן, וואס ס׳טוט זיך דא, ניט ווייט, טאקע דריי טריט פון די נאלעווקעס, אויפ׳ן לומפען־מארק.

ווארשויער „לומפען־מארק" איז דאסזעלבע, וואס ווילנער „באסיאקעס", וואס מאסקווער „חיטראווקע", וואס ניו־יארקער „באוערי". דא געפינט איהר זיך אויפ׳ן סאמע דעק פון דער גע־זעלשאפט. אבער אט דער ארט איז ניט אזוי ליארמדיג און חוצפה׳דיג, ווי „חיטראווקע" אדער די „באוערי". אויף דעם ווארשויער יודישען דעק איז כמעט ניטא קיין שכור, קיין בא־סיאק. דא איז, אמת, דער אבפאל פון אלץ, וואס ווערט דארט, ארויף, אין די העכערע גאסען פראדוצירט. און אט נאך די שיריים קומען יענע אפגעפאלענע פון דער געזעלשאפט, וואס נעהרען זיך דורך אדער מיט זיי.

דא אויפ׳ן לומפען־מארק זעהט איהר דעם טיעפסטען עלענד פון יודישען געטא. נאר דער עלענד שרייט ניט און וויינט ניט. די אונבעשרייבליכע ארימקייט נעהמט דא אן די מינע פון

„ביזנעס", להבדיל, ווי דארט אין די גרויסע הורט־מאגאזינען, אויף די נאלעווקעס און גענשע גאס. אי דער יוד, וואס שטעהט איבער א הויפען אלטע פאדעשוועס און אבזאצען, אי דער לאַ־פאטניק — דער שוסטער, וואס לעבט נאר פון לאטען אלטע שיך מיט די דאזיגע אלטע פאדעשוועס — מאכען אנ׳איינדרוק פון מסחר־לייט. און די אלטע פאדעשוועס זענען צוזאמענגע־בונדען ריינליך און נעט, צו האלבע טוץ, אדער צו טוץ. די דא־זיגע פעקלעך זענען אויסגעלעגט אין גלייכע, לאנגע שורות. דער קרעמער געהט ארום זיי פון אלע זייטען, שטאלץ מיט זיין סחורה, וואס איז איינגאנצען, אפילו לויט׳ן לומפען־מארק קורס, ווערט הלואי דריי קארבען. ער איז פעסט און זיכער, אז זיין קונה וועט קומען. און דער קונה קומט טאקע, קוקט ארום די סחורה מיט אנ׳ערנסט פנים, וועגט אין האנד, נעהמט־צו און צאהלט מזומנים, אמת, ניט קיין רובלס, נאר גראשענס. אבער דא, אויפ׳ן לומפען־מארק געהט דאס גאנצע לעבען אויף גרא־שענס.

נאר מיינט ניט, אז דא האנדעלט מען נור מיט אלטע פאדעשוועס. איהר קאנט דא געפינען, וואס א מויל קאן נאר ריידען. ווארשעווער לומפען־מארק איז, להבדיל, די 14־טע סטריט, דער „וואנאמייקער"*) פון ווארשויער געטא.

אט האט מען פאר מיר אין די אויגען נאר־וואס געבראכט צוטראגען א גרויסען, א ברייטען זאק. געבראכט האט מען דעם זאק זאלבעדריט: מאן און ווייב און א בחור — א זוהן אפנים. קוים אראבגעשלעפט אויף דער ערד, נעהמט זיך די פאמיליע ערנסט־פייערליך אויספאקען דאס אינוויינינגסטע. גאט מיינער! וואס איז דארט אין זאק ניט געווען! וועסטען, יאקען, צילינ־דערס, פראקען, שלעפעס, גאלד־געוועבטע דאמען־שיכלעך, היט אלא־שאנטעקלער, גענעראל־אוניפארמס, חופה־קליידער, זיידע־נע שאלען, סאמעטענע קאפאטעס, דאמען־הויזען, בודואר־קא־

*) וועלט־בעריהמטעס געשעפט אויף דער ... ־טער סטריט אין ניו־יארק, וואס פערנעהמט א גאנצען קווארטאל און מ׳בעקומט דארט אלץ, וואס א מענש דארף האבען.

פאטעך. ווי דורך „שווארצע קונצען“ פון א צויבערער האט זיך אנגעהויבען שיטען פון זאק און קלויבען ארום איהם גאנצע בערג פון סאמעט, זיידענס, גאלד און זילבער־געוועב און האפטונג אין די סאמע פאנטאסטישע פארמען און געשטאלטען. און ארום די אויפגעהויפטע בערג פון גאלד־ און זיידען־שמאטעס האט זיך ביסלעכווייז גענומען קלויבען אן אינטערנאציאנאלער עולם פון „דאמען“ — איבערהויפט מיידלעך: קעכינס, שטוב־מיידלעך, פאבריק־ארבייטארינס, וועלכע האבען שטארק חשק צו א מאדע־קלייד, אדער א מאדע־הוט, זאל אבער קאסטען ביליג. מען טאפט אין האנד, מען מעסט, מען צאצקעט זיך, מען דינגט זיך, מען האמפערט זיך.

דאס איז א כל־טוב־מאגאזין, אבער ספעציעל פון לוקסוס־זאכען, איבערהויפט דאמען־מאדעס. ווייטער געהט דאס געשעפט מעהר ספעציאליזירט. דא ליעגט א בארג פון מענער־היט פון די פערשיעדענסטע פאסאנען. דאס איז א „הוט־געשעפט“. אהער קומען די לאפאטניקעס, קירזשנער, אדער גלאטטאנדעטניקעס, וואס מאכען פון אלט ניי, און קויפען טוצענדווייז. צעהן קאפיקעס א הוט איז דער העכסטער פרייז. געוועהנליך, איז א צעהן־גראשען־מטבע א גוטער פרייז. דא דערביי געהט דערזעלבער הורט־מסחר מיט דאמען־היט. א טריט ווייטער איז אנגעווארפען א הויפען שטיוועל אהן פאדעשוועס, האלבע האליאוועס, נעזלעך, הוילע אבזאצען, זוילען, האנדשוה: אן א זייט זענען אויסגעלעגט שורות מיט אבפאל פון די פערשיעדענסטע מינים: לעדער, זעמס, גומי, צאראטעס, סטענגעס א. אז. וו.

דאס אלץ איז אויסגעלעגט אויף דער הוילער ערד, איבער'ן מארק. דער מארק אז גרויס און געראַום. ארום דעם שטעהען טישלעך און ביינקלעך מיט כל המינים געקעכטס און געבעקס, וואס ווערט טאקע דא גופא אויף רויכערדיגע פרימיטיווע אייזערנע אייוועלעך געקאכט, געבאקען און געבראטען. א פוילישער פויער, וואס האט זיך דא פאר א פאר גילדען אויסגעפוצט פון קאפ ביז די פיס, האלט מיט ביידע הענד א הייסע בלינצע, געפרעגעלט אויף זעהר א פערדעכטיגען אויל, שלינגט זי אריין מיט

גרויס אפעטיט און ווארט אויף דער אנדערער, וואס פרעגעלט זיך דערוויי פאר איהם אויפ'ן בלעך. איהם פעהלט נאך א לאטע אויפ'ן שוך, וואס דער שוסטער דערביי קלאפט איהם צו און ער ווארט דערויף מיט איין פוס א הוילען.

צווישען עולם, וואס שוויבעלט און גריבעלט ווי אין א מוראשקעס־הויפען, רייבט זיך א הונד, אנ'אבגעקראכענער, פול אין וואונדען. א סאלדאט האט אויף איהם רחמנות און ווארפט איהם צו א שטיקעל בולקע. נאר דער הונד גיט א שמעק און קעהרט אב די נאז. ער איז אפנים ניט הונגעריג, און רייבט זיך מיט זיין קראנקער הויט צווישען עולם פשוט אזוי זיך, מעשה „אייגענער מענש". דא איז זיין היים און ער מוז ארײנשטעקען אומעטום די נאז. דער מארק־עולם אנערקענט אפנים זיין ביר־גער־רעכט און קיינער טשעפעט איהם ניט.

עס פעהלט אויך ניט קיין „ליטעראטור". דא און דארט ליעגען הייפלעך מיט אלטע בלעטלעך פון ביכער און ביכלעך אהן אן אנהויב און אהן א סוף: אויף פויליש, אויף פראנצוי־זיש, אויף יודיש.

איהר קאנט זיך דא אויך אנשטויסען אויף אזא בילד:

ארום א הויפען שמאטעס זיצט א גאנצע פאמיליע. דער טאטע איז זיך עוסק ערנסט מיט די קונים. די מאמע זופט פון א קריגעל א מין געקעכטס און פערבייסט מיט א שטיק ברויט. צוויי קליינע מיידעלעך, מיט שמוציגע און בלאסע, אבער זעהר שענע פנים'לעך, פלאטערן ווי זומער־פויגעלעך, שפיעלען און „גרונ־טעווען" אין די בונטע שמאטעס. די מאמע כאפט דא א זופ געקעכטס פון קריגעל, דא א קוק מיט אן אויג אויף איהר איי־גענס — די שמאטעס מיט די קינדער — און קוועלט.

אין שארפען קאנטראסט מיט דעם לומפען־מארק איז דער גרויסער גרינער סאד, אנגעזעצט געדיכט מיט פלאנצען־בוי־מעלעך, וואס גרעניצט מיט'ן לומפען־מארק און ציהט זיך פון דאנען ביז דער סאמע ווייכסעל־באהן. דער גארטען איז אבגע־צאמט בלויז מיט א נידעריגען דארפישען שטאנגען־פלויט. פון איין זייט געהט א גראשענער האמפערן און ליארם פון קופקעס מענשען, ווי מוראשקעס־הויפענס, ארום שטויביגע שמאטעס

און אַלטע פֿאַרעשוועס. פֿון דער אַנדער זייט זענען אַנדערע מענ־שען, מיט פֿערברוינטע פּנים׳ער און שטאַרקע מוסקולען, זיך עוסק מעטאַדיש און רוהיג אַרום די בייטען און ביימלעך...

צוויי בעזונדערע וועלטען. אַזוי נאָהנט איינע צו דער אַנדע־רער און אַזוי פֿרעמד. אין די אויסגעמאַטערטע, אויסגעלאָשענע בליקען פֿון די הענדלער האָב איך ניט בעמערקט קיין שום קנאה צו די געזונדטע ערד־אַרבייטער, דאָ, נעבען זיי. דער הונדערט־יעהריגער לומפּען־האַנדעל האָט געטאָן זיין אַרבייט: האָט אויך געזויגען, אויסגעטריקענט האַרץ און נשמה. וועלען זיי קאָנען אַמאָל אויפלעבען?

„וואוילע יונגען“, „קאלייקעס“ און „ריזען“.

1.

יעדער יודישער קווארטאל האט זיין „דעק“. נאר קיין יודישער דעק איז ניט אזוי אריגינעל און רייך אין קאלירען, ווי דער ווארשויער. אין דער הינזיכט פונ׳ם „דעק“ האט ווארשוי פיעל עהנליכקייט צו ניו־יארק. די ניו־יארקער „גענגס“ און „באמס“ זענען די ווארשויער „קאלייקעס“ און „קאמבינאטארס“, נאר דער ארטיקעל „טרעמפס“, באסיאקעס, פעהלט כמעט אינגאנצען אוים אין ווארשוי. אין ווארשוי זעהט איהר כמעט ניט קיין טרעמפס. דא געהט אלץ צו אויפ׳ן איידעלען אופן. פון דעם קלענסטען קעשענע־גנב ביז דעם שטאלצען אלפאנס האט אלץ ליעב צו געהן פערפוצט, — מיט א שטעקעלע און מיט האנדשוה. אפט פאסט צו די ביזנעס, צו געהן געקליידט אין א לאנגער קאפאטע און א קורץ היטעלע, אויפ׳ן חסיד׳ישען שטויגער. אבער שטענדיג ריין, פיין, גאלאנט...

די „קאלייקעס“ זענען אזוי אלט, ווי די יודישע בעפעלקערונג אין ווארשוי (איך רייד דא ספעציעל פונ׳ם יודישען „דעק“). זיי געהען איבער בירושה פון דור צו דור און האבען שטענדיג איין געשטאלט און א פעסטע ארגאניזאציע, וועלכע בעזיצט פאלקאמע סאלידאריטעט און איינהייט. דער בוי פון דער קאלייקאווער ארגאניזאציע פראגרעסירט ניט, ווייל ער נו־

טיגט זיך ניט אין פראגרעס, אלץ איז דא פאלקאם, מען דארף ניט בעסער.

יעדע גאס האט זיך איהר „קאלייקע". די מיטגליעדער פון דער קאלייקע רופען זיך „וואוילע יונגען". צו זיין א „וואוילער יונג" דארף מען דורכגעהן א גאנצע רייה עקזאמענעס. דער אנפיהרער פון יעדער קאלייקע רופט זיך: א „ריעז". דער „ריעז" איז בעקאנט ניט בלויז יעדען פון דער קאלייקע, נאר אויך דער גאנצער גאס, זאגאר אין די ארומיגע גאסען, אפילו דער פאליציי אויך. ביי די „אייגענע" מענשען געניסט ער דעם גרעסטען רעספעקט; די גאס האט פאר איהם מורא.

ווי קומט מען אריין אין „קאלייקע"?

עמיצער האט דארט אן אייגענעם מענשען, צי א בעקאנטען און מעלדעט דורך איהם, אז ער וויל אריינטרעטען. דאן מוז ער אריינרופען דעם „ריעז" אין שיינק און „פונדעווען" איהם. דאס קאסט א שענע פאר קערבלעך. ווארום מען הוליעט אין שיינק א טאג מיט א נאכט. דאן זאגט צו איהם דער „ריעז": „אחינו אתה" — דו ביזט אונזער ברודער, און דער נייער ווערט א „וואוילער יונג".

א „וואוילער יונג", קוים איז ער אריינגעטראטען אין „קאלייקע", האט דאס רעכט אויף פולע פראטעקציע פון דער חברה. ער דארף נאר אנווייזען: דער און דער האט מיך בעליידיגט — וועט שוין יענער גוט ניט אבשניידען.

אין וואס בעשטעהט די „טעטיגקייט" פון די „קאלייקעס"?

דאס איז אייגענטליך א געוויסע אבטיילונג פון די זשוליקעס און גנבים. די „ארבייט" איז אין ווארשוי שטרענג צוטיילט, ווי עס פאסט פאר אזא הויך־ענטוויקעלטען אינדוסטריעלען צענטר. דער, וואס קריכט אין קעשענע, טאר ניט רייסען קיין שלאס; דער, וואס איז זיך „עוסק" מיט א שלאס, טאר ניט געהן אויף דער באהן. יעדער מוז אבהיטען זיין ספעציאליטעט. אבער אין א נויט זענען אלע „ברידער" און מען מוז איינע די אנדערע העלפען.

די ספעציאליטעט פון די „וואוילע יונגען" איז דאס, וואס הייסט אויף העברעאיש א „מלאכה נקיה", א „ריינע". א „פיינע"

מלאכה. זיי ווע̄לען ניט שמוציג מאכען די פינגער, אום צו קריי־
כען צו יענעם אין טאַש, אָדער ניט שלאָפען אַ נאכט, אום צו
ברעכען אַ שלאָס. זיי קלויבען זיך אויס אַ קונד פון זייער גאַס
און מעלדען איהם אַ „פּראָטענציע", דאָס הייסט — אַ פּרעטענ־
זיע. בזה הלשון : דו האָסט איינעם פון אונז בעליידיגט, און
מוזט צאָהלען קנס — אַ 25־ער, אַ 50־ער, צי אַ 100ער. אָפּט
נאָך מעהר. עס ווערט געמעלדעט די נומער פון וואוינונג, הויז
און גאַס, בעשטימט : טאָג, שטונדע און מינוט, ווען און וואו
דאָס געלד מוז אריינגעטראָגען ווערען. און די פאָדערונג ווערט
ערפילט פּינקטליך. אז ניט, האָבען די „קאָמבינאַטאָרען" צוויי
געוועהר : מעסערס און אייזערנע הענטשקעס. און יעדער ווייסט,
אז מיט זיי איז געפעהרליך זיך צו שפּיעלען.

עס טרעפט אבער אמאָל, אז אַ „קליענט" האָט די פּראָטעק־
ציע פון אַ „קאַלייקע", אָדער — ווייל ער וויל ניט צאָהלען
די „פּראָטענציע" פון איין קאַלייקע, קויפט ער זיך דעם שוץ
פון אַנ׳אַנדער „קאַלייקע". דאַן פּאַסירט פאָלגענדעס : אויף דעם
בעשטימטען אָרט, אין דער בעשטימטער צייט טרעפען זיך די
„קאָמבינאַטאָרען" — טאַקע אויף זייערע אייגענע לייט פון אַנ־
אַנדער חברה. עס ווערט אַ בלוטיג געשלעג. אויפ׳ן אָרט בלייבען
אַ סך פערוואונדעטע, ניט זעלטען אפילו גע׳הרג׳עטע.

די „קליענטען" זענען בעוואוסטע סוחרים, אָדער בחורים,
איבערהויפּט די, וואָס האָבען כלות, אָדער גלאַט בעקאַנטע מייד־
לעך. עס געהט זיך רוהיג אַ בחור שפּאַצירען מיט אַ מיידעל
אין קראַסינסקי׳ס גאָרטען. אין מיטען געהט צו איהר אונטער אַ
פּאַצעט, אַ שטעקעלע אין איין האַנד און האַנדשוה אין דער
צווייטער, און שטעהט איהם אָב : „דו אזוינער און אזוינער, ווי
קומסט דו צו שפּאַצירען מיט דום מיידעל ?... ס׳מיידעל
איז מאַ—אַנס !... אַ 25ער פּראָטענציע ! אָדער אַ מעסער אין
זייט"... דער בחור מוז צאָהלען פּראָטענציע, אָדער פערלאָזען
ווארשוי. עס טרעפט, אז מיט דערזעלבער „קאָמבינאַציע" קומט
מען צו דעם מיידעל און מען פערבאָט איהר צו געהן מיט דעם
בחור, און זי מוז זיך אויסקויפען.

אין דער „קאַלייקע" געפינען זיך אויך מיידלעך. זייער

אויפגאבע איז צו קריגן „העכט" צווישן בחורים, בעזונדערס צווישן די ליטוואקעס, וואס זענען שטארקע ליעבהאבער אויף די שענע פוילישע מיידלעך... עס טרעפט דעריבער, אז דער „קאמבינאטאר" האט טאקע רעכט: „דום מיידעל איז טאקע „זא—אנס", און זי האט מיט א כיון אונטערגעפירט דעם „בחור".

עס פאסירט, אז א „וואוילען יונג" געפעלט א מיידעל, דאן געהט ער צו איהר צו אין גאס און בעפעהלט איהר: זי זאל צו איהם קומען... און דאס מיידעל מוז קומען, אדער פערלאזען ווארשוי. איינער פון זיי האט אויף אזא אופן 13 כלות אין פערשיעדענע גאסען.

מיינער א בעקאנטער ווארשויער ארבייטער דערצעהלט מיר, אז זיינער א ברודער, א געזונדטער יאט, איז געגאנגען שפאצירען מיט א שוועסטער. ווי ער איז געגאנגען, איז איהם איינער איבערגעגאנגען דעם וועג און אונטערגעשטעלט א פוס. ער איז געפאלען; האט זיך אבער באלד אויפגעהויבען און געלאזט זיך ווייטער. ער האט געמיינט: דאס איז צופעליג. אין אייניגע מינוטען ארום קומט אונטער דערזעלבער בחור און שטעלט איהם ווידער אונטער דעם פוס. ער איז ווידער געפאלען; האט זיך אבער באלד אויפגעשטעלט און אראבגעלאזען דעם בחור א „פלעם". אין דער זעלבער סעקונדע זענען אויסגעוואקסען, ווי פון דער ערד, נאך דריי און גלייך — אויף איהם מיט מעסערס. ער האט אבער געקראגען א געזונדטען שטיק האלץ און האט זיי אלע דריי צובלוטיגט די קעפ. נאכדעם איז ער שטאלץ און טריאומפירענדיג אוועק פון פלאץ רוהיג מיט זיין שוועסטער. די „קאלייקע" האט ניט געוואגט איהם מעהר צו פערפאלגען. כח ווערט אנערקענט. געזיעגט איז געזיעגט...

ביז עס האט זיך אנגעהויבען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג איז די „קאלייקע" געווען די איינציגע יוגענד־ארגאניזאציע אין ווארשויער געטא. אהין זענען געגאנגען ניט בלויז זשוליקעס, גנבים, צולאזענע יונגען, נאר אויך ארבייטער, פריקאשטשיקעס מיט א לעבעדיגען טעמפעראמענט, מיט שטארק־ענטוויקעלטע שטרעבונגען צו א סאציאלען לעבען. פאר אזעלכע, ווי מען רופט זיי אין רוסיש „ברייטע נשמות", איז דאס געטא געווען צו

איינג, צו דריקענד, די „קאלייקע" האט זיי גענעבען די מעגליכקייט פונאנדערצושפרייטען, צושאקלען זייערע קרעפטען, בעפריעדיגען זייער שטרעבונג צו ברייטע אונטערנעהמונגען. א סך פון איצטיגע סאלידע ווארשויער סוחרים זענען אין דער יוגענד דורכגעגאנגען די „קאלייקע". אנדערע האבען זאגאר געשפיעלט א ראליע פון „ריזען". זענען זיי אבער געווארען עלטער, האבען חתונה געהאט, דאס בלוט איז רוהיגער געווארען, האבען זיי זיך גענומען צו ביזנעס אדער צו א מלאכה, און פיהרען א שטאטעטשנעם לעבען. מעהר אבער פון זיי ווערען דורך דער „קאלייקע" דעמאראליזירט אינגאנצען און בלייבען אויפ'ן דעק דאס גאנצע לעבען.

„אַלפֿאַנסען‟.

אַזוי ווי די „קאַלייקעס‟ מיט די „וואוילע יונגען‟, זענען אויך די „אַלפֿאַנסען‟, די יונגען, וואָס לעבען אויף דעם חשבון פֿון גאַסען־פֿרויען, אַנ׳אייגענטימליכער פּראָדוקט פֿונ׳ם וואַר־שויער לעבען. ווענינגסטענס, איז ערגיץ אָט דער טיפּ „דעק־בע־שעפֿענישען‟ ניט אַזוי „פֿאַלקאָם‟, ניט אַזוי גוט אָרגאַניזירט און, איבערהויפּט, מאַכט ניט אַזאַ גוט לעבען, ווי אין וואַרשוי.

אַלפֿאַנס — איז אַ ניי־מאָדישער נאָמען.

„איצט איז אַ מאָדע אַלץ צו געבען „פּאָליטישע נעמען‟— ערקלערט מיר אַן אַרבייטער. וואָס קען זיי גוט נאָך מיט זייער פֿריהערדיגען נאָמען — רופֿט מען זיי „אַלפֿאַנסען‟. אַמאָל האָבען זיי געהייסען „מאַטשאַרניקעס‟ און די „אַלפֿאַנסינע‟— „מאַטשאַרניצע‟. נאָר דאָס איז אַלץ ביי זייטיגע מענשען. צווישען זיך רופֿען זיך די אַלפֿאַנסען־מאַטשאַרניקעס נאָך מיט אַ דריטען נאָמען, וואָס איז ניט גאָר בעקוועם צו ברייננען אין דרוק.

עס זענען דאָ דרייערליי אַלפֿאַנסען. די ערשטע און עלטסטע קאַטעגאָריע זענען „בכבוד׳יגע‟ באַלעבאַטים, אייגענטימער פֿון „הייזלעך‟. די „אַלפֿאַנסינע‟ איז דעם „אַלפֿאַנס‟ אַ געזעצליכע פֿרוי. דאָס וואָרט געזעצליכע דאַרף מען, פֿערשטעהט זיך, ניט אָנ־נעהמען ערנסט: פֿון חופּה און קידושין האַלטען ניט שטאַרק די אַלפֿאַנסען. דאָך האָבען זיי אָפֿט חתונה „כדת משה וישראל‟. אין יעדען פֿאַל מוז די אַלפֿאַנסינע זיין טריי איהר אַלפֿאַנס. איהר אויפֿגאַבע איז צו אונטערהאַלטען די „סאָלידע‟ „אַנשטענדיגע‟,

דאָס הייסט די „פּעטע" געסט, וואָס בעזוכען איהר „הייזעל", מיט אנגענעהמע געשפּרעכען — ניט מעהר. אויף איהר ליעגט, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען, די עקאָנאָמישע און עס־טעטישע זייט פון די „ביזנעס".

אויף איהם, אויף דעם אלפאָנס, ליעגט — אזוי צו זאָגען — די „מאָראלישע" זייט פון'ם „געשעפט". ער האלט שטרענ־גע אָרדנונג, פאר איהם מוזען האָבען מורא און דרך ארץ אי די „קליענטען", אי די „מיידלעך" אליין. ער דערלאָזט ניט צו סקאנדאלען ביי די „געסט" צווישען זיך און מיט די „מייד־לעך", דערלאָזט ניט צו קיין צאנקעריי און געשלעג צווישען די מיידלעך גופא. ער גיט אויך אכטונג אויף די לעצטע, ווען זיי געהען ארוים אין גאַס, עמיצער זאָל זיי ניט בעליידיגען.

דאָס איז די ערשטע קאטעגאָריע. די צווייטע קאטעגאָריע אלפאָנסען זענען „חתנים". א חוץ דעם בעל־הבית, האָט יעדעס „מיידעל" איהר „חתן", אָדער געליעבטען, וועמען זי געהערט — אין דעם סאמע בוכשטעבליכען זין. זי איז ביי איהם א שקלאַ־פין. ער גיט איהר אָב אין ארענדע, פערדינגט איהר דעם בעל־הבית אויף א געוויסע צייט; ער נעהמט אָב פאר איהר דאָס געהאלט; איהם גיט זי אוועק איהרע זייטיגע פערדינסטען, וואָס זי מאכט פון די „געסט", און זי נעהמט ביי איהם דערנאָך אויסגעצעהלטע גראָשענס אויף וואָס זי דארף. ער מעג האָבען נאָך „כלות" און זי טאָר קיין צווייטען ניט האָבען. אויב זי האָט „בעקאַנטשאפט" מיט א צווייטען אלפאָנס, דאן איז — א מע־סער אין זייט איהר און איהם. טאָמער האָט צו איהר דער בעל־הבית טענות, אָדער זי צו איהם — ווערען געפיהרט אונ־טערהאנדלונגען מיט איהם, מיט אלפאָנס נומער 2. זי האָט קיין דעה ניט, זי מוז איהם אין אלץ פאָלגען.

דער מענש, וואָס איז אונבעקאנט מיט די לעבענס־בעדינ־גונגען אויפ'ן „דעק", קאָן איהם פאַרקומען אונבעגרייפליך: ווי אזוי לאָזט זיך ביי איצטיגער צייט א מענש אזוי פערשקלאפען. אבער מען דארף נאָר מעהר אָדער וועניגער בעקאנט ווערען מיט דעם לעבען דארט אויפ'ן „דעק", איז שוין אלץ נאַטיר־ליך. די „מיידלעך" פון די „הייזלעך" זעענן אייגענטליך די סאמע

אומגליקליכע, סאמע שוצלאָזע בעשעפענישען. דאָס איז דער דעק פונ'ם דעק. נידעריגער פון זיי אויף דעם מענשליכען געזעלשאַפטליכען לייטער איז שוין נישטאָ. ז י י האַסען אַלע בעליידיגען מעג יעדער און זיי האָבען ניט פאַר וועמען זיך צו קלאָגען. צום געריכט? דאַרף זי דאָך פריהער פאַר אלעם זאָגען: ווער זי איז, ווייזען איהר געלען בילעט. און דאָס וועט זי פריי־ וויליג ניט טאָן, עס מעג איהר געהן אום לעבען און טויט.

ווען ניט דער אַלפאָנס, וואָלטען אָט די ערנידעריגסטע און עלענדסטע ניט געקאָנט עקזיסטירען א טאָג אויפ'ן דעק, וואו זיי מוזען זיך בעוועגען. דער אַלפאָנס איז זייער אייזערנע וואַנד, זייער בעשיצער. די אַלערליי נידעריגע ברואים, וואָס שווימען אום ארום זיי אויפ'ן דעק, וואָגען ניט אָנצוריהרען זיי, ווייל זיי האָבען מורא פאַר'ן אַלפאָנס, וועלכער בילדעט די אַריסטאָקראַ־ טיע פונ'ם דעק. זיי מוזען דעריבער פונ'ם אַלפאָנס ליידען. מו־ זען איהם אָבגעבען דעם לעצטען גראָשען, מוזען אויסשטעהען אַלע צרות און איהם שאַפען א גרינג לעבען, ווייל אָהן איהם איז זייער לעבען קיין לעבען ניט.

ווי דאָס זאָל ניט פאַרקומען מאָדנע, עס איז אויך א פאַקט, אַז זיי ליבען שטאַרק דעם אַלפאָנס. זיי האַנדלען מיט זייער לייב, נאָר די נשמה, נאָר דאָס, וואָס איז נאָך געבליבען מענש־ ליכעס אין זייער האַרצען, געהערט דעם אַלפאָנס. יעדע פון זיי מוז האָבען דעם אַלפאָנס ניט בלויז אלס פערטהיידיגער, נאָר אויך אַלס פריינד, אלס מענשען, וועמען צו ליבען, ווארום יעדע פון זיי מוז זיך צו עמיצען צובינדען, מוז עמיצען ליבען. מיר האָט דערצעהלט א פרוי, וואָס האָט געדינט, אלס אויפזעהרען. אין א פענסיאָן פון מיידלאך „בעלי תשובות". אַז דאָרט אין די „הייזלעך" — אחוץ די „ביזנעס", וואָס האָט ניט צוטאָן מיט דער געפאַלענער'ס האַרץ — קומען פאַר די ריהרענדסטע ראָ־ מאַנען, ניט ווייניגער ריהרענד, און פיליכט נאָך מעהר, ווי אויבען אין דער סאַמע „סמעטענע" פון דער געזעלשאַפט.

דער אַלפאָנס נומער 3 איז א געמיש פוןביידע ערשטע אַלפאָנסען, נומער 1 און נומער 2. ער פעראייניגט אין זיין פערזאָן אי דעם „חתן", אי דעם בעל־הבית. ער ניט זיין כלת

ניט אוועק אין א „הייזעל", נאר האנדעלט מיט איהר אליין אין איינצעל. ער דינגט איהר א פריוואט וואהנונג, אנאנסירט איהר פירמע און זעהט צו שאפען איהר „קונדען". איבעריגענס מוז זי אליין אויך שאפען, און אז זי איז שוואך צו די „ביזנעס", בעקומט זי פון איהם קלעפ. אין אלעם איבעריגע איז אלפאנס נומער 3 עהנליך צו די פריהעריגע.

ווי פערברייננגען די אלפאנסען זייער צייט?

זיי לעבען א גוטען טאג. טעג און נעכט פערברייננגען זיי אין די שיינקען, רעסטאראנען (פארעווע און מילכיגע קאווער יארנעס האבען זיי פיינט), ביליארדען, קארטען-הייזער. זיי געהען אנגעטאן ווי די גראפען. טראגען מאסיווע גאלדענע זייגערס מיט גאלדענע קייטען אויף זיך. כמעט אויף אלע פינגער — גראבע רינגען מיט גרויסע שטיינער; זיי האבען זעהר ליב צאצקעס אויף די רינגען און אויפשריפטען. איבעריגענס, זענען דא פון זיי אזעלכע, וואס האבען עפיס א בעשעפטיגונג. די „בעשעפטיגונג" איז: ענטוועדער פערלייהען געלד אויף פראצענט, אדער האנדלען מיט גע'גנב'טע זאכען.

צווישען זיך לעבען די אלפאנסען, אזוי ווי די „וואוילע יונגען", אין אחדות, ברידערליך, מען לאזט איינער דעם אנדערען ניט פאלען. אז איינער „פאלט אריין", זעהט מען איהם מיט אלע קרעפטען ארויסצוראטעווען. אין דער הינזיכט פון די „כלות" זענען זיי מעהרסטענטיילס קארעקט: עס טרעפט זעהר זעלטען, אז איינער זאל צונעהמען א צווייטענס „ליובאווניצע".

ווען עס האט זיך אנגעהויבען די מאסען-בעוועגונג ביי די ארבייטער, איז די ערשטע צוזאמענשטויסונג פארגעקומען מיט די „קאלייקעס". די ארבייטער ארגאניזאציעס האבען ביסלעכווייז צוגענומען ביי די „קאלייקעס" די מאסע. עס זענען בלויז געבליבען די „גענעראלען" — די „ריעזען", מיט די פראפעסיאנעלע „וואוילע יונגען". נאר די זענען אויך אין א קורצער צייט פערשוואונדען. די ארגאניזאציעס האבען געהאט גענוג מוט און מאכט צו מעלדען זיי איינס פון די צוויי:

אדער עהרליך ארבייטען, אדער ווערען געשאסען. יעדער „קאמבינאטאר“, וואס האט זיך ערלויבט א „פרעטענזיע“, איז גלייך דערהרג'עט געווארען. די ווארשויער גאסען זענען ריין געווארען פון אלע געזעלשאפטליכע אויסוואורפען. א סך פון די וואוילע יונגען זענען געווארען בעלי תשובות און אריינגעטראטען אין דער פארטיי „פראלעטאריאט“. א געוויסע צייט האבען זיי געשפילט דארט זעהר א וויכטיגע ראליע.

דאן איז געקומען די רייהע צו די אלפאנסען. אט די זענען געווען געפעהרליכער פאר דער בעוועגונג. אויף די „הייזלעך“ מיט די אלפאנסען זענען געמאכט געווארען ריעזיגע בעפאלען. מיט אט די בעפאלען האט דאן געקלונגען ניט בלויז די ווארשויער פרעסע, נאר די פרעסע פון דער גאנצער וועלט. דער ווארשויער יודישער קווארטאל איז דאן אויסגערייניגט געווארען פון שמוץ, די אלפאנסען זענען זיך צולאפען, די מיידלאך נאך זיי. די „הייזלעך“ זענען אויך פערשוואונדען, ס'פערשטעהט זיך, בלויז פאר א קליינע צייט. אין זייער ריינעם ענטוזיאזם האבען די ארבייטער ניט בעקלערט, אז מיט'ן ברוינינג קאן מען ניט היילען ראדיקאל די דאזיגע פערעלטערטע וואונד אויף דעם קערפער פון דער יודישער מאסע. זיי האבען נאר געדענקט און געפיהלט איינס: אז צוזאמען מיט'ן ארגאניזירטען יודישען פראלעטאריאט טאר אין דער יודישער גאס ניט געדולדעט ווערען קיין שום אינסטיטוציע, וואס דעמאראליזירט די מאסע.

די רעאקציע האט ארויפגעלעגט איהר דרוק אויף דעם ווארשויער געטא, אזוי ווי אומעטום אין יודישען תחום. עס האט געשיינט, אז אלץ וואס איז אויסגעקעמפפט געווארען אין די פריהערדיגע יאהרען, איז איצט אינגאנצען געגאנגען צו גרונד.

און גאר ווי אמאל האבען ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ די אלפאנסען, „קאמבינאטארען“ און „וואוילע יונגען“. די „קאלייקעס“ האבען איצט ניט די ברייטע, פערצווייגטע ארגאניזאציע וואס אמאל. זיי ארבייטען אין קליינע חייפעלעך צו דריי, פיער. ארבייטען מייסטענס מיט'ן ברוינינג און מיט באמבעס, און אונטער דער מאסקע פון אנארכיסטען פילען זיי אן די רייהען פון די באנדיטען.

אין פוילישען „ירושלים."

אין פוילישען „ירושלים".

(דאָס אלטע לובלין).

1.

לובלין איז, נאָך ווארשוי, די גרעסטע, די בעריהמטעסטע יודישע שטאָדט אין פוילען. זי האָט א גרויסען יחוס־בריעף, איז כמעט די גרעסטע יחסנ'טע צווישען יודישע שטעדט פון רוס־לאנד. אינטערעסאנט איז, אז יעדע שטאָדט אין פוילען, וואָס האָט א היסטאָרישע בעדייטונג פאר די פאָליאקען, האָט אויך א וויכטיגע היסטאָרישע בעדייטונג פאר די יודען. די יודישע היס־טאָריע אין פוילען איז פעסט צוזאמענגעוועבט מיט דער פוילי־שער. אין דער פוילישער קולטור האָבען יודען א סך בייגעטרא־גען.

אין לובלין לעבען נאָך ביז היינט די אור־אור־אייניקלעך פון דעם בעריהמטען שאול וואהל — דער יודישער קעניג פון פוי־לען, וואָס האָט געקעניגט בלויז איבער איין נאכט. דאָס איז א לעגענדע, וואָס האָט א היסטאָרישען גרונד. פאסירט האָט דאָס מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק. בעקומען די קעניגליכע מאכט, דערצעהלט די לעגענדע, האָט דער יודישער קעניג וואהל דיזעל־בע נאכט, די איינציגע נאכט פון זיין הערשאפט, אויסגענוצט פאר דער טובה פון זיין פאָלק. ער האָט ארויסגעגעבען א בע־פעהל, גע'חתמ'עט: „שאול וואהל — דער קעניג פון פוילען", וואָס האָט ערלויבט יודען צו בויען שוהלען צום דאווענען אין גאנץ פוילען. ביז יענער נאכט איז דאָס זיי געווען פערבאָטען.

מ'האט מיר געוויזן אין לובלין די ערשטע שוהל, וואס איז, לויט דער לעגענדע, געבויט געווארען באלד נאכ'ן בעפעהל פונ'ם „יודישען קעניג אין פוילען איבער איין נאכט". זי הייסט „לויפער־שוהל". זי איז געבויט געווארען מיט דריי הונדערט יאהר צוריק. „לויפער" האבען אמאל געהייסען ביי יודען די שטאפעטען, וואס איין שטאדט האט צו דער אנדערער געשיקט מיט עקסטרא־מסחר־בעריכטען, אדער אין פאל פון א גזרה, פון פאליטישע, רעליגיעזע און נאציאנאלע געשעהענישען אין יודישען לעבען.

נאך מערקווירדיגער ווי די „לויפער־שוהל" איז די שוהל פון מהרש"ל און מהר"ם (פערקירצטע נעמען פון בעריהמטע יודישע גאונים). די שוהל איז אלט העכער פון צוויי הונדערט יאהר. מיט א יאהר דרייסיג צוריק האט זי געהאלטען ביים איינפאלען. האט מען זי פעררעכט. נאר די זעלבע גרויע אלטקייט שוועבט נאך איצט אויף דער געביידע פון דרויסען און פון אינווייניג. די שוהל געפינט זיך אין איינגער שכנה'שאפט מיט דער טורמע. די טורמע איז אויך א היסטארישע. אמאל איז דאס געווען א שלאס, א מין פעסטונג, וואס האט בעלאנגט צו א גרויסען פוילישען מאגנאט. שפעטער האט עס א קורצע צייט אנגעהערט צו דער עסטרייכישער רעגירונג. אייניגע מיינען, אז אונטערערדישע היילען האבען אין אלע צייטען פעראייניגט דעם שלאס מיט דער שוהל. דיזעלבע לעגענדע געהט אויף וועגען דעם טראקער שלאס און דער ווילנער אלטער שוהל.

די שוהל איז דער צענטער פון דעם אלטען יודישען געטא. דאס אלטע געטא איז געווען אין לובלין ארומגערינגעלט מיט גראבע ווענד און פערשפארט מיט אייזערנע טויערן. דורך וועלכען א יוד האט ניט געקאנט אריינדרינגען אין דעם אויבערשטען קריסטליכען טייל פון שטאדט. די ווענד און די האלב־רונדע געוועלבען זענען נאך איצט געבליבען. אבער די אייזערנע טויערן מיט די שווערע שלעסער זענען שוין מעהר ניטא. דאס אלטע געטא פון לובלין מאכט אן אונגעהויערן איינדרוק. אלץ איז דא פאטריארכאל, אויף אלץ ליעגט דער שטעמפעל פון גרויער אלטערטימליכקייט.

אַט ניט ווייט פון דער שוהל, שטעהט אין מיטען מאַרק־פּלאַץ אַ מויער. דער מויער בעשטעהט בלויז פון טאַנדעט־קראַמען אויף ביידע שטאַקען: דער אויבערשטער שטאָק — מיט אַנ'אויסערליכער גאַלערייע אַרום. דאַ ווערט געהאַנדעלט מיט אַלטע שיך. אונטען, אויף אַ נידעריגער אַלטער ברייטער וואַנד, וואַס צאַהמט אַרום דעם מויער (אַמאָל — זאָגט מען — איז דאַס אויך געווען אַ מין שלאָס), זיצען יודען אין פערשיעדענע פּאָזעס, רוהען זיך דאָ אָב, שמועסען זיך דורך, נאָכ'ן שווערען אַרבייטס־טאָג. דאַ איז שוין אַ מין קלוב פאַר'ן מאַרק־המון. אַט זיצט אַ יודענע מיט אַ קאַשעק, אין קאַשעק איז אביסעל באַב. דער רעשט פון איהר בייטאָגיגער סחורה. זי האַט פאַר'ן טאָג אַלעמען אַנגעטיילט און האָפט מעהר ניט צו לייזען. זי האַט זיך נאָר אביסעל צוגעזעצט אָברוהען צווישען עולם, געהענדיג אַהיים. נעבען איהר זיצט אַ מעהל־טרעגער, אַ הויכער יוד, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד און אינגאַנצען ווייס פון מעהל. מעהר וועט שוין זיין ניט זיין וואָס צו טראָגען, און ער האָט זיך געזעצט דאַ, פּיפּקעט אַפּאַטיש זיין ליולקע און קוקט ערגיץ אין דער ווייט אַריין. זיין שכן איז אַן אָבגעריסענער יוד, אַפּנים, אַ טאַנדעטניק — אַ הענדלער מיט אַלטע שיך. ער האָט אויך זיין מסחר שוין אָבגעמאַכט און האָט איצט פרייע צייט אויסצוקראַצען זיך. ער טוט עס לאַנגזאַם, מיט בעשיינפּערליכער הנאה. דערנאָך נעהמט ער אַרויס פון ערגיץ זיין טאַבאַקערקעלע, נעהמט אַרויס געלאַסען אַ שמעק טאַבאַק, שיט אַריין אויך אַזוי לאַנגזאַם אין ביידע נאָזלעכער און מיט אַ לאַנגען אָטעמציה, כדי קיין איין שפּרינקעלע טאַבאַק זאָל ניט געהן פערלאָרען. נאָך עטליכע יודען, אַ טייל זיצענדיג דאַ, אַ טייל שטעהענדיג דערביי אין קליינע קופּקעס, וואַרפען זיך איבער מיט ווערטער, צווישען זיך, מיט די קרעמער פון אַנטקעגען, פון אונטען און פון אויבען. עס קומט אונטער נאָך אַ יודענע מיט עטליכע צוקער־לעקעכלעך אין אַ קאַשעק. אויך אַ רעשט אַפּנים. אָבער זי איז גייציגער, ווי יענע יודענע מיט דעם ביסעל באַב. זי געהט נאָך אַרום צו יודען און באַט אַן איהר סחורה. דער עולם איז גלייכגילטיג צו איהר אָנבאָט, און עס שיינט, אַז זי אַליין

טוט עס אויך מעהר פון געוועהנהייט, ווי פון גייציגקייט. דער אלטער טאנדעטניק, וואס האט זיך ערשט געקוויקט מיט דעם שמעק טאבאק, האט אפנים א שטארקען יצר־הרע צו פערזוכען א לעקעכעל. ער שפארט אריין אין קאשיקעל די דריי פינגער, מיט וועלכע ער האט נאר־וואס געשמעקט טאבאק. די פינגער זענען געל און גרין, האבען אויף זיך שטארקע שפורען פון דעם טאבאק. ער טאפט איבער יעדען לעקעכעל, טיילט איין יעדערן פון זיי אביסעל טאבאק. די יודענע קוקט עס צו גלייכגילטיג. זי איז שוין דערצו געוועהנט.

עס שיינט, אז דער אלטער מיינט ניט דוקא צו בעקומען א גרעסער'ן לעקעכעל. שוין דער פאקט גופא, פון האבען אזוי נאהנט צו זיך די לעקעכער, דער פראצעס פון טאפען זיי, מאכט איהם פערגניגען. ענדליך בעשליסט ער. האט אויסגעקליבען איי־נעם. און אויך אזוי לאנגזאם, פייערליך ציהט ער ארויס פון קעש־שענע א גרויסען טייסטער, בעקומט פון דארט א גראשען און בעצאהלט. דאן בעטראכט ער דאס לעקעכעל א לענגערע צייט, גיט א קליינעם ביס, קייט לאנג און דאן — נאך א ביס. פער־בייסט מיט א לאנגזאמען קראץ הינטער דער קאפאטע אין בור־זעם, און פון ביידע זאכען — אי פונ'ם קראצען, אי פונ'ם לע־קעכעל — האט ער אפנים שטארק הנאה...

פלוצלונג איז געווארען דא אין גאסען־קלוב א גערודער. וואס איז? א געשלעג, צי א שפיעל? דער עולם לויפט זיך צו־נויף פון אלע זייטען. צוויי יודען שלאגען זיך, שילטען זיך. איינער מיט א שטריק, דער אנדערער מיט א שטעקען. איינער איז צוהיצט, אין כעס; דער אנדערער — גלייכגילטיג און לאכט. געוועז איז דאס, פון אנהויב, א שפיעל. די „שטריק" איז צוגעגאנגען פון הינטען צום „שטעקען" און האט איהם ארויפגעלעגט זיין האנד אויף די פלייצעס. די „האנד" און דער „לענ" זענען אבער געוועזן פון דעם מין, וואס קאנען אויפבוי־ען אין דרייען און שיטען פונקען פון די אויגען. דאס שפיעל, וואס האט געהאט דאס ציעל צו שאפען דעם פובליקום אנ'אומ־זיסטע פערוויילונג, האט זיך ניט איינגעגעבען... דאס געשלעג האט געדויערט א היבשע פאר מינוט. דער עולם האט עס ניט

געוואַלט אָנגענומען ערנסט, ווי דער „שטעקען". און איז מעחר געגויגט געוועז צו בעציהען זיך דערצו ווי די ברייטע גראַבע האַנד מיט דער שטריק. דער אַלטער טאַנדעטניק האָט פערגע־סען אַז דעם לעקעכעל און גענומען אַ שטאַרקען אינטערעס אין דעם „באַקס". ערשט דאַן, ווען אַלץ איז געווען צו ענדע, האָט ער ווידער ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם עק פון דעם צוקער־לעקעך און האָט עס בישלעכווייז, לאַנגזאַם דערנאַשט.

עס איז געוואָרען טונקעל. אַלץ איז דאָ געוואָרען פייערליך שטיל. גרויע שאָטענס האָבען געשיינט צו שוועבען ארום די אַלט־פרענקישע שלאָס־אַרטיגע מויערן און מענשען. עס האָט זיך געדוכט, אז באַלד וועט זיך הערען דער „בראָזג" פון די פערראָסטעטע אייזערנע טויערן און די דיקע געוועלבער־טונע־לען, און די קריסטליכע וועכטער וועלען אויסרופען, ווי מיט הונדערטער יאָהרען צוריק: יודען, צוריק אין געטאָ אריין...

דער וועכטער אָבער רופט ניט. יודען לויפען ניט זיך בעהאַלטען אין זייערע שטיבער. די אייזערנע טויערן בראַזגען מעהר ניט. יודען קאָנען איצט ביי־טאָג און ביי־נאַכט געהן פריי דורך די געוועלבטע טונעלען, אריין און ארויס. און דאָך שיינט עס אויף אַ האָר ניט געענדערט דאָ אין געטאָ. די פער־לאָפענע הונדערטער יאָהרען האָבען דאָ גאָר נישט בעריהרט: דיזעלבע אָרימקייט, דערשלאָגענקייט און טעמפּע גלייכגיל־טיגקייט צו דער אויסען־וועלט, צום אייגענעם שיקזאַל. ווערט ערגער — געהט מען זיך אין מהר"ם'ס און מהרש"ל'ס שוהל אריין; ווערט גאָר שלעכט — דאַן האָט מען די לעצטע דים־טאַנץ: דעם מהר"ם און מהרש"ל'ס קבר, דאָרט, ארויף־צו. אויפ'ן באַרג, אויפ'ן אַלטען, אַלטען לובלינער בית־עולם..

אויפ'ן אלטען לובלינער „בית עולם".

2.

דער לובלינער אלטער בית־עולם איז געווים דער מערקווירדיגסטער און איינער פון די עלטעסטע אין די יודישע שטעדט פון רוסלאנד. ער ליעגט אויף אַ שפּיציגען הויכען בארג הינטער דער שטאָדט. דער שמש האָט מיך געפיהרט וויזען דאָ די גרעסטע מיוחסים פון יודישען געטאָ. דער בארג איז צושפּאַלטען אויף העלפט אין דער לענג.ביידע העלפטען בארג טיילט אָב אַ טיעפער טאָל, נאָר ערטערווייז אויפ'ן שפּיץ, אָדער ביי אַ זייט בארג שטעהען עטליכע עלענדע פער'יתומ'טע קופּקעם מצבות. ארום און איז לעער, בעוואקסען מיט גראָז, מיט קוסטען, מיט בוימער.

— איז דען דאָ מעהר ניטאָ קיין קברים, ווי דאָרט אונטער די קופּקעם מצבות? — האָב איך געפרעגט דעם שמש.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אויף יעדען שריט איז דאָ אַ קבר, נאָר די מצבות זענען ניטאָ. שוין לאנג פערשוואונדען געוואָרען. די אָרימע, הילצערנע, אָדער ציגעלנע זענען שוין לאנג פערפוילט, צופאלען געוואָרען. די שטיינערנע האָבען די קריסטליכע שכנים אין פערשיעדענע צייטען צו'גנב'עט. לובלינער יודען האָבען ניט געוואוסט צו שעצען זייערע היסטאָרישע דענקמעלער. ערשט מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק האָט מען זיך געכאפּט. אַ סך מצבות פעררירכט. אַנשטאָט די צובראָכענע האָט מען נייע געשטעלט. מעהר אבער זענען פער־

שוואונדען געוואָרען אַהן אַ שפּור. צווישען זיי אויף די מצבות פון׳ם „תוספות יום טוב" און אַנדערע גרויסע גאונים. פאַר דער היסטאָריע פון יודישער קונסט וואָלט געווען זעהר וויכטיג צו אונטערזוכען און פאָטאָגראַפירען די מצבות אויף אַזוינע אַלטע יודישע בית־עלמינ׳ס, ווי דער לובלינער. קוקענדיג אויף די מצבות אויפ׳ן אַלטען לובלינער בית־הקברות, איבערצייגט איהר זיך, אַז די קונסט פון שטיינער־קריצען איז מיט צוויי, דריי הונדערט יאָהר צוריק געשטאַנען ביי יודען גאַנץ הויך, אפשר העכער, ווי איצט. די בילדער, די בוכשטאַבען זעהען אוים אויף די אַלטע לובלינער מצבות אַ סך איידעלער און פיי־נער, ווי אויף די טייערע מאַרמאָר־פּליטען פון די גרויסאַרטי־גע מאָנומענטען אויף די קברים פון דער וואַרשויער יודישער בורזשואַזיע.

די אויפשריפטען אויף די גרוי־אַלטע מצבות איז קוים, קוים מעגליך צו לעזען. אבער דערפאַר האָט איהר ווי־עס־איז איבער־געלעזען, ווערט איהר ניט ווילענדיג, ערפילט מיט רעספּעקט צום אַלטען לובלינער יודישען יחוס. דאָ ליעגט דער גרעסטער, גייס־טיגער אַדעל פון דעם יודישען געטאָ. פאַר די לעצטע דריי הונ־דערט יאָהר: מהרש״ל, מהר׳ם, מהרש״א, דעם תוספות יום טוב׳ס אַ זוהן, אַפילו אַ זוהן פון מנשה בן ישראל, דעם קעמפּפער פאַר יודישער גלייכבערעכטיגונג אין ענגלאַנד.

און ניט נאָר גאונים — אַ גאַנצע רייהע גרויסע יודישע דאָק־טוירים, ווי יש״ר, פון קאַנדיאַ, ר׳ שלמה רופא לוריאַ, ר׳ משה מונטאַלאַטו, אַ זוהן פון דעם בעריהמטען אליהו מונטאַלאַטו — דער לייב־אַרצט פון׳ם פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם 13טען. אויך ר׳ חיים וויטאַל פעליקס, וואָס האָט העכער ווי מיט 200 יאָהר צוריק געשטודירט מעדיצין אין פּאַדואַ און האָט בעקומען אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון׳ם דעמאָלדיגען פּוילישען קעניג צו פּראַקטיקירען פריי אין גאַנץ פּוילען. אַ יודישע זעצערין אַפילו געפינט איהר דאָ, שרה יפה האָט זי געהייסען, געשטאָרבען אונגעפעהר מיט 200 יאָהר צוריק. אויף איהר מצבה שטעהט בפירוש „האשה מרת שרה יפה, מסדרת אותיות בבית הדפוס". אַפנים, אַמאָל איז דאָס געווען אַ יחוס...

ביים ארייננאנג פונ'ם בית־קברות שטעהט אן אלט שוהל־
כעל. דארט זיצען עטליכע יונגע־לייט דורכ'ן גאנצען טאג און
לערנען. דאס שוהלכעל איז ניט אזוי אלט ווי דער בית־הקברות.
די יונגע־לייט, וואס לערנען, דא אין דעם וויסטען אבגעלעגענעם
ווינקעל, מאכען א מאדנעם איינדרוק. עפיס, ווי זיי וואלטען גע־
ווען ארויבגעקומען פונ'ם שפיץ בארג דארט, פון יענעם עולם.

ארויסגעהענדיג פונ'ם בית־הקברות, געפינט איהר זיך
אליין אין א מאדנער שטימונג. ארום אייך שוועבען נאך די שאָ־
טענס פון פאר הונדערטער יאהרען. איהר פיהלט זיך, ווי איי־
נער פון יענעם גרויסען אלטערטום. און מאדנע זעהט אייך אויס,
דער זעלנער, וואס געהט דא ארום דער קאזארמע, און די קאַ־
זארמע אליין, וואס שטעהט הארט נעבען דעם אלטען בית־
הקברות. עס שיינט אזוי, ווי דער זעלנער איז דא געשטעלט
אבצוהיטען יענע גרויע אלטע וועלט פון פערגאנגענהייט.

אבער עטליכע טריט ווייטער דערמאנט א הויכע ציגעלנע
געביידע אן דער ווירקליכקייט. דא, אין א גרויסען טיעפען קע־
לער, שטעהען פון דער פריה ביז נאכט בחורים און יונגלעך,
שמירען, קנייטשען און פארמירען קאמאשען און שיך־חאלאוו־
קעס אויף ברעטלעך. דאס איז א מעכאנישע שוך־פאבריק, אדער,
ריכטיגער, א טייל פון מעכאנישער שוסטעריי, וואס גרייט־צו
די אויבערשטע לעדער פאר'ן שטעפער. דאס איז א שווערע
שמוציגע ארבייט. דער קעלער איז אונגעהויער לאנג און טיעף
און פינסטער. די לופט איז דארט שרעקליך פערדומפען. איין
יונגעל פרובט זיך א זינג טאן, אבער אנשטאט דעם זינג געהט
ארויס א מין דומפער קרעכץ.

דאס איז די ווירקליכקייט, די געגענווארט, א פראדוקט
פון דער נייער לעבעדיגער וועלט.

איהר קוקט אראב אינווייניג, אין שווארצען קעלער אריין,
און באלד ארויף, דארט אויפ'ן שפיץ בארג, וואס איז ארומגע־
רינגעלט מיט דער אלטער געמויערטער דיקער בית־הקברות־
וואנד. און עס קומט אייך אין זינען א מאדנער געדאנק: אז דא,
אונטען, אין טיעפען קעלער, איז ניט די לעבעדיגע וועלט, נאר
א גיהנום, א כף הקלע, וואו עס דארפען זיך לייטערן זינדיגע

נשמות. צי ווע̇לען זיי אבער נאכדעם ווי זיי וועלען זיך דא האָ־
בען אבגעלייטערט זייער גאנץ לעבען אין דעם שווארצען כף הקלע,
האבען אמאל אזא שטילען שענעם ווינקעל פאר זייער אברוה,
ווי זייערע זיידעם?..

דער חורבן פונ'ם פוילישען „ירושלים".

לובלינער יודען זענען אין זיך ניט גענארט. אין לובלין געהט א ווערטעל: „אז די היינטיגע וואלטען זיך אוועקגעלעגט און אמאליגע וואלטען אויפשטעהן, וואלט לובלין געווען א שענע שטאדט"...

אין לובלין איז דא 60 טויזענד יודען. דאס איז א גוטע העלפט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג. נאך ווארשוי און לאדז איז לובלין די גרעסטע יודישע שטאדט אין פוילען.

לובלין איז בכלל זעהר א שענע שטאדט. זי שטעהט אויף א גרויסען בארג. אויפ'ן שפיץ בארג איז דער צענטר מיט'ן מאגיסטראט, מיט'ן אלטען טורם, מיט'ן זייגער, וואס שלאגט אלע פערטיל שעה, יאהרהונדערט־איין, יאהרהונדערט־אויס. פון צענטר אראב געהען זיך פונאנדער די גאסען אין אלע ריכטונגען. אומעטום האט איהר א פרייען קוק אויף די ארומיגע פעלדער. אפילו דאס אלטע געטא פערשטעלט אייך ניט דעם בליק אין די פעלדער אריין. איהר קעהרט זיך נאר אביסעל אב, האט איהר פרייען הימעל און גרינס. קוים אבער געהט איהר ארויס פון די פינסטערע האלב־רונדע געטא־טויערן, ערשיינט פאר אייערע אויגען גאר א נייע וועלט. א נייע שטאדט: שטאלץ, קרעפטיג, יונג. די הויפט־גאס „קראקויער פארשטאדט" איז ניט אזוי ברייט, ווי דער ווארשויער „קראקויער פארשטאדט", אבער פיעל שענער פון איהר. אויף אלע זייטיגע גאסען און געביידעם ליעגט אייראפא, ליעגט ארדנונג, קולטור.

עס זעהט אויס, אז די בעלי־בתים פון שטאָדט זאָרגען שטאַרק, אז דאָס איצטיגע לובלין זאָל ניט פערשעמען זיין אלטען היסטאָרישען יחוס. די שטאָדט, דאָ אויבען, שיינט צו ווערען מיט יעדען טאָג יונגער און שענער. נאָך ווארשוי איז אויך לובלין דער וויכטיגסטער פונקט פון דער פוילישער קולטור. יודען האָבען שוין לאנג דאָס רעכט ארויסצוגעהן פון זייערע געטאָמויערן און וואוינען אין שטאָדט אומעטום. אָבער דאָ זענען זיי וועניג קענטיג. בלויז אויף דער פאָראַדנער „קראָקויער פאָרשטאָדט" געהערען אָן א טייל מאַגאַזינען מיט גרויסע שויבען צו יודען. דאָס איבעריגע — איז אומעטום פויליש.

מיט וואָס בעשעפטיגען זיך יודען אין לובלין? פון וואָס ציהען זיי זייער חיונה?

דיזעלבע פרנסות, וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבען געהאט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. מיט ליכווע (פראָצענט), מעקלעריי, אביסעל מלאכות, אביסעל קרעמעריי. דערהויפט רייבט מען זיך ארום פריץ. איהר קאָנט דאָ בעמערקען ארום די האָטעלען, וואו די פריצים שטעלען זיך אָב, א סך יודען, דרעהענדיג זיך מיט'ן שטעקעל אין דער האנד. זיי ווארטען ביז דער פריץ וועט ארויס. יעדערער האָט זיין פריץ, און מיט זיין פריץ זיינע עסקים. מ'גיט זיך א רייב ארום פריץ אהין־אהער, חאפט מען שוין א פאָר רובל, צי א פאָר גראָשען און מ'איז יוצא מיט דעם טאָג הוצאה. וואָס וועט זיין מאָרגען — קלערט מען ניט. „אויף מאָרגען וועט גאָט זאָרגען".

פראָצענט־געשעפט הויבט אָבער אָן אונטערצוגעהן. דאָס איז שוין ניט גאָר קיין זיכערע פרנסה. לובלין איז א שטאָדט, וואָס איז זעהר פאסענד פאר אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. די לובלינער יודישע פראָצענטניקעס האָבען אָבער מורא צו קריכען אין אזעלכע געשעפטען, וואו מען דארף דרעהען דעם מח. דאָ זענען פאראן צעמענט־פאבריקען, צוקער־פאבריקען, אייזענגיסערייען, סיראָפ־ קראָכמאל־ און וואָג־פאבריקען. דאָס איז אלץ ביי פאָליאַקען אין די הענד. נאָר איין דאמפף־מיהל און איין ברויעריי זענען יודישע. עטליכע ציגעל־פאבריקען זענען דאָ, געהערען זיי אויך צו יודען.

די יונגע יודישע קאפיטאליסטען האבען ליעב א רוהיג לע־בען. דער איינציגער פראגרעס איז ביי זיי פראצענט אויף חיי־זער. מ׳קויפט פלעצער, מ׳מויערט אוים מויערן, שווערע, קאַ־מעטנע, פיער־פינף־שטאקיגע אויף היהנערשע פיס. מ׳פערדינגט און אין א פאר יאהר ארום פערקויפט מען. דער, וואס קויפט, האלט־אב א פאר יאהר, העכערט אין דער צייט דאס דירה־געלד, בעקומט א פאר טויזענד רובל פרנסה און — ווייטער פערקויפט. דער דריטער טוט אויך אזוי; דער פיערטער אויך. די תורה איז ניט קיין גרויסע — מ׳לערנט זי גיך אוים.

פון ארבייט האלט זיך איין פאך — שניידעריי — אויף א געוויסער הויך און איז ביי יודען אין די הענד. א פאר רימער, גוטע בעלי־מלאכות, זענען דא אויך יודען. אלעם איבע־ריגע איז אדער אויסשליסליך ביי קריסטען אין די הענד (ווי מולער־ און טשעסלער־ארבייט), אדער קריסטליכע בעלי־מלאכות האבען די אויבער־האנד, ווייל זיי זענען דא אלע גרעסערע ספעציאליסטען. ברוקירער זענען דא אמאל געוועזן דורכאוים יודען. היינט איז כמעט פון זיי קיין שפור ניטא. דער דאזיגער פאך ווערט בכלל פערשוואונדען ביי יודען — ווייל די שטאדט־פערוואלטונגען זענען אומעטום אנטיסעמיטיש און גיבען־אב ברוקירען די גאסען נאר צו קריסטליכע ארבייטער.

אט אזוי ווערען די יודישע בעלי־מלאכות ביסלעכווייז ארויסגעשטופט פון די קריסטליכע. דאס קומט־פאר, ווי אומע־טום, אהן ליארים, אויפ׳ן נאטירליכען אופן. ווארום דער קריסט־ליכער האנדווערקער קען, ערשטענס, די ארבייט בעסער. אפילו א יוד — ווי איינציגע האבען זיך מיר אליין מודה געווען — געהט בעסער צום קריסטליכען האנדווערקער, ווען ער וויל האבען א נעט שטיקעל ארבייט. צווייטענס, ווערט דער קריסטליכער בעל־מלאכה שטארק געשטיצט פון די זייניגע.

דערהויבט איז ווערט צו בעטראכטען די לאגע פון די אינ־טעליגענטע פראפעסיעס אין לובלין. אויף א בעפעלקערונג פון 60 טויזענד יודען און נאך אמאל אזוי פיעל קריסטען, איז דא מעהר ניטא, ווי יודישע 4 דאקטוירים, 5 דאנטיסטען, 3 אדוואַ־קאטען, 4 אדער 5 אקושארינס, בעת קריסטליכע דאקטוירים

זענען דא 50, אדוואקאטען — 40, אקושארינס — 30, א. א. וו.
אפטייקען און פראוויזארען יודישע זענען דא גאר ניטא.

איך וויס, צום ביישפּיעל, אז אין אנדערע שטעדט איז די צאהל יודישע אינטעליגענטע פּראפעסיעס גלייך מיט קריסט־ליכע און אמאל שטייגט זי זיי נאך אריבער. אלענפאלס, זענען יודען אין ערך מיט דער בעפעלקערונג ניט ווייניגער.

איך האב געמיינט, אז דער פּוילישער אנטיסעמיטיזם איז דא שולדיג. האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז שולדיג איז דא ניט דער פּוילישער, נאר דוקא דער יודישער אנטיסעמיטיזם. גראד אויף דעם געביט פון אינטעליגענטע פּראפעסיעס (א חוץ אפטייקען און פּראוויזארען) איז ניט צו בעמערקען קיין אגיטאציע, קיין קאנ־קורענץ פון די קריסטען. נאכמעהר: די עטליכע יודישע דאק־טוירים, וואס זענען דא, וואלטען גאר ניט קאנען עקזיסטי־רען, ווען ניט קריסטליכע פּראקטיק. די יודען אבער, איבערהויפּט די חסיד'ישע הייזער, בענוצען אויס־שליסליך קריסטליכע דאקטוירים. נאר אין די ארימע, אונוויסענדע חסיד'ישע הייזער ברויכט מען א יודישען דאקטאר. דאס איז נאר דערפאר, ווייל דער קראנקער און זיין פאמיליע זענען געצוואונגען דערצו. זיי קענען קיין פּוי־ליש ניט, איז זיי אונמעגליך זיך צונויפצורייידען מיט'ן פּוילי־שען דאקטאר. איז מען אבער געצוואונגען זיך צו ווענדען צום יודישען דאקטאר, צאהלט מען איהם דערפאר גרא־שענס פאר'ן וויזיט. זיין ראט, זיין רעצעפּט האבען קיין ווערדע ניט. אן אויסנאהם איז נאר די יונגערע יודישע מאסע, וועלכע בעציהט זיך מיט מעהר רעספּעקט צום יודישען דאקטאר.

דער דאקטאר איז דא אבער קיין אויסנאהם ניט. דעמזעל־בען אנטיסעמיטיזם פון דער חסיד'ישער בורזשואזיע בעמערקט איהר אויך בנוגע צו אנדערע אינטעליגענטע און ניט־אינטעלי־גענטע פּראפעסיעס. א חסיד'יש ווייבעל, ווי בעוואוסט, האט זיך שטארק ליעב צו פּוצען, איבערהויפּט די טעכטער און שניהר פון די חסיד'ישע רביים. זיי וועלען זיך אבער גארניט לאזען מא־כען ביי א יודען, נאר נישט קויפען אין א יודישען מאגאזין.

געוועהנליך, ווערט אלץ געקויפט און בעשטעלט אין ווארשוי אדער גאר אין אויסלאנד. און דוקא ביי א קריסט. די הויפט־סבה דערפון איז, ווייל די חסיד׳ישע פאמיליע אין פוילען האט קיין שום נאציאנאלען שטאלץ ניט, קיין שום עהר־געפיהל ניט. זי איז בלויז רעליגיעז, און איהר רעליגיעזיטעט איז נאר אנ־אויסערליכע. דעם טאן אין דער ווירטשאפטליכער פיהרונג, אין דעם אינערליכען לעבען בכלל גיט די פרוי. די ערציהונג פון די טעכטער אין דער פויליש־חסיד׳ישער פאמיליע, איז פונקט דער היפך פון דער ערציהונג, וואס ווערט געגעבען די זיהן. פאר א זוהן איז א פויליש בוך, אפילו העברעאיש, תנ״ך, טריף ווי חזיר. צו זעקס יאהר, און אמאל אויך פריהער, הויבט ער אן לערנען גמרא, צו 9—8 יאהר חסיד׳ישע ספרים. דער זוהן פערברייננגט כמעט די גאנצע יוגענד זיינע אויף דער באנק אינ׳ם רבי׳נס שטיבעל. פון דער וועלט האט ער קיין שום בעגריף ניט. טראגט די לאנגע קאפאטע, דאס זיידענע אדער סאמעטענע מיצעל.

די פרויען, פערקעהרט, גיט מען אב לערנען אין די פויליש־שע פענסיאנען, אדער מ׳האלט צו זיי קריסטליכע לעהרער און גובערנאנטינס. זיי לעזען די פוילישע ליטעראטור, ווערען זיי בעקאנט מיט דער ברייטער וועלט, מיט מאדערנע פראגען, לייד־ענשאפטען און לוקסוס. זיי בעקומען א האס צום ווילדען פא־נאטיזם, צו דער אונווויסענקייט פון זייערע היימישע קרייזען, און צו אלעם יודישען בכלל; עס ציהט זיי צו דער פוילישער גע־זעלשאפט, וואו זייערע ענטוויקעלטערע געפיהלען און בעגריפען קאנען האבען א בעסערע בעפריעדיגונג, ווי אין דער געזעל־שאפט פון די „חניאקעס״ — זייערע מאנען און ברידער.

און דער „מ א ן״ אליין, ווען ער קומט פון דער פרא־ווינץ קיין ווארשוי, צי קיין אויסלאנד, ווארפט ער ניט זעל־טען אראב פון זיך דעם גאנצען יאך פון דעם חסיד׳ישען „שטאט״ און שפייזט דעם יצר־הרע. קומט ער אהיים — איז ווידער אלץ ווי געוועזן.

ווענען דעם א י נ ע ר ל י כ ע ן צושטאנד פון דער היינטיגער חסיד׳ישער פאמיליע איז א סך צו ריידען. לויט מיינע

בעטראכטונגען אויף מיין רייזע איבער די פוילישע שטעדט און שטעדטעלך, איז די אסימילאטארישע בעוועגונג צווישען דער יודיש־פוילישער יוגענד א דירעקטער רעזולטאט פון איהר אונ־נאטירליכער ערציהונג: פון דעם היפך צווישען דער היימישער פאנאטישער סביבה און דער ליכטיגער וועלט פון דער פוילישער קולטור, וואס זי, די יוגענד, פערזוכט. מיר גיבען זיך, לויידער, וועניג מיה צו פערשטעהן את די פסיכאלאגישע נויטוועגדיג־קייט, און זענען ניט זעלטען איינזייטיג אין אונזער אורטיילען וועגען דעם לעבען פון די פוילישע יודען.

אין דער פּױלישער שטעדטעל.

ביאלער „אנטיקען".

איך ווייס ניט נאך צוויי אזעלכע שטעטלעך אין יודישען תחום, וואס זאלען זיין אזוי טיעף אריגינעל, אזוי טיפיש פערשיעדען פון אנדערע און פערשיעדען צווישען זיך, ווי די צוויי יודישע שטעטלעך אין פוילען: ב י א ל ע און מ ע ז ע ר י ט ש.ביידע ליעגען אויף דער אייזענבאהן־ליניע פון ווארשוין און בריסק. פון ביאלע קיין מעזעריטש איז מעהר ניטא, ווי א האלבע שטונדע רייזע פער באהן, און וואס פאר אנ'אונטערשיעד אין דער פיזאנאמיע פון אט דיביידע שטעטלעך! שוין אינ'ם עקאנאמישען באדען, אין די קוואלען פון דעם יר־דענ'ם חיונה איז צווישען אט די צוויי שכנ'ישע שטעטלעך א גוואלדיגער קאנטראסט: מעזעריטש האט זיך אויסגעקליבען אן ארבייט, וואס האט איהר געמאכט איינגאנצען אונאבהענגיג פון די שכנ'ישע שטעטלעך, פונ'ם גאנצען תחום, פון גאנץ פוילען, אפילו פון גאנץ רוסלאנד. „גאט און לייפציג!" — זאגט מעזעריטש און איז גערעכט. אזוי לאנג, ווי לייפציג עקזיסטירט, האט מעזעריטש קיין מורא ניט, ניט פאר חיונה, ניט פאר גוי־אישען, ניט פאר יודישען אנטיסעמיטיזם. מעזעריטש האט זיך אויסגעקליבען דעם שמוציגסטען ארטיקעל, וואס יעדען ציכטיגען מענשען עקעלט צו נעהמען איהם אין האנד. דערמיט האט זי זיך פערזיכערט אויף אייביג פון קאנקורענץ.

ביאלע איז אין דעם ענין פון פרנסה געווען אזוי לייכטזיניג, אז זי האט גאר ניט געקלערט, פון וואנען און ווי אזוי עס ווערט

איהר צוגעשיקט די חיונה. איך ווייס ניט אקוראט, ווען דאס איז געווען: זעלנער זענען אנגעקומען און בעזעצט זיך אין שטעדטעל. ביאלער יודען האבען געגלויבט, אז דאס האט זיי גאט צוגעשיקט, די זעלנער זאלען זייערע שפייזער זיין. האבען זיי זייער גאנץ לעבען צוגעפאסט צום זעלנער. האבען געמיינט, אז די זעלנער זענען דא אין שטעדטעל נאר צוליעב דעם, אז יודען זאלען פרנסה האבען.

איך ווייס ניט אקוראט: ווי אזוי און דורך וועמען דאס איז געשעהן. אבער ניט לאנג, אין איין שענעם פריהמארגען, האבען די זעלנער בעקומען א בעפעהל ארויסצוקלייבען זיך פון ביאלע. ביאלע איז געבליבען אהן זעלנער און יודען איז געבליבען נאר איין וועג: צומאכען זייערע געוועלבלעך, איינפאקען זייערע פעקלעך און לאזען זיך נאך די זעלנער.

זיי וואלטען דאס געוויס געטאן, ווען דאס וואלט זיך וועגדען נאר אן זיי אליין. און אזוי, ווי דאס האט זיך אויך געווענדט אן אנדערע — זענען די יודען געבליבען זיצען אין זייערע פוסטע געוועלבער. און דאס הארץ פערקלעמט צו קוקען, ווי א גאנץ שטעדטעל יודען געהט אוים נאך א גראשען פרנסה און האט ניט.

מעזעריטש איז אינגאנצען א האלבע שטונדע רייזע פון ביאלע און אנ'אונטערשיעד איז צווישען אט דיביידע שטעדטלעך, וועניגסטענס אין — א רייזע פון... א גאנצען יאהרהונדערט. מעזעריטש איז אפיקורסיש. מעזעריטש זאגט: „גאט און לייפציג!“ און מיינט נאר — לייפציג. ביאלע זאגט: „גאט און דער רבי!“ און מיינט מיט אן אמת: „גאט און דער רבי“.

אז איהר פאהרט אריין קיין ביאלע, פערגעסט איהר, אז איהר לעבט אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט. דא איז ערשט דער אנהויב פונ'ם 19טען און אפשר פונ'ם 14טען יאהרהונדערט. איהר זעהט דא א לעבעדיגען אין גאס ניט, בלויז דעם „חוכר“, דעם העלד פון אבראמאוויטש'עם „טאקסע“, וואס ער האט געשריבען מיט 40 יאהר צוריק; איהר זעהט אין גאס פערברענטע חסידים, וואס זענען גרייט אנצוצינדען א שייטער־הויפען צו בראטען אפיקורסים פאר גאט און דעם רבי'ן; א רב, וואס מאכט

בכבודו ובעצמו א פאגראם אויף א טאנץ־קלאס; א שענער יוד, וואס האט פערשיקט דורך א פאלשע מסירה א יודישע פאמיליע אויף קאטארגע; חסידים־יונגעלייט, וואס פוילען אב זייער לע־בען אין שטיבעל; חסיד׳ישע טעכטער, וואס געהען שפאצירען מיט אפיצירען און שקצים.

איך וויל ניט ריידען קיין לשון־הרע אויף ביאלער יודישע טעכטער. איך וויים, אז זיי טוען דאס ניט פון פערשייטקייט, נאר צוליעב חיונה. וואס טוט דען ניט א יוד און א יודישע טאכטער צוליעב חיונה?...

איהר קענט דאס ליעדעל?

זייט מיר געזונד, רבי־לעבען!
זייט מיר געזונד, רבי־לעבען!
מיט מאצווייקען מוז מען טאנצען
פון דער ביטערער פרנסה וועגען...

עס וואלט געוועזן א מעשה אהן א סוף צו דערצעהלען די מערקווירדיגקייטען, וואס ביאלע פערמאגט. נאר מערקווירדיגער פון אלץ איז געוועזן דער ביאלער „הויף". איך מיין דעם ביא־לער׳ס הויף, דער מערקווירדיגסטער פון אלע „הויפען" אין פוי־לען, ליטא און וואלין. איך זאג: „געוועזן", ווארום דער ביאלער הויף מיט זיין גאנצער גדולה, מיט דער בעריהמטער ביאלער רבי׳צין, — „די יודישע פירסטין", ווי מ׳האט זי גערופען, — זענען, ליידער, מיט אנ׳אמת בלויז — געוועזן, און זענען מעהר ניטא. פערשוואונדען איז ער, ווי א גאנצע רייה אנדערע „הוי־פען", וואס האבען דא ניט לאנג געגלאנצט, און איצט איז פון זיי געבליבען בלויז א טרויעריגער זכר.

אין ביאלע איז דא א גימנאזיום פאר מענער און א פרא־גימנאזיום פאר פרויען. פאר ביאלער חסידים, נאטירליך, איז א גימנאזיום טריף, ווי חזיר. און דעריבער וועט איהר אין ביא־לער גימנאזיום כמעט ניט געפינען קיין איין יודישען שילער פון שטעדטעל גופא. דערמיט בענוצען זיך די ליטוואקעס פון די שטעדט, וואו די גימנאזיומס זענען איבערגעפאקט און, וועגען די פראצענטען, איז א יודישען שילער אונמעגליך אהין אריינ־צוקומען. צוליעב די קינדער בעזעצען זיך אין ביאלע אויף די

עלטערן אויף שטענדיג. שטערטעל האט מיט די דאזיגע אפיקורסים נ י ש ט צו טאן, און די ליטווישע פאמיליעס לעבען דא אין א מין בעזונדער קאלאניע.

גאנץ אנדערש איז מיט׳ן פראגימנאזיום, עס איז פול מיט יודישע מיידלעך, דוקא חסיד׳ישע טעכטער. נאר מיינט ניט, אז חסידים האלטען פאר נויטיג זייערע טעכטער יא צו געבען בילדונג, האלטען בכלל די טעכטער מעהר פאר מענשען. גראד פערקעהרט: אן „אשה״ איז ביי א חסיד קיין מענש ניט. זי איז ניט מחויב צו לערנען, צו זיין פרום. זי איז בעשאפען געווארען צו זיצען אין קראם און מפרנס זיין דעם מאן, כדי ער זאל קאנען זיצען און לערנען, פאהרען צום רבי׳ן און פראווען חסידות. אין קראם דארף זי קאנען פערשרייבען, ריידען מיט׳ן פריץ, בכן, האט מען גארנישט דאגעגען, ווען א מיידעל וויל געהן „אין די קלאסען״, ווען זי לייענט א פויליש בוך און געהט שפאצירען מיט א שייגעץ. זי איז צו־וועניג מ ע נ ש, אז צו איהר הארץ און מח זאל זיך עפעס דערפון צוקלעפען.

אין ביאלע האט איינער געפרובט מאכען א חדר־מתוקן. האט מען איהם אזוי פיעל אנגעטאן צרות, דורך מסירות און אלערליי רדיפות, אז ער האט געמוזט דעם רעפארמירטען חדר פערמאכען און אליין אנטלויפען.

פון דעם אלעם קאנט איהר זיך לייכט אנשטויסען, אז אין ביאלע איז ניטא און קאן ניט זיין קיין שום ליטערארישער פעראיין, קיין שום בילדונגס־געזעלשאפט, קיין שום ביבליאטעק. אין „לינת הצדק״ איז געווען א יודישע אקושעריז, האט מען זי גע׳רודפ׳ט דורך מסירות און ארויסגעיאגט. מ׳האט געבויט אין ביאלע א יודישען שפיטאל, האט מען בעשלאסען קיין שום יודישען דאקטאר, יודישען פעלדשער, יודישע אקושעריז ניט צו נעהמען, ווייל זיי זענען אפיקורסים. גויים — יא! ווארום א גוי וועט א יודיש קינד ניט אראבפיהרען פון וועג.

אט אזא פינסטערניש איז אין ביאלע! פונדעסטוועגען איז דאס לעבען שטארקער, ווי דער פאנאטיזם פון די ביאלער חסידים. דער עקאנאמישער חורבן, די אייזערנע נויט האט געצוואונגען די ביאלער פינסטערע פאנאטישע עלטערן צו זארגען

װענען א תּכלית אױף פאַר די זיהן. די קראַם איז שױן ניט מעהר דער אײנציגער מקור פון חיונה. מ'מוז זיך נעהמען צו א מלאכה.

צופעליג האָבען זיך געעפענט דאָ עטליכע מעכאַנישע שוסטערײען. אמאָליגע צײטען װאָלטען די פאַבריקאַנטען דאַרפען אױסשרײבען אַרבײטער פון אַן אַנדער אָרט. ק י י ן ביאַלער חסיד װאָלט ניט צונעהמען זײן זוהן פון שטיבעל און אָבגעבען פאַר א שוסטער. הײנט שיקען שױן א סך עלטערן זײערע זיהן אין די שוך־פאַבריקען און זענען גערן, װאָס מ'נעהמט זײ צו. די לעהרע געדױערט אײנגאַנצע דרײ מאָנאַטען און איז ניט קײן שװערע. געצאָהלט װערט ניט שלעכט. אַרבײטער בעקומען דאָ פון 5 ביז 12 רובל א װאָך.

קױם זענען די חסיד'ישע יונגע־לײט אַרױס פון שטיבעל און זיך צוזאַמענגעשטױסען פּנים אל פּנים מיט'ן לעבען, האָבען זיך שױן אין זײ דערװעקט אַנדערע לעבענס־פראַגען. עס הױבט זיך אָן װעבען א בעװעגונג. די עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע אין'ם לעבען פון די ביאַלער יודען און די מעכאַנישע שוסטערײ האָבען געמוזט װירקען אפילו אױף די יונגע־לײט, װאָס זענען נאָך דערװײל געבליבען אין שטיבעל. עס מערקט זיך דאָרט א פאַרשפּעטיגטע השכלה־בעװעגונג. ביאַלער חסיד'ישע יוגענד לעבט איבער דיזעלבע השכלה־עפּאָכע, װאָס די ליטװישע יוגענד האָט דורכגעמאַכט מיט 50 יאָהר צוריק. מ'הױבט אָן פון'ם „אהבת ציון" און מ'געהט גלײך אריבער צום „רוסקאַיאַ רעטש". אַזױ װי אין ליטאָ, געהט דאָ די השכלה אריבער פון העברעאיש אין רוסיש און ניט אין פּױליש.

װעגען א געזעלשאַפטליכען לעבען, װעגען א קולטורעלער בעװעגונג אין ביאַלע קאָנען אײך געבען א בעגריף די צװײ אײנציגע חברות, װאָס עקזיסטירען דאָ: „חברה תהלים" און „שומרי שבת". אמת, מיט א קורצער צײט צוריק האָבען עטליכע יונגע־לײט דאָ געװאָלט גרינדען א ליטעראַרישען פעראײן, האָבען די חסידים זיך געלעגט אין דער לענג און דער ברײט און — ניט דערלאָזען.

קורץ: אַלץ איז אין ביאַלע אָריגינעל; אפילו איהר היס־

טאָריע, איהרע לעגענדעס זענען גאָר ניט גלייך צו דער היסטאָריע און צו די לעגענדעס פון אנדערע שטעדטלעך.

ביאַלע אליין מיט איהרע ארומיגע געגענדען, די שענסטע די פרוכטבארסטע אין פוילען, האָט אמאָל בעלאנגט צו די ראַדזיווילס, די גרעסטע יחסנים פונ'ם פוילישען אדעל. אבער מ'ווייסט ניט, ווי אזוי דאָס איז געשעהן: די ירושה פונ'ם פוילישען מאגנאט איז מגולגל געוואָרען צו עפּעס א יודיש מיידעל. איהר ירושה, זאָגט מען, בעטרעפט א 50 מיליאָן. דאָס מערקווירדיגסטע איז אבער, וואָס אַט דאָס מיידעל נעהמט פּלוצלונג און האָט חתונה מיט אַ פּוילישען אַרבייטער. נאַטירליך, האָט זי זיך דערביי גע'שמד'ט. די פּוילישע נאַראָדאָוועצעס טאַנצען פאר שמחה: ניט פערפרעמדט געוואָרען די גרויסע מאַיאָנטקעס פון זייער ראַדזיוויל; אריינגעפאלען איבער־א־ניים אין פּוילישע הענד.

ביאַלער לעגענדעס זענען פול מיט יודישע מארטירער, מיט „שמשון הגבור'ס“, מיט „לצים“, וואָס גרילצען, ווארפען שטיינער און ציגעל און פייפען פון די קוימענס. נאָך איצט געהען ביאַלער ווייבער ניט ארויס אָהן א פארטוך, די קינדער לאָזט מען ניט ארויס אָהן רויטע בענדלעך — א סגולה געגען „ניט־גוטע“.

אַט דאָס איז ביאַלע...

אין שלום אש'ם שטעדטעל.

געקומען בין איך אין קוטנא אין א זומערדיגען ערב־שבת.

שוין מיט איניגע סטאַנציעס פריהער, פאר קוטנאָ — דאָס שטעדטעל וואו אש איז געבוירען און דאָרט זיין ערשטע יוגענד פערבראַכט, — מערקט איהר, און איהר פיהלט, אז איהר קומט נעהנטער צו שלום אש'ם „שטעדטעל“. די נאַטור איז אין ערגעץ אין פוילען ניט אזוי רייך, אזוי שען ווי דאַ: צו דערזעל־בער צייט פיהלט איהר אומעטום דעם מענשענ'ס האנד, זיין שאפענדען גייסט. יעדער פון די פאַסאַזשירען אין צוג קע־נען זיך ניט אבהאַלטען פון דעם רייץ, ארויסצוקוקען דורכ'ן פענסטער פון וואגאָן אין די שענע פעלדער, וואָס זענען געדיכט בעזעצט מיט גאנצע כוואליעס שווערע גילדענע זאנגען. אויף אלץ וואָס וואקסט דאַ: קאָרן, האָבער, גערשטען, ווייץ, אפילו קארטאָפעל, איז א מאָדנע גערעטעניש, און דאָס איז ניט קיין צופאל. דאַ איז דער בעסטער, דער פעטסטער באָדען פון פויל־שען לאנד. די לאָנקעס זענען אויך אזוי געדיכט בעזעצט מיט בליהענדער קארנוסינע, פון וואָס די בהמות ווערען דיק און גיבען פעטע געשמאקע מילך. ערגעץ אויפ'ן וועג, בעמערקט איהר ניט אזוי פיל סטאדעס פאשענדיג זיך אויף די לאָנקעס, ווי דאַ. און די קיה זענען גאָר פון א בעזונדער שענעם קאָליר. די פעלדער ווערען אָפט דורכגעשניטען מיט שאָסיי־וועגען, פון ביידע זייטען בעצירט מיט געדיכטע אלעען. דערפער מיט שטרוי־ענע דעכער בעמערקט איהר דאַ זעלטען. דערפאר זענען די פעל־

דער כמעט אויף יעדער וויאָרסט, אויף יעדער האַלב־וויאָרסט בעלעבט מיט כוטאָרעס, עהנליך צו אמעריקאנער פאַרמס. דער־פון בעקומען די פעלדער אַ מערקווירדיג מונטער לעבעדיג אויס־זעהן.

ווען איהר פאָהרט אריין אין קוטנא און טוט נאָר עטליכע טריט אין שטעדטעל אריין, נעהמט אייך גלייך איבער אַ גע־דיכט־שאָטענדיגע ברייטע אלעע, וואָס בעצויבערט אייך דורך איהר געהיימניספולקייט און פאַטריארכאַל־רוהיגער היימיש־קייט. די אלעע גיט אייך איבער פון איין זייט דעם שענעם פּאַרק, וואָס בעלאַנגט דעם פּריץ פון שטעדטעל; פון דער צוויי־טער זייט — דעם סאַמע שטעדטעל. דאָס שטעדטעל הויבט זיך אויף פּאַר אייערע אויגען בארג ארויף. פון שפּיץ בארג אראָב געהט עס זיך פונאַנדער אין פערשיעדענע זייטען מיט ברייטע גאַסען, וועלכע געהען באַלד איבער אין ציכטיגע גלאַטע שאָ־סעען. דער צענטער, ווי אין אַלע פּוילישע שטעדטלעך, שטעלט פּאַר אַ גרויסען פּיערקאַנטיגען פּלאַץ, פון אַלע זייטען ארומגע־צוימט מיט גרויסע מויערן: אויבען וואוינונגען, אונטען קראָמען.

ווי דאָס רוב פּוילישע שטעדטלעך האָט קוטנאָ אויך צוויי מערק, און ווי אומעטום, הייסט דער ערשטער וואָס קומט אייך אנטקעגען ביי אייער אריינפאָהרען — „נייער מארק", דער צווייטער, אביסעל ארונטער — „אלטער מארק". אויפ'ן אלטען מארק שטעהען געוועהנליך מולטערלעך און אלטע צובראָכענע קעסטלעך. דאָ ווערט געהאַנדעלט מיט פערשיעדענע גרינסען, אין די קרעמלעך דערביי ווערט פערקויפט גרויפּענס, זאַלץ, נאַפט, זייף, סמאַלע און עהנליכע פּראָדוקטען, מעהרסטענס פאַר'ן פּויער.

אויפ'ן „נייעם מארק" געהט שוין אַ גרעסערער האַנדעל, מיט ארטיקלען פון ברייטערע בעדערפענישען און זאָגאַר מיט לוקסוס. דאָ זענען די רייכערע יודישע קראָמען. דאָ איז, געוועהנליך דער אַפּטייק, אַ קאָנדיטעריי וואָס בעלאַנגט שוין ניט צום יודי־שען האַנדעל. דאָ איז דער מאַגיסטראַט, די פּאָליציי; דאָ וואוי־נען די גבירים פון שטעדטעל. דאָ איז אויך דער האָטעל, קוריר,

ליוט'ן פלאן איז קוטנא עהנליך צו יעדען אנדער פוילישׁ און זאגאר ליטווישׁ שטעדטעל. נאר דא איז עפּעס מעהר באַלאַ־באַטישׁ, מעהר בהרחבה'דיג, מעהר פּאטריארכאל ווי אומע־טום.

ס'איז געווען א ווארימער שענער יוני־פארנאכט, ווען איך בין אנגעקומען אין שטעדטעל. איך בין גלייך ארויס פון האָ־טעל, אום צו בעטראכטען די ערב שבת'דיגע פיזיאָנאָמיע פון שלום אש'ס שטעדטעל. און עס האט ווירקליך פארגעשטעלט א אינטערעסאנט בילד. עס איז נאך געווען א פּאר שטונדען צו ליכט־בענשען. קיין געלויף איז ערגעץ אויפ'ן מארק ניט געווען צו בעמערקען, מענשען זענען זיך געגאנגען, ריכטיגער, אומגע־גאנגען — רוהיג, ערטערווייז זענען געשטאנען שיטערע קופּקעס מענשען און איבערגעווארפען זיך, ווען ניט ווען, מיט א ווארט, מעהרסטענס אבער — אזוי געקוקט פון בארג אראב גלאט אין דער ווייט אריין.

איך האב זיך צוגעקוקט צו די קראָמען, אריינגעקוקט איינע־וועניג אין די געוועלבער: א מערקווירדיגע זאך! אין קיין איין געוועלב איז קיין איין קויפער ניט געווען. אבער די קרעמער האָ־בען, ווי עס האט געשיינט, זיך וועניג געקימערט וועגען לייזונג. ד ע ר איז געזעסען דרויסען, פּ א ר דער קראָם, אויף א בענ־קעל, פערוואָרפען א פוס אויף א פוס; יענער — א י ן קראָם, פערטיפט אין א יודישע צייטונג; א מיידעל, א קרעמערין האט זיך געמאכט געמיטליך אין שפּיגעל איהר טואלעט; א מוטער אין א צווייטער געוועלב, האט געקעמט א קליין קינד; ווידער אן אנדערער האט געפּיפקעט א ליולקע און געלאָזען פערגעניגענד דעם רויך אין ברייטען מארק אריין. דער עולם האט געשיינט עפּעס צופריעדען פון זיך אליין, פון דעם שטילען, רוהיגען לע־בען, פון דעם ווארימען, דופטיגען, ערב שבת. די גאנצע אויסענ־וועלט, פערגאנגענהייט, צוקונפט — אלעם האט געשיינט פער־שוואונדען, ניט נויטיג אין אט דעם ערב שבת'דיגען דרימעל, אין דער אידיליע פון שלום אש'ס שטעדטעל.

אויף מארגען האבען מיר איניגע יונגע לייט, שלום אש'ס געוועזענע חברים, געפיהרט וויזען דעם שענעם פּארק פון

שטעדטעל. זיי האבען מיר געוויזען אלע שטעגעלעך, וואו דער דיכטער האט ליעב געהאט צו שפאצירען: די פערלעגענע ווינ־קעלעך, וואו ער פלעגט גערן ליעגען און פאנטאזירען. אויפ'ן וועג האט מען מיר אנגעוויזען די העלדען פון „שטעדטעל" — לעבעדיגע פערזאנען, וואס וואוינען נאך יעצט אין קוטנא. —

אט איז די „קוילער־געסעל", אט איז די פון וועלכע אש האט געשריבען „די יאטישע טאכטער". איין האטעל אפילו, דערזעלבער, וואו איך האב זיך אבגעשטעלט, האט זיך ארויסגעוויזען, איז געווען דער פלאץ, וואו עס האט זיך אין דער ווירקליכקייט אבגעשפיעלט שלום אש'ס דראמע „דער יחוס". שלום אש'ס ביאגראפיע איז, איבעריגענס, ניט זעהר קיין רייכע אין פארבען, אין איבערלעבענישען. קיין קאמפף פאר זיין עק־זיסטענץ האט ער אין זיין יוגענד ניט געדארפט פיהרען, ווי אנדערע יודישע שרייבער. זיין פאטער איז געווען א פערמעגענ־דער יוד, געהאנדעלט מיט פיה. ביז ער איז געווארען א גרויסער בחור, האט ער געטראגען דאס מיצעל מיט דער לאנגער קאַ־פאטע, געלערנט פריהער אין חדר, דערנאך אין בית המדרש; געקוועטשט די באנק, געבטל'ט, געגאנגען שפאצירען אונטער'ן שטאדט, געלייענט פער'גנב'עטערהייד דעם „אהבת ציון" און אנדערע „אפיקורסישע" ביכלאך. שפעטער אביסעל דערוועקט זיך אין איהם א שטרעבונג צו וועלען עפעס וויסען מעהר פון דער וועלט. ווארשוי איז נאך פאר איהם צו ווייט; דער קאב־קעסעל פונ'ם דארטיגען לעבען צו מורא'דיג. לאזט ער זיך ווייטער אביסעל, אבער נישט גאנץ ווייט — אין וולאצלאוועק. וולאצלאוועק איז, אזוי צו זאגען, דער צווייטער טייל פון שלום אש'ס „שטעדטעל". דארט איז מעהר קולטור; די נאטור איז דארט רייכער און שענער, דער ווייכסעל איז דארט ברייטער און שטראמיגער, ווי אין ווארשא אפילו. און איבער דער ווייכסעל, אויף יענער זייט טייך, הויבט זיך אויף פאר אייערע אויגען איי־נע פון די בעצויבערענדסטע לאנדשאפטען אין פוילען. איך גלויב אז אין דער שווייץ אפילו קען מען אזעלכע שענע לאנדשאפטען ניט אפט בעגעגענען. דעריבער איז קוטנא און וולאצלאוועק — דער צענטר פון דער פוילישער קולטור. די בעלי־בתים פון לאנד

דאָ זענען די פיהרער פון דער פויליש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דער שפּיץ פון דער פוילישער נאַראָדאָווער דעמאָקראַציע.

אין וולאָצלאַוועק האָט פּאַסירט שלום אַש'ס ערוואַכונג. דאָ האָט ער אראָבגענומען דאָס מיצעל מיט דער קאַפּאָטע. דאָ האָט ער אָנגעפאַנגען צו לעזען און שרייבען יודיש. בשעת שלום אַש האָט געשריבען זיין „שטעדטעל", האָט דאָס יודישע שטעדטעל אין פוילען נאָך בעהאַלטען גאַנץ קענטיגע סמנים פון אַמאָליגען פּאַטריאַרכאַלען שטויגער. פאַר דעם אויג פון אַ לעבענס־פאַרשער האָט אָבער שוין דאַן נישט געקענט ענטגעהען דער טיעפער אינערליכער קריזיס פון „שטעדטעל". שוין דאַן איז געווען אַ בייזער סימן אין דער צו־רוהיגער פייערליכקייט פון אַ קוטנער מאַרק אַן ערב שבת. דעם דיכטערס אויג האָט זיך געקאָנט אָבשטעלען מעהר אויף דער פּאַטריאַרכאַלער רוהיגקייט פון דער יודישער שטעדטעל, ווי אויף זיין דראָהענדער צוקונפט. אמת: ווייט פון דער ווירקליכקייט האָט אַש נישט געקענט אוועק אין זיין פּאָעטישער דיכטונג. די גאַנצע פּאָעזיע פון „שטעדטעל" איז פערצויגען עפּעס מיט אַ טרויעריגען נעבעל. עפּעס פיהלט זיך שוין, אַז דער אַלט פרענקישער הונדערט יעהריגער דרימעל נעהמט אַ סוף; אַז די ווירקליכקייט אין דעם פוילישען שטעדטעל הערט אויף צו זיין פּאָעטיש און ווערט אַ ביטערע פּראָזע. אין די לעצטע 12—15 יאָהר האָט דאָס „שטעדטעל" שטאַרק אומגעביטען זיין פיזיאָגנאָמיע. ווען אַש קומט יעצט אַהער, וואָלט ער שוין מעהר נישט געפונען יענע ווייכע פאַרבען, וועלכע האָבען גענעהרט זיין פעדער אין זיין יוגענד.

מיר, פּשוט'ען בעאָבאַכטער, איז גלייך געוואָרען פערדעכטיג אָט די צו־שטילע ערב־שבת'דיגע פייערליכקייט פון די קרעמער. און באַלד האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזען, אַז נישט די רעליגיעזע שטימונג האָט איהר געבוירען. איהר גרונד ליעגט ערגיץ אַנדערש; ליעגט אין עקאָנאָמישען באָדען, ליעגט אין די סך קריסטליכע געוועלבער, וואָס שפּראָצען דאָ ארוים די סאַמע לעצטע צייט. זיי רייסען ארוים דעם באָדען פון דער יודישער עקזיסטענץ. ווארום דער באָדען פון דער יודישער עקזיסטענץ אין דעם פוילישען קליין שטעדטעל איז נאָר דער קליינהאַנדעל.

נישט נאָר ערב שבת בעמערקט איהר אין די קראָמען אזא וויסט־
קייט. איהר בעמערקט דאָס אָפט אויך אין א וואָכעדיגען טאָג.

אַט די רוהיגקייט האָט גאָר נישט צו טאָן מיט פּאַזיוע. זי
וויזט אויף דער טעמפּער אפּאטיע, אויף דער פערצווייפעלטער
גלייכגילטיגקייט צו דער אייגענער לאַגע, אויף דער מוטלאָזיג־
קייט און האָפנונגסלאָזיגקייט פון שלום אַש'ס „שטעדטעל".

איינער אין שטאדט.

סאַכאַטשעוו איז א שטעדטעל, וואָס ליעגט א צוויי שטונדען רייזע פון ווארשוי, און דאָס לעגט שוין ארויף א בעזונדער שטעמפּעל אויף דער שטעדטעלשער פיזיאָנאָמיע.

א שטויגער: אין סאַכאטשעוו איז דאָ א טייך, וואָס האָט גוטע פיש. דאָס איז דער איינציגער פּראָדוקט, וואָס סאַכאַטשעוו „שאפט“. א ווארשויער יוד קאָן בעקומען סאַכאטשעווער פיש, אויפ׳ן ווארשויער פיש־מארק פאר דרייסיג, פערציג קאָפּ. א פונט. א סאַכאטשעווער יוד אָבער, אז ער וויל אויף שבת האָבען א שטיקעל היימישע פיש, מוז ער בעצאָהלען 60 קאָפּ. א פונט און דאָס מוז מען פאָהרען נאָך דעם קיין ווארשוי און ברייננגען עס צוריק קיין סאַכאטשעוו. ס׳איז שוין פארהאן איין מין יודען, וואָס פּאקען סאַכאטשעווער פיש אויף וועגען און פיהרען קיין ווארשוי, און נאָך א מין יודען, וואָס פאָהרען קיין ווארשוי מיט דער באהן, און ברייננגען די פיש צוריק קיין סאַכאטשעוו.

און דאָסזעלבע איז אויך מיט היהנער, מיט פוטער און קעז און פרוכטען און אנדערע זאכען. דערפון האָבען סאַכאטשעווער יודען פרנסה. א טייל פיהרען ק י י ן ווארשוי, אנדערע פיהרען פ ו ן ווארשוי — גאנץ אָפּט טאקע דיזעלבע זאכען.

דערפון פערשטעהט איהר, אז אין סאַכאטשעוו איז אלץ טייערער, ווי אין ווארשוי. אפילו דירות. עס קומט אויס, אז סאַכאטשעווער יודען האנדלען ניט און לעבען ניט, נאָר זיי

שפּיעלען זיך איינע מיט די אנדערע אין צו־להכעיס...

קיין דירעקטע פערבינדונגען מיט סאַבאָטשעוו האָב איך ניט געהאט, איך האָב נאָר געהאט אנ׳אַדרעס און בין געפאָהרען לויט׳ן אַדרעס.

דער פּוהרמאַן האָט מיך געבראַכט אויפ׳ן סאמע מיטען מארק און האָט מיך דאָרט איבערגעלאָזען ביי א קראָם.

דער מאַגאַזין האָט זיך ארויסגעוויזען — פּשוט א טאַנדעט־קראָם פון פערשיעדענע שיך, שטיוועל, א ביסעל נייע, איבער־הויפּט אַלטע, איבערגעניצעוועטע, געלאַטעטע.

די קראָם איז געווען געפּאַקט מיט גויים, וואָס זענען גע־קומען קויפען און פערקויפען אַלטע שטיוועל, אָדער זענען אריין פּשוט, מעשה בעקאַנטע, אויסשמירען די שטיוועל מיט דזשעגעכץ.

איך האָב אריינגעקוקט אין די פּנימ׳ער, וואָס האָבען זיך געדרעהט אין קראָם; אַן אַלטער יוד האָט מיט שטאַרקע מבינות בעטראַכט אַן אַלטע פּאָר חאָלעוועס, וואָס א גוי האָט אריינגע־טראָגען; א יונגערער יוד האָט געמאָסטען אנ׳אַנדער גוי א פּאָר פאַנטאָפעל מיט הילצערנע זוילען. אַן אַלטע יודענע האָט זיך געדרעהט ארום אַן אויוועז, וואָס איז געשטאַנען טאַקע דאָ אין קראָם גופא; א פּאָר אַנדערע יודען האָבען זיך גלאַט וועגען עפּעס געאַמפּערט, זיצענדיג אויף א בעט מיט ברודיגע בעט־געוואַנד. איך האָב אָנגעקוקט די אַלע פּנימ׳ער און די פּנימ׳ער האָבען מיך אָנגעקוקט עפּעס מעשה רעטעניש. ענדליך האָב איך געפרעגט איינעם פון די יונגערע אין א מיצעל און אין אנ׳אַל־טער, אָבגעקראַכענער קאַפּאָטע, צי איז ער וועמען איך זוך.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דאָס איז ע ר. א ווײַלע האָט ער זיך געפּיהלט אונבעקוועם. נאָר באַלד האָט ער מיר אונטערגעשטעלט א ביינקעל און געבעטען זיצען. איך האָב איהם געבעטען אָבפיהרען מיך אין א גאַסט־הויז. אויפ׳ן וועג האָבען מיר אביסעל געשמועסט.

א יודישע נשמה קאָן מען ניט אבשאַצען! אָט דער טאַנ־דעטניק, וואָס לעבט אין א וועלט פון אַלטע חאָלעוועס, הילצער־

נע פאנטאפעל, דזשעגעכץ און קאפולען, איז איינער פון די בעסטע אינטעליגענטען פון דער מאסע, וואס איך האב ווען עס׳איז בעגעגענט אין יודישע שטעדט און שטעדטלעך. ער איז אויך א כלל־טוער שוין פון 15 יאהר. יעדערער קען איהם אין שטעדטעל, איהם איז פארגעקומען ניט איינמאל צו פיהרען א קאמפף מיט סאכאטשעווער פאנאטיקער. ער האט ניט אוועקגעלעגט דאס געוועהר ביז׳ן היינטיגען טאג.

מיין טאנדעטניק האט מיך געבעטען ענטשולדיגען. ער דארף נאך אביסעל לויפען אהין, אהער וועגען קראם־זאכען, אין א שעה ארום וועט ער צו מיר קומען.

אין א שעה ארום איז ער געקומען, א ביסעל איבערגעטון: אין א ריינערער קאפאטע, א נײ מיצעל. ער האט מיר דערצעהלט א ביסעל סאכאטשעווער היסטאריע, א ביסעל זיין אייגענע ביאגראפיע.

נאך אין די סאמע יונגעלשע יאהרען האט ער געפונען ביי זיין טאטען א ספר אין יודיש — „שבט יהודה", און האט זיך שטארק אין איהם פערלייענט. אין דעם ספר ווערט דערצעהלט פון יודישע צרות אין פערשיעדענע צייטען. פון דעמאלט אן האט ער אלץ געזוכט אזעלכע ספרים, האט געלייענט די טרויעריגע מעשיות, וואס דערצעהלען וועגען דעם יודישען פאלק. א סך אזעלכע ספרים האט ער איבערגעלייענט, איצט האט ער שוין דיקערע, וויכטיגערע ספרים וועגען יודישער געשיכטע. און ער זיצט גאנצע נעכט איבער גרעץ, דובנאוו, גראבט זיך און גריבעלט זיך אינ׳ם שיקזאל פונ׳ם יודישען פאלק.

מיט לעזען אליין איז ער אבער ניט יוצא. ער וואלט וועלען מאכען א סוף צו יודישע צרות. און ווי ס׳איז נאר אויפגעקומען די ציוניסטישע בעוועגונג — איז ער געווארען איינער פון זיינע טרייעסטע אנהענגער. פון דעמאלט אן האט ער ניט אויפגעהערט צו אגיטירען, פערקויפען שקלים, אקציעס, קלויבען אויפ׳ן נאציאנאל־פאנד, לעזען און פערשפרייטען יעדע בראשור, יעדעס ווארט, וואס רעדט וועגען ציוניזם; פאהרט אפט קיין ווארשוי, ברייגגט אראב רעדנער, דעבאטירט מיט געגנער.

שפּעטער איז געעפענט געוואָרען אין פּעטערבורג א ליטע־ראַרישע געזעלשאַפט. האָט ער זיך געמיהט מיט אַלע קרעפטען צו עפענען אין זיין שטעדטעל אַנ'אָבטיילונג. מאַטערט זיך, קעמפּפט מיט די אַלע שטערונגען, וויל עפענען א ביבליאָטעק, וויל איינאָרדנען א פאַרלעזונג, וויל מאַכען עפּעס ליכטיגער ארום איהם. עס איז אָבער שווער.

דערוויל ווערט די עקאָנאָמישע לאַגע אַלץ געפעהרליכער. עס וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם. עס ענטוויקלען זיך „ספּולקעס" — פּוילישע קאָאָפּעראַטיווען. עס עפענען זיך קריסטליכע קראָ־מען און נעהמען אָב די פּרנסה. נאָכמעהר, טוט איהם וועה דאָס האַרץ פון דער טעמפּער גלייכגילטיגקייט פון יודען גופא צו זייער שיקזאַל. אין דער צייט פון די וואַהלען אין דער ערשטער, צווייטער און דריטער דומע האָט געקאָכט מיט וואַהל־אַגיטאַ־ציע. „איהר ווייסט" — זאָגט ער צו מיר — „איך האָב געקוקט מיט שרעקליכער קנאה אויף דעם פּוילישען קסיאָנדז. ער האָט געהעצט געגען יודען, פערשטעהט זיך, אָבער וואָס פאַר א טאַ־לענט אין ריידען! וואָס פאַר א בעלעזענקייט אין וועלטליכע ביכער, וואָס פאַר א בעקאַנטשאַפט אין עקאָנאָמישע פראַגען! געגען איהם זענען געשטאַנען אונזערע חסידים, האָבען גע־גלאָצט די אויגען און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן".

איך בין געגאַנגען מיט'ן טאַנדעטניק אין גאַס און אריין צוריק אין זיין קראָם. ער האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט זיין פאָטער, דעם אַלטען טאַנדעטניק. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז יענער איז אויך ניט קיין פּשוט'ער טאַנדעטניק. ער איז א פריי־דענקער, א דענקענדער מענש בכלל, איינער פון די בעסערע אמאָליגע משכילים. האָט געלייענט א סך העברעאישע ספרים, לייענט איצט די „הצפירה". אין מיין געשפּרעך מיט איהם האָב איך זיך באַלד איבערצייגט, אז מיר זענען „לאַנדסלייט". ער איז געווען אין אמעריקאַ. געלעבט עטליכע יאָהר אין ניו־יאָרק. אמת, דאָס איז געווען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק. דער אַלטער האָט אָבער ניט פערגעסען אמעריקאַ — רעדט פון איהר מיט גרויס רעספּעקט און ליעבע צו איהרע פרייע אָרדנונ־

גען. ער האָט אויך דעמאָלט, אין די יונגערע יאָהרען, ליעב געהאט אמעריקא. ער האָט געוואָלט אראָבברייינגען אהין די פאַמיליע, נאָר ס'האָט זיך ניט איינגעגעבען. ער איז געקומען צוריק, און געבראכט א היים אַ פאַר טויזענד רובל. געמאכט געשעפט, איז ניט געגאנגען. דערנאָך האָט ער געעפענט די טאַנדעט־קראָם. שוין א מעשה פון אַ יאָהר צוואנציג. האָרעוועט צוזאמען מיט די קינדער. דער זוהן האָט חתונה געהאט, איז ער געוואָרען אַ שותף אין קראָם. די יונגערע דאַרפען האָבען מעהר פאַר די אַלטע, טראָגט שוין אוים וויינציג. דאַרף מען מאכען עקאָנאָמיע. לעבען זיי, די אַלטע, אין קראָם גופא. קאָכען דאָרט, שלאָפען דאָרט, אין דעם שטיקענדען גערוך פון די אַלטע האַלעוועס און זוילען. וואָס זאָל מען טאָן. די יונגערע זענען בילכער, אגב דאַרף מען היטען די קראָם. מ'האָט שוין איינמאָל בע'גנב'עט. אפילו אויף די אַלטע האַלעוועס איז דאָ בעלנים...

דער זוהן האָט מיר פאָרגעשטעלט ז י י ן זוהן, דעם יונגען בעל־הבית'ל. ער האָט אויסגעזעהן אַ בחור'ל פון אַ יאָהר אכצעהן.

— וואָס האָט איהר זיך געאיילט אזוי פריה חתונה צו האָבען ? — האָב איך איהם געפרעגט.

— געקראָגען אַ מיידעל... ניט געהאט קיין געדולד... א היינטיגער בחור, — האָט פאר איהם געענטפערט דער פאָטער.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין די דריי פנים'ער. איך האָב פאר זיך געהאט דריי דורות: דעם טאַטען, דעם זוהן און דאָס איינִיקעל. דער טאַטע — אַ משכיל; דער זוהן א ציוניסט; דאָס אייניקעל איז מסתמא א דעמאָקראט — האָב איך געקלערט, פאָרשטעלענדיג זיך דוד פינסקי'ס „פאמיליע צבי".

— פון וואסער שניט איז אייער זוהן ? — האָב איך געפרעגט דעם טאַטען, דעם יונגערן טאטען : איז ער אנ'ענטוויקעלטער, אינטערעסירט ער זיך מיט געזעלשאפטליכע פראגען?

— וויניג, — האָט דער פאטער קורץ געענטפערט.

— לעזט ער יודישע ליטעראטור ?

— נאָר שלום־עליכם'ן — האָט ער ווידער קורץ געענט־פערט.

אָט האָט איהר די „פאַמיליע צבי" פון דער לינקער זייט—האָב איך אַ קלער געטאָן. דוד פינסקי איז געווים אין סאַכאַזשעוו קיינמאָל ניט געווען...

דער „מומחה".

אין מיינע פריהערדיגע נאָטיצען איז בזשעזין, אָט דאָס מערקווירדיגע שטעדטעל, געשילדערט בלויז פון דער עקאָנאָמי־שער זייט. בזשעזין איז אבער איינס פון די אָריגינעלסטע שטעדטעלך ניט בלויז אין פוילען, נאָר אין גאַנצען יודישען תחום. איך האַלט דעריבער פאַר נויטיג, צו געבען די לעזער א מעהר פאָלקאָמען בילד פון בזשעזין בכלל, א חוץ איהר שניידער־ריי־פּראָדוקציע.

שוין דער בעל־עגלה, מיט וועלכען איך בין אין שטעדטעל געפאָהרען, האָט מיך גוואַלדיג פעראינטערעסירט מיט זיינע מערקווירדיגע מעשיות פונ'ם שטעדטעל. א שטויגער: א סוחר איז געוועזען אין שטעדטעל, א ליטוואַק, וואָס האָט גערויכערט פּאַפּיראָסען אום שבת, געפאָהרען און געגאַנגען מיט א שטעקעל אום שבת און נאָך אזעלכע עברות געטאָן. איז ער קראַנק גע־וואָרען, אוועקגעפאָהרען קיין ווארשוי און געשטאָרבען. א מויער האָט ער געהאַט א גרויסען — אָט ד ע ם מויער! — האָט מיר דער בעל־עגלה אָנגעוויזען, ארייננקומענדיג שפּעטער אין שטעדטעל — האָט מען איהם פערקויפט פאַר חובות און זיין גע־זינד האָט זיך אוועקגעשלעפּט איבער דער וועלט.

נאָך א סוחר איז דאָ איצט אין בזשעזין, אויך א גרויסער בעל־עברה: יענער איז אבער ניט געשטאָרבען! ער לעבט! זאָגט מען, אז ער לעבט דוקא מיט דריי ווייבער...

— ווי אזוי דערלאָזט מען דאָס אין א יודיש שטעדטעל?—

האב איך געפרעגט מיין בעל־עגלה — און וואס שוויינען די ווייבער אליין?

—עס האט זיך שוין געקעהרט מעשים אין שטעדטעל,—האט מיר דער בעל־עגלה דערקלערט,—צום רב האט מען איהם געלאדען, עס זאל זיין א סוף! זאל ער גט'ן די צוויי און בלייבען אייגער. האט מען אבער גארנישט אויסגעפיהרט. ער האט זיך פאר'ן רב ניט דערשראקען. ער האט אויסגעשטעלט דעם בויך, גענומען די הענד אין די קעשענעס און מאכט עזות'דיג צום רב: „איך, רבי, קאן מפרנס זיין מיינע דריי ווייבער בעסער ווי איהר איינע", און איז אוועק.

— און די ווייבער? — האב איך איבערגעפרעגט נאכאמאל.

—זיי ווייסען ניט איינע פון די אנדערע. איינע איז אין בזשעזין, די אנדערע אין ווארשוי, די דריטע אין דער־היים ביי איהם אין גראטשיקראק. מיט אלע האט ער קינדער.

נאך מעהר פונ'ם בעל־עגלה האט מיר אנדערצעהלט פון בזשעזין די ווירטין פונ'ם איינפאהר־הויז, וואוהין איך בין פעראפאהרען.

— איך ראט אייך אריינצוגעהן צו... ער איז א ציווילי־זירטער מענש און זעהר א קלוגער. נאר אן אומגליק האט איהם, ניט פאר קיין מענשען געדאכט, געטראפען, מיט דער ווייב.

— וואס איז?

— גארנישט! אזוי איז זי א קלוגע, א שענע, א געראטענע. רעדט מיט איהר, וועט איהר גארנישט דערקענען.

— וואס־זשע, זי האט עפעס א פעהלער?

— קיין שום פעהלער! איך זאג דאך אייך. איהר וועט אין איהר גארנישט דערקענען. מעהר נישט: זי וואשט!

— נו, איז וואס, אז זי וואשט?

— זי וואשט ניט, פערשטעהט איהר מיך, ווי אלע מענשען וואשען. וואס זי כאפט, וואשט זי. דעם מאנ'ס ראק, די יארמולקע אפילו.

קומט איינער אריין און געהט ארויס, כאפט זי וואשען: די פאדלאגע, וואו ער איז געשטאנען; דעם שטוהל, וואו ער איז

געזעסן. צו וואס ער האט זיך נאר צוגעריהרט — וואשט זי.

איז דאס איהם פריקרע געווארען. דעם מאן איהרען, הייסט דאס. האט ער זיך מיט איהר געוואלט גט'ן. וויל זי אבער ניט. קאן זי ארויסנעהמען איהר הארץ? — טענה'ט זי, — אט אזוי קאן זי זיך מיט איהם שיידען.

איז ער געווען ביי רבנים, מ'זאל איהם מתיר מאכען, אז ער מעג חתונה האבען מיט אנ'אנדערער. איז זי אבער אויך געווען ביי אלע רבנים. נעהמט זי טענה'ן — האלטען די רבנים מיט איהר. א געזונדטער מענש, ווי אלע מענשען!

איינמאל האט מען שוין אבגעמאכט פאר מענשען: ער וועט זיך מיט איהר אויפקומען איבער א נייעס, לעבען ווי פריהער. נאר זי זאל אויפהערען צו וואשען. אבגעמאכט! אויף מארגען — נייז, דעמזעלבען טאג, איז עמיצער אריין צו זיי אין הויז. ווי ער איז נאר געווען אויף יענער זייט טיר, זי וואשט ווידער. סוף כל סוף האבען זיי זיך גע'גט.

מיין בעל־דברנ'טע, די ווירטין, איז אליין אויך א יונג ווייבעל, א גאנץ בע'חנ'טע. אין מיטען איז אריין אן עלטערער יוד, א היבש גראהליכער.

— דאס איז מיין מאן, — האט זי מיר פארגעשטעלט. דער מאן האט עפיס א ברום געטאן אונטער'ן נאז און איז אוועק אין א צווייטען צימער. ס'איז קענטיג געווען, אז מיין ווירטין לעבט אין דער נשמה אויך איבער א דראמע.

ווייטער האט זי מיר דערצעהלט, אז איהר מאן איז א קאמיסיאנער. אזוינע קאמיסיאנערען זענען דא אין בזשעזין 20. אלע לעבען זעהר גוט. זיי אליין פערדיענען אויך גוט. קיין גאסטהויז איז אין בזשעזין ניטא. עס קומען צופאהרען נאר סוחרים. איז יעדער סוחר פערפאהרט צו זיין קאמיסיאנער. אויף מיר האט זי אויך געמיינט, אז איך בין א סוחר.

איך האב מיין ווירטין ערקלערט, אז איך בין נאר א שרייבער, ניט קיין סוחר. און אז איך פאהר ארום איבער יודישע שטעדט און שטעדטלעך, כדי צו זעהן, ווי אזוי יודען לעבען. כדי ניט צו פערנעהמען א פלאץ אין איהר הויז אומזיסט, האב

איך געבעטען צוגרייטען מיר עסען — מיטאג.

ביי מיטאג האט מיר מיין באלעבאסטע ווידער דערצעהלט, אז זי האט אויך ליעב צו לעזען. און זי קויפט אלע טאג א פאר יודישע צייטונגען.

וועגען דער לאגע פון די צעהן טויזענד יודישע ארבייטער אין בזשעזין האב איך מורא געהאט מיט מיין ווירטין. דער קאָ־מיסיאָנערקע, צו ריידען. איך האב אין בזשעזין קיין שום פער־בינדונג ניט געהאט, האב איך זי געבעטען, אז זי זאל מיר אָנ־ווייזען עמיצען, וועך עס קאן מיר געבען ידיעות וועגען בזשעזי־נער יודישען לעבען. איך האב געפרעגט: וואו וואוינט דער רב?

— צום רב איז אנ׳עברה, וואס איהר וועט געהן, — האט זי מיר ערקלערט, — ער איז זעהר א פאנאטישער מענש, און דערצו אן אלטער מאן. געהט בעסער אריין צום מורה־הוראה. ער איז א ציוויליזירטער מענש. ביי איהם אין שטוב לייענט מען ביכער און די קינדער זענען אויך היינטיגע. דארט וועט איהר אליץ וויסען.

אין דעם ווייטערדיגען געשפרעך האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער חסיד׳ישער רב לעבט ווי א גראף, האט אייגענע הייזער און פערלייהט געלד אויף פראצענט. דער מורה־הוראה לעבט געדריקט און דערצו האט ער קיין נחת ניט פון קינדער.

און דא האט מיר די ווירטין דערצעהלט א גאנצע דראמע פון דעם מורה־הוראה׳ס טאכטער. א יונג קינד, א שעהנס, א געראטענס. האט עס אבער קיין מזל ניט.

אז איך בין אריין צום מורה־הוראה אין קיך (ווארום קיין אנדער ארייננאנג איז ניטא), האב איך געפונען די רבי׳צין זיצען אויף א בעטעל און קעמען און וואשען די קלענערע קינדער לכבוד שבת. איך האב געפרעגט אויפ׳ן מורה־הוראה. ער איז אין דער־היים ניט געווען. איך האב ערקלערט דעם צוועק פון מיין וויזיט אזוי איינפאך, ווי דאס איז נאר פערשטענדליך פאר א רבי׳צין. דאס האט איהר, ווי איך האב בעמערקט, ניט איבער־ראשט. זי האט מיך געבעטען אריינקומען אין א שעה ארום, ווען דער רב וועט זיין.

דערוויל האָט זיך געעפּענט די טיר פון שטוב און עס איז ארויס פון דאָרט א יונג מיידעלע, אויפ'ן פּנים ניט מעהר ווי 15 יאָהר, ארומגעוויקעלט דעם קאָפּ מיט א טיכעל, אין א לאַנ־גען בלויען שירץ. זי האָט געהאלטען א טוך אין האנד. האָט, אפּנים, געענדיגט וואשען די פּאָדלאָגע לכבוד שבת. זי האָט געהערט מיין געשפּרעך מיט דער מוטער און לוסטיג און שטי־פעריש געפרעגט: אפשר קאָן זי מיר פערבייטען דעם רב, זי קאָן אויך פיעל דערצעהלען פון בזשעזין. „אָבער ניט איצט, איהר זעהט, איך מוז ענדיגען מיין ארבייט. אין א שעה ארום, זענט זיך מטריח... דערוויל קאָנט איהר אריינגעהן אָט דאָ ניט ווייט, צו א לעהרער. ביי איהם קאָנט איהר אויך א סך דער־געהן".

איך בין אוועק צום לעהרער.

ארויפגעהענדיג צו איהם, האָב איך בענעגענט אראָבגעהן פון די טרעפּ מיידלעך מיט העפטען. מען האָט מיר אריינגע־פיהרט אין א קאַמער, וואו עס איז געשטאַנען א לאנגע רייה ביינק. עטליכע נאָכגעבליבענע מיידלעך האָבען אויפגעקליבען זייערע העפטען און רוסישע ביכלעך — איך האָב געזעהן, אז דאָס זענען געווען רוסישע — געזאָגט „דאָ סווידאַניא", אין צווייטען שלאָף־צימער אריין, וואו דער לעהרער איז געשטאַנען, און אוועק.

איך האָב זיך פון אָנהויב פערוואונדערט אויף די רוסישע ביכלעך מיט'ן „דאָ סווידאַניא" פון יודישע מיידלעך אין א פער־וואָרפען פּויליש שטעדטעל. איך האָב זיך אָבער דערמאָהנט, אז די יודישע חדרים ווערען דאָ ערלויבט נאָר מיט דעם תנאי, אז דאָרט זאָל געלערנט ווערען רוסיש. פּ ו י ל י ש צו לערנען איז פער־באָטען, בעת אז אין ליטאָ איז, פערקעהרט, פערבאָטען אין א חדר צו לערנען רוסיש.

די שול איז אייגענטליך געווען א פּשוט'ער חדר פאַר מיידלעך. איך האָב זיך אָבער אָנגעשטויסען, אז איך האָב דאָ צו טאָן ניט מיט א פּשוט'ן מיידעלשען מלמד. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א ביסעל אינטעליגענץ. איך האָב ניט געהאלטען

פאר נויטיג אנצוהייבן מיט פארדערעס און גלייך צוגעטרעטן צום ציעל פון מיין בעזוך.

— אך, ניין, איך קאן אייך גארנישט זאגן, — האט מיין „לעהרער" א זאג געטאן א דערשראקענער. — איך ווייס טאקע אבער איך וועל אייך גארנישט זאגן. ס'איז אומזיסט אייער קומען.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט מיט איינינע וואכען צוריק געשריבן א קארעספאנדענץ אין א ווארשויער־צייטונג. דאס שטעדטעל איז דערגאנגען, ווער ס'איז דער שרייבער, און פון דעמאלט אן רודפ'ט מען איהם.

אז איך וואלט גוט צוגעשטאנען צום לעהרער, וואלט ער זיך געלאזט אינטערוויואירען. איך האב אבער רחמנות געהאט אויף זיין ווייב און קינד און האב זיך צופריעדען־געשטעלט מיט עטליכע תשובות, וואס ער האט געגעבן אויף מיינע שאלות וועגען אלגעמיינעם יודישען לעבען. וועגען בזשעזשינער שניידעריי, האב איך אלזא געמוזט זוכען און געפונען ידיעות פון דירעקטער קוועלע, פון א פאר נאך ניט גאנץ פערטעמפטע היגע שניידער־ארבייטער. דורך זיי האב איך געקראגען די געלעגנהייט אויך בעקאנט צו ווערען מיט א שניידער א בעל־הבית.

דעם שניידער, נאטירליך, האט מיר ניט געפאסט צו שטעלען פראגען וועגען דער לאגע פון די ארבייטער. דערפאר האט ער מיר ערלויבט צו צוקוקען זיך, ווי אזוי די ארבייט קומט פאר און אין וואס פאר בעדינגונגען די היגע שניידער־בעלי־בתים און ארבייטער לעבען. איך האב דא געקאנט נעהמען, אזוי צו זאגען, לעבעדיגע בילדער פאר די פאקטען, וואס איך האב שוין פריהער געזאמעלט.

דאס איז געווען א געוועהנליכע שניידער־ווארשטאט, אן אמת'ער לאנדאנער אדער ניו־יארקער סוועטינג־שאפ, וואס איז בעשטאנען פון א קיך מיט א שלאף־צימער. אין קיך האבען זיך געוואלגערט אלערליי בעלי־הבית'ישקייטען: מולטער, עמער, צוקער, האליץ, פערשיעדענע קיך־געשיר, א הילצערן בעטעל, א באנק. ס'האבען זיך ארומגעדרעהט דא עטליכע קליינע קינדער און די בעלי־הבית'טע אליין. דא זענען אויך געווען אויסגע־

לעגט אויף צוויי געשטעלעו עטליכע ברעטער, דערביי א מאשין און דערויף האבען געניהט און געפרעסט און געזייפט די שמאַ־טעס א פאַר גאַזעלעו און א פאַר יונגלעך. אין שלאַף־צימער איז שוין געשטאַנען אביסעל מעבעל: א פאַר לאַקירטע הילצערנע בעטען, א שפּיגעל, א טיש, אן אלמער, א קאַנאַפּע. די גאַנצע פּאַדלאָגע איז געווען אויסגעלעגט מיט פעק געענדיגטע וועס־טען און רעק. דאַס שלאַף־צימער האַט אפנים אויך געדיענט פאַר אַנ׳עס־צימער און א זאַל.

מיט׳ן שניידער האָבען מיר פערבראַכט וועגען אַנדערע ענינים, וואס האָבען געהאט ווייניג שייכות צו בזשעזשין. אין קורצען האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז ניט קיין פּראָס־טער שניידער, נאָר א שניידער — א דאָקטאָר מיט א דיפּלאָם... אמת, ניט פון א דאָקטאָר, נאָר אויך טאַקע פון א שניידער. אָבער ער דאַרף דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם אויף כפּרות. ווארום ער האָט, ברוך השם, פּראַקטיקע מעהר ווי דער שטעדטעלדיגער דאָקטאָר. וואָס איז געגאַנגען אין די „קלאַסען". ווארום ערשטענס רייסט י ע נ ע ר פון לעבעדיגע און פון טויטע און ד ע ר נעהמט גאָרנישט, היילט לחלוטין אומזיסט. אין ביורזשעט פון בזשע־זשינער „שוויץ־שניידער" איז קראַנקען־פּפלעגע אויף קיין פאַל ניט פאַראויסגעזעהן. ווען עס פעהלט ברויט און לופט, איז דאָך שוין פאַר׳ן דאָקטאָר געוויס קיין געלד ניטאָ. אין אמת׳ן אָבער איז טאַקע דוקא, ווייל עס פעהלט ברויט און לופט, זעהר אָפט א גרויסע נויט אין א דאָקטאָר. און דער שניידער־דאָקטאָר איז דעריבער פאַר בזשעזשין אַנ׳אמת׳ע ישועה.

נאָר זיין אויטאָריטעט אין שטעדטעל, ווי איך בין דער־גאַנגען פון אַנדערע, איז געבויט ניט בלויז אויף דעם, וואָס ער נעהמט קיין געלד ניט. אלע בזשעזינער יודען טענה׳ן, אז אפילו צווישען אמת׳ע דאָקטוירים, וואָס זענען געגאַנגען אין די „קלאַ־סען", איז שווער צו קריגען אזא מומחה ווי דער שניידער־דאָק־טאָר. דערהויפּט איז ער א ספּעציאַליסט אויף שטעלען דעם די־אגנאָז — „אַנטאַפּען די קרענק" אויף בזשעזשינער לשון.

ער האָט שוין אזא כח אין די פינגער — זאָגען בזשעזינער יודען, — אז ער טאַפּט זי אָן, די חולאַת, וואו זי זאָל זיך ניט

בעהאלטעז. עס האט נאך קיינמאל ניט געטראפעז, אז ער זאל זיך ניט געפינעז. ס'זענעז שוין געווען פאלעז, ווען מ'האט איז בזשעזין אראבגעבראכט דאקטוירים פון גרויסע שטעדט און יענע האבען אנדערש ניט געזאגט, ווי זייער אייגענער „מומחה".

וואונדערן זיך אויף דעם דארף מען ניט. אין יודישען לעבען טרעפט גאר ניט זעלטען, אז דער וואס דארף זיין א שניידער, ווערט א דאקטאר, און דער, וואס דארף זיין א דאקטאר — ווערט א שניידער.

ווי אזוי און ווען דער בזשעזינער „מומחה" איז בעקאנט געווארען מיט לאטיין און מיט דער נאטור פון פערשיעדענע רפואות־קרייטיכער, ווייס איך ניט. נאר אלענפאלס איז ער מעהר בעקאנט, זאגט מען, אין דער לאטיינישער קיך, ווי אין זיין אייגענער. א פאקט איז, אז ער פראקטיצירט גאנץ אפען. אפילו דארט, וואו מען רופט דעם דיפלאמירטען דאקטאר, געהט ער אויך צוזאמען מיט יענעם. יענער „בעזוכט" און ער איז א בן בית. אז ס'קומט א דאקטאר פון דער פרעמד, הייסט שוין יענער אליין רופען דעם „מומחה", ווייל די גאנצע ביאגראפיע, פיזיאלאגיע און אנאטאמיע פון יעדען בזשעזינער יודען איז ביי איהם, ביי דעם מומחה, אויף די פינגער מיט אלע פרטים. ער ווייסט ניט בלויז אויף וואס פאר א חולאת דער קראנקער ליידט, נאר אפילו איידער יענער ווערט קראנק ווייסט ער שוין, צו וואס פאר א קראנקהייט יעדער בזשעזינער יוד איז מסוגל.

דער „מומחה" האלט זיין דאקטאריע פאר א הייליגע מלאכה. די שניידעריי איז פאר'ן גוף, די דאקטאריע — פאר דער נשמה. און פראקטיק, ווי געזאגט, האט דער „מומחה" גענוג, איך האב געהאט די געלעגענהייט זיך אליין דערין צו איבערצייגען. איך האב נאך קיין צייט ניט געהאט דורכצושמועסען זיך גוט מיט איהם, איז מען שוין געקומען מעלדען פון א קינד, וואס האט בעקומען עפעס אין בייכעל. און דער „מומחה" האט זיך גלייך א הויב געטאן און געלאפען.

איך בין אוועק פון שניידער און האב מיך געלאזט געהן צום מורה הוראה פון שטעדטעל, צו זיין טאכטער, וועלכע וואלט מיר געוויס נאך אינטערעסאנטע זאכען דערצעהלט, נאר מיך

האט איבערגענומען מיין בעל־עגלה, וואס האט מיך אהער פע־
בראכט און האט מיך געפרעגט: צי איך פאהר צוריק צו דער
סטאנציע. אין א שעה ארום איז דער לעצטער צוג, אז ניט
איצט, וועל איך מוזען בלייבען דא שבת.

שבת בלייבען אין בזשעזין האט זיך מיר ניט געוואלט.
מיין וועג איז געגאנגען קיין קוטנא. מיר האט זיך געוואלט אהין
אנציהען אויף שבת. דערצו איז געווען ניט גאר זיכער צו שטע־
קען די בזשעזינער סוחרים אויף די אויגען א גאנצען שבת'דיי־
גען טאג. דער לעהרער האט מיך נאך פריהער געווארנט, אז
מ'קוקט זיך שטארק אום אויף מיר פון די „הויכע פענסטער".
האב איך זיך געזעצט מיט מיין בעל־עגלה און זיך געלאזט צום
וואקזאל.

דער פּע־פּע־עס־ניק און זיין ווייב.

מיט דעם „פּע־פּע־עס־ניק" בין איך בעקאַנט געוואָרען ביי אונזערן אַן אַלגעמיינעם שכן, אַ האַלב פּערפּוילישטען ליטווישען לעהרער. ער בעלאַנגט צו דעם טיפּ, וועלכען מען רופט געוועהנ־ליך מאַסאָווער אינטעליגענט. דער „פּע־פּע־עס־ניק" איז אַ שניידער לויט זיין פּראָפעסיאָן, אַ גוטער אַרבייטער, פּערדינט ניט שלעכט און האָט געשפּילט אַמאָל אַ ראָלע אין דער בע־וועגונג.

און כאָטש ער איז אַן ענטוויקעלטער אַרבייטער, אַ מענש דורכגענומען מיט נייע פּרינציפּען, האָט זיך זיין הויזליכעס לע־בען במעט מיט גאָר נישט אויסגעצייכענט פון אַנדערע פּויליש־יודישע אַרבייטער. שבת איז געווען שבת: „מ'האָט אָנגעצונדען די ליכט. איך וויים ניט, צו מ'האָט זיי געבענשט; צימעס האָט מען אויך געגעסען, און שבת ניט געקאָכט. פרייטאג נאָך ווע־טשערע פלעגט מען געהן פערברייגגען צו אַ שכן — ער און די ווייב און די קינדערלאַך. דאָרט בין איך מיט איהם בעקאַנט גע־וואָרען.

זיין פרוי איז אַ געוועהנליך יודיש ווייבעל. ניט פיין מיאוס'ע, האָט געהאַלטען ערגעץ אַ קראָם צו אַ טישעל און גע־האָלפען דעם מאַן שלעפּען דעם וועגעל.

געלעבט האָבען זיי שטיל, פרידליך, ווי אַלע שכנים אַרום. די ווייב האָט ניט בלויז געוואוסט פון זייגע פּאַרטיי־געשעפטען, נאָר האָט מיט איהם סימפּאַטיזירט און געהאָלפען. קורץ: סיי

אין עקאָנאָמישער, סיי אין גייסטיגער הינזיכט, איז דאָס געווען א גלייכע פּאָר.

און איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען מיין פערוואונדערונג, ווען אין איין געוויסען שבת'דיגען פריהמאָרגען, דערצעהלט מיר מיין בעקאַנטע, דעם לעהרער'ס ווייב, אז דער פּע־פּע־עס־ניק האָט זיך געג'גט מיט זיין ווייב.

— סטייטש! ווי אזוי? פאַרוואָס?... האָב איך נייגיריג געפרעגט. זיי האָבען דאָך געלעבט, דאכט זיך, גאַנץ פיין...

— אונז איז דאָס טאקע אלעמען א וואונדער. איהר פלעגט דאָך זעהן, ווי זיי פלעגען קומען צו אונז פרייטאָג צונאכט מיט די קינדער און פערברייינגען אזוי פריינדליך. קיינער פון די שכנים האָט ניט געהערט פון זיי ווען עס איז א הויכען איבער־רייד, א קריג.

— וואָס זשע איז די מעשה?

— ער האָט זיך ארומגעזעהן, אז ער האָט צו איהר ניט קיין סימפּאַטיע, ער קאָן ניט לעבען — זאָגט ער — אָהן סימפּאַ־טיע. ער האָט איהר קיינמאָל ניט געליבט. געלעבט אזוי גלאַט, ווי אלע יודען לעבען. אבער וואָס ווייטער, ווערט דאָס איהם אלץ שווערער. מאַן און ווייב — זאָגט ער — מוזען זיך ליעבען, אז ניט איז דער לעבען קיין לעבען ניט.

— און זי?

— זי האָט צו איהם גאָר נישט. צו האָט זי איהם גע־ליבט? בשעת מ'האָט איהר גערעדט דעם שדוך — ניט שדכנים, נור בעקאַנטע — איז ער איהר געפעלען געוואָרען — אז ניט וואָלט זי דאָך מיט איהם ניט חתונה געהאַט. פון דעמאָלט אָן האָט זי גאָר ניט געקלערט: צי ליעבט זי צי ניט. וואָס הייסט נאָך דער חתונה „ליעבען זיך." מ'האָט קינדער, ליעבט מען די קינדער; דער מאַן איז דאָך דער טאַטע פון די קינדער; מען האָ־רעוועט פאַר די קינדער און ארום די קינדער. יעדע ברעקעל אין שטוב איז פערהאָרעוועט — איז אלץ ליעב און טייער.

פונדעסטוועגען האָט דעם פּע־פּע־עס־ניק'ס ווייב גאָר נישט געהאַט דאַגעגען, אז מ'זאָל זיך גט'ן. וואָרים, פערשטעהט איהר מיך, זי איז דאָך מיט איהם פון איין חברה; פון הייַנטיגע, פון

די נייע. נו, מיט געוואלד לעבט מען ניט — זאגט זי, אז מ'האט זיך ניט ליעב, דארף מען זיך גט'ן.

אבער ווי וועט זיין מיט די קינדער?

עס איז געבליבען, אז די קינדער זאלען בלייבען ביי איהם. ווארום, אויב ביי איהר, וועט דאך איהר קיינער מיט קינדער ניט וועלען נעהמען. דערצו וואלט זי דארפען זיין מיט זיי בעשעפטיגט און ניט קענען טון איהר פרנסה.

די באלעבאטישקייט האט מען זיך צוטיילט. פאר אביסעל האט זי געקראגען אויסגעצאהלט. כתובה האט ער איהר ניט געגעבען, ווארום א חוץ נאדעל און שער האט ער גאר נישט פערמאגט. זיי האבען זיך געשיידט ווי גוטע פריינד. אבגערעדט, אז ווען זי וויל, מעג זי קומען געוואהר ווערען די קינדער. נור ביי טאג, ווען ער איז ניטא אין דער היים.

זי האט געדונגען א קאמער און האט זיך געלעבט און געטאן איהר פרנסה.

און דא האט זיך אנגעהויבען א טראגעדיע.

זי פלעגט קומען א פאר מאל אין וואך געוואהר ווערען די קינדער. וועלען קומען פלעגט זי אלע טאג, אלע ווייל. עס האט איהר געצויגען צו די קינדער, מעהר ווי פריהער. זי פלעגט אלע מינוט וועלען זעהן, ווי לעבען די קינדער, וואס טוען, ווי פיהלען זיי זיך אהן א מאמען... אבער אפטער ווי צוויי מאל א וואך האט ניט געפאסט צו געהן. זי איז געווען שטאלץ גענוג ניט צו ערנידריגען זיך פאר איהם.

קומענדיג אין דער „אלטער היים" פלעגט זי די קינדער — ווי פריהער — וואשען, קאמען, פוצען, פערברייינגען מיט זיי, קושען זיי. אוועקגעהן פלעגט זי ניט קענען, אבער מוזען...

זי פלעגט אריין צו די שכנים, כלומרשט ווייזען זיי א פרעהליך פנים, רעדען וועגען זייטיגע זאכען. נאר די ווייבער האבען גוט געפיהלט, וואס טוט זיך ביי איהר אין הארצען.

און דיזעלבע טראגעדיע איז געווען מיט איהם. ער האט פלוצלונג פערלארען א היים. קומענדיג צו זיך, פלעגט ער דערוויסען אלעם וויסט, פערשטויבט, צוואוארפען. ער האט גענומען א מענשען אין הויז. נור דאס עסען האט ניט געטויגט. אין

שטוב איז געווען אן אומעט, א פינסטערע איינזאמקייט. די קינ־דער פלעגן ארויספאלען אויף איהם, פרעגן וועגן דער מאַ־מען, ווען זי איז ניט געקומען. דערצעהלען פון דער מאמען, ווען זי האָט זיי בעזוכט. אין ביידע פאלען — פלעגן זיי וויינען.

די קליינע קינדער, האָבען ניט געוואוסט, ניט געקאָנט פערשטעהן, וואס איז אזוינס פארגעקומען אין זייער לעבען. עפּעס איז געקומען א שטורעם, פון העלער הויט, און אלץ צע־בראָכען, צוקאליעטשעט, פערוואנדעלט א שטוב אין א גיהנום.

אזוי איז אוועק א מאָנאַט פאר א מאָנאַט. אזוי איז אוועק א האלב יאָהר.

איך האָב מיך פערגעסען אויף דער גאנצער געשיכטע. אבער ווידער אין א שענעם פריהמאָרגען, אדער אוונד — איך געדענק ניט אקוראט — בין איך געקומען צו מיין בעקאַנטען לעהרער. ערשט זיין ווייב לאדעט מיך איין אויף א חתונה.

— איהר האָט געטיילט אונזערע צרות — האָט זי מיר געמעלדעט — טיילט יעצט אונזער שמחה.

— דער פּע־פּע־עס־ניק האָט חתונה? די פּע־פּע־עס־ניצע? מיט וועמען?

— דער „טאַטע" נעהמט דער „מאַמען"...

— וואָס רעדט איהר? ווי אזוי? דערצעהלט.

און זי האָט מיר דערצעהלט.

„מיר האָבען ניט געקאָנט צוזעהן דעם צער פון איהם און פון איהר. פינסטער איז זי געוואָרען, ווי די ערד. ער איז אויך א האלבער מענש געוואָרען, פון די קינדער איז אַש געוואָרען. מ'האָט איהם גערעדט שדוכים, און איהר אויך. האָט ער זיך ניט געקאָנט צוקלייבען. און זי אויך דאָס גלייכען. אַט זענען מיר צוגעשטאַנען — אלע שכנים און שכנות צו איהם: וואָס האָט איהר זיך איינגעשמועסט — ליעבע! ווי א יונגער יונגעל... איהר זייט א טאַטע פון קינדער... וואו איז דאָס פאראן „ליע־בע" נאָך דער חתונה, אז מ'האָט שוין עטליכע קינדער און צרות פון קינדער און מ'דארף הארעווען — געבען זיי עסען. איהר האָט א ווייבעל — א גאָלד! אזא יאָהר אונז... העלפט אייך טראָגען דעם יאָך... א שטילע, אן עהרליך קינד... איז א באַ־

לעבאַסטע אין שטוב. עסען, טרינקען, אַלץ אין דער צייט... איהר קומט צו זיך — האָט איהם א היים...

„האָבען מיר איהם אַט אזוי איבערגערעדט, און איהר אויך. זי האָט זיך כלומרשט געקווענקעלט: זי וויל ניט; זי האָט מורא מיט אזא מענשען צו לעבען... נור צוליב די קינדער טוט זי עס"...

בקיצור: עס איז געווען ווידער חופּה און א וועטשערע. און שכנים האָבען געהוליעט.

נאָך דעם פלעגען מיר זיך ווידער טרעפען ביי מיין בעקאַנטען לעהרער. עס איז פון דרויסען גאָר נישט געווען קענטיג. נאָר א טיפערע בעאָבאַכטונג האָט געקענט איבערצייגען, אז די נשמות זענען ביידענס פערוואונדערט.

יעצט בעגעגען איך זיי מעהר ניט. נאָר איך האָב געהאט א גרוס, אז עס איז נישטקשה — דאָס לעבען רייבט זיך איין..

אָט קומט ער!...

פון די יודישע שטעדטלעך אין פוילען איז **א ט ו ו א צ ק** איינס פון די בעריהמטעסטע. דער נאָמען „אָטוואָצק“ איז בעקאנט ניט בלויז אין פוילען, נאָר אויך אין גאנץ רוסלאנד. אמאָל, מיט א יאָהר דרייסיג צוריק, איז דאָס געווען א דאָרף. בלויז אין די זומער־מאָנאטען פלעגען קומען אהער פון ווארשוי די „פני“ פון דער יודישער און פוילישער בורזשואזיע זיך צו ערהאָלען. אָטוואָצק איז שוין לאנג בעריהמט ביי די דאָקטוירים פאר איינעם פון די געזינדטעסטע פלעצער אין אייראָפּא. עס ליעגט זעהר הויך איבער דעם שטח פון ים, האָט א זאמדיגען באָדען מיט א יונגען געדיכטען סאָסנע־וואלד און דעריבער איז דאָ זעהר א טרוקענע, געזונדטע לופט. די לופט איז דערהויפּט גוט פאר לונגען־קראנקע און שווינדזיכטיגע.

פאר דעם מיטעלען און אָרימען קלאס, וואָס האָט ניט די מעגליכקייט צו פאָהרען אין אנ׳אייראָפּעאיש קוראָרט, איבערהויפּט פאר יודען, וואָס מען לאָזט זיי ניט אריין אין קרים און קאווקאז, איז אָטוואָצק אנ׳אמת׳ע ישועה. דעריבער איז עס אויך די לעצטע צוואנציג יאָהר אויסגעוואקסען פון א דאָרף אין א היבשע שטאָדט מיט א בעפעלקערונג פון 30 טויזענד מאן און דריי פערטיל פון איהר זענען יודען.

די יודישע בעפעלקערונג בעשטעהט דאָ פון צוויי עלעמענטען: צייטווייליגע — דאָס זענען די קראנקע, וואָס קומען

זיך דאָ קורירן — און שטענדיגע, וואָס וואוינען דאָ דאָס גאַנצע יאָהר, זומער און ווינטער.

נאָר אפילו פון די שטענדיגע זענען אַ גרויסער טייל קראַנקע. אזעלכע, וואָס קאָנען זיך ניט אויסקורירן אינגאַנצען און מוזען שטענדיג לעבען אין אַ געזונדטען קלימאַט. אזוינע קראַנקע ציהען זיך אינגאַנצען איבער קיין אָטוואָצק און מאַכען דאָ זייער לעבען ארום די איבעריגע, אַנגעפאָהרענע קראַנקע. די מלאכות און פרנסות זייערע זענען פערשיעדען. צווישען זיי קאָנט איהר געפינען: דאָקטוירים, לעהרער, בעלי־מלאכות, פענ־סיאָנאַטען־אייגענטימער, קרעמער און אַנדערע געשעפטס־לייט. די יודישע בעפעלקערונג איז דאָ זעהר אַ געמישטע — ווייל מען קומט אהער פון אַלע עקען רוסלאַנד.

די געשעפטען זענען דורכאויס אין יודישע הענד. נאָר זיי הענגען אין דער לופטען. אין יעדען שענעם פריה־מאָרגען דאַרף יעדער קרעמער זיין גרייט צו בעקומען אַ שלאָס אויף זיין קראָם, איינפּאַקען זיין פּעקעל און פאָהרען ווייטער.

ווארום פון אלטע יאָהרען, לויט אנ׳אלטען געזעץ, געהערט דאָס רעכט דאָ צו האנדלען צו עפּעס אַ פּאָליאַק. ער האָט דאָס רעכט אָבגעקויפט ביי אנ׳אמאָליגען פּריץ — דעם געוועזענעם אייגענטימער פון אָטוואָצק. בכן, קאָן יעדער האנדלען נאָר מיט אַ בעזונדער ערלויבניש פון אָט דעם פּאָליאַק. די ערלויבניש קאָסט איצט זעהר טייער. דער עיקר איז אבער, וואָס קיינער פון די יודען, וואָס ציהען זיך אריין קיין אָטוואָצק, ווייסען דערפון ניט. דער פּאָליאַק, דער בעל־הבית איבער׳ן האנדעל, שטערט לכתחילה אויך ניט די יודישע אונטערנעהמער. ער לאָזט זיך זיי פריהער איינפונדרעווען עטליכע יאָהר, אזוי צו זאָגען, „בעקומען לייב“. דאַן קומט ער און מאַחנט זיינס. ער דערלאַנגט איהם אין אַ שענעם פריה־מאָרגען אַ צעטעל פון נאָטאַריוס, אין וועלכען ער פאָדערט אַ בעשטימטע סומע פאַר׳ן האנדעלס־רעכט צו אַ בעשטימטען טאָג. אז ניט — איז שטראָף פאר יעדען אָבגעצויגענעם טאָג צו צעהן אָדער צוואַנציג רובל. דער יוד מוז מיט איהם אָבמאַכען און ס׳רוב געבען וויפיעל ער פערלאַנגט. גאַנץ אָפט פערלאַנגט ער אבער אזוי פיעל, אז דער יודישער

קרעמער איז ניט אין שטאנד צו צאהלען און מוז זיך ארויסצי־הען.

דער דאזיגער בעל־הבית בעפאלט ניט זיינע קליענטען מיט אמאל, אין הורט. דאס וואלט געמאכט א גערודער און אויפגע־רעגט געגען איהם די פרעסע און געזעלשאפטליכע מיינונג, און עס וואלט אפשר געשאפען געווארען א בעוועגונג מבטל צו מאַ־בען זיין אלט־פרענקישע האנדעלס־„חזקה". ער קומט אונטער שטילערהייד, פלוצלונג, וועהלט זיינע קליענטען איינציגווייז — די פעטערע. אט אזוי געהט עס אריבער שטיל און קיינער פראַ־טעסטירט ניט.

אין די פרייע טעג, ווען אטוואצק איז געקומען צו א בע־דייטענדער אויפלעבונג, האט דער דאזיגער פריץ זיך גענומען ענערגישער צו זיין ארבייט. אבער דאן איז די לופט געווען צו־פריי און ער האט געמוזט אבשטעלען זיינע „ביזנעס". איצט אבער איז ער ווידער דרייסטער געווארען און יעדער קרעמער איז אין איינע שרעק: אט קומט ער!

פון דער שטענדיגער אטוואצקער בעפעלקערונג זענען די מערקווירדיגסטע טיפען — די פענסיאנאטען־אייגענטימער, די מעקלער און די בעלי־עגלות. דאס זענען מענשען, וואס אין זייערע הענד מוז אריינפאלען דער קראנקער, וועלכער קומט זיך קורירען קיין אטוואצק. זיי בעגלייטען איהם פון וואקזאל און צוריק, און אמאל אויך ביז.. צום קבר. ווי איהר שטעקט נאר ארויס דעם קאפ פון וואגאן, אנקומענדיג קיין אטוואצק, רינגלען אייך באלד ארום, ווי די ביהנען, א גאנצער שווארם מעקלער און מעקלערקעס און מען הויבט אייך אן צו רייסען אין אלע זייטען. דורך א שפיצעל איז מיר געלונגען צו ענטרינען פון זייערע הענד, און א פאר בעקאנטע האבען מיר ערקלערט, אז מיט מיר איז פשוט א נס געשעהן. זאגען, אז איהר זענט געזונד, אז איהר זענט פשוט געקומען צו־גאסט, איז קיין תירוץ ניט פאר זיי, פאר די מעקלער. פאר זיי מוזט איהר קראנק זיין, און זיי ווילען אייך בשום אופן ניט גלויבען. די מעקלער זענען אנגעדונגען, יעדער פון א בעזונדער פענסיאנאט. קומט א קראנ־

קער, קאָן ער פון זייערע הענד ניט ענטרינען. אָהן זיי איז כמעט אונמעגליך צו בעקומען א דירה, אָדער א פּענסיאָנאַט. ביי זיי ווידער, צווישען זיך, קומט אָפט פאָר, שוין אויפ'ן וואָקזאַל גופא, אַ פערצווייפעלטער קאַמפּף. הויבט אייך אָן איינער צו לויבען זיין פּענסיאָנאַט, שפּרינגט אונטער דער אַנדערער און שושקעט אייך אין אויער: „סטייטש, אַט אהין ווילט איהר אריינפאָהרען? דאָרט זענען ערשט נעכטען צוויי מענשען געשטאָרבען".

גענען אַ פּענסיאָנאַט, וואו איינער איז געשטאָרבען, פּיהלט דער קראַנקער אַן אַבערגלויבישע שרעק. און אַט די בשורה — אַז אויסגעטראַכטע, צי אַנ'אמת'ע — האָט שטענדיג איהר ווירקונג. די אייגענטימער פון די פּענסיאָנאַטען פערשטעהען דאָס. דעריבער ווענדען זיי אָן אַלע מיטלען, אַז דער קראַנקער זאָל ביי זיי ניט שטאַרבען. זאָל ער שטאַרבען אין וואַגאָן, אויפ'ן וועג צום וואָקזאַל, אַבי ניט אין פּענסיאָנאַט. און עס טרעפט טאַקע, אַז דער קראַנקער שטאַרבט אויפ'ן וועג צום וואָקזאַל.

דעמאָלט פאַלט ער שוין, אַלס „בר־מינן", אריין צו די בעלי־עגלות. ערשטענס — ווייל מ'דאַרף האָבען א בעל־עגלה, ער זאָל דעם טויטען אָבפיהרען אויפ'ן „אייביגען אָרט". דאָ איז פאַר איהם, דעם בעל־עגלה, א שאַנס צו שניידען א פאַס פון דעם געשטאָרבענעמ'ס פאַמיליע. נאָר דאָס איז ניט דער עיקר. אין א טויט־פאַל איז פעראינטערעסירט ניט איין בעל־עגלה, נאָר דער גאַנצער פ א ך בעלי־עגלות. וואָרום דער „בית־עולם" געפינט זיך ניט אין אָטוואָצק גופא, נאָר אין קורטשעוו — א שטעדטעל עטליכע ווייאָרסט פון דאַנען. מ'רופט עס „דאָס בית־עולם־שטעדטעל". בשעת מען האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געמאַכט דעם „בית־עולם", האָט קיין יוד ניט געוואָלט וואוינען מיט איהם אין שכנות. די בעלי־עגלות אַליין, דרייסטע מענשען מיט שטאַרקע נערוועו, האָבען זיך פאַר די מתים ניט געשראָקען, און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. זיי בעטראַכטען דעריבער זיך אַליין און ווערען בעטראַכט פון די אָטוואָצקער, ווי וועכטער פון די מתים. זיי זענען אויך „חברה־קדישא" און דאָס מאַכט זיי פאַר „בעלי־בתים" איבער דעם בית־עולם. זייערע אינטערעסען זענען גראָד דער היפּך צו די אינטערעסען פון די פּענסיאָנאַטען־

איינגעטימער. זיי קוקן אויף אטוואצק, ווי אויף א פאבריק, וואס שאפט פאר זיי „סחורה“. יעדער קראנקער איז פאר זיי א „קאנדידאט“, פון וועלכן זיי לעקן אב א ביינדעל....

דער קלימאט פון אטוואצק איז, נאטירליך, געזונד און אנגענעהם פאר ניט קיין שווינדזיכטיגע מענשן אויך. אבער א געזונדער מענש מיידט־אויס אט די שווינדזיכטיגע שטאדט. איהם איז ניט אנגענעהם דאס שכנות מיט די געלע פנים׳ער און איינגעפאלענע אויגן, וועלכע שאפן א שלעכטע שטימונג.

דער גאנצער וועג פון ווארשוי ביז אטוואצק, איז דערום בעדעקט מיט זומער־וואוינונגען, וואו עס בעזעצן זיך אויף זומער געזונדטע אדער סתם שוואכע מענשן. א גרויסער טייל פון די זומער־וואוינונגען געהערט אן צו יודען. די זומערדיגע איינוואוינער זענען כמעט אלע יודען. אין אלגעמיין איז אט די לאנד־שטרעקע, הינטער ווארשוי, אויף דעם ווייכסעל־באהן — דער פלאץ פאר דעם גרעסטען טייל פון דער קליין־סוחר׳ישער און פראלעטארישער ווארשויער יודישער בעפעלקערונג, וואס וויל זומער־צייט עטעמען אביסעל פרייע לופט.

א חוץ אטוואצק זענען אין ווארשוי גופא זעהר פאפולער אויף דער דאזיגער באהן־שטרעקע די פלעצער: וואווער, פאלעניצע, יוזעפאוו און סווידער, איינע פון די אנדערע א פאר ווערסט און אלע צוזאמען זעהר נאהנט פון ווארשוי. יעדער פון די דאזיגע פונקטען האט זיך זיין מין „ליעטניקעס“ (זומערדיגע איינוואוינער). וואווער — עטליכע ווערסט פון ווארשוי, איז בעזעצט מיט פראלעטאריער, וואס זענען צוגעבונדען צו דער שטאדט. פאלעניצע איז א חסיד׳ישער זומער־פלאץ. יוזעפאוו האט מעהר לעהרער און נאציאנאל־געשטימטע אינטעליגענץ. אין סווידער פאהרען דאס רוב ליטווישע פריילינס און קאוואלערן, וואס ביידען רוסיש און זוכען, ניט אזוי לופט, ווי פלירט.

איינע פון די מערקווירדיגסטע סצענעס, וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר׳ן ווארשויער יודישען לעבען, איז די, וואס שפיעלט זיך אב אויף דער ווייכסעל־באהן אין א זומערדיגען

ערב־שבת. טויזענדער מענשען, ווי גרויסע געדיכטע מוראשקעס־הויפענס, אין שטופעניש און שפארעניש, פילען־אן דעם וואקזאל און די גאנצע פלאטפארם. יעדער — אין האנד, צי אין טאש — מיט א צייטונג. ביז מען דערשפארט זיך צום וואגאן, ווערט מען אבגעגאסען מיט טייבען שווייס, ממש ביז יציאת נשמה. נאר דאס איז נאך גארנישט אנטקעגען דער איינגעשאפט און שרעקליכער שטיקעניש אין וואגאן גופא. דער צוג שלעפט זיך ווי א טשערעפאכע און שטעלט זיך אב כמעט ביי יעדער ווייארסט. די רייזע ביז אטוואצק, ניט מעהר ווי עטליכע און צוואנציג ווייארסט, דויערט א שטארקע שעה און אין דער אונטערעגליכער אטמאספערע, אין וועלכער איהר געפינט זיך די גאנצע צייט, ווען דער צוג ר ו ק ט ז י ך — דוכט זיך אייך, ווי אן׳אייביגקייט. אויף דער דאטשע, אין שטוב, פאלט מען אריין קוים לעבעדיג. דאסזעלבע שפיעלט זיך אב ביים פאהרען צוריק אין שטאדט. נאר דאס לעבען א י ן ווארשוי זומער־צייט איז אזוי אונמעגליך, אז דער האלב־פראלעטארישער ווארשויער קרעמער און קאמיסיאנער איז גרייט איבערצוטראגען די אלע יסורים, אבי נאר א חאפ טאן כאטש אן׳אטעם פרייע לופט און אברוהען פון דעם וואכעדיגען שווינדעל און האוועניש כאטש עטליכע שעה אין וואך.

„שמולעוויזנע".

וואס איז אזוינס „שמולעוויזנע" ?

ש מ ו ל ע ו ו י ז נ ע איז דער צענטער, איז די „קרוינ־שטאדט" פון דער מעזעריטשער בערשטער־„מלוכה". שמולע־וויזנע איז **ד ע ר** טייל שטאדט, וואו עס געפינען זיך די בערשטער־פאבריקען, וואו עס וואוינען די בערשטער־ארבייטער אין די קליינע בערשטער־פאבריקען.

נאר אט די ערקלעהרונג זאגט אייגענטליך גארנישט, גיט נישט קיין שום בעגריף פון דעם, וואס איז „שמולעוויזנע".

„שמולעוויזנע" דארף מען זעהן מיט די אויגען, אום מ'זאל קאנען האבען א בעגריף, וואס דאס איז אזוינס.

איך קען גוט דאס ווילנער יאטקעווער געסיל, די מינסקער „בלאטע", האב געזעהן די ביאליסטאקער חאניאקעס, די לאדזער באלוט, די ווארשויער סמאטשע גאס, אבער וואס בעדייטען זיי אלע געגען שמולעוויזנע ?...

שמולעוויזנע איז דער גאנצער יודישער תחום אין מיניא־טור מיט אלע זיינע פישטשעוקעס, מיט אלע זיינע קענטיגסטע סמנים. דער, וואס וויל האבען אויף איין ארט דעם תמצית, די קווינטעסענץ אי פון מינסקער־בלאטע, אי פון ווילנער יאטקע־ווער געסיל, אי פון ווארשויער „סמאטשע", אי פון ביאליסטא־קער חאנאיקעס, אי פון לאדזער באלוט — קאן פאלקאם יוצא זיין מיט שמולעוויזנע.

שמולעוויזנע פערדיענט און ווארט אויף איהר היסטארי־

קער און דיכטער. און א שאַד, וואָס ער איז נאָך ביז איצט ניטאָ. אָבער — ער וועט קומען, דער דיכטער און היסטאָריקער פון שמולעוויזנע, און — זי דאַרף און מוז ווערן פֿעראייביגט.

אום דער לעזער זאָל האָבען כאָטש א ווייטע פאָרשטעלונג פון שמולעוויזנע, וועל איך איהם נאָר זאָגען, אז דאָס איז א הויפען אלטע, האלב־איינגעפאלענע שטיבלעך, וואָס ליעגט אָנגעשטעקט אין שורות איינע אויף דאָס אנדערע און שטעקט איינגאנצען אין א זומפּ.

דערזעלבער זומפּ דיענט די גאַרבער פאר א ברונעם צו ווייקען זייערע פעל, די שטעדטעלדיגע חזרים — פאר א באָד, און שמולעוויזנער בעלי־בתים — פאר א מיסט־קאסטען, ווייל אין שמולעוויזנע איז אזוי איינג, אז פאר א מיסט־קאסטען און אָבטריט איז קיין פּלאַץ ניטאָ. ס'איז א גליק, וואָס אנטקעגען, איבער'ן מארק, שטעהט די אלטע שוהל מיט איהר קהל'שען אָבטריט, לויפט, מחילה, גאנץ שמולעוויזנע אהין...

אין שמולעוויזנע איז ניטאָ קיין הויפען, קיין טויערן. ס'איז קוים געווען פּלאַץ פאר די הייזלעך. אז מ'זאָל אויסשטעקען פון איין שטיבעל די האנד, קאָן מען אריינפאלען מיט איהר אין דאָס אנטקעגענדיגע שטיבעל איבער'ן געסיל. ס'איז איבעריג צו זאָגען, אז מיט א שפּרייז קאָן מען פון איין גאניק זיין אויף דעם אנדערן. איבעריגענס, איז דער גאניק אין שמולעוויזנע א פּשוט טרעפּיל, וואָס פיהרט גלייך אין קיך אריין. און די קיך גופא איז צו דערזעלבער צייט אָפט אי א עס־צימער, אי די פאבריק, אי, ביי־נאכט, א שלאָף־צימער, דעם בערשטער'ס ווייב אָדער טאָכטער קאָן, קראצענדיג די חזיר־האָהר, א בויג טאָן זיך און אכטונג געבען, ווי עס קאָכט זיך דער וואַרמעס, און צוזאמען מיט איהם, און דערביי טאקע, דער קעסעל מיט די ניט־געריינגטע חזיר־האָהר.

זעלבסטפערשטענדליך, אז בזשעזינער ארבייטער־וואוינונגען זענען פּאלאצען געגען שמולעוויזנער בערשטער־דירות. פונדעסטוועגען זענען די בערשטער שטאָלץ מיט זייער שמולעוויזנע. וואָס פאר א „קבר" דאָס איז — זאָגט א שמולעוויזנער בערשטער — אָבער דאָך אן אייגענער. אין מעזעריטש איז אזא

איינגשאפט, אז דער גרעסטער אידעאל פון א בערשטער איז צו האבן אן אייגענע „לאך", ניט דארפן צאהלען קיין דירה־געלד. און דעריבער שפארט דער בערשטער יאהרען־לאנג, ביז ער ארבייט זיך ארויף אויף אנ'אייגען „קבר". דער „קבר" איז אפט א קבר אין פשוט'ן זין פאר זיינע בעוואוינער. אבער אין איין פרט איז דער בערשטער גליקליך, גליקליכער פאר די איינוואוינער אפילו פון זאוויערצער „גן־עדן". פון זיין לאך קאן איהם קיינער ניט ארויסיאגען.

אין שמולעוויזנע, אזוי ווי אין גאנץ מעזעריטש, איז אזא דארעניש און הוילקייט, אז איהר זעהט דא כמעט ערגיץ ניט קיין שפור פון א בוים, פון א גראז. נאר אין איין געסיל, אין א ווינקעל געסיל, שטעהען בעהאלטען, ווי מורא האבענדיג פאר'ן שיין, פאר „עין־הרע", א פאר בוימלעך. פון וואנען און ווי אזוי קומען זיי אהער, ווייסט מען גיט. שמולעוויזנע איז אבער אזוי נתפעל פון די דאזיגע פאר בוימלעך, אז זי האט מיט גאוה א נאמען געגעבען דאס געסיל „סאדאוואיא" — גארטען־שטראסע, הייסט עס.

ווען איך זאג: אין מעזעריטש איז ניטא קיין שפור פון א בוים און א גרעזיל, מיין איך — אין דעם אייגנען, קרומען שטח פון שטעדטיל גופא. אבער ווארפט נאר א קוק אריבער דעם תחום פון שטעדטיל רעכטס און לינקס, זעהט איהר פוןביידע זייטען ברייטע לאנקעס ציהען זיך אהן א סוף.

פארוואס איז דארט, אויסער'ן שטעדטעלדיגען תחום, אזוי גרין, אזוי געררוים און פריי, און דא, אינ'ם געטא, אזא דערשטיקעניש — דארף קיין קשיא ניט זיין. דאס ערקלערט זיך מיט דער געשיכטע פון מעזעריטש, וואס איז, איבעריגענס, עהנליך צו דער געשיכטע פון א סך אנדערע יודישע שטעדטליך אין תחום.

מעזעריטש שטעהט ארומגערינגעלט פון דריי זומפען. דאס שטעדטיל, צוזאמען מיט די גיטער ארום, בעלאנגען צו א גראף פאטאצקי. יודען איז ערלויבט צו וואוינען בלויז אין דעם שטח פון די דריי זומפען. אמאל, זאגט מען, בשעת דער פריץ אליין האט דא געוואוינט, האט געהאט דא א פאלאץ מיט א הענג־

בריק, זענען די זומפּען געווען טייכען, וואָס האָבען דאָן געהאַט א שטיקעל קרובה'שאַפט — אמת, א ווייטע — אפילו מיט'ן טאָמע דניעפּר. איצט האָבען זיי דעם נאָמען „טייכען" דערהאַלטען בלויז אין די מעזעריטשער יודישע גמ'ן.

הונדערטער יאָהרען זענען אַוועק. יודען האָבען זיך גע־פּרוכפּערט און געמעהרט אין מעזעריטש. אין שטעדטיל איז געוואָרען אייגג צום דערשטיקען. אַרום האָבען געפּוסטעוועט אויף צעהנדליגע וויאָרסטען די גרינע לאַנקעס. אַריבערשפּריי־זען די זומפּען אָבער האָבען מעזעריטשער יודען ניט געטאָרט. דערפון איז געבאָרען געוואָרען שמולעוויזנע...

אמת, אין „יענע טעג" האָבען זיך מעזעריטשער יודען אָב־געדעכענט מיט'ן פּריץ פאַר זייער קרומער „סדום-בעטיל". ניט געבונטעוועט, חלילה, נאָר אָבגערעכענט זיך אויפ'ן כשר'ן אופן.

די מעשה דערפון איז אזוי:

אין דעם קאָנטראַקט, וואָס מעזעריטש האָט געהאַט פון פּריץ, איז געשטאַנען א פּונקט, אז יעדער מעזעריטשער איינ־וואוינער האָט דאָס רעכט צו האַקען אין וואַלד אויף הייצען אזוי פיעל און אזוי פיעל וועגען האָלץ — דאַרע צווייגען, אָבפאַל פון די ביימער. שטעדטיל האָט זיך דאָן גענומען צום וואַלד מיט אַזאַ אימפּעט, אז דער וואַלד איז געווען אין סכנה. די אַדמיניס־טראַציע האָט גאַרנישט געקאָנט טאָן. ס'שטעהט בפירוש אין קאָנטראַקט... דעמאָלט איז אַריין די אַדמינסטראַציע פון הויף מיט מעזעריטש אין א פּשרה. יעדער איינוואוינער האָט בעקו־מען א שטיקעל פּלאַץ צו בויען זיך אַרום שאָסיי, אויסער דעם פריהערדיגער גרעניץ פון שטעדטיל. דערפאַר האָט ער זיך גע־מוזט אָבזאָגען אויף אַלע מאָל פון די רעכט אויפ'ן וואַלד. מיט די דאָזיגע פּלעצער וואָלטען זיך די בערשטער געקאָנט בענו־צען, ווען יק"א וואָלט זיי פערהאָלפען אַרויסצוקריכען פון שמו־לעוויזנער קברים און בויען פאַר זיך א היגיענישערע אַרבייטער־קאָלאָניע, אַרום דעם שאָסיי. די בערשטער זענען אימשטאַנד אויסצוצאָהלען די הייזער אין א משך פון 15—20 יאָהר. יק"א וואָלט דערמיט געטאָן זעהר א גרויסע זאַך. די הייזער דאַרפען

אַבער האָבען אַ חאַראַקטער פון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַרבייטער־קאָלאָניע, זיין ווירקליך געבויט היגיעניש און ניט ווי די בערימטע קאַזאַרמע, די אזוי גערופענע „ביליגע דירות“, וואָס יק״א האָט געמויערט אין ווילנא.

ווו אזוי עס ווערט געבאָרען אַ יודיש שטעדטעל אין פּוילען.

דאָס שטעדטעל, וועגען וועלכען איך וויל דאַ דערצעהלען, איז אַ ניי געבאָרען יודיש שטעדטעל. עס ליעגט אינגאנצען אַ זעכציג ווערסט פון ווארשוי, אויף פּעטערסבורגער באהן. עס האָבען דאָרט געוואוינט בשעת מיין בעזוכען דאָס שטעדטעל — אַ 50—60 יודישע פאמיליען. דאָס קליינעצקע יודישע שטעדטעלע ליעגט אַלזאָ ביי ווארשע אונטער'ן נאָז. מ'קען עס זאָגאר רעכענען פאר אַ מין פאָרשטאָדט פון ווארשע, ווייל אַ געוויסע צאָהל פאמיליעס — איבערהויפּט זומער — האָבען זייער בעשעפטיגונג אין ווארשע, פאָהרען אין דער פריה צו דער ארבייט און ביי נאכט צוריק, אַ חוץ דעם ציהען כמעט אלע יודישע שטעדטעל־לייט זייער חיונה דירעקט אָדער אונדירעקט פון ווארשע, אָדער פון דער באהן און זענען עטליכע מאָל אַ טאָג אין ווארשע. אויף אַזאַ נ'אופן דארף זיך דאָס היגע שטעדטעל געפינען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון ווארשעווער קולטורעלען לעבען. אין דער ווירקליכקייט אבער לעבט עס אַן אָבגעזונדערט לעבען, גלייך ווי אלע פערוואָרפענע ווינקעלעך פון יודיש־פּוילען. ניט דאָס גערויש פון ווארשעווער בעוועגונג, ניט דאָס גערויש פון די רעוואלוציאָנערע דונערן, וואָס האָבען געקראכט אין די אויערן טאָג־טעגליך אין די צוויי יאָהר פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע, זענען געוועזן אין שטאַנד אויפצו־וועקען די פּוילישע חסידים פון זייער טיעפען אלטפרענקישען דרעמיל. אַ געוויסער

ליץ האט איינגעטיילט די קולטור־געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט אין פיער עפאכעז: 1) די הילצערנע: דאס הייסט, ווען מענשען האבען זיך געשלאגען מיט העלצער; 2) די שטיינערנע, ווען מענשען האבען זיך געשלאגען מיט שטיינער; 3) די בראנזענע, ווען מענשען האבען זיך געקוילעט מיט מעסערס און העק געמאכט פון בראנז — א געמישעכטס פון צין און קופער; און 4) די אייזערנע עפאכע, ווען מענשען טויטען איינע די אנדערע מיט שווערדען, קוילען און הארמאטען — פון שטאהל און פון אייזען. די ענטוויקלונגס־געשיכטע פון א יודיש שטעדטעל איז שטארק עהנליך צו דער אלגעמיינער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט לויט דעם ליץ'ס איינטיילונג. זי האט : 1) א שוחט־פעריאדע, דאס הייסט, ווען באלעבאטים שלאגען זיך פאר א שוחט; 2) א רב־פעריאדע, ווען באלעבאטים שלאגען זיך פאר א רב; 3) א שוהל, אדער עליות־פעריאדע, ווען באלעבאטים שלאגען זיך אין שול פאר עליות; און — 4) א „בית חיים“־פעריאדע, ווען די קהילה ארבייט זיך ארויף אויף אן אייגענעם „בית חיים“ און מ'רייסט די הויט פון די „בר מנן'ס“ פאר אן אייביגען מקום מנוחה. בשעת איך בין אנגעקומען אין שטעדטעל האט זי שוין געהאט דורכגעמאכט די ערשטע דריי עפאכען פון „שוחט“, „רב“ און „שוהל“ און האט געהאלטען ביי אריינטרעטען אין איהר פערטער און לעצטער פעריאדע — די „בית־חיים“ פעריאדע, וועלכע האט געזאלט פערענדיגען איהר קאמונאלע ענטוויקלונג. די געבורט פון דער דאזיגער עפאכע איז געווען זעהר אינטערעסאנט און איך איז אייגענטליך געווידמעט אט די שילדערונג. וועגען די פריהערדיגע דריי עפאכען וועל איך מאכען בקיצור. לויט ווי מ'האט מיר איבערגעגעבען איז געווען א גרויסע און א לאנגע מחלוקת פון צוויי פארטייען איבער א שוחט. דער קאמפף האט זיך געענדיגט מיט קיינעמ'ס ניט זיעג. עס זענען געבליבען ביידע שוחטים, אין א שטעדטיל פון עטליכע צעהנדליג יודישע פאמיליעס. א סך פריעדליכער איז צוגעגאנגען די רב־עפאכע. דער רב פון דער אפאזיציע האט ניט געוואלט קיין מלחמות. ער האט געהאט עטליכע הונדערט

רובל, האָט ער געגעבען דעם אַלטען רב „אבטרעטגעלד“ און יע־
נער האָט מיט'ן גוטען ווילען פאַרלאָזען דאָס שלאַכטפעלד. אַזוי
אָבער ווי זיין פּאַרטיי איז געבליבען, טרעפט ניט זעלטען, אַז ווען
דער רב וואוינט אין אַ דירה, נעהמט מען און מען דינגט זי אויס,
אָדער מ'רייסט זיך פּשוט אריין צום רב אין הויז און מ'גיט איהם
קלעפּ. דער רב איז אויך ניט פון די דריי אַ גראַשען. ער רופט
אויס אויף זיינע בעלײדיגער אַ חרם, אָדער ברייגגט פּאָליציי
אין בית המדרש אריין, און דער עולם דאַוועגט אונטער דער
השגחה פון די פּאָליציי'ליכע אָרדנונגס־היטער. די שוהל־עפּאַ־
כע איז אויך פול מיט אַזעלכע „פּאַסירונגען“. די קליינע עדה
פון עטליכע צעהנדליג, דאָס רוב אָרימע יודישע באַלעבאַטים,
איז ניט געווען אין שטאַנד צו בויען אַ שוהל. האָט זיך געפונען
אַ בעל־טובה, וואָס האָט אויסגעליהען אַ רובל־טויזענד. דאָס איב־
ריגע האָט מען אויפגעקליבען דורך וואַכער. דער בעל טובה איז
איינער פון די טיפּישע יודישע פּראַצענטניקעס־קולאַקעס. ער
איז אַ געוועזענער שוסטער, און די געשיכטע: אויף וואָסער אופן
ער איז פּלוצלינג געוואָרען אַן עושר פון עטליכע טויזענד רובל
איז „בעדעקט מיט אַ נעבעל פון געהיימנים“. אַלענפאַלס זענען
אַלע אין שטעדטעל איינשטימיג אַז — ניט גאַר כשר. די יודישע
בעפעלקערונג פון דעם שטעדטעל, וואָס בעשטעהט מעהרסטענס
פון קרעמערלעך־אביונים און פונקט אַזעלכע אביונים בעלי
מלאכות, ליעגט איינגאַנצען ביי דעם פּראַצענטניק אין די לאַ־
פּעס. ער לייהט יעדערען צו עטליכע צעהנדליג רובל אויף „קי־
רעוואַניע“, אויף „אויסלאַג“ און רייסט פון זיינע קרבנות בלוּ־
טיגע פּראַצענטען. פערשטעהט זיך, אַז די שוהל, וועלכע איז
נאָך עד היום ניט איינגאַנצען פערענדיגט, איז אויך פאַרזעצט
ביי דעם בעל־טובה — דעם פּראַצענטניק. אַלץ וואָס ס'קומט
אריין פון די שטעדט, פון די עליות, און אַזוי נדבות געהט אריין
צו איהם אין קעשענע פאַר פּראַצענט. און ניט זעלטען טרעפט,
אַז ער קומט מיט אַ סודעבני פּריסטאַוו, פער'חתמ'עט די שוהל
אויף וואַכענלאַנג, ביז מ'צאָהלט איהם ניט איין די „ראַטע“. אַז
איך וועל צוגעבען, אַז אין שטעדטעל איז נאָך פאַראַן אַ חסידי־
שער רבי, עפּעס אַן „אייניקעל“ פון איינעם פון די צעהנדליגער

חסידישע „בעלי מופת", וואס ווערט אויסגעהאלטען פון א גע־וויסע כתה ווארשעווער חסידים, וועט זיין דערמיט געשלאסען די קורצע איבערזיכט פון דעם שטעדטעל'ס פריהערדיגער היס־טאריע. איך האב שוין געזאגט פריהער, אז ביי מיין אנקומען אין שטעדטעל האט די קהילה אנגעהויבען פערענדיגען איהר פיערטע ענטוויקלונגס־פעריאדע. א שטויגער: האט אנגעהויבען קלערען וועגען אן אייגענעם „בית־חיים". איינגענטליך האט זיך די עפאכע אנגעהויבען אביסעל צו פריה און גאנץ צופעליג: דאס שטעדטעל וואלט נאך גאר בדעה ניט געהאט צו קלערען וועגען אזא „ענין" וואס איז איבער זייערע קרעפטען. דערצו זענען אלע אין שטעדטיל, מעהרסטענס, יונגע לייט און ניט ווייט איז ווארשע און די אויעזדנע שטאדט ראדזימין. אבער עס זענען געווען אין שטעדטעל מענשען געבארענע „קהלס־לייט" און אין ווינטערדיגע נעכט האט מען ממש ניט געהאט, וואס צו טאן. די צאנקעריי פאר'ן רב, שוהל, גבאות און עליות האט זיך א סך פון זיי צוגעגעסען. מען האט געמוזט האבען עפעס נייעס. עס זענען געבארען געווארען צוויי נייע חברות „חברה ותיקין" און „חברה תהלים" מיט וואכערס און גבאות און אלע פישטשעוו־קעס, טאקע ווי ביי לייטען. נאר אזעלכע חברות האבען געקענט בעפרידיגען בלויז דעם עהרגייץ פון עלטערע לייט. מיטעלערע מענשען און יונגע לייט האבען זיך גענויטיגט אין א „לעבעדי־גער" חברה און דאס איז, פערשטעהט זיך, חברה „קדישא". דערצו איז געווען שטארק די קנאה צו ראדזימין, וואוהין עס איז אויסגעקומען צו פיהרען דעם „בר מנן" אין א טויטענפאל. די הכנסה איז ארייגעפאלען צו יענער חברה „קדישא" און אויף א שנאפס פון דעם „בר מנן" האט מען געמוזט ווארטען א גאנ־צען יאהר, דאס הייסט, ביז יאהר צייט.

אין שטעדטיל זענען, פאר מיין צייט, געווען צוויי קאנדי־דאטען אויף א „בר מנן". איינער פון זיי, אן אלטער מאן, א פארמעגענדער וואלהענדלער, דער איינציגער גביר פון שטעד־טיל. דאס איז געווען א פעטער העכט... איז נאך אבער געווען א פעסטער יודעל און האט געקענט ציהען יאהרען... דערפאר אבער איז דער אנדערער קאנדידאט געווען א קרענקליכער און

געלעגן שוין עטליכע יאָהר צו בעט. פון ביידען האָט מען געקענט בעקומען ווי גאָר נישט — צו הונדערטער, און — איהר קענט אליין פאַרשטעהן, וואָס אַ קליינשטעדטעלדיגע „חברה קדישא" קען צוטאָן פאַר אַ הונדערטער. בעזונדערס האָט געציטערט דאָס האַרץ פאַר דעם צווייטען, דעם קראַנקען. ער האָט געקענט אַלע טאָג נפטר ווערען. און פון איהם האָט מען זיך געריכט אָבלעקען אַ ביינדעל. ווארום ער האָט געהאַט צוויי זיהן „דאַטשען"— איינעם אַן אַפּטייקער און איינעם אַ דענטיסט.

מ'האָט זיך אַלזאָ געמוזט שטאַרק צואיילען, און אַזוי איז בעשאַפען געוואָרען די „חברה קדישא". מ'האָט געמאַכט נאָך אַ וואָכער; גענומען ביי דעמזעלבען פּראַצענטניק נאָך אַ פּאָר הונדערט קאַרבען; געקויפט אַ שטיקעל פּלאַץ, אָוועקגעשטעלט אַ שטיקעל צאַהם פון עטליכע ברעטער, און גענומען וואַרטען מיט גרויס אונגעדולד אויף די קאַנדידאַטען.

איבריגענס איז „חברה קדישא" לעדיג ניט געזעסען. אַ פּאָר חברה לייט האָט מען בעשטימט פאַר „שומרים". זייער אויפגאַבע איז געווען צו שפּיאָנעווען אַרום דער וואוינונג פון דעם מעהר זיכערן קאַנדידאַט, וואָס איז געלעגן צו בעט. און ברייניגען טעג־ליך די פּאָסט וואו דאַרטען האַלט... אַז מ'האָט דאַרטען, ביי'ן קראַנקען, גערופען אַ דאָקטאָר, צי מ'איז געגאַנגען נאָך אייז, איז באַלד געוואָרען איבער'ן שטעדטיל אַ מורא'דיגער גערודער. עס־טאַפּעטען זענען געפלויגען אין אַלע עקען. דאָקטאָר! אייז! האָט זיך געטראָגען פון מויל צו מויל, מיט אימפּעט, מיט דורש־טיגער נייגעריגקייט און גאַרענדער איבעררוישונג. אבער אויף צו להכעיס האָט דער קאַנדידאַט אָפּט געמאַכט „חברה קדישא" פריידענס־האַרצקלאַפּענעס גאָר אומזיסט.

אַט די געשפּאַנטע שטימונג האָט ענדליך דערעסען, און מ'האָט בעשלאָסען צו מאַכען דערווייל אַ סעודה אָהן אַ „בר מנן". מאַכען אַ מין רעפּעטיציע. מ'איז ווידער אַוועק צום זעל־בען פּראַצענטניק און, נאָך אַ סך טענות, האָט דער וואָכערניק ווידער אַרויסגעהאָלפען. ער האָט געליהען אויף „קאַטאַרזשנע" ציגזען נאָך אַ פּאָר צעהנדליג רובל. „חברה" האָט געקויפט פאַר דאָס געליהענע געלד אַ סטאָדע לעבעדיגע גענז און האָט דערוויי־

לע אבגעגעבען זיי פאסען די קליינע „חברה לייט". אז מ'האט די גאנץ פאר די אויגען איז עפּעס גרינגער אויפ'ן הארצען... כאטש זי איז א לעבעדיגע... א פאר האט מען געקוילעט און גע־מאכט א קליינע רעפּעטיציע מיט א פיינע ביסעל משקה.

צו דער אונבעשרייבליכער שמחה פון די „חברה קדישא", האט זיך פּלוצלינג, גאנץ אונגעריכט געיאוועט אין שטעדטיל א „בר מנן" פון די דאטשניקעס. וואס דעמאלט האט זיך אב־געטאן אין שטעדטעל, איז שווער צו בעשרייבען. דאס שטעדטעל איז געגאנגען כאראם. פון דעם ערשטען „בר מנן" קען מען קיין ביינדעל ניט אבלעקען. ווארום קיין יוד וויל ניט מחנך זיין א נייעם „בית עולם" מיט א מת פון זיין פאמיליע. מען גלויבט, אז דאס איז א שלעכטער סימן פאר די לעבעדיגע. און שטעדטעל איז אנגעקומען מיט גרויסע צרות, ביז מ'האט גע־פועלט ביי דעם פערשטארבענעם'ס ווייב און קינדער, זיי זאלען „מנדר" זיין זייער מת אויף שטעדטעל... מ'האט זיי, ווי דער מנהג איז, צוגעזאגט „הרים וגבעות": צעהן ארשין ארום דעם מת' קבר, וועט מען לאזען לעדיג פלאץ פאר די יורשים, אי־בער „הונדערט און צוואנציג יאהר", גאר אהן א קאפּיקע געלד... טאמער וועלען זיי ניט וועלען, צו ניט קענען דארטען אליין ליע־גען, וועט מען, אלענפאלס, קיינעם ניט לעגען אהן זייער ערלויב־נים. גאנץ שטעדטעל האט צוגעמאכט די קראמען. עס איז אין שטעדטעל א נפש ניט געבליבען, וואס זאל ניט געהאט געהן נאך דער לויה. אויפ'ן „בית חיים" האט מען ארומגערעדט מיט גרויס התלהבות אלע איינצעלהייטען פון די תנאים, וואס די יורשים האבען אויסגענומען, און וואס זיי האט געקומט על פי דין. איך האב שיער דורכגעלאזען די געשיכטע מיט דער דעפּו־טאציע, וואס שטעדטעל האט געשיקט צום פּריסטאוו, אין אויעזד, מיט פופציג רובל כאבאר אויף אן ערלויבענעס צו עפע־נען דעם „בית חיים": און ווי אזוי די דעפּוטאציע האט דאר־טען געסנאסקעט אויף דעם חשבון פון קהל. די שמחה איז אבער געוועזן ניט קיין גאנצע. דעם ערשטען מת אויף א נייעם בית עולם טאר מען ניט לאזען אליין. שדים און מזיקים קענען האבען שליטה אויף דער נשמה, וועלכע בלאנדזשעט ארום קבר די ערש־

טע צייט, און קען אזוי אַנשטאַט צו קומען אין גן־עדן אריינפאַ־
לען דעם טייוועל אין די הענד... מ׳האָט געמוזט דינגען וועכטער
היטען דעם מת. דאָס האָט ווידער געקאָסט פינף רובל א וואָך.
אַט דאָס געלד איז שוין געווען אונמעגליך צו קריגען ביים פּראַ־
צענטניק. דאַ האָט שוין שטעדטעל געמוזט מאַכען א וואַכער פון
באַלעבאַטים. פאַרשריבען האָט זיך יעדער באַלעבאַס. דער עולם
האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף א פרישען מת, וואָס זאָל
פאַרשפּאָרען די וועכטער היטען דעם ערשטען מת, און דער
שטעדטעל — צאָהלען וואַכער. ווארום ווי נאָר עס ליגען אויפ׳ן
„בית עולם“ צוויי מתים, היטען זיי שוין איינער דעם אנדערן,
און מ׳דאַרף קיין וועכטער ניט. אזוי גלויבען די פרומע יודען.

וואַרטען האָט מען געמוזט איינינגע מאָנאַטען. אין שטעד־
טעל איז געשטאָרבען א קינד פון עפּעס אן אָרימען בעל מלאכה.
„חברה קדישא“ האָט געבענשט די אונגליקליכע עלטערן פון
קינד מיט פינף און צוואַנציג רובל קבורה געלד. מ׳האָט זיך
געדונגען א טאָג אַנאַנד און די עלטערען האָבען געמוזט
בעצאָהלען פופצעהן רובל. דאָס איז געווען דער ערשטער פער־
דינסט פון „חברה קדישא“. פאַר איהר, ווי פאַר גאַנץ שטעד־
טעל, איז דער טאָג געווען אן אמת׳ע שמחה. דאָס געשטאָרבענע
קינד האָט זיי פאַרשפּאָרט פינף רובל א וואָך. יעצט האָט מען
זיך נעפּיהלט שטאָלץ און געהויבען. עפּעס איז מען שוין מיט
לייטען גלייך. מ׳האָט אלע איינריכטונגען, וואָס א יודיש שטעד־
טעל דאַרף; מ׳האָט אן אייגענעם „בית חיים“. דעמזעלבען
אָווענד האָט חברה געמאַכט א הוליאַנקע. אבער די פופצעהן
רובל האָט געקלעקט אויף א צאָהן... אין א מאָנאַט ארום האָט
זיי גאָט צוגעשיקט נאָך א מת׳ל. עס איז געשטאָרבען נאָך א
קינד פון אן ארבייטער, א שניידער, א סאָציאַליסט — פון דער
פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“. דער אָרימער ארבייטער
האָט פּראָטעסטירט, אבער — גאָר נישט געקאָנט מאַכען. ער
האָט געמוזט צאָהלען די גאַנצע פינף און צוואַנציג קאַרבען.
אבער אויך ד ע ר פינף און צוואַנציגער האָט בלויז צורייצט
דעם אַפּעטיט פון „חברה קדישא“. דער רעכטער הענט, דעם
רענטיסט׳ס פאַטער, איז נאָך אַלץ געלעגען צו בעט א לעבע־

דיגער, און גאָר ניט געקלערט וועגן שטאַרבן. מ'האָט זיך גענומען צו איהם מיט אַלע כלים. זיין הויז איז כמעט טאָג און נאַכט געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ נעץ פון שפּיאָנען, וואָס האָבען געמעלדעט יעדע בעוועגונג ביים קראַנקען אין שטוב. האָט מען נאָר דערשפּירט, אַז מ'האָט צו איהם גערופען אַ דאָקטאָר, גענומען פאַר איהם מעדיצין, אָדער געגאַנגען נאָך אייז, איז דעמזעלבען אַווענד שוין געווען ביי „חברה" אַן אסיפה און מ'האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריינגעדעבאַטירט די איינצעלהייטען פון דעם „געשעפט" וואָס מ'וועט דאָ מאַכען.

אָבער עס האָט זיך אויך דאָס מאָל אַרויסגעוויזען, אַז „חברה קדישא" האָט געלעבט אין אַ ביטערן טעות. דער אַלטער האָט אין אַזא צושטאַנד געזשיפּעט יאָהרען־לאַנג. דער קראַנקער — האָט מיר זיין זוהן דערצעהלט — איז גאָר ניט געווען שטאַרק קראַנק. ער האָט געהאַט אַ מין מיחוש, אַן איינגעבילדעטע קרענק, אַז ער קען ניט געהן. אפּעטיט האָט ער געהאַט מעהר פון אַ געזונטען. טאָג און נאַכט פלעגט ער ליגען אין בעט, און אויפשטעהן נאָר צום עסען. אין אַזא צושטאַנד איז ער שוין אָבגעלעגען צעהן יאָהר, און דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ער קען גאָך לעבען וועניגסטענס אַ יאָהר צוואַנציג, ווייל ער איז נאָך געווען אַ מיטעלער מענש און קראַנקע פון אַט ד ע ם מין ציהען, בכלל, לאַנג. מיר האָבען ביידע, איך און דער דענטיסט, געלאַכט מיט אַ געלעכטער פון נקמה איבער די „חברה קדישא", וואָס האָט גענעהט ניט קיין בייטעל נאָר אַ זאַק פון דעם פּעטען „בר מנן", וועלכער האָט גאָר ניט בדעה געהאַט אַריינצופאַלען צו זיי אין די צייהן.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום, נאָך אַט די לעצטע געשעהעניסען אין שטעדטעל בין איך געווען אין וואַרשא. פאַהרענדיג פון דאָרט צוריק, האָב איך אין וואַגאָן, מיך בעגעגענט מיט'ן שטעדטעלדיגען קליינעם צייטונגס־פּאַרקויפער, וואָס פלעגט מיר אַריינטראָגען בלעטער, און פלעגט מיר, אגב, אָפּט דערצעהלען שטעדטעלדיגע נייעס.

— וואס הערט זיך ביי אייך אין שטעדטעל? — האב איך געפרעגט.

— איהר ווייסט, פאניע, — האט מיר דער קליינער ציי־טונגס־פארקויפער גליך רעפארטירט — אז דעם דענטיסט'ס פאטער איז געשטארבען.

— וואס רעדסטו?!.. — האב איך געפרעגט איבערראשט.

— נו, און „חברה קדישא"?

— „חברה קדישא" האט געפאדערט אנדערהאלבען טויזענד רובל. צוויי טעג איז געלעגען דער מת. ניט געוואלט מקבר זיין. הונדערט האט שוין דער זיהן גיבוטען און אויף צוויי הונדערט א וועקסעל. ווי? גאר נישט געוואלט הערען! כאפט ער, דער זיהן א בראונינג און אנגעלאדענעם, לויפט אריין צו „חברה קדישא": שוין זאלט איהר, נידערטרעכטיגע קערלס, דעם טאטען מקבר זיין. איהר הערט? אז ניט שים איך אייך אלע־מען ווי די כלבים! שוין זאג איך!...

דער בראאונינג האט געהאלפען. „חברה קדישא" האט זיך דערשראקען און איז גליך אוועק מקבר זיין דעם טויטען. דער־פאר האבען זיי געהוליעט פאר די הונדערט רובל צוויי נעכט נאכאנאנד.

פון אַ ציעג.

(וואַגאָן־בילדער).

אין אַ אייראָפּעאישען אָדער אמעריקאנישען וואַגאָן קאָן אייער אויג און אויער ווענינ שטאַרק האָבען פאַר איינדריקע. דאָרט איז דער פּאַסאַזשיר ציוויליזירט. דער ציוויליזירטער פּאַ־סאַזשיר איז איינגעוויקעלט אין זיעבען וויקעלעך, איז אָבגע־צאַמט פון אייך מיט זיעבען גלעזערנע וועגד. איהר קאָנט איהם זעהן און הערען און קיינמאָל ניט וויסען: ווער איז ער און וואָס איז ער? איהר ווילט איהם אריינשטעקען אַ ברייטען יודישען „שלום עליכם" און פרעגען: פון וואנען איז אַ יוד? נאָר אַנ־שטאַט אַ צוטרויליך־היימישען „עליכם־שלום", לייענט איהר אויף זיין פּנים דעם פרעמד־פראָסטיגען: „מיינד יור אָון ביזנעס"... ס'הייסט אויף פראָסט יודיש: וואָס גערט עס אייך אָן?

גאַנץ אַנדערש איז אין אַ רוסישען וואַגאָן. דאָס איז נח'ס קאַסטען. יעדער פּאַסאַזשיר ברייננט אהער זיין עלענד און זיין רעכטלאָזיגקייט פון דער היים און גאָרט נאָך אַ פרייפדליך וואָרט. דאָ איז יעדען פּאַסאַזשיר'ס נשמה (איך מיין דאָ נאַטיר־ליך, די ווענינ ציוויליזירטע פּאַסאַזשירען פון „דריטען קלאַס") ענטבלויזט, ווי אַן אויסגעקעהרטער פּעלץ. איהר קאָנט זי בע־טראַכטען פראַנק און פריי פון יעדער זייט. שטאָלצער פון אַנ־דערע איז דער יוד אין וואַגאָן — ווייל אין וואַגאָן, האָט ער כאָטש אַ שאָטען פון גלייכע רעכט מיט אַלעמען. און ער קעמפּפט פאַר זיין אָרט, פאַר זיין באַנק מיט אַלע קרעפטען, וואָס

ער פערמאַגט. פאַר זיין אַרט וועט ער געהן אין בלוט, וועט אויפרודערן אַלע קאָנדוקטאָרען מיט די זשאַנדאַרמען, ברייננען דעם נאַטשאַלניק־סטאַנציע אַליין, ביז ער דערשלאָגט זיך זיינע גלייכע רעכט, וואָס דער בילעט האָט איהם געגעבען. קוים האָט ער זיך אָבער בעזעצט, איז זיכער אין זיין פּלאַץ, געהט ביי איהם אַראָב דער קוראַזש און ער זוכט שוין עמיצען, וועמען אַריינצור־שפּאַרען אַ ברייטען „שלום עליכם" און פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס. איז פאַרהאַן אַ שכן אַ יוד, איז אוּדאַי גוט. אז ניט, מאַכט נישט אויס אַ פּויער, אַ זעלנער, אַ גלח, אין וואַגאָן איז יעדער יוד אינטערנאַציאָנאַל.

פאָהרען דריי יודען אין איין וואַגאָן, ווערט שוין אַ קופּ־קע. און עס ווערט געפיהרט אַ דעבאַטע אויפ'ן יודישען שטויגער. געוועהנליך, איז איינער דער בעל־דברן, דער הויפּט־רעדנער און די איבעריגע וואַרפען אריין צייטענווייז אַ וואָרט. מעהרסטענס אָבער שאָקעלט מען צו מיט'ן קאָפּ.

בשעת איך בין דאַסמאָל געפאָהרען אין וואַגאָן, איז דער הויפּט־רעדנער געווען אַ וואַרשויער בעקער. ער האָט דערצעהלט וועגען זיין דיענסט אין מיליטער; וועגען דעם, וואָס אין וואַר־שוי האָט זיך געטאָן אין „די פריצע טעג", און ווי דער יקרות איז מורא'דיג גרויס, — אז אַ דירה, וואָס האָט אַמאָל געקאָסט 6 רובל, קאָסט איצט 15. ער האָט דערצעהלט וועגען דעם סטרייק און לאָקויט ביי די וואַרשויער בעקער מיט אַ האַלב יאָהר צוריק; ווי אַזוי די בעקער־אַרבייטער האָבען אויסגעקעמפּפט אַן 8־שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג, און ווי גוט דאָס איז געווען פאַר זיי. וואָרום דער אַרבייטער, — האָט ער ערקלערט זיין שכן פון דער באַנק אַנטקעגען — איז שוין ניט ווי אַמאָל. ער דאַרף כאָפּען צייט אָבצורוהען, אויסריידען אַ וואָרט מיט ווייב און קינד, לייענען אַ צייטונג, אַ בוך, געהן אויף אַ פערזאַמלונג, הערען אַ וואָרט.

זיין שכן — אַ ליבויער סוחר — האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אריינוואַרפענדיג אַמאָל אַ וואָרט, ניט אַזוי פון אינטע־רעס, אָדער מיטגעפיהל, נאָר כדי ארויסצעווייזען זיין „דייטש". איך בין געזעסען אַז אַ זייט און האָב אויך, אַזוי ווי דער לי־

בויער יוד, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דעם בעקער איז אפּנים מעהר געפעלען געווען דער „דייטש" און גאָר זיך ניט געקימערט וועגען מיר. דאָס האָט מיר הנאה געטאָן. איך האָב געקאָנט פון דער זייט זיך צוקוקען צום רעדנער, ער האָט מיר דערמאָהנט די אַמאָליגע בעגייסטערטע, נאאיווע ארבייטער־רעדנער אויף די אונטער־ערדישע מיטינגען. דיזעלבע תמימות, דערזעלבער גלויבען אן דער גערעכטיגקייט פון דער זאך, פאר וועלכער זיי קעמפפען, דיזעלבע מונטערע האָפנונג און זיכערקייט אין דער צוקונפט.

איינע פון די סטאַנציעס אויפ'ן וועג האָט אריינגעוואָרפען אין וואגאָן א פרישען שטראָם פּאַסאזשירען, עס איז געוואָרען א ביסעל א רודעניש, א האַמפּערניש אויף די ביינק ארום מיר. אין גיכען האָט מען זיך אבער איינגעזעצט און עס איז ווידער געוואָרען רוהיג. מיין אויפמערקזאמקייט האָט געצויגען אן אַלטער גרייז־גראָהער יוד, וועלכער האָט עהרליך־צערטליך זיך געעוסק'ט ארום א מיידעל, א טאָכטער אפּנים. אין דער טונקעלער שיין פון דעם אויסגעהענדען ליכט האָב איך ניט בעמערקט גוט איהר פּנים. באַלד האָט זיך פערבונדען א שמועס צווישען דעם גרייז־גרויען יודען און נאך א פאר אנדערע יודען:

— ס'איז אייערע א טאָכטער? — פרעגט איינער ביים אַלטען יודען.

— ניין, א ווייב.

דער עולם האָט פערוואונדערט געשוויגען. דער אַלטער האָט, אביסעל צו־ריהרעוודיג פאר זיינע יאהרען, ארומגעפּאָרעט ארום דער ווייבעל. ער האָט עס אפּנים בעמערקט און האָט אונז אַלעמען נאך מעהר איבערראשט.

— וואָס מיינט איהר, ביז איך אַלט? — האָט ער זיך געפרעגט ביי דעם יודען, דעם שכן.

— איך מיין, איך וואָלט אייך געבען גוטע 70, — האָט יענער געענטפערט.

— איך בין ערשט אַלט אינגאנצען 44 יאהר.

דער עולם האָט זיך פערוואונדערט.

— וואָס רעדט איהר?

— וואָס איהר הערט. איך בין אזוי גרוי געוואָרען היינטיגס יאָהר.

— פון שאמפּאַניער, — האָט איינער בעמערקט אין געלעכ־טער.

— יאָ, פון שאמפּאַניער, — פון צרות!

— וואָס־זשע האָט איך געטראָפען? — האָט דערזעלבער יוד, וואָס האָט געזאָגט „פון שאמפּאַניער", מיט מיטלייד גע־פרעגט.

— גאָרנישט, פון אַ ציעג...

— וואָס הייסט פון אַ ציעג?

— אַ קצב בין איך פון טשיזשעווע, אַט דאָ ניט ווייט, ביי ביאַליסטאָק. האָט זיך געמאַכט אַ טריפה. צוויי ציעגען האָב איך געקוילעט, איז איינע געווען כשר און די אַנדערע — טרפה. האָב איך זיי אויסגעטרייבערט און פאַרטיג געמאַכט, — די, פאַר גויים, אויף איין באַנק, און י ע נ ע, פאַר יודען, אויף דער צווייטער. אליין בין איך אוועק אין גאַס און האָב פערגעסען אַנצוזאָגען דער ווייב און קינדער, וועלכע איז די טריפה ציעג און וועלכע די כשר'ע. איך קום אהיים; אַ געשטאָרבענער בין איך געוואָרען — מען האָט פערקויפט יודען די טריפה ציעג. וואָס טוט מען? ס'איז אַ שעה פאַר ליכט־בענשען.. .צום גליק האָט מען פערקויפט דאָס גאַנצע פלייש פון דער ציעג אין אַ דאָרף ניט ווייט: צעהן וויאָרסט. חאַפּ איך די קאַפּאָטע און לויף — פערהיטען יודען פון מאכל טריפה. אין דאָרף איז מען פריה מקבל שבת און גלייך צו דער וועטשערע. קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, ווי אזוי איך בין געלאָפען. אָהן אַ נשמה בין איך געקומען... אבער אַ דאַנק גאָט — פערהאַפּט. דאָס פלייש — ווי פערשטעהט איהר? — איז שוין געווען אין אויוועז... די טעפּ — שוין פערפאַלען — טריפה! אבער אַ דאַנק גאָט, דאָס געפּעס פערהיט און יודען פון טריפה פערהיט.

צוריק בין איך געקומען שפּעט. האָב זיך קוים דער־שלעפּט, ממש אַ געשטאָרבענער. דאָס הארץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. עסען האָב איך ניט געקאָנט. געל בין איך געוואָ־רען, ווי פּאַרמעט. אויף מאָרגען האָט אָנגעהויבען אָבצוגעהן פון

מיר בלוט... אלע טאג... טעפ בלוט... געווארפען זיך צום דאק־טאר פון שטעדטעל... געגאסען אין זיך רפואות — נישט געהאל־פען! א יאהר האב איך זיך אזוי געמאטערט צווישען לעבען און טויט, און אין דעם יאהר בין איך, אט ווי איהר זעהט, גרוי געווארען, ווי א זקן פון 70 יאהר. בין איך געלאפען קיין ווארשוי. דארט בין איך געלעגען אין שפיטאל 6 וואכען. געמאכט מיר אן אפעראציע. איך בין צו זיך געקומען, אנגעהויבען עסען... עס וואלט מיר גאר גוט געהאלפען, ווען איך וואלט געקאנט ליע־גען אין שפיטאל נאך א פאר וואכען. האט מען מיך פאר דער צייט אויסגעשריבען. דערנאך האט זיך געמאכט א צוטשפעניש מיט א בלינדער קישקע. ווייטער געלאפען קיין ווארשוי. אבער קיין אפעראציע האב איך שוין איצט ניט געלאזט מאכען. ווי גאט וועט געבען... אט אזוי לעבט מען ווי עס איז. און אז איהר וואלט מיך זעהן מיט דריי יאהר צוריק, וואלט איהר מיך ניט דערקענט. א גבר געוועז... אז גאט וויל אנשיקען, שיקט ער אן א ציעג...

דער עולם האט מיט מיטגעפיהל געשאקעלט מיט'ן קאפ. נאר אין מיטען איז גאר פינסטער געווארען. די צוויי ליכט איןביידע זייטען וואגאן זענען אויסגעגאנגען, די פאסאזשירען האבען גענומען בטל'ן צום קאנדוקטאר'ס קאפ, וואס ער לאזט אין דער פינסטער. איינער האט אנגעצונדען א שוועבעלע. א צווייטער איז געגאנגען זוכען דעם קאנדוקטאר. ער איז געקו־מען מיט צוויי קורצע ליכטלעך אין דער האנד. נאר איידער ער האט זיי אנגעצונדען, האט ער פריהער ביידע ליכט אונטערגע־שניטען און האלבע גענומען מיט זיך. אזא גנבה, פאר אלעמען אין די אויגען, האט די פאסאזשירען אויפגעבראכט. האט מען אנגעהויבען שמועסען אויף דעם טעמא, ווי אזוי די קאנדוקטא־רען זענען גנבים. איין יודעל האט איהם גענומען פערטיידיגען: ער קריעגט אודאי דריי אדער פיער קארבאנצעס א וואך „וויי־דזשעס"*) און „ספענדען" ספענדט**) ער צעהן, מוז ער דאך פון ערגיץ נעהמען. אנשטויסענדיג זיך דא אומגעריכט אויף א

*) געהאלט. **) אויסגעבען.

לאנדסמאן פון אמעריקא, בין איך געווען זעהר צופריעדען און האב, ליעגענדיג אויבען אויף דער באנק, זיך גענומען צוהער־רען אויפמערקזאם, וואס מיין לאנדסמאן וועט ווייטער זאגען. נאר מעהר האט ער נישט גערעדט.

ער איז געזעסען אונטער מיין שלאף־באנק. איך האב איינ־געבויגען דעם קאפ און איינגעקוקט זיך אין איהם. דאס איז גע־ווען א יודעל פון א יאהר 50, גרויליך, אבער נאך גאנץ שטייף, מיט א קורצען האלז, א קליינעם קאפ און דורכנעהמענדיגע אויגלעך, וואס קוקען אויף איך אזוי ווי אן א זייט.

— וואס הערט זיך אין אמעריקא? — האב איך, אראב־בויגענדיג פון מיין אויבערשטער באנק דעם קאפ צו מיין לאנדס־מאן, געפרעגט.

ער האט פערוואונדערט א קעהר געטאן דעם קאפ צו מיר ארויף און געזאגט :

— פון וואנען ווייסט איהר, אז איך בין געווען אין אמע־ריקא?

— איהר זעהט דאך, אז איך וויים, — האב איך מיט א כלומר'שט געהיימניספולען טאן געענטפערט. — א וועלט שלאפט ניט. ווי לאנג זענט איהר געווען אין אמעריקא?

מיין לאנדסמאן האט אין מיר איינגעשפאנט זיינע אוי־גען מיט פערדאכט און גארנישט געענטפערט. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען, אנגעצונדען א שוועבעלע און צוגעטראגען נאהנט צו מיין פנים. די פיזיאנאמיע מיינע האט איהם אפנים אביסעל בערוהיגט און ער האט נאך א לאנגער פויזע געענט־פערט :

— דריי יאהר.

— און ווי לאנג, אז איהר זענט פון דארט?

מיין לאנדסמאן איז ווידער געווארען פערדעכטיג און אנ־שטאט צו ענטפערן האט ער געפרעגט :

— וואס מאכט דאס אייך אוים?

אום צו בערוהיגען איהם, האב איך איהם געמעלדעט, אז איך בין אויך געווען אין אמעריקא.

און ביסלעכווייז האבען מיר זיך פונאנדערגערעדט. איך

האָב געוואוסט, אַז ער האָט געהאַנדעלט מיט קליידער און ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב געהאַלטן אַ צייטונגס־טישעל —

נאָר אונזער געשפּרעך האָט איבערגעריסן דער אַריינ־געקומענער קאָנדוקטאָר. ער האָט בעמערקט ניט ווייט פון מיין לאַנדסמאַן אַ צו־גרויסען קאָרב.

— וועמעס קאָרב איז דאָס? — האָט ער זיך צושריען, ווענדענדיג זיך, איך וויים ניט פאַרוואָס, דוקא צו מיין לאַנדס־מאַן. — דיין קאָרב?!

— נאָו — האָט מיין לאַנדסמאַן געענטפערט.

— דיין קאָרב, צי ניט? פרעג איך, — איז צוגעשטאַנען דער קאָנדוקטאָר נאָך שטאַרקער.

— נאָו, — האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס מיין לאַנדס־מאַן.

— נאָו! נאָו! — האָט איהם איבערגעקרימט דער קאָנ־דוקטאָר, — וואָס נאָקעסטו?! איך פרעג דיך: דיין קאָרב, צי ניט?

— נאָו! — האָט זיך גע'עקשנ'ט מיין לאַנדסמאַן.

דער ליבויער „דייטש" האָט זיך ענדליך אַנגעשטויסען און ערקלערט דעם קאָנדוקטאָר, אַז דאָס איז אַן „אַמעריקאַנער" און רעדט אויף „אַמעריקאַניש".

דער קאָנדוקטאָר האָט מיט אַ פאַרדעכטיגען בליק אַ מעסט געטאָן מיין לאַנדסמאַן פון קאָפּ ביז די פיס, האָט אויסגעשפּי־גען און געזאָגט, אַוועקגעהענדיג:

— אַמעריקאַנעץ! איך קען זיי, די חברה, דריי טעג מיט אַ נאַכט אין אַמעריקאַ געוועזן און האָט שוין פאַרגעסען רוסיש צו ריידען.

— פאַרשוויערשער קאָפּ!... — האָט איהם דער לאַנדסמאַן נאָכ־געוואָרפען און איינגענורעט דעם קאָפּ אין בוזעם צו כאַפּען אַ דרעמיל.

צווישען גרעניץ-יִדען.

ביי גאָט׳ס מוטער אויף קעסט.

ביז מיט א יאָהר 40—50 צוריק איז טשענסטאָחאָוו געוועזן אייגענטליך א דאָרף ביי די רואינען פון דער אלטער בעריהמטער פעסטונג און היילינגטום. מיט דער אויפבויאונג פון דער ערשטער אייזענבאהן אין פוילען (וואַרשוי־ווינער באהן־ליניע) האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען אלץ מעהר און מעהר פרומע קאטאָליקען, עולי־רגל, צום היילינגען אָרט. זייער צאָהל האָט מיט ד׳נר צייט דערגרייכט איינינע מיליאָן א יאָהר. די מאסען פרומע וואַנדערער האָבען ביסלעכוויז צוגעצויגען אין טשענסטאָחאָוו א גרעסערע שטענדיגע בעפעלקערונג — קריסטען און יודען. איצט איז שוין דאָס א גרויסע שטאָדט מיט א בעפעלקערונג פון 80 טויזענד. דערונטער א דריטעל יודען. ביידע, אי די קריסטען, אי די יודען, זענען אין זייערע לעבענס־מיטלען אינגאַנצען אָבהענגיג פון די טויזענדער פרומע קאטוילישע פילגרימען, וואָס קומען טאָג־טעגליך אהער פון אלע עקען וועלט. פאַר אזוינע מאסען מענשען דאַרף מען האָבען: גאַסט־הייזער, רעסטאָראַנען, קראָמען מיט אלערליי לעבענס־מיטלען, קליידער, שיך א. א. וו. א חוץ דעם געהט־אָן א גרויסער האנדעל מיט אלערליי היילינגע בילדער און אנדערע סובענירען. דאָס ווערט אלץ געאַרבייט און פערקויפט אין מאָסען גרויסע און קליינע בודען, וואָס רינגלען ארום דאָס היילינגטום פון אלע זייטען. דער אומזאַץ פון היילינגע בילדער און סטאַטוען אליין בעטרעפט הונדערטער־טויזענדער רובל א יאָהר. דירעקט בעשעפטיגען זיך

דערמיט קריסטען, אינדירעקט אבער אויך יודען. אמאָל האָבען זיך יודען בעשעפטיגט אויך מיט דעם האנדעל פון די הייליגע בילדער. היינט איז דאָס זיי שטרענג פערבאָטען. נאָר די אויס־ארבייטונג פון ראהמען צו די בילדער געפינט זיך כמעט אינ־גאנצען אין זייערע הענד. זיי פערקויפען די ראהמען אנגראָ צו די קריסטליכע בודען־האלטער. א חוץ דעם שטעלען צו די יודען די רויהע שטאָפען, וואָס זענען נויטיג פאר דער אויסארבייטונג פון די הייליגע זאכען.

אָט אזוי האָבען זיך יודען געלעבט אין טשענסטאָחאָוו ניט שלעכט ביז דאָ ניט לאנג, האָבען געלעבט אין פריעדליכע בע־ציהונגען אי מיט דער היגער שטענדיגער קריסטליכער בעפעל־קערונג, אי מיט די צייטווייליג־אנקומענדע פרומע בעזוכער פון די הייליגטימער. זינט אבער די לעצטע עטליכע יאָהר איז דאָ געקומען א שארפע ענדערונג אין דער יודישער לאגע. די קסיאָנ־דזען פיהרען א שטארקע אגיטאציע געגען די יודען. יודישע גאסט־הייזער ווערען כמעט ניט בעזוכט. פון דעם פילגרים׳ס אנקומען ביז זיין אָבפאָהרען געפינט ער זיך אונטער דער אויפ־זיכט פון די גלחים. אלץ, וואָס ער בעדאַרף האָבען, ווערט פאר איהם בעזאָרגט דורך קריסטען. און נאָר אין א נויט, ווען אלע קריסטליכע גאסט־הייזער זענען געפאקט, ערלויבט מען דעם פילגרים זיך ביי א יודען אָבצושטעלען, אָדער געבען צו לייזען א יודישען קרעמער און בעל־מלאכה.

אין דער עקאָנאָמישער לאגע פון דער טשענסטאָחאָווער יודישער בעפעלקערונג איז דעריבער אנגעקומען א שארפער קריזיס. צום טייל וואנדערט מען אויס פון דאנען: די קיין וואר־שוי און לאָדז, אנדערע ווייטער — צו דער גרעניץ — קיין בענדין, סאָסנאָוועץ. די, וואָס בלייבען, זענען געצוואונגען צו נעהמען זיך פאר נייע פרנסות און מלאכות.

אזוי האָט זיך די לעצטע יאָהרען דאָ איינגעפיהרט א נייע פראָדוקציע, וואָס ליעגט אויסשליסליך אין יודישע הענד. עס ווערען דאָ פאבריצירט פערשיעדענע גאלאנטעריי־ארטיקלען און שפיעל־זאכען פון דעם כעמישען שטאָף צ ע ל א ל ו א י ד. אָט די פאבריקאציע האָט זיך דאָ אזוי ענטוויקעלט, אז טשענס־

טאַחאַוו איז געוואָרען כמעט דער איינציגער פּונקט אין רוסלאַנד אין דער אויסאַרבייטונג פון צעלאַלואיד־אַרטיקלען. א סך פון זיי ווערען אָבגעזעצט דאָ אויפ׳ן אָרט. די קאַטוילישע וואַנדערער קויפען זיי גערן צוזאַמען מיט די הייליגע בילדער — פּרעזענטען אהיים פאַר די קינדער. נאָר מעהרסטענס ווערען די צעלאַלואיד־סחורות פערקויפט אויסענווערטס, אין אַלע עקען רוסלאַנד. דאָס וואָלט געווען נישקשה. הערשט אָבער דאָ, ווי אין יעדער פּראָדוקציע, וואָס פאַלט אריין ספּעציעל אין יודישע הענד, א שרעקליכע אַנאַרכיע און קאָנקורענץ. די דאָזיגע אינדוסטריע ברויכט נית קיין טייערע מאַשינעס, קיין גרויסע הוצאות, און יעדער אַרבייטער, וואָס האָט חתונה, און בעקומט א פּאָר הונדערט רובל נדן, עפענט ער פאַר זיך א פאַבריקעל. זיינע אַרבייטער אין א פּאָר יאָהר אַרום טוען דאָס זעלבע. די קאָנקורענץ וואַרפט די פּרייזען אונגעהויער און דורכדעם פאַלט די קוואַליטעט פון דער סחורה. אַלס ביישפּיעל קאָנען דיענען די קראַגען, הערצלעך און מאַנזשעטען פון צעלאַלואיד. די אויסלענדישע (שוועדישע) האָבען פריהער געקאָסט פון 75 קאָפּיקעס ביז א רובל א שטיק. היינט פערקויפט מען דיזעלבע סחורה פון טשענסטאָחאָווער פאַבריקאַציע צו 15 קאָפּיקעס א שטיק. אָבער וואָס פאַר א סחורה איז דאָס! אום צו מאַכען א סוף צו דער אונענדליכער קאָנקורענץ, האָבען די יודישע פאַבריקאַנטען בעשלאָסען אַרויסצוּוואַרפען די יודישע אַרבייטער און נעהמען אויף זייער פּלאַץ קריסטליכע. עס איז פאַרגעקומען אין טשענסטאָחאָוו א סדרה פון לאָקאַוטען, אויף דעם באָדען פונ׳ם יודישען עקאָנאָמישען אַנטיסעמיטיזם. די יודישע אַרבייטער זענען זעהר פעסימיסטיש געשטימט. מ׳איז זיכער, אז אין א קורצער צייט וועט דאָ אין צעלאַלואיד־פאַבריקען, א חוץ די פאַבריקאַנטען, ניט בלייבען קיין איין יוד.

אָט אזוי פאַלט די לעצטע שטיצע פון דער עקאָנאָמישער יודישער עקזיסטענץ אין א גרויסער פּוילישער שטאָדט. פריהער, צי שפּעטער וועט דער טשענסטאָחאָווער יוד זיך מוזען נעהמען צום וואַנדער־שטעקען. די עמיגראַציע פון דאַנען ווערט שוין איצט, ווי איך האָב פריהער אָנגעוויזען, שטאַרקער פון טאָג

צו טאָג. בעזונדערס איז גערריקט די שטימונג ביי דער מאסע, איבערהויפט ביי דער יוגענד.

עטליכע וויאָרסט אונטער טשענסטאָחאָוו געפינט זיך די יודישע גערטנער־און בלומען־פלאַנצונג־שול פון יק״א. דאָס איז דאכט זיך, די איינציגע יודישע שול פאר גערטנעריי און בלומען־קולטיווירונג. ווענען דער דאָזיגער שול ווערט כמעט קיינמאָל א וואָרט ניט דערמאָהנט אין דער יודישער פרעסע. און דאָס איז א שאָד. ווארום די שול פערדיענט, אָהן א ספק, אונזער ערנסטע אויפמערקזאמקייט.

איך האָב בעזוכט די שול. זי געפינט זיך אויף א מאָגער שטיקעל ערד. נאָר א דאנק דער איבערגעבענקייט און מיה פון איהר פערוואַלטער, אגראָנאָם שניאורסאָן און דעם פלייס פון די שילער, האָט זיך איינגעגעבען צו פערוואנדלען אָט די אנשטאַלט אין איינע פון די מוסטערהאפטעסטע אין פוילען און גאנץ רוסלאַנד. אפילו די פוילישע געזעלשאפט, איבערהויפט די ארומיגע פוילישע גוט־בעזיצער בעציהען זיך צו דער שול מיט רעספעקט. די שול האָט אין שטאָדט אן אייגענעם מאגאזין, וואָס פערקויפט א גאנץ יאָהר לעבעדיגע בלומען, און זומערצייט — גאָרטען־פּרוכטען. דער מאגאַזין לייזט גאנץ גוט און איז א היבשע שטיצע פאר דעם ביודזשעט פון דער שול. אין איהר איז איינגעפיהרט דאמפף ־ בעהייצונג יק״א׳ס פערמע, דערנע איינריכטונגען. דאָס איז די איינציגע יק״א׳ס פערמע, פון וואנען די שילער צולויפען זיך ניט, בעציהען זיך ערנסט צו זייער לעהרע און ענדיגען די שול. נאָכ׳ן ענדיגען קריגט יעדער שילער לייכט בעשעפטיגונג אין אויסלאַנד (אמעריקא און איירא‍פּא) און אפילו אין פּוילען און רוסלאַנד גופא, און פערדיענט גאנץ גוט. וואוהין דער שיקזאל זאָל די שילער ניט פערווארפען, נאָכ׳ן ענדיגען, בעהאַלטען זיי שטענדיג און אומעטום א טרייען צובונד צו זייער שול און שטעהען אין שטענדיגען בריעף־וועקסעל מיט זייערע לעהרער און פערוואַלטער.

איצט, ווען ביי אונז שטעהט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג די פראגע וועגען איבערבויען אונזער עקאָנאָמיש לעבען אויף גע־

זינטערע יסודות, ברײנגען אונזער יוגענד נעהנטער צו דער נאַטור, צו דער מוטער־ערד, האָט די טשענסטאָחאָווער שול פאַר גערטנערײ און בלומען־צוכט געקאָנט דערווײזען אונז, אין אַט דער הינזיכט, זעהר א גוטען דיענסט. אַזױנע שולען, װי אין טשענסטאָחאָװ, דאַרפען געגרינדעט װערען אין װילנאַ פאַר ליטאַ און, װעניגסטענס, נאָך אײנע אין זיד־רוסלאַנד. די תלמידים, װאָס האָבען געענדיגט די שול, האָבען געקאָנט דינען פאַר א גוטען שטאָף, צו בױען מיט זײ יודישע גערטנער־קאָלאָניעס אַרום די גרעסערע שטעדט אין תחום, אָדער אין די קלענערע שטעדט־לעך, װאָס שאַפען גינסטיגע בעדינגונגען פאַר אַזאַ בעשעפטי־גונג.

א כפּרה אמעריקע!

א כפּרה אמעריקע!...

אין טאַמאַשאָוו לעבען יודען בעסער ווי אין אמעריקע...

טאַמאַשאָוו איז א בעזונדער טיפּ פון א יודיש־פּויליש שטעדטעל. דאַ ווערען אויסגעארבייט די בעסטע שטאָפען פון דער טעקסטיל־פאבריקאציע אין פּוילען, איז וואָס ווייטער, אלץ מעהר מאכט בעקומט דער יודישער קאפּיטאל. דער יודישער קאפּיטאל איז דאַ אויף א פעסטערן באָדען, ווי אנדערס וואו אין פּוילען. טאַמאַשאָוו ווייסט זעלטען פון באנקראָט. „ביי אונז געהען ניט אָן קיין „פּעקלעך" — זאגען די טאמאשאָווער פּאב־ריקאנטען. „פּעקלעך" — אויף לאָדזער לשון — הייסט וועקס־לען. אין לאָדז איז ניטאָ דער קרעמער, וואָס זאָל ניט קריגען סחורה אויף א וועקסעל. אין טאַמאַשאָוו בעקומט קרעדיט נאָר א סאָלידע פירמע מיט א לאנג־יעהריגען גוטען נאָמען.

דער יודישער פאבריקאנט אין טאַמאַשאָוו איז מעהר „דייטש", דאָס לעגט א געוויסען שטעמפּעל אויף דער פיזיאָ־גאָמיע פונ׳ם שטעדטעל. דער אלט־פרענקישער פּויליש־רוסי־שער שטויגער איז דאַ כמעט אינגאנצען פערשוואונדען. שבת מעגט איהר געהן פראנק און פריי מיט א שטעקעל, און קיינער וועט ניט וואגען אייך אָנצוריהרען, וויל דער בעל־הבית אין שטעדטעל איז דער „דייטש". די לאנגע קאפּאָטע מיט דער קליינער היטעלע איז פּאלקאם אויסגעמישט מיט׳ן קאפּעליוש און קורצען ראָק.

טאָמאַשאָוו ווייסט ניט פון אמעריקאַ. רעדט איהר מיט אַ טאָמאַשאָווער, זאָגט ער: ביי אונז איז דאַ אמעריקאַ. אזא „שמח־בחלקו"־שטעדטעל האָב איך נאָך כמעט אין ערגעץ ניט געזעהן, ניט אין פּוילען, ניט אין דער ליטאַ.

און אַט די צופריעדענקייט האָט, נאַטירליך, אן עקאָנאָמי־שען יסוד. אין טאָמאַשאָוו מאכט יעדער א לעבען. די יודישע בעפעלקערונג בעשטעהט דאַ פון פאבריקאנטען, קאָמיסיאָנערען, ארבייטער, קאָנטאָר־לייט, האנדווערקער און קרעמער. נאָך די פאבריקאנטען צייכענען זיך אוים מיט זייער וואוילשטאַנד די קאָמיסיאָנערען — אנ'ערך פון הונדערט. כמעט אלע — ליט־וואקעס. די אָנגעשטעלטע אין די פאבריק־קאָנטאָרען פערדיענען אויך זעהר גוט. הונדערט רובל א מאָנאַט איז דאַ געוועהנליכע שכירות. יודישע קרעמער און בעלי־מלאכות זענען דאַ בכלל ווע־ניג פאראן. דערין איז אויך טאָמאַשאָוו אנ'אויסנאהם פון אנדע־רע יודישע שטעדטלעך. אומעטום איז אָנגעזעצט א קרעמעל אויף א קרעמעל, איין בעל־מלאכה אויף דעם אנדערן. אין טאָמאַשאָוו דארפט איהר זיי זוכען. אלץ, וואָס האָט נאָר עטוואָס פעהיגקייט, נעהרט זיך ארום פעטען טאָפּ פון דער טאָמאַשאָווער פאבריק און לעבט ניט שלעכט.

מיט איהר אויסערליך אויסזעהן מאכט טאָמאַשאָוו אויך א גוטען איינדרוק. דער צענטר פון שטאָדט איז דאָ, ווי אין יעדען פּויליש שטעדטעל, דער מארק. נאָר דער היגער מארק איז זעהר א ברייטער פּלאַץ, אין מיטען א רוסישער קלויסטער און ארום פון אלע זייטען קראָמען — יודישע און קריסטליכע. א חוץ דעם מארק איז זעלטען צו קריגען א קראָם. די הויפּט־גאסען — „קאלישער" און פון דעם „הייליגען אנטאָניום" זענען ברייט און לאנג, מיט אלעען בעזעצט, און אין די גאסען פיהלט איהר די ברייטקייט און בעקוועמליכקייט פון טאָמאַשאָווער לעבען.

טאָמאַשאָוו איז א רייכע שטאָדט און א „דייטשערישע" און דאָך האָט זי א פּאטריארכאלעם אויסזעהן. דער צופאָהר צו איהר איז מיט א זייטיגער פאבריק־באהן־ליניע. קיין גאז, קיין עלעקטריע איז אין טאָמאַשאָוו ניטאָ. טאָמאַשאָווער פאבריקען

מאכען מיט דאמפּף אויף גוטע געשעפטען. אגב האָבען די היגע פאבריקאנטען א בעזונדער מיין ביים ניט װעלען איינפיהרען קיין עלעקטריע. עלעקטרישער בעטריב איז ביליג, קאָנען זיך, אויף אזא שטייגער, אָנהייבען פרוכּפּערן קליינע פאבריקאנט־לעך און קאָנקורירען מיט זיי, מיט די גרויסע, לוינט דאָס פאר זיי ניט.

איך מיין ניט, אז אין טאָמאשאָװ זאָל װען עס איז געװען זיין אנ׳ארבייטער־בעװעגונג, װעניגסטענס א י ו ד י ש ע ארבייטער־בעװעגונג. יודישע ארבייטער, א חוץ װעבער און אנ־דערע טעקסטיל־ארבייטער, זענען דא, װי געזאָגט, זעהר קנאפּ. די לאגע פון די יודישע װעבער איז דא אויך א גאנץ אנדערע, װי אין די איבעריגע פּוילישע שטעדטלעך.

טאָמאשאָװ איז די איינציגע שטאָדט אין פּוילען, װאו דער יודישער װעבער װערט, מעהר אָדער װעניגער, צוגעלאָזט צו דער פאבריק. ס׳איז דא אבער פאראן איין יודישער פאבריקאנט — זיין נאָמען איז װערט פערצייכענט צו װערען: ד ו ד ב א ר נ־ש ט י י ן הייסט ער — װאָס איז א לעבעדיגער פארװאורף אלע איבעריגע יודישע פאבריקאנטען.

דער דאָזיגער בארנשטיין איז אן אויפגעקומענער מיליאָ־נער. אין די יונגע יאָהרען איז ער אויך אמאָל געװען א װעבער און גראָד א האנד־װעבער. ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק האט ער אװעקגעשטעלט גרויסע פאבריקען און האט אנגעהויבען צו ארבייטען מיט מעכאנישער קראפט. זענען אלע יודישע װעבער, װאָס האָבען פריהער אויף איהם געארבייט צו עטליכע צעהנד־ליג יאָהר, געבליבען אָהן ברויט. בארנשטיין האט אבער ניט פערגעסען, אז ער איז אמאָל אליין אויך געװען א האנד־װעבער און האט אויסגעארבייט ניט מעהר װי 5—6 רובל א װאָך. ער האט בעשלאָסען אויסבויען פאר די יודישע װעבער א בעזונ־דער פאבריק.

אז די פאבריק איז פארטיג געװאָרען, האט בארנשטיין צוגענומען איינעם פון די פעהיגערע יודישע װעבער אין דער אלגעמיינער פאבריק, אום אויסצולערנען איהם די ארבייט אויף מעכאנישע שטוהלען. דער דאָזיגער װעבער האט דערנאָך גע־

דארפט איבערגעבען זיין קענטניש די איבעריגע יודישע האנד־וועבער.

אז די קריסטליכע ארבייטער האבען דערזעהען דעם יודישען וועבער, האבען זיי אוועקגעווארפען די ארבייט. בארנשטיין האט זיך אבער ניט דערשראקען. ער האט געמעלדעט זיינע קריסטליכע ארבייטער, אז אויב זיי וועלען זיך ניט שטעלען צו דער ארבייט אין דער צייט פון דריי שטונדען, וועט ער זיי ענטזאגען און נעהמען אויף זייער פלאץ אנדערע. אינטערעסאנט איז, אז די פאבריק־אינספעקציע און פאליציי האבען א י ה ם געגעבען גערעכט. נאך אין פערלויף פון די דריי שטונדען האבען זיך די קריסטליכע ארבייטער צוריקגעשטעלט צו דער ארבייט. דער יוד איז געבליבען. אין א קורצער צייט ארום זענען בארנשטיינ׳ס אלע יודישע האנד־וועבער געווארען מעכאנישע.

איך האב בעזוכט די דאזיגע איינציגע יודישע פאבריק מיט אויסשליסליך יודישע וועבער. בארנשטיינ׳ס א זוהן און די קאנטאר־אנגעשטעלטע האבען מיך מיט שטאלץ דורכגעפיהרט אלע עטאזשען פון אלע אבטיילונגען פון דער וועבעריי.

ניט נאר די וועבער, נאר אפילו דער מאשיניסט און דער הייצער זענען יודען. איך האב גערעדט מיט איינינע וועבער, יונגע און עלטערע יודען, וואס ארבייטען ביי בארנשטיינען שוין צו עטליכע און צוואנציג יאהר. ביידע צדדים זענען צופריעדען. דער יודישער האנד־וועבער ווערט שנעל א גוטער ארבייטער אויף מעכאנישער קראפט. אנשטאט די פריהערדיגע 6—7 רובל א וואך, וואס דער האנד־וועבער האט אויסגעארבייט, פערדיענט ער איצט צעהן, צוועלף ביז פופצעהן רובל א וואך. ער ארבייט גרינגער ווי פריהער, אויך וועניגער שטונדען ווי פריהער. די יודישע פאבריק ארבייט, נאטירליך, זונטאג און רוהט שבת.

אין די איבעריגע יודישע פאבריקען ארבייטען אויך, צום טייל, יודישע וועבער. ד י מוזען אבער רוהען 2 טעג: שבת און זונטאג. נאר זיי ארבייטען אוים אזוי פיעל ווי די קריסטליכע ארבייטער, ווייל זיי ארבייטען אינטענסיווער. א היגער יודישער פאבריקאנט — לאנדסבערג — דער רייכסטער אין טא־

מאשאוו — האָט געמעלדעט, אַז ער נעהמט צו אַהן אַ בעגרענ־צונג יודישע וועבער, אויב זיי וועלען ארבייטען שבת. קיינער האָט ניט געוואָלט, ווייל די יודישע וועבער אין פוילען זענען מעהרסטענס רעליגיעזע מענשען. די יונגענד ווידער שעמט זיך פאר די עלטערע וועבער. דערצו קאָנען זיי עס ניט טאָן צוליב עלטערן און פאמיליע.

נאָר די אייזערנע עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט וועט וואהרשיינליך צווינגען אפילו די פרומע יודישע וועבער נאָכצו־געבען דעם „מוז", דאָ, אזוי ווי אין אמעריקא. די יודישע פאב־ריקאנטען אין פוילען שטעלען ארוים דעם שבת אלס הויפט־גרונד פון זייער ניט־וועלען אָננעהמען יודישע ארבייטער. מ'זאָגט אז א געוויסער רב אין פוילען, וועמען דער עלענד פון דער יודי־שער מאסע ריהרט טיעף ביי דער נשמה, זוכט א היתר פאר יודישע וועבער צו ארבייטען שבת. זיין טעם, וואָס ער גיט אָן, איז משום „פקוח נפש". און „פקוח נפש" על פי דין איז „דוחה שבת"...

יודישע פרנסות ביין גרעניץ.

אין די שטעדטלאך פון צענטראלען פוילען שפיעלט די הויפט ראלע אין דער יודישער עקאנאמישער לאגע ניט די אינ־דוסטריע, נאר דער גרענעץ. גרענעץ־יודען זענען א בעזונדער סארט יודען, מיט בעזונדערע פרנסות, מיט בעזונדערע מלאכות.

אט די סארטען שטעדטלאך ליעגען אויף דער ווארשא־וויענער באהן־ליניע. דאס סאמע כאראקטעריסטישע פון זיי איז בענדין.

בענדין איז א גאנץ אלט יודיש שטעדטעל. יודען שפיעלען דא די הויפט ראלע אין עקאנאמישען לעבען. פון די פופציג טויזענד פערזאן אלגעמיינע בעפעלקערונג, זענען יודען דריי פערטעל.

און דאך ליעגט די אלט־פרענקישע פיזיאנאמיע בלויז אויף דער בענדינער אלטער יודישער שוהל, וואס זעהט אויס ווי א מיטעל־אלטערליכער קלויסטער. אלעס אנדערע האלט זיך אין בייטען: א שטיק אייראפא מיט א שטיק אזיע, א שטיק מיטעל־אלטער מיט א שטיק 20טען יאהרהונדערט; פוילישע חסידות מיט פוילישער אסימילאציע; אסימילאציע מיט קלעריקאליזם; דא קעמפפעןביידע מחנות, דא גיט מען זיך פריינדליך די האנד.

איין ערשיינונג ווארפט זיך אין בענדין אין די אויגען. דא האט מיר נאך ערגעץ ניט אבגעשטעלט קיין יודישער בעטלער. קיינער האט ניט געבעטען קיין נדבה.

דאס הייסט ניט, נאטירליך, אז אין בענדין איז ניטא קיין פראפעסיאנעלע יודישע ארימע לייט, נאר אפילו די ארימע לייט מאכען דא גוטע ביזנעס פון דער גרענעץ און דאקוטשען וועניג די שטעדטעל אליין און אנגעקומענע אורחים.

איהר האט מסתמא געהערט, אז אין דייטשלאנד איז די לעצטע צייט גוט ארגאניזירט געווארען אונטערשטיצונג פאר ארימע יודען, איבערהויפט רוסישע. די דייטש־יודישע בורזשואזיע מאכט גוטע געשעפטען און איז וייך־הערציג געווארען צו דער לאגע פון יודישע ארימע לייט פון רוסלאנד. אין אלע שטעדט און שטעדטלעך זענען ארגאניזירט געווארען קאמיטעטען פאר צדקה, איבערהויפט פאר עמיגראנטען. דערמיט בענוצען זיך אויסגעצייכענט די פראפעסיאנעלע יודישע בעטלער און שנארער. א גרענעץ־פעסעל קאסט גאר נישט. געהט מען ארייבער די גרענעץ און מ'גיט „צו לייזען" די אלע קאמיטעטען פון די ארומיגע דייטשע שטעדטלעך, וואו ס'איז דא א יודישע בעפעלקערונג. מ'קלייבט צוזאמען אויף אזא שטויגער א שענע פאר קאפיקעס און צוריק א היים. דא שפיעלט מען שוין די ראלע פון א בעל הבית.

די גרענעץ קליידט, שוכט און פוצט די היגע בעפעלקערונג. עס קאסט א קנאפער קערבעל היין און צוריק פון קאטאוויץ (די נאהענטסטע דייטשע שטאדט פון דער גרענעץ), פאהרט מען אריבער און מ'קומט צוריק אן אויסגעפוצטער פון קאפ ביז די פיס. דארט אין אויסלאנד — „דריבען" אויפ'ן היגען לשון, קאסט שטאף ביליגער, דאס גענייי איז שענער. די טואלעט־ארטיקלען זענען אויך שענער און ביליגער. וואס מ'טראגט אויף זיך דארף מען דערפאר קיין צאל ניט געבען. אין קאטאוויץ, אין טארן, אין מעמעל און אין אנדערע אזעלכע דייטשע שטעדטלעך איז שוין די פאבריקאציע צוגעפאסט צום געשמאק פון דעם יודיש־פוילישען גרענעץ־שטעדטעל. ס'זאל זיין שען און ביליג.

דאס ווירקט נאטירליך, אז דער היגער בעל־מלאכה האט וועניגער ארבייט. פון דעסטוועגען פארדיענט ער דא בעסער, ווי אין דער ליטא און טיעפער אין פוילען. דאס ערקלערט זיך פשוט. דעם יודישען בעל מלאכה איז דא לייכטער צו עמיגרי־

רעז, דער יוד האָט דאָ בכלל אָרום גרענעץ מעהר געלעגענהייט צו פערדיענען אַ קערבעל. איז ממילא ניטאָ קיין סך בעלי מלאכות. דערצו קאָן טאַקע אַ גוטער בעל מלאכה אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מיט דער גרענעץ. אַ גוטען בגד קריגט מען נישט אין קאַטאָוויץ, מוז מען פאָהרען ווייטער, לוינט זיך ניט. דאָס איז די אונדירעקטע פּרנסה פון גרענעץ. פאַראַן אָבער אַ דירעקטע פּרנסה, און די איז אַ סך גרעסער. אַ סך יודען האָבען מאָנאָטליכע בילעטען אויף דער גרענעץ־באַהן און פאָהרען זעקס מאָל אַ טאָג אין אויסלאַנד און צוריק. יעדעס מאָל ברײנגען זיי מיט אויסלענדישע זאַכען, האַנדלען דערמיט אין דער היים, און מאַכען ניט שלעכט.

דאָס איז אַלץ כשרה ביזנעס. דער געזעץ קאָן עס ניט פערבאָטען און ניט בעשטראָפען. פיעל מעהר איז אָבער ענטוויקעלט דאָס „שוואַרצען" דעם גרענעץ. אויף'ן קאָנטראַבאַנדישען אופן ווערט אַריינגעפיהרט און אַרויסגעפיהרט אַלעס. דאָס איז נאַטירליך ניט קיין ספּעציעל יודישע פּרנסה. מיט שוואַרצען דעם גרענעץ בעשעפטיגט זיך אַלעס און אַלע: אַ יוד, אַ פּאָליאַק, אַ רוס, אַ דייטש, ציווילע און בעאַמטע — פון דעם נידעריגסטען ביז דעם העכסטען. געגען דעם גרענעץ־שוואַרצען העלפט נישט קיין שום שטרענגקייט פון געזעץ, קיין שום קאָנטראָל און רעוויזיע. די יודען אַלס בעגרענעצטע אין רעכט, אַלס בערויבטע פון אַ סך נאָרמאַלע און געזונדע מלאכות און פּרנסות, זענען געצוואונגען פיעלייכט מעהר פון אַלעמען צו זוכען זייערע לעבענס־מיטעל אין דער שווערער, אָפט געפעהרליכער קאָנטראַבאַנדע.

מיט שוואַרצען דעם גרענעץ בעשעפטיגען זיך נאַטירליך אַלע קלאַסען, אָרים און רייך, גבירים און די מאַסע, יעדער, פערשטעהט זיך, אין זיין מאָס. די דירעקטע שוואַרצער אָבער זענען מענשען פון דער מאַסע. איבערהויפּט די יודישע בעלי עגלות. די יודישע בעלי עגלות פון די גרענעץ־שטעדטלעך — דאָס איז אַ גאַנץ בעזונדער טיפּ. דאָס זענען מענשען מיט פערברענטע, אויסגעוויטערטע פּנים'ער, ריעזיגע ווי דעמבעס, מיט ברייטע שולטערן, אייזען־שטאַרקע מוסקעלן, דרייסטע, פרעַ־

כע בליקען, אין וועלכע עם שפיעגלען זיך אָב די טויזענדער גע־פאַהרען, וואָס זיי לעבען דורך טאָג טעגליך.

דער יודישער קאָנטראַבאַנדיסט — דאָס איז פיעלייכט דער שטאָלצעסטער, דער דרייסטעסטער, דער פיזיש־שטאַרקסטער יוד אין דער וועלט. ער איז אַבער אויך דער נידעריגסטער אין מאָראַלישער און קולטורעלער הינזיכט. דער עמיגראַנטען־אַגענט, דער פרויען־הענדלער האָבען דעם יודישען פאָלק אַנגעטאָן מעהר צרות, פיעלייכט, ווי אַלע גזרות און פּאָגראָמען צוזאַמען. זיי האָבען אריינגעטראָגען פוילענים אין אונזער לעבען אינווענינ און בעדעקט אונזער נאָמען מיט שמאַך און שאַנד פון דרויסען. זיי ווערען פאַר אונז יעצט א געפאַהר, א נאַציאָנאַלער אונגליק.

דער גרענעץ גיט יודען נאָך א ספּעציעלע פּרנסה: מיט אַל־טע בגדים. דער מסחר דערמיט איז שטאַרק ענטוויקעלט אין בענדין. דער דייטש האָט ליעב אָפט צו נייהען זיך א נייעם בגד. מאַכט זיך עפּעס א פלעק אָדער ווערט זיין ראָק, זיין מאַנטעל, עטוואָס אָבגעניצט, אַזוי פערקויפט ער עס פאַר א פּאָר מאַרק און קויפט זיך א נייעם אנצוג. די רוסישע יודען פאַהרען צוליעב דעם אין בערלין, און אין אנדערע גרויסע דייטשע שטעדט, און קויפען אָב אַזוינע געטראָגענע קליידער גאַנצע פּעק פאַר א קלייניגקייט. אין דער היים זיצען שוין ביי זיי טאָג־דעט־שניידערס. מען פערריכט, מ׳רייניגט, מ׳ניצעוועט איבער די געניצטע מלבושים און מ׳פערקויפט זיי אין רוסלאַנד פאַר נייע. דערפון לעבען הונדערטער פאַמיליען.

דאָס זענען אַלץ מעהר אָדער ווייניגער, פּרנסות פון די מאַסען. מעהר אָבער גיט די גרענעץ די רייכערע יודישע קלאַ־סען. דורך זייערע הענד געהט דורך כמעט דער גאַנצער עקס־פּאָרט און אימפּאָרט און מען מאַכט דערביי א סך טויזענדער.

בענדין איז א פּונקט הויפּטזעכליך פאַר געטריידע (ווערט ארויס און אריינגעפיהרט), פערד, איבערהויפּט היהנער, אייער (ווערען ארויסגעפיהרט) און פּרוכטען (ווערט אריינגעפיהרט).

ניט לאַנג האָט רוסלאַנד בענייט איהר האַנדעלס־אָבמאַך מיט דייטשלאַנד. פאַר דעם רוסיש־דייטשען האַנדעל זענען א

סך ערלייכטערונגען געמאכט געווארען. יודען פראפיטירען דערפון און האבען פרנסה.

א חוץ דעם „גרענעץ" איז אין דעם דיסטריקט פון בענדין, דאמבראווע און סאסנאוויץ שטארק ענטוויקעלט די קוילענגרעבעריי און נעבען זיי די אייזען־גיסעריי און וואלצעריי. די דאזיגע אינדוסטריע ליעגט אין די הענד פון דייטשע און איבערהויפט פראנצויזישע קאמפאניעס. יודישע ארבייטער האבען אין דעם דאזיגען אינדוסטריעלען געביט קיין שום צוטריט ניט. אבער יודישע קאפיטאליסטען רייבען זיך דאך ארום דעם פעטען טאפ. די פאבריקען האבען נויטיג פערשיעדענע רויהע מאטעריאלען. די פאדריאדטשיקעס — די ליוועראנטען דערפון זענען יודען.

בענדין האט דעריבער א גאנצע רייהע גרויסע יודישע גבירים, צווישען זיי מיליאנערען.

דער עקאנאמישער וואהל־שטאנד געהט אבער ניט אימער האנד אין האנד מיט דעם קולטורעלען. דערצו גיט בענדין אויסגעצייכענטע ביישפיעלען. די נאהענטקייט פון דייטשען גרענעץ, די רייכסטע פוילישע גרויס־אינדוסטריע, ווי קויהלען־גרובען און אייזען־ווערק, וואס ליעגט דא ביי דער זייט, — דאס אלעס ווירקט ווייניג אויף דעם גייסטיגען און געזעלשאפטליכען לעבען פון יודישען בענדין. צוויי פאליצעס ביכער אין א פריוואטען שראנק — דאס איז די גאנצע בענדינער יודישע ביבליאטעק! ווי אין אלע פוילישע שטעדט און שטעדטלעך איז דא אויך פאראן נאטירליך א „הזמיר". זיין גאנצער לאקאל בעשטעהט פון א צימער, געדונגען ביי א לעהרער. מאנאטען־לאנג קומט אבער אין לאקאל קיין פוס ניט אריין און קיין דירה־געלד ווערט ניט געצאהלט. מיט עטליכע יאהר צוריק האט א היגער יודישער מיליאנער אבגעזאגט דער שטאדט 20 טויזענד רובעל אויף א שפיטאל. דאס געלד ליעגט ביי די יורשים און קיינעם ארט ניט פאר'ן שפיטאל. כאטש אן ערלויבנים איז שוין לאנג דא. א גרויסער קאמפף איז דא געפיהרט געווארען צווישען א פראגרעסיווען גביר ראטנער מיט חברה „נושאים" פאר אבשאפען די „מטה" און איינפיהרען אן ארון צו טראגען די מתים.

דער „ארון“ האט עקזיסטירט עטליכע וואכען. חברה „נושאים“ האט אבער געזיעגט. די מתים־רעפארם האט, פערשטעהט איהר מיך, אנגעריהרט די לייב־אינטערעסען פון חברה „נושאים“ וועלכע האבען אן אייגענעם שענק, און דער „ארון“ איז זיי געווען א קאנקורענץ. ביי די נייע וואהלען אין חברה קדישא האט זיך בראנפען און ביער געגאסען ווי וואסער, די „מטה“ האט פערטריבען דעם ארון. כאטש ראטנער איז דער גרעסטער תקיף און בעל דעה אין שטאדט.

ווען איך וועל צוגעבען, אז די צוויי היגע פוילישע אנטי־סעמיטישע צייטונגען ווערען געלעזען פון א סך היגע יודען, אז די מארק־ליטעראטור פארקויפט זיך דא אין א סך עקזעמפ. און ערנסטע ווערק זעהט מען ניט, דענק איך, אז איהר וועט שוין האבען א קלארען בעגריעף פון דער קולטורעלער פיזיאגנאמיע פון אזא גרויסע שטאדט, ווי בענדין, וואס האט איהרע 35 טויזענד יודען.

אין דער „מלוכה" פון'ם יודישען קאפיטאל

א פריינד פון אָרימע און ליידענדע.

(דעם אנדענקען פונ׳ם לאָדזער רבי רבי אליהו חיים מייזעל)

געקומען אין לאָדז בין איך איינינע טעג נאָך ר׳ אליהו חיים, דעם לאָדזער רב׳ם לויה. נאָר דער איינדרוק פון זיין טויט איז געווען אזוי שטארק, אז אפילו עטליכע טעג נאָך זיין טויט איז דער נאָמען „רב אליהו חיים", „אונזער רב" ניט ארויס פון יעדערנ׳ס מויל. אין די טראַמווייען, אין די גאסען, אין די הייזער האָט מען נאָר געהאלטען אין איין דערציילען מעשיות און לעגענדעס וועגען דעם פערשטאָרבענעם לאָדזער רב.

פון די אלע לעגענדעס און מעשיות, וואָס איהר האָט זיך געקענט אָנהערען אין לאָדז וועגען דעם פערשטאָרבענעם רבי אליהו חיים — איז איך געוואָרען קלאָר, אז ער האָט ווירקליך געשפּילט זעהר א גרויסע ראָלע אינ׳ם לעבען פון פרומע יודען. נאָך דעם בריסקער רב, רבי חיים סאלאוועטשיק, איז דאָס געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט צווישען די רוסישע רבנים. מיט רבי חיים סאלאָווייטשיק האָט דער פערשטאָרבענער לאָדזער רב געהאט א סך ענליכעס. אזוי ווי דער בריסקער, איז אויך דער לאָדזער רב געווען א מורא׳דיגער פאנאטיקער, וואָס איז ניט פעהיג געווען צו געהן מיט די היינטיגע אויף קיין שום קאָמפּראָמיסען. און דאָך האָט ער, פּונקט ווי רבי חיים סאלאָווייטשיק, בעזעסען א הארץ פול מיט ליבע צו די אָרימע יודישע מאסען, און האָט זיי אבגעגעבען זיין גאנצען לעבען, זיין גאנצען פערמעגען, אלע זיינע קרעפטען. נאָר צווישען איהם און דעם בריסקער רב איז אויך געווען א גרויסער אונטערשייד. וועהרענד דער

איז א בעהאלטענער, א מין „למדן־וואָווניק" — איז מעהרסטענ־טיילס פערגראָבען אין זיינע ספרים, און נעהמט אן אנטייל אין געזעלשאפטליכען לעבען אויף וויפיעל ער איז געצוואונגען דערצו פון דער אויסענוועלט, וואס שפּאַרט זיך צייטענווייז אריין אין זיין חדר מיוחד און רייסט איהם אָב מיט גוואלד פון זיין איינגעשלאָסענעם, שטילען, צוריקגעהאלטענעם, לעבען, איז רבי אליהו חיים מזל געווען, פון נאַטור, א מענש מיט א קאָכי־גען געזעלשאפטליכען טעמפעראמענט, איז געווען א מענש מיט א גוואַלדיגער ענערגיע, מיט דער געבאָרענער נאַטור פון א לי־דער, פון א שתדלן, פון א כלל טוער אין דעם ברייטעסטען זין.

רבי חיים סאלאוויי טשיק וויים ניט כמעט קיין „צורת המטבע". רבי אליהו חיים מייזעל האָט זעהר גוט געוואוסט, וואס הייסט געלד. זיין ערשטע רבנות איז געווען איז. רעדע־טשין — א שטעדטעל אין גראָדנער גובערניע. דאָרט מאכט ער חובות אויף דריי טויזענד רובל. קומט פּרוזשאַן און צאָהלט אוים די חובות, און נעהמט איהם אריבער צו זיך. אין פּרוזשאַן גיט רבי אליהו חיים אַרוים וועקסלען אויף זעקס טויזענד רובל. קומט ל א מ ז ש א און לעזט אוים די וועקסלען, און נעהמט איהם צו זיך. איז ער אָב אין לאָמזשא עטליכע יאָהר און מאכט אָן חובות אויף צוועלף טויזענד רובל. נעהמט לאדז און צאָהלט איין די צוועלף טויזענד רובל און פיהרט דעם רב, דעם „אָנזע־צער" אריבער צו זיך. געהט ניט אוועק קיין צעהן יאָהר און רבי אליהו חיים האָט שוין אין לאָדז אָנגעגעבען וועקסלען אויף צוואנציג טויזענד רובל. דערוויסט מען זיך אין שטאָדט, ווערט צווישען די גבירים א געמורמעל: גוואלד, וואָס טוט מען מיט'ן „אָנזעצער", מיט'ן רב? ! שיקט ביאַליסטאָק אין געהיים שלוחים צום רב און זאָגט: רבי! איך צאָהל איין די צוואנציג טויזענד רובל און גיב אייך שכירות, וויפיעל איהר ווילט אליין, נאָר קומט צו אונז און זייט ביי אונז רב. דערהערט עס פּאָזנאַנסקי, דער יודישער בוימוואָל־קעניג פון לאָדז, שיקט ער רופען דעם ביאַ־ליסטאָקער שליח און זאָגט צו איהם: „הערט נאָר אוים פּאַניע! אין יחוס זייט איהר אפשר רייכער, אבער אין געלד ניט. איך קען בעשטעהן צו בעצאָהלען צוויי מאָל צוואנציג טויזענד רובל

פאר׳ן רב און ער וועט בלייבען ביי אונז. פאהרט אייך געזונד־טערהייד, איהר וועט דא גאר נישט אויספיהרען״.

די שלוחים האבען זיך ווירקליך איבערצייגט, אז אין געלד קענען זיי מיט לאדז ניט קאנקורירען. און אזוי ווי רבי אליהו חיים האט זיך שטענדיג געגויטיגט אין געלד, איז ער געבליבען אין לאדז.

און כאטש רבי אליהו חיים איז זיין גאנצען לעבען געווען אן „אנזעצער״, האט זיך תמיד גענויטיגט אין געלד, פונדעסטוועגען האט קליין און גרויס אין לאדז און אין דער גאנצער וועלט געוואוסט, אז אזא „שונא בצע״, אזא פיינד־האבער פון געלד ווי ער איז געווען, איז שווער געווען צו זוכען. דאס געלד האט ער געדארפט האבען ניט פאר זיך, נאר פאר אנדערע.

רבי אליהו חיים האט ניט געקענט צוזעהן יענעמ׳ס ליידען. ער האט אויף זיין לעבען קיינעם ניט אנטזאגט. האט וועך געמאכט פאר איהם א קרומע מינע — האט ער איהם אוועקגעגעבען וויפיעל ער האט ביי זיך געהאט: א רובל, פינף, צעהן, הונדערט. געקומען א יוד און קלאגט זיך: „רבי, מיין טאכטער איז שוין, אהן עין הרע, א מיידעל אין יאהרען; מ׳דארף טאן א שדוך און ניטא קיין העמד אויפ׳ן לייב...״ רבי אליהו חיים געהט צו צום קאמאד, נעהמט ארויס א פעקעלע, איינגעוויקעלט אין א פאפירעלע און גיט דעם יודען מיט די ווערטער: געהט אייך געזונטערהייד, דער אויבערשטער זאל אייך העלפען קריגען א זיווג פאר אייער טאכטער.״

דער יוד נעהמט דאס פאפירעלע, טאפט דאס איבער אין האנד ארויסגעהענדיג און קלערט: „אודאי א פינף־קארבענדיגער!״ געהט אריין אין א טויער, וויקעלט פארנאנדער און — איז שיעור אין חלשות ניט געבליבען: דריי הונדערט קארבען האט איהם דער רב געגעבען!...

אליין האט דער רב קיין געלד ניט געהאט, אבער זיין וועקסעל איז געגאנגען. ווי יעדער אנדער יודישער רב איז ער געווען ארומגערינגעלט מיט ארימע לייט. ער האט געזעהן דעם גרויסען עלענד פון דער יודישער מאסע און זיין צארטע נשמה האט ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג. דאס הארץ פון די

גבירים איז האַרט, איז גרויזאַם. קעמפּפעו מיט זיי? דערויף איז ער געווען געגוג קלוג צו פערשטעהן, אז מיט בייזען קען אַ רב היינט גאָר נישט אויספיהרען ביי די גבירים. האָט ער זיי געצוואונגען צו געבען אינדירעקט. זיין וועקסעל איז אייגענטליך געווען ניט מעהר, ווי אַן אָנווייזונג אויף זייער קעשענע. אויסגעפיהרט האָבען די האַרטע מענשען גאָר נישט: דאָס געלד האָבען זיי געגעבען און דער רעספּעקט און די ליבע פונ'ם פאָלק האָט בעלאַנגט ניט צו זיי, נאָר דעם רב־קאַסיר, וואָס האָט מיט זייער קאַסע געצאָהלט.

רב אליהו חיים איז געווען אַ מערקווירדיג שטאַרקע פּערזענליכקייט. דאָס איז געווען אַ רב מיט אַ נאַטירליכען בערוף, פון אַ לידער, אַ רב — וואָס איז געווען, ווי אָנגעמאָסטען פאַר אַ גרויסע און רייכע פּוילישע שטאָדט. אין פּוילען מוז דער רב אויך זיין ראַבינער. ער מוז זיין דער פאָרשטעהער פון דער יודישער בעפעלקערונג פאַר דער קרוין, פאַר דער אָרטיגער רעגירונג. דער לאָדזער יודישער באַלעבאָס האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ געבילדעטען מאַן אויך אין וועלטליכע חכמות. דער באַלעבאָס פון מיין האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען אין לאָדז, האָט מיך פערזיכערט, אַז דער לאָדזער רב האָט געקענט „מוטער־שפּראַך" — רוסיש, דייטש, פּויליש, פראַנצויז. אין רעדאַקציע פון לאָדזער „טאָגעבלאַט" האָט מען אָבער מיט אַ שמייכעל גערעדט וועגען רבי אליהו חיים'ס „בילדונג". ער האָט קוים גערעדט עטליכע ווערטער רוסיש, ווען ער האָט געמוזט „מקבל פּנים" זיין „נאַטשאַלסטוואָ" ד. ה. די „פּני" פון דער אָרטיגער מאַכט.

און פונדעסטוועגען האָט פאַר איהם „נאַטשאַלסטוואָ" גרוים דרך ארץ געהאַט. ער האָט געקאָנט מיט זיין שטאָלצער, זעלבסטווירדיגער האַלטונג איינפלייסען צו זיך רעספּעקט ביי אַלע קריסטען, ווען דער יודישער „ראַבין" איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט זיך יעדער נידריגער און העכערער פּאָליציסט אָבגעשטעלט און געמאַכט „פּאַד קאַזיראָק".

דער בריסקער רב, רבי חיים סאָלאָווייטשיק, געהט אין אַ קאָרטענער אָבגעריבענער קאַפּאָטע. אונטער דער באָרד, פון דער קאַפּאָטע אַרוים, זעהט זיך אַ פּשוט'ע פּאָרצייטיגע העמד,

מיט א ברייטע „קאַלנער", פערבונדען אויפ'ן פארצייטיגען אופן מיט בענדלעך. רבי אליהו חיים איז געגאַנגען אין א שנעע־ווייסער געפּרעסטער העמד, מיט געפּרעסטע מאַנזשעטען, און א זיידענער לאַנגער זופּעצע מיט א ברייטען, ווייכען הוט — מעשה דייטשער, אָדער ענגלישער פּאַסטאָר. ער האָט זיך בכלל געהאַלטען זעהר נעט, זויבער. זיין בענעהמען זיך מיט אָרימע לייט איז געווען מילד און ווייך, מיט גבירים — שטאָלץ און זעלבסטווירדיג. ער האָט זיי בכלל ניט „נושא פנים" געווען, און דאָס האָט אין זיי איינגעפּלאַנצט מורא'דיגען רעספּעקט צו איהם.

מיט אייניגע יאָהרען צוריק פאַר זיין טויט האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה: די לאָדזער יודישע רייכע אַסימילאַטאָרישע אינ־טעליגענץ האָט געוואָלט, ווי אין אַלע גרויסע שטעדט, איינפיה־רען אַן „אָרגעל" ביי מקבר זיין די מתים. רבי אליהו חיים האָט פּראָטעסטירט. די גבירים האָבען זיך גע'עקשנט. ענדליך איז געקומען צו איהם א דעלעגאַציע און האָט גענומען איהם איבער־צייגען, אַז לאָדז מוז האָבען אַזאַ רעפאָרם.

„כל זמן איך וועל לעבען, וועט דאָס ניט זיין!" האָט ער זיי קורץ און שאַרף געמעלדעט. אָבער עטליכע יונגע גבירים האָבען זיך גענומען שטאַרק שפּאַרען.

— אַרויס פון מיין שטוב, שקצים! איך וויל ביי אייך קיין רב ניט זיין! — האָט ער געשריען צו די מיליאָנערן־דע־לעגאַטען. פון דער רעפאָרם איז גאָר נישט געוואָרען. מ'האָט איהם קוים איבערגעבעטען.

מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז אין לאָדז געווען כאָלערע. די עפּידעמיע האָט אוועקגעטראָגען א סך קרבנות, איבערהויפּט פון אָרימען קלאַס. רבי אליהו חיים האָט טאָג און נאַכט גע־אַרבייט צווישען די קראַנקע, שטעלענדיג זיין לעבען אין גע־פאַהר. דערפאַר האָט ער בעקומען פון דער רעגירונג א מעדאַל „אננא" און א שווערדעל.

ער איז בכלל געווען זעהר אָנגענומען ביי דער רעגירונג. אויף אַלע רבנים־ און כלל־טוער־אסיפות אין פּעטערבורג איז ער געווען געלאַדען און צו זיין שטים האָט זי, די רעגירונג,

זיך שטענדיג צוגעהערט. ער האט אויך געקענט שטימען פון איין זייט מיט די יונגע און פון דער אנדערער זייט מיט די חסידים, וועלכע האבן צו איהם גרויס „דרך ארץ" געהאט. דער פאקט, וואס א מתנגד'ישער רב האט געקענט פיהרען כמעט א האלבען יאהר־הונדערט אזא רייכע שטאדט פון פוילישע חסידים, ווי לאדז, בעווייזט אויף דעם אונגעוועהנליכען טאקט, וועלכען ר' אליהו חיים האט בעזעסען.

רבי אליהו חיים האט געזעהען, ווי פאר זיינע אויגען זע־בען אויפגעקומען א סך יודישע גבירים. פונדעסטוועגען האט דאס איהם ניט פארבלענדעט די אויגען פון צו זעהן דעם בי־טערן אמת, אז די יודען אין פוילען שטעהט פאר א טרויעריגע צוקונפט, אויב זיי זאלען ניט ענדערן דעם עקאנאמישען פונדא־מענט פון זייער עקזיסטענץ. ער האט זיך ארומגעטראגען מיט א גרויסארטיגען פראיעקט צו ברייננגען נעהענטער די יודישע מאסען צו דער מוטער־ערד. זיין פלאן צו גרינדען אין פוילען יודישע קאלאניעס האט אבער ניט געפונען קיין אבקלאנג אין די קרעמערשע נשמות פון זיין געמיינדע.

נאר ר' אליהו חיים איז געווען ניט בלויז א פילאנטראפ. ער האט אויך געהאט די פעהיגקייט צו בעגייסטערען זיך מיט ברייטערע און מעהר ראדיקאלע געזעלשאפטליכע רעפארמען. נאך עטליכע חדשים פאר זיין טויט האט ער זיך ארומגעטראגען מיט א היגיענישען פלאן: צו בויען אין פערשידענע טיילען פון שטאדט א גאנצע רייהע שטאדטישע וועשערייען, לויט דער לעצטער טעכניק. אין די דאזיגע וועשערייען זאלען יודישע פרויען קענען פאר א קליינע מטבע קומען וואשען זייערע וועש. אזא רעפארם איז אויך געווען צו ראדיקאל פאר די לאדזער פאבריקאנטען, און דער פראיעקט איז געשטארבען צוזאמען מיט'ן רב.

נאך א פאקט, בעטראכט פון אויבען אויף, ווארפט א שאטען אויפ'ן אנדענקען פון אט דעם מערקווירדיגען רב. אין דער צייט פון די גרויסע סטרייקען און דעמאנסטראציעס, ערב דער רוסישער רעוואלוציע, האט דער לאדזער רב, אזוי ווי דער בריסקער, געמוזט זאגען זיין ווארט. די לאדזער פאליציי האט

געהאט צו איהם טענות, פארוואס ער האט „דערצויגען" שלעכט זיין „געמיינדע", איבערהויפט די יונגע לייט, וואס זענען לוי־טער רעוואלוציאנערן. דער רב האט זיך פארענטפערט, אז ער קען ערב זיין בלויז פאר די, וואס טראגען אן „ארבע־כנפות", דאס הייסט, די וואס זענען פרום. פאר די איבריגע, וואס פאל־גען ניט דעם רב, איז ער ניט פעראנטווארטליך. ד א ס האט געגעבען א גרונד דער פאליציי און זשאנדארמען בודק צו זיין ביי די יודישע ארבייטער די „ציצית". דער, וואס מ'האט ביי איהם קיין „ציצית" ניט געפונען איז געווען פארדרעכענט פאר אן „אחדות"ניק, ס'הייסט פאר א רעוואלוציאנער, און מ'האט איהם ארעסטירט. פון דעמאלט אן איז די סימפאטיע פון דער מאסען־יוגענד צום רב אבגעקיהלט געווארען. אבער די ארביי־טער, מיט וועמען איך האב גערעדט דעריבער אין לאדז, שפע־טער מיט איינינע יאהר נאך אט דעם פאקט, זענען שוין אין שטאנד צו אורטיילען וועגען יענער מעשה אהן ביטערנעס. „די יודישע ארבייטער בעוועגונג און רעוואלוציע", — האבען מיר איינינע פון זיי צוגעגעבען — „האבען איהם, דעם פערשטאר־בענעם רב שוין געטראפען אין די אכציגער יאהרען פון זיין לעבען. דער אלטער מאן איז שוין ניט געווען פעהיג פאראנאנ־דערצוקלייבען זיך אין די פערוויקעלטע פאסירונגען פון דער גרויסער היסטארישער עפאכע. אבער זיין הארץ איז דאך גע־ווען א ברייטע, א צארט־פיהלענדע. ער האט ליעב געהאט דאס פאלק און האט זיך פיעל געמיהט איהם צו העלפען מיט די מיטלען, וואס ער האט געהאט אין זיין מאכט".

„ירמיהו הנביא" פון זגערזש.

פון בזשעזין קיין זגערזש איז גאר נאהנט: בלויז עטליכע סטאנציעס. און וואס פאר אנ׳אונטערשיעד, וואס פאר א תהום עס ליעגט צווישען אט די צוויי שטעדט!

א שווערע מרה שחורה פאלט אייך אראב פון דער נשמה, ווען איהר פאלט אריין פון דער שמוציגער יודישער טאנדעט־שטאדט אין דאס ריין און שען שטעדטעל מיט א פאלקאם איי־ראפעאיש אויסזעהן, מיט זיין רייכער אינדוסטריע.

זגערזש און טאמאשאוו זענען די צוויי וויכטיגסטע פונק־טען פון דער פוילישער טעקסטיל־פאבריקאציע. זגערזשער קאמ־גארן און שעוויאטען שטעהען פיעל העכער פאר לאדזער. זגערזש קוקט ניט אויס די אויגען, ווי לאדז, נאך א קונד, שפארט ניט אריין קיין סחורה אבי וועמען; בויט ניט איהר עקזיסטענץ אויף „פעקלעך", ד. ה. אויף גאלע וועקסעלעך.

זגערזש איז ביי זיך תקיף. דער סוחר, וואס וויל האבען א גוט שטיקעל סחורה, מוז אנקומען צו איהר. מוז קומען בכבודו ובעצמו, און קומען טאקע מיט דער הארטער מטבע. נאר מענ־שען מיט א פעסטער פירמע, מיט א אונבעפלעקטער רעפוטא־ציע פון יאהרען־לאנג ערלויבען זיך צו קומען קיין זגערזש אהן מזומנים.

ווערט אייך אין בזשעזין זעהר אומעטיג אויפ׳ן הארצען. אייער נאציאנאלער שטאלץ ליידט פאר דער יודישער „פראָ־דוקציע", וואס איז דא בלויז א העסליכע קאריקאטור פון

אמת'ער פראָדוקציע, — פיהלט זיך דערפאַר אייער נאַציאָנאַ־
לער זעלבסט־געפיהל שטארק געהויבען אין זגערזש.

זגערזש איז ניט בזשעזין. זגערזש האָט זיך ניט וואָס צו שעמען פאר א מאָעס. זי ארבייט אויס פונקט אזוינע פיינע שטאָפען, ווי דער ביאַליסטאָקער גוי.

און זגערזש איז אויך, ווי ביאַליסטאָק, א יודישע פאבריק־שטאָדט. אין זגערזש פרעהט אייך אָבער דאָס הארץ פאר דעם יודישען קאפיטאל, פאר דעם יודישען אונטערנעהמונגס־גייסט.

און נאָך מעהר ווערט איהר שטאָלץ, ווען איהר דערוויסט זיך, אז סך־הכל מיט א 6—5 יאָהר צוריק האָט דער יודישער קאפּיטאל זעהר א קנאפּע ראָליע געשפּיעלט אין זגערזשער פאב־ריקאציע. בלויז א צעהן פּראָצענט פון זגערזשער פאבריקען האָ־בען בעלאנגט צו יודען. די איבעריגע פאבריקאנטען זענען גע־ווען אלע — דייטשען.

איצט פערנעהמען יודען דעם גרעסטען פּלאץ אין זגער־זשער אינדוסטריע. די דייטשע פאבריקאנטען עמיגרירען בים־לעכווייז נאָך דייטשלאנד. יודישע פאבריקאנטען זענען דאָ ביז 70 פּראָצענט.

און איהר האָט פארוואָס צו פרעהען זיך מיט דעם ערפאָלג פונ'ם יודישען קאפיטאל. זגערזש איז ניט בזשעזין. זגערזש מאכט עהרע דעם יודישען אונטערנעהמונגס־גייסט. זגערזש איז איינער פון די וויכטיגסטע פּונקטען אין דער פּוילישער טעקס־טיל־פּראָדוקציע. און זגערזש איז — א יודישע שטאָדט...

אָבער.. וואו זענען דאָ די יודען?

איהר געהט דורך זגערזשער גאסען. ס'איז אנגענעהם צו געהן אין זגערזשער גאסען. דאָ זענען ניט די קוימענס אין מי־טען שטאָדט, אזוי ווי אין לאָדז. דאָ פאלט אייך ניט אין די אויגען דער קאָנטראסט צווישען רייכע פאלאצען און פינסטערע חורבות, ווי איהר זעהט, א שטייגער, אין א לאָדז, אין א ווארשוי.

זגערזש איז הויפּטזעכליך אן ארבייטס־שטאָדט. א חוץ עטליכע גרעסערע מויערן אין צענטער, וואו דער עלעקטרישער טראַמוויי פון לאָדז שטעלט זיך אָב, קומען אייך אומעטום אנט־

קענען קליינע, שטילע, ריינליכע ארבייטער־מויערלעך. דאס זע־נען מויערלעך פון א בעזונדער טיפ: איין שטאק מיט א שאל־קע, פאר צוויי פאמיליען אדער דריי. מאסיווע טירען, פונ׳ם אלטען דייטשען סטיל און א ברייטער גאניק אין פראנט מיט ביינקלעך צו פערברייננגען דארט נאך דער ארבייט. אויף די גא־סען איז רוהיג, שטיל, ריינליך.

אבער וואו זענען די יודען?

יודען זענען כמעט ניטא אין זגערזש. איהר געהט און זוכט און קוים וואס איהר געפינט ביי איין עק שטאדט א שפור פון אן אלטען מארק מיט עטליכע קראמען. ארום דעם געהען אום, ניט קיין יודען, נאר שאטענס פון יודען. טופען זיך ארום די געוועלבלעך און טופען גארנישט אויס, זעלטען קומט אונטער א קריסט און קויפט א פונט נאפט, א האלב פונט זייף, א קער־בעלע שוועבעלעך — די איינציגע ארטיקלען, וואס זענען נאך איבערגעבליבען אין יודישע הענד.

איהר געהט ווייטער און ס׳פערשווינדען די עטליכע שא־טענס. דורכאוים: אדער גרויסע פאבריקען, אדער קליינע מוי־ערלעך. אין די גאסען בעגעגענען אייך אויף יעדען שריט דיי־טשע און פוילישע ארבייטער.

איהר פאלט אריין אין א זייטיגע וויסטע גאס. עפעס אין א ווינקעל שטעהט א געביידע, עהנליך צו א טאטערשען מע־טשעט. דאס איז די יודישע שוהל. עלענד, טרויעריג, פער־יתומ׳ט שטעהט זי, און ס׳דאכט זיך אייך, אז זי קוקט אויף צוזאמען מיט אייך אין אלע זייטען און זוכט א יודען.

אייערע אויגען בלאנדזשען און שטעלען זיך אב ערגיץ אויף א שמוציגען ווינקעל־פלאץ. דארטען שטעהט א צובראכען קעסטעל. ארום דעם קעסטעל דרעהט זיך א יודענע מיט אן אל־טען פוסטען קאשיק. עס איז פוסט און וויסט. נאר אט איז ביי א זייט ווייטער א ביסעל א האלב־איינגעפאלען נידעריג שטיבעל. אין פענסטער בעמערקט איהר עפעס א שאטען בע־וועגען זיך און עס קומט צו אייערע אויערן דער בעקאנטער „טיק־א־טאק״... „טיק־א־טאק״.. איהר געהט צו נעהנטער און

בעמערקט א בעקאנט בילד פון דער לאַדזער באַלוט, פון זדונסקאַ־וואָליאַ... דאָס איז דער לעצטער מאָהיקאַנער...

ארום אנ'אלטען, האלב־חרוב'ן האנד־שטוהל עוסק'ט זיך אַן אלטער האלב־חרוב'ער יודישער וועבער.. דער לעצטער פון די מאָהיקאַנער...

דאָרט, הינטער דער שוהל, זאָגט מען אייך, וואוינט דער רב. דער רב קוקט ארויס פון זיין פענסטער אין דער וויסטער גאַס אריין, און ס'דאכט זיך אייך, אז צוזאמען מיט דער שוהל, צוזאמען מיט אייך, קוקט ער אין אלע זייטען, קוקט און זוכט אַ יודען. און א חוץ דער יודענע מיט דעם אלט־אָבגעריסען קליידעל, מיט די צוקנייטשטע הענד און פּנים, זיצענדיג ביי איהר צובראָכען פוסטען אלמעריל און קאַשיק, און א חוץ דעם איינגעבויגענעם זעכציג־יעהריגען וועבער ביי דעם אפשר הונדערט־יעהריגען האנד־שטוהל, איז פוסט און וויסט ארום און ארום. ניטאָ קיין יודען.

און ס'זיצט דער רב פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, טרויעריגע געדאנקען. 14 יאָהר ווי ער איז דאָ רב. ניט קיין סך — 14 יאָהר. אליין איז ער נאָך גאָר ניט קיין אלטער מאַן. און וואָס האָט דאָ פּאַסירט ארום איהם אין אָט די 14 יאָהר. איבער־הויפּט אין די לעצטע פינף, זעקס יאָהר.

ער וויל זיך אבגעבען רעכענונג אין דער וועלט־איבער־קעהרעניש ארום איהם, אין דעם פּלאָנטער פון די שאלות, וואָס ברענען זיין געדאנק און טרייבען זיין שלאָף. ער זוכט אויף די דאָזיגע שאלות א תירוץ אין זיין אלמער מיט ספרים. ער גריבעלט זיך אין די גמרות, אין די ערשטע און לעצטע מפרשים און זוכט עפּעס אַן אויסוועג אין דעם פערוויקעלטען פּלאָנטער פון די נייע הארבע שאלות, זוכט און געפינט ניט.

און עס געשיהט א מערקווירדיגע זאַך! אזוינס, וואָס האָט נאָך מיט קיין רב, אין קיין שטאָדט און שטעדטעל ניט פּאַסירט. דער זגערזשער רב הויבט זיך אָן ארומצולעגען מיט גאַנץ אַנדערע ספרים. ער לעזט און שרייבט... לעזט און שרייבט.

שרייבט ניט שאלות און תשובות וועגען הלכות גט'ן און קדושין; שרייבט ניט חדושים און פירושים אויף דעם אדער

אויף יענעם גאון. ער שרייבט א בלאט נאך א בלאט ווענגן... דעם נאציאנאלן און עקאנאמישן חורבן פונ׳ם יודישען פאלק.

ניט טעאריעס און חקירות שרייבט ער פון ביכער, נאר דאס, וואס זיינע אויגען האבען געזעהן, וואס ער אליין האט איבערגעלעבט פאר די לעצטע פינף, זעקס יאהר. שרייבט מיט דעם צארן פון א נביא, מיט דעם בלוט פון זיין הארצען... אני הגבר ראה עני...

ער שרייבט א בלאט נאך א בלאט און קומט צו א טרויעריגען, צו א שרעקליכען אויספיהר:

ד א ס י ו ד י ש ע פ א ל ק ג ע ה ט מ י ט ה א ס־ט י ג ע ש ר י ט צ ו א נ א צ י א נ א ל ע ן א ו ן ע ק א נ א מ י ש ע ן ב א נ ק ר א ט...

אייזערנע פאקטען פון לעבען בעווייזען דאס, און די ביכער, די נייע ביכער בעשטעטיגען, ערקלערען דאס, אז אזוי דארף זיין, אזוי מוז זיין.

מיט איינע ניין, צעהן יאהר צוריק האט זיך יודען געלעבט דא ארום איהם גארניט שלעכט. הונדערט בעלי־עגלות יודישע אליין האבען געהאט פיינע חיונה. איז געקומען דער עלעקטרישער טראמוויי פון לאדז און האט אין איין שענעם פריה־מארגען חרוב געמאכט די עקזיסטענץ פון אלע הונדערט בעלי־עגלות.

זגערזש איז אן ארבייטער־שטאדט. די ארבייטער פערדינען ניט שלעכט. די היגע דייטשע און פוילישע ארבייטער זענען ניט קיין גראבע מענשען. עסען, טרינקען, פיהרען זיך לייטיש. הונדערטער יודישע פאמיליען האבען פון זיי פערדיענט, געצויגען פון זיי די חיונה. איז געקומען די רעוואלוציע מיט איהרע נייע אידעען. די ארבייטער האבען זיך אויסגעלערנט ארגאניזירען „ספולקעס“, קאאפעראציעס. האבען זיך אויסגעלערנט פונ׳ם יודען אלע קרעמערשע חכמות און זענען אליין קלוג — בעדארפען מעהר ניט דעם יודען.

און אט די מ א ר י א ו ו י ט ע ן, צום ביישפיעל, זיי האבען גאר דער׳הרג׳עט דעם יודישען קיום. ער האט געהאט די געלעגענהייט צו צוקוקען זיך גוט צו זייער טעטיגקייט. ווארום

ערגיץ האָבען זיי ניט אזא מאכט, אזא איינפלוס, אזא ער־פאָלג, ווי דאָ. קיין שפור פון אנטיסעמיטיזם איז ניטאָ אין זייער סעקטע. זינט זיי זענען דאָ, איז דער פוילישער ארביי־טער געוואָרען עפּעס איידעלער, פיהרט א ניכטערן לעבען, קוקט מיט אפּענערע אויגען אויף זיך, אויף דער וועלט.

האָבען זיי זיך אויסגעלערנט אינגאנצען צו בעגעהן זיך אָהן דעם יודען. די מאריאוויטען, צי דערפאר, וואס זיי ווילען אריינגעהמען צו זיך די פוילישע מאסע, צי דאָס איז טאקע דער עיקר פון זייער לעהרע, — טוען נאָר און מאכען „ספּולקעס". אלץ אינ'ם לעבען פונ'ם פוילישען ארבייטער איז דורך זיי קאָ־אָפּערירט. ניט האָבענדיג וועגען דעם יודען קיין שלעכטע מחשבות, גראָבען זיי אונטער זיין קיום, מאכען חרוב אינגאנ־צען דעם יסוד פון זיין חיונה.

ערגער פון אלץ איז, אז מ'קאָן פון זיי, פון די פרעמ־דע, קיינעם ניט בעשולדיגען. וואס קומט אבער ארויס דער־פון: דערוויייל איז ביטער, ווי דער טויט. פון טאָג צו טאָג ווערט די לאגע שלעכטער.

און פאר זיינע אויגען איז געוואָרען א תל פון זגערזשער יודען. מיט יעדען טאָג ווערט שיטערער, שיטערער. יונג און אלט מוז זיך נעהמען פאר'ן שטעקען, אום ניט צו שטארבען פון הונגער.

פון אלע קרעמער, בעלי־מלאכות איז א תל געוואָרען. נאָר א פּאָר קרעמלעך און עטליכע קעסטלעך זענען איבערגעבלי־בען, ווי א זכר לחורבן. אבער די וועלען אויך היינט — מארגען מוזען פערשווינדען.

נאָר איין יוד איז געבליבען דאָ, וואס ניט דער עלעקטרי־שער טראמוויי, ניט די „ספּולקע", ניט די מאריאוויטען זענען געווען אימשטאנד איהם ארויסצושטופּען. בערויבען זיין מענ־שען־רעכט, זיין בירגער־רעכט.

דאָס איז דער וועבער. ער, וועלכער האָט געהאט א חלק אין דער אויפבויאונג, אין דער שאפונג פון זגערזשער קאפּי־טאל, פון זגערזשער עשירות, מאכט און רוהם, איז פאר קיין פאל ניט קיין איבעריגער דאָ.

איז געקומען דער יודישער פאבריקאנט און האט פער־טריבען פון דאנען דעם לעצטען יודען, דעם פולבערעכטיגטען בירגער פון זגערזש, זיין אייגענעם ברודער...

און דא האבען די שאלות ביי דעם זגערזשער רב געמוזט אינגאנצען פערפלאנטערט ווערען. אלס רב האט ער געמוזט זוכען א זכות אויף כלל־ישראל. אלס יוד, האט ער זיך געדארפט פרעהען, וואס זגערזש ווערט אלץ מעהר א יודישע שטאדט; וואס יודישע פאבריקאנטען האבען אזא שטארקען חלק אין זגערזשער אינדוסטריע.

אבער, ווי קאן זיין א יודישע שטאדט אהן יודען? ווי קאן ער זיך פרעהען אויף דעם גליק פון די, וואס זענען דאס אומגליק פון זייערע אייגענע ברידער? פון די, וואס זענען גרויזאמער צו זייערע ארימע ברידער, ווי דער מאריאוויט, די ספולקע, דער קסיאנדז?

און אלע פערפלאנטערטע שאלות האבען זיך געמוזט ביי דעם רב אין געדאנק צוזאמענגיסען אין איין הארבע שרעקליכע שאלה:

צי איז גאר פארהאן א יודיש פאלק?

פון די נייע ספרים, אין וועלכע דער רב האט פון צייט צו צייט אנגעהויבען אריינצוקוקען, אום צו געפינען אן ענטפער אויף די נייע שאלות, וואס ער, אלס גייסטיגער פיהרער פון פאלק, האט זיך געפיהלט מחויב צו פערענטפערן, האט ער גע־וואוסט, אז אין יעדען פאלק זענען דא פערשיעדענע קלאסען, וועמעס אינטערעסען זענען סותר איינע די אנדערע. אבער דאך זענען דא אנדערע אינטערעסען, וואס פערבינדען זיי די גע־גענגעזעצטע קלאסען און פארטייען.

אט זעהט ער, צום ביישפיעל, ארום זיך דאס פוילישע פאלק, וועמעס שיקזאל איז ביז צו א געוויסען גראד עהנליך צום יודישען פאלק. דא קעמפפען צווישען זיך: נאראדאוועצעס, פאסטעמפאוועצעס, קסיאנדזען, סאציאליסטען. אין זייער קאנ־קורענץ צווישען זיך וויל יעדער צד צוציהען צו זיך דאס פאלק, דעם המון. הייסט דאס, אז יעדער צד אנערקענט דאס פאלק פאר א מאכט, האט צו איהם א געוויסען דרך־ארץ, האלט פאר

גויטיג, צוליעב פאליטיק, צי צוליעב יושר געהן צום פאלק און טאן עפעס פאר איהם. מ׳גיט איהם בילדונג, מ׳סטארעט זיך איהם צו ארגאניזירען אויף דעם אדער יענעם געביט, מ׳ווייזט איהם נייע פארמען פון לעבען.

בכן געווינט עפעס דאס פאלק, הויבט זיך דערווייל זיין קולטור, ווערט שטארקער זיין עקאנאמישער מצב, ווערט א בריק געלעגט צווישען פערשיעדענע טיילען פונ׳ם פאלק און עס בעקומט זיך דאך עפעס איינס.

און דער רב פרובט זיך זוכען שפורען פון אזא צובונד ביי דעם יודישען פאלק. אבער ס׳איז ניטא! דא איז פונקט דער היפך! יעדער פאר זיך. אלץ רייסט זיך וואס ווייטער איינער פון דעם אנדערען. אלץ צולויפט איינער פון דעם אנדערן. און אויב עפעס פעראייניגט זיי, איז דאס די אלגעמיינע גלייכגיל־טיגקייט צום שיקזאל פון דעם יודישען המון. און עס איז ניטא קיין מעהר בולט׳ערביישפיעל דערצו, ווי זגערזש.

און דעם רב׳ס בליק פאלט אויף דעם איינלאדונגס־בילעט, וואס ער האט נאר־וואס בעקומען. ער לייענט איבער נאכאמאל דעם בילעט און א טיעפער שמערץ צוקט דורך זיינע גאנצע איינגעווייד.

זיי רופען איהם, ער זאל זיי זאגען א דרשה וועגען „חיזוק־הדת“, זיי קלויבען זיך צו פייערן „חנוכת־החברה“. א חברה „מחזיקי־הדת“ האבען די זגערזשער פרומע יודישע פאבריקאנ־טען געגרינדעט. א ישיבה האבען זיי מיסד געוועזן אין זגערזש. עטליכע צעהנדליג ישיבה לייט האלטען זיי אויס. זיי זארגען פאר דער אמונה.... דער דת זאל, חלילה, נישט אונטערגעהן.

וואס האבען אט די מענשען צו טאן מיט דת און אמונה, די וואס בויען זייער גליק אויף דעם חורבן פונ׳ם יודישען פאלק!...

און ער איז געגאנגען צו זיי אויף חנוכת החברה. און א דרשה האט ער זיי געהאלטען. אבער ניט וועגען חיזוק־הדת. ניין! ער האט זיי געלייענט א בעשולדיגונגס־אקט. ער האט זיי געוויזען אויף א גרעסערען חורבן, ווי דער חורבן פון דת. ער האט זיי געוויזען אויף דעם חורבן פון דער אומה. פינסטערע,

שרעקליכע פארבען האט ער זיי געמאלט. ער האט געוואלט דער־וועקען אין זייערע הערצער פונקען פון ליעבע און רחמנות צו זייער פאלק..

און אז ער האט געענדיגט, האט זיך א קאלטער, א בייזער געמורמעל פערשפרייט איבער'ן זאל.

זיינע אויערן האבען דייטליך פערנומען: „דער רב מישט זיך ניט אין זיינע זאכען". „א רב דארף ריידען וועגען „חיזוק הדת", „וואס מישט ער זיך אין פרעמדע עסקים?"..

פון דעמאלט־אן רעדט ניט מעהר דער רב. נאר אין איינזאמע נעכט זיצט ער אפט ארומגערינגעלט מיט נייע ספרים און שרייבט. ער שרייבט, דער ירמיהו הנביא פון זגערזש, א נייע „איכה", א נייעם „אני הגבר" — וועגען דעם חורבן פון דער יודישער אומה.

אַ שפּאַציר דורכ'ן „גן-עדן" און „גיהנום"

1.

וואָס איז אַזוינס ז אַ ו י ע ר צ ע ?

אַ וואָרט, וואָס זאָגט גאָרנישט: אַ סטאַנציע, וואָס האָט אפילו נישט קיין בופעט. אין „ראַסקלאַד יאַזדי", אין דעם „וועגווייזער" פאַר די פּוילישע באַהנען, פערליערט זיך דער דאָזיגער נאָמען צווישען דער מאַסע אַנדערע נעמען פון קליינע סטאַנציעס, וואו דער צוג שטעלט זיך אָב, גיט אַ פּייף און פליהט ווייטער.

נאָר פאַר דעם, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער פּוילי־שער קולטור, מיט דער פּוילישער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, זאָגט „זאַוויערצע" אַ סך. זאַוויערצע איז דער וויכטיגסטער פּונקט אין דער גרעסטער בראַנזשע פון דער פּוילישער אינדוס־טריע. דאָ, אין דעם געביט פון די פּוילישע מעטאַל־ און קויהלען־גרובען, געפינען זיך די גרעסטע פאַבריקען פון מעטאַל־ווערק אין פּוילען. זאַוויערצע איז דאָס פּוילישע שעפילד*), פּונקט ווי לאָדז רעכענט זיך פאַר דאָס פּוילישע מאַנטשעסטער**).

נאָר ניט בלויז פאַר דעם פּאָליאַק איז „זאַוויערצע" אַ נאָ־מען, וואָס רעדט אַ סך. זאַוויערצע איז זעהר אַ אינטערעסאַנטע שטאָדט אויך פאַר יעדען אינטעליגענטען טוריסט. פאַר אַ יודי־

---

*) צענטער פון שטאָהל־און אייזען־אינדוסטריע אין ענגלאַנד.

**) צענטער פון בוימוואָל־אינדוסטריע אין ענגלאַנד.

שען רייזענדער איז זי, א חוץ דעם, זעהר בעלעהרענד. איך ראט יעדען יודישען זשורנאליסט, יעדען יודישען אינטעליגענט, וואס פערקלערט זיך איבער דער לאגע פון דער יודישער בעפעלקע־רונג אין פוילען, ער זאל בעזוכען „זאוויערצע“.

זאוויערצע איז ניט פשוט א ווארט, איז ניט פשוט א סטאנציע, א נאמען פון א שטעדטיל. זאוויערצע איז א גאנ־צער בעגריף. א סימבאל, א מוסר השכל.

א חוץ די מעטאל־ווערק האט זאוויערצע גרויסע וועבע־רייען. די היגע טעקסטיל־פאבריקען שפיעלען אין דער פוילי־שער אינדוסטריע ניט קיין קלענערע ראליע, ווי די היגע אייזען־ווערק. זיי ציהען זיך, די טעקסטיל־פאבריקען, דא אויף גאנצע וויארסטען די לענג. נאכמעהר: זאוויערצע איז געבויט געווארען מיט א 25 יאהר צוריק פון אנהויב אן צוליעב אט די ריעזיגע טעקסטיל־פאבריקען.

און געבויט האט זאוויערצע א יוד. גינצבערג הייסט אט דער יוד, וואס האט זאוויערצע געבויט. נאך פאזנאנסקי'ן איז דאס דער גרעסטער יודישער טעקסטיל־קעניג, דער גרעסטער יודישער מיליאנער אין פוילען.

זאוויערצע איז ווירקליך אן אמת'ע טעקסטיל־מלוכה. און בדאי איז א קוק צו טאן: וואס הערט זיך, וואס טוט זיך אין אט דער „מלוכה“, געבויט פון א יודישען פאבריקאנט.

פערבראכט האב איך אין זאוויערצע בלויז איינציגע שטונ־דען און דעם איינדרוק, וואס איך האב דא בעקומען, וועל איך קיינמאל ניט פערגעסען.

איך בין אויסגעגאנגען זאוויערצע אין דער לענג און אין דער ברייט. האב אומעטום אריינגעקוקט, וואו עס איז נאר מעג־ליך געווען אריינצוקוקען. בעגלייט האט מיך א היגער יונגער־מאן.

— וואוהין ווילט איהר פריהער, — האט מיך מיין „טשי־טשעראנע“, מיין וועגווייזער, געפרעגט: לינקס, צי רעכטס — אין גהינום, צי אין גן־עדן?

— וואס הייסט?

— פרעגט ניט, איהר וועט זעהן. אלזא רעכטס, צי לינקס?

די שאלה איז געווען ניט גאר קיין לייכטע. אין אמת'ן: אויב איהר מוזט זיין איןביידע — אין אין גיהנום, אי אין גן־עדן, — וואס־זשע קלויבט מען אוים פריהער?

— דעם גהינום וועל איך ניט פערשפעטיגען, האב איך געטראכט, און אזוי בעשלאסען. אלזא: פריהער אין „גן־עדן".

מיר האבען זיך געלאזט געהן רעכטס.

אויף א גוטער וויארסט האבען זיך געצויגען די געביידען פון די פאבריקען. אינווייניג האט געקאכט די ארבייט. פון דרויסען איז געווען שטיל: דא זענען בעשעפטיגט, ביי דעם יודען גינצבערג, ביז צעהן טויזענד פוילישע ארבייטער, האט מיר מיין בעגלייטער ערקלערט. יודישע וועבער — קיין איינער ניט. א מייסטער, א מאשיניסט איז אמת דא איינער, א יוד, איז דאס, נאטירליך, צופעליג. מעכאנישער בעטריב איז דא פון אנהויב אן, זינט די פאבריק עקזיסטירט.

מיר זענען געגאנגען ווייטער און ארייגעפאלען אין א מין גארטען־שטאדט. קליינע, צוויי שטאקיגע מויערלעך, צו פיער וואוינונגען א מויער'ל, בעשטימט פאר פיער פאמיליען: צוויי אונטען און צוויי אויבען. יעדעס מויער'ל האט פון פראנט א בלומען־גארטען, פון די זייטען און פון הינטען א גרינס־און פרוכט־גארטען. איין מויער'ל איז אבגעטיילט פונ'ם אנדערן דורך א פרייען הויף. אונגעפעהר יעדע פיער מויערלעך בילדען א קווארטאל. דאס גאנצע שטעדטיל איז דורכגעשניטען מיט רעגעלמעסיגע ברייטע גלייכע און גלאט איינגעטראמפעוועטע גאסען אין דער לענג און אין דער קווער.

די לענג־און קווער־גאסען זענען בעזעצט פון ביידע זייטען מיט אלעען. ביי יעדע צוויי הייזער פון דרויסען שטעהט אן ארטעזיאנישער ברונעם — א פלומפ. קינדער מיט פערברענטע פנימ'ער, לייכט, איינפאך געקליידט, מעהרסטענס, בארוועס, לויפען דא לוסטיג ארום, שפיעלען זיך אויף די הויפען און דרויסען אויף דער גאס. יונגע און עלטערע פרויען און מיידלעך געהען אפט אריין און ארוים פון די הייזער צו די פלומפען. זענען זיך עוסק אין הויזליכער ווירטשאפטליכער ארבייט, שייערן

כלים, וואשען אדער הענגען צום טריקענען וועש אויף שטריקלעך, פערצויגען אויף די הויפען.

אלץ איז דא פול מיט בעוועגונג. נאר דא בעמערקט זיך ניט קיין האוועז, קיין שמייען. די בעוועגונגען זענען רוהיג, געלאסען, ערנסט. אלץ עטעמט דא מיט א רעגעלמעסיגען ריטם, אלץ ווערט דא געטאן שטיל, מיט א סדר.

אינגאנצען זעהט אויס דאס שטעדטיל, ווי איין ווילע, איינגעטונקט אין בוימער און בלומען פון אלע זייטען. אין די גאסען זעהט מען זעלטען א מענשען דורכגעהן. די ארבייט קומט־פאר בלויז אין די הייזער און ארום די פלומפען. די געשטאלטען, וואס בעוועגען זיך, זענען כמעט אויסשליסליך פרויען. קינדער ווינציג. דאס רוב שפיעלען זיי זיך. ערטערווייז העלפען זיי אונטער די עלטערע.

דאס שטעדטיל מיט זיינע מאדנע איינוואוינער מאכט אויף מיר א שטארקען איינדרוק. איך פרעג ניט מיין בעגלייטער. איך שטוים מיך אן. מיר געהען ווייטער. דא ענדיגט זיך דאס שטעדטיל — מיט צוויי פרעכטיגע פרייע בולווארען רעכטס און לינקס. רעכטס שטעהט אין מיטען א בולוואר א גרויסע פיער־שטאקיגע געביידע פון מאדערנער איידעלער ארכיטעקטור. דאס איז א קינדער־שול פאר די איינוואוינער פונ׳ם שטעדטיל. אביסעל אן א זייט דערפון שטעהט א קלענערע געביידע, אויך פון זעהר א שענעם אויסזעהן. דאס איז א באדע־הויז מיט וואנעס און שפריצען מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען, אלץ נאכ׳ן לעצטען ווארט פון דער פעדאגאגיש־היגיענישער טעכניק. די שול איז פאר די קינדער; דאס באדע־הויז — פאר גרוים און קליין.

געגענאיבער, לינקס שטעהט אויך אזא הויכע און שענע געביידע, א ביסעל פון אנ׳אנדער ארכיטעקטור, ווי די שול. דאס איז דאס פאלקס־טעאטער, דא זענען אויך זאלען פאר פערוויילונגען און מיטינגען פאר ערנסטע אינטערעסען פונ׳ם געזעלשאפטליכען לעבען. דערביי — א גרויסער פרייער פלאץ, א טרעק פאר פערשיעדענע ספארטען און שפיעלען פאר גרויסע, אויך פערשיעדענע צוריכטונגען פאר גימנאסטיק.

אביסעל ווייטער אָן אַ זייט שטעהט די עוואַנגלישע קירך.
די איינוואוינער בעלאַנגען דאָ אַפּנים צו דער קריסטליך־רעפּאָר־מאַטאָרישער רעליגיאָן.

הינטער די אַלע געביידען לינקס ציהט זיך אַ פּרייטער און ברייטער שפּאַציר־גאָרטען. דאָס גאַנצע שטעדטיל ביי אָט דעם עק פאַלט אריין אין אַ פּאַרק, אַ סאָסנע־וואַלד.

ביי־טאָג איז דאָ אַלץ שטיל, רוהיג. די קורצע, אָבער ברייטע גאַסען־אַלעען זענען כמעט ליידיג. בלויז אַרום די הייזלעך און פלומפּען בעמערקט זיך אַ בעוועגונג. אומעטום — בלויז פרויען און קינדער.

שלאָגט אָבער זעקס פּאַר־נאַכט, ווערען די גאַסען און געס־לעך שטאַרק בעלעבט פון אַ מענער־פּובליקום. עס שיטען זיך אין די אַלעען גאַנצע כוואַליעס מענשען אין קאָרטענע בלוזעס און מאַרינאַרקעס, מיט פערברוימטע פּנים׳ער, מיט ברייטע פּליי־צעס און הענד אין מאַזאָליעס, אין די אַלעען צוטיילען זיך די גרויסע כוואַליעס אויף קלענרע שטראָמען. צו יעדען הויז געהט אַ שטרעמיל. דער גאַנצער קאָך געדויערט דאָ ניט מעהר ווי אַ צוואַנציג מינוט. דאַן ווערט דרויסען גאָר שטיל. מ׳זעהט קיין שפּור ניט פון אַ לעבעדיגען מענשען. דערפאַר מערקט זיך אינ־ווייניג אין די הייזלעך, אַ שטאַרקע בעלעבונג. אונגעפעהר אַ שטונדע דויערט די שטילקייט פון דרויסען. דאַן הויבען זיך ווידער אָן צו ווייזען פון די הייזלעך מענשען. די געסלעך ווערען ווידער בעלעבט, נאָך מעהר, נאָך ריהרעוודיגער, ווי פריהער. עס הויבען זיך אָן צו בעוועגען אהין און אהער אַלערליי פיגורען: מענער, פרויען, קינדער, — אַלט און יונג. אַלץ איז איבערגע־טאָן גאָר אויף אַן אנדער שטייגער. אַנשטאָט די פריהערדיגע שוואַרצע פּנים׳ער, בלויזע קאָלירטע טיכלעך, איינפאַכע אונ־טער־קליידלעך, בלוזעס און קאָרטענע־הייזען, — פּראַנטעוועט מען אין שטרויענע היט, געפּרעסטע העמדער און קראַגענס, גע־פּוצטע קאַמאַשען און לייכטע קאָסטיומען, איינפאַך, אָבער ריין און נעט. די געסלעך ווערען פערוואַנדעלט אין שפּאַציר־אַלעען, פון אַנהויב ברויזט עס דאָ פון׳ם פּובליקום. די בעוועגונג שטרעמט אהין און אהער, האָט ניט קיין בעשטימטע ריכטונג.

ביסלעכווייז צוטיילען זיך דא די שפאצירענדע אין פערשיע־דענע הויפענס. א טייל פון די עלטערע לאזען זיך אויף דעם שטעגעל צו דער קירך. די איבעריגע, איבערהויפט די יונגערע — צו בעטייליגען זיך אין א רעפעטיציע פאר א טעאטער־פאר־שטעלונג; ווער — צו זינגען אין כאר; ווער צו שפיעלען אין אר־קעסטער; ווער עס איילט אויף א וויסענשאפטליכע לעקציע; ווער — צום פרייען פלאץ פאר גימנאסטיק; ווער עס געהט ענדליך אויף א געשעפטליכע זיצונג פאר קאאפעראטיווע אנגע־לעגענהייטען, אדער פשוט צו פערהאנדלען פראפעסיאנעלע אינ־טערעסען. עס ווייזען זיך אויך אין גאס ניט ווייניג וועליסאפע־דען, און מיט זיי ווערען בעלעבט די גלאט־איינגעטראמפעוועטע שווארצע שאסעען, וואס ציהען זיך אויף ווייארסטען לאנג ווייט פון שטעדטיל ארויס.

— וואס איז דאס? א צויבער־לאנד? אן עלדארדא? א גארטען־שטאדט, וואס האט פערבלאנדזשעט ערגיץ פון ענגלאנד, אדער פון דער שווייץ, אהער אין פוילען, מ׳ווייסט ניט ווי אזוי?...

— ניין, דאס איז פשוט אן ארבייטער־שטעדטיל, לויט׳ן מאדערנעם, אייראפעאישען סטיל. דאס האט ניט לאנג, מיט עטליכע יאהר צוריק, אויסגעבויט דער יודישער פאבריקאנט גינצבערג פאר זיינע טויזענדער קריסטליכע, הויפטזעכליך, פוי־לישע ארבייטער.

איך מוז זאגען דעם אמת. איך האב דאן, אין יענע שטונ־דען, ווען איך האב געבלאנדזשעט איבער די גאסען־אלעען פון אט דער מאדנער שטעדטיל, ניט געקלערט, — ניט וועגען דעם יודישען פאבריקאנט גינצבערג, ניט וועגען פוילישע ארבייטער. קיין שום נאציאנאלע קנאה און פערדרוס האב איך בשעת מעשה ניט געפיהלט. פערקעהרט. איך בין געוועזען גליקליך פאר די אר־בייטער. נאטירליך, איך האב גוט געוואוסט, אז אט דער על־דאראדא איז נאך ווייט פון א גן־עדן. אבער..

און אין מיין פארשטעלונג האבען ערשיינט יענע גרויסע, שווערע, פינסטערע קאזארמעס, וואס איך האב געזעהן אין

לאדז, וואס פאזנאנסקי האט אויפגעמויערט פאר זיינע ארביי־טער. איך האב ניט ווילענדיג געמאכט א פערגלייך.

פאזנאנסקי׳ס ארבייטער־קווארטאל — דאס זענען צוויי אונגעהויער־גרויסע, פיער־שטאקיגע מויערן. ריעזיגע פינסטערע קאזארמעס, וואס בעשטעהען יעדע פון פיער גראבע לאנגע ווענד און א גרויסען פיער־קאנטיגען ליידיגען וויסטען ברוק אין מיטען די ווענד. אין מיטען דעם ברוק שטעהט א פלומפ— איין פלומפ פאר אלע הונדערטער פאמיליען, וואס זענען דא איינגעמויערט אין די פינסטערע ווענד. אויף דעם גרויסען קאזארמען־ברוק איז ניטא קיין שפור פון גראז, קיין איינציג ביינקעל, וואו דער ארבייטער, זיין פרוי זאל זיך קאנען צוזעצען. די דאזיגע קאזארמעס שטעהען פונקט אנטקעגען די פאבריקען, און דאס מאכט זיי נאך העסליכער. דער ארבייטער האט קיין מעגליכקייט ניט דורכצוגעהן זיך נאך דער ארבייט, איינעטעמען א ביסעל פרייע לופט. פון דער מאשין — גלייך צום טיש און אין בעט. ער מוז האבען שטענדיג פאר די אויגען די פער־האסטע קוימענס, זיין בייטאגיגע תפיסה. נאך שארפער איז דער איינדרוק, ווען איהר גיט א קוק אויף פאזנאנסקי׳ס פאלאץ, מיט זיין צויבערפאלען דאך־גארטען, דא נעגענאיבער, נעבען דער פאבריק. דער קאנטראסט צווישען דעם פאלאץ פון דעם בוימוואל־קעניג און דער קאזארמע פון די בוימוואל־שקלאפען האט געמוזט גאר בעזונדער שטעכען די אויגען אין „יענע טעג", ווען דער שקלאף האט ערוואכט און געפאדערט זיינע רעכט. די פאלאץ־בעוואוינער האבען זיך געפיהלט אונהיימליך אין איינגער שכנות מיט די ארבייטער. און זיי האבען פערלאזען זייער לוקסוס־נעסט און איבערגעטראגען זיך קיין בערלין, וואו זיי האבען זיך איינגעארדענט ניט ווענינער בעקוועמליך.

פון דעמאלט־אן שטעהט דער פאלאץ מיט זיין קינסטליכען דאך־גארטען וויסט.

און אז איהר מאכט א פערגלייך צווישען פאזנאנסקי׳ס קאזארמע און גינצבערג׳ס גארטען־שטעדטיל, פערגעסט איהר א ווייל אז נאציאנאלע פראגען, און מאכט ניט ווילענדיג א פערגלייך צווישען דער פסיכאלאגיע פון די צוויי בוימוואל־קע־

ניגען.ביידע האבען געלערנט פון דער רוסישער רעוואלוציע, אבער ניט גלייך. פאזנאנסקי — אז עס איז פיעל זיכערער צו זיין וואס ווייטער פון די קוימענס און קאזארמעס, לעבען אויף דעם נייטראלען באדען פון בערלין און דארט שניידען די אינ־טערנאציאנאלע קופאנעס פון די אייגענע אקציעס. גינצבערג — אז דאס אליין איז ניט גענוג, מען מוז דאך מיט עפיס פערגלע־טען דעם קאנטראסט צווישען קופאן און ארבייטער־לוין. און ער האט געהאנדעלט, ווי אן איידעלער אייראפעאישער קאפי־טאליסט.

נאטירליך, דער גן־עדן, פון וואנען מ׳קאן יעדע מינוט ארויסגעטריבען ווערען, איז ניט קיין גן־עדן. אבער דאך מאכט דאס ארבייטער־שטעדטיל פון זאוויערצע זעהר א גוטען איינ־דרוק. דער ארבייטער האט די מעגליכקייט פערגעסען חאטש אויף אייניגע שטונדען, אז ער איז א שקלאף. איהם מארטשעט ניט טאג און נאכט אין די אויגען דער קוימען פון זיין תפיסה, אין די פרייע אוועגד־שטונדען איז ער דאך א פרייער מענש, האט די מעגליכקייט צו זארגען פאר זיינע בעדערפנישען. סוף כל סוף געווינט דערפון דער קאפיטאליסט ניט ווייניגער פון דעם ארבייטער. און געווים האט דער פאבריקאנט גינצבערג, אין זיין מענשליכערער בעציהונג צו זיינע ארבייטער, זיך גערעכענט ניט מיט געפיהל פון יושר אליין. דא איז אויך געווען א פאליטישער קוק. זאוויערצע, מיט איהר בעפעלקערונג פון 20 טויזענד גוט־ארגאניזירטע, ענטוויקעלטע אינדוסטריעלע ארבייטער, האט געשפיעלט א גרויסע ראליע דא ניט לאנג, ווען די כוואליעס פונ׳ם פאליטישען לעבען האבען שטארק געברויזט. פריהער, צי שפעטער וועט זאוויערצע איבער א נייעס בעקומען איהר מאכט. עס לוינט זיך פיעל בעסער ניט צו פערשארפען, נאר ווייכער צו מאכען די בעציהונגען צו אט דער קינפטיגער מאכט, פער־טושען מיט עפיס דעם קאנטראסט צווישען ארבייטס־לוין און קופאן.

2.

בשעת דער יודישער פאבריקאנט־מיליאנער גינצבערג האט געבויט דאס שטעדטיל זאוויערצע, האט ער אפנים ווענינ געקלערט וועגען זיין ארימער יודישער משפחה, ער האט ווענינ געטראכט, אז עס זענען דא יודען, וואס זוכען פרנסה; אז די אלטע שטעדטלאך זענען שוין פול אנגעפאקט און איבערגעפאקט, און אז דארט שטעהען שוין לאנג א סך ארימע קרובים זיינע, פעטערס און מוהמעס, מיט'ן שטעקען אין דער האנד, מיט דער טארבע אויף די פלייצעס, גרייט יעדע מינוט איבערצוואנדערן ערגיץ אנדערס, וואו עס איז נאר דא א האפנונג אויף א גראשען פרנסה.

נאר אויב דער רייכער פלימעניק האט ווענינ געקלערט וועגען די ארימע פעטערס און מוהמעס, האבען די פעטערס און מוהמעס דערפאר א סך געקלערט וועגען דעם רייכען פלימעניק.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דער קלאנג וועגען דעם נייעם ישוב האט זיך, ווי דורך פייל און בויגען, פערשפרייט אין די ארומיגע מקומות, אין די אלטע, געפאקטע יודישע ישובים. און —

ניט קיין געבעטענע — אליין געקומען...

כאטש און ארימינקע, פארט א מוהמע.

עס האבען זיך אנגעהויבען ציהען פון פערשיעדענע זייטען אהער יודעלעך, וואס דארפען האבען חיונה, און אזוי האט זיך

ביסלעכוויז, ביסלעכוויז פון דער לינקער זייט זאַוויערצע גע־בילדעט אַ יודישער ישוב, אַ יודישע זאַוויערצע.

די אָרימע קרובים זענען, ווי געזאָגט, געקומען אַליין, איינ־ציגוויז, ביסלעכוויז, ניט גערופענע. דער רייכער פּלימעניק האָט זיך ווענען דער לינקער זייט זאַוויערצע ווייניג געקימערט. זיי ווידער, פון דער לינקער זייט זאַוויערצע, האָבען ניט גע־וואַגט צו געהן אין די פּאַקאַיעס. האָבען זיך געריבען הינטער ארום. אגב: וואָס קאָן אַ מענש טאָן? יודען האָבען אַ גאָט און גאָט וועט שוין זאָרגען פאַר פּרנסה.

עס שיינט, אַז דער רייכער פּלימעניק האָט איינגעשטימט מיט אָט דער מיינונג פון זיינע אָרימע פעטערס און מוהמעס. והא ראיה — ער האָט זיי געשטעלט אַ שוהל. ס'הייסט: געהט און בעט גאָט — ע ר וועט אייך געבען פּרנסה!

מ'קאָן נישט זאָגען, אַז די שוהל איז ניט קיין שענע. זי איז דוקא אַ גערוימע, אַ הויכע. ס'איז קענטיג: אַ מתנה פון אַ רייכען פּלימעניק.

און ווי דער רייכער קרוב האָט אויסגעבויט די שוהל, דער־מיט, הייסט עס, איבערגעוויזען זיין אָרימע משפּחה צו גאָט, האָט ער זיך שוין געפיהלט פריי פון זיינע פליכטען צו זיי. פאַר די גוי'אישע ארבייטער, די, וואָס ער האָט גערופען, האָט ער געבויט וואוינונגען, שולען, אַ טעאַטער. פאַר יודען — פון דעם אַלעם קיין שפּור. פאַר יודען נאָר אַ שוהל אויף צו דאַוונען.

נאָר... צי פון גאָט, צי פון גוי — יודען האָבען זיך ביסלעכ־וויז ארומגעבויט, ארומגעמויערט זיך פון דער לינקער זייט זאַוויערצע. יענע, פון דער רעכטער זייט, האָבען געדאַרפט האָ־בען מעהל, ציבעלע, ברויט, זאַלץ, גרויפּען. האָבען דאָס די, פון דער לינקער זייט, פאַר זיי געבראַכט, אהער, פון די גרעסערע שטעדט, אַ טייל האָבען גוטע געשעפטען געמאַכט, האָבען גרוי־סע דריי־שטאָקיגע מויערן אויסגעבויט, אנדערע האָבען גע־שוויצט און געהאָוועט פון אַ בליאַסק אויף טאָג ביז שפּעט ביי־נאַכט ארום צובראָכענע שמוציגע געוועלבלעך און אַלטע איינגעהויקערטע קעסטלעך. האָבען קוים, קוים אויף אַ פּאַרווע וועטשערע אויסגעהאָוועט, און, מיט קנאה, ארויף צו די הויכע

דריי־שטאָקיגע מויערן געקוקט. יענע פון די הויכע מויערן האָ־
בען ווידער אויף די קעסטלעך און זייערע מילבען־מענשען מיט
שטאָלץ און פעראַכטונג געקוקט, ווי אויף משונה'דיגע ברואים,
וואָס זענען גאַרניט מיט זיי פון איין מין. צייטענווייז — זיי
עפּעס צוגעוואָרפען און, מעהרסטענטיילס, בעהאַלטען זיך אין
די דיקע געמויערטע ווענד פון זייערע הויכע הייזער, אָדער זיך
געריסען מיט איינאַנדער פאַר א ר ו ב ל פּ ד י ו ן, פון די,
וואָס אויף דער רעכטער זייט זאַוויערצע. דערין האָבען זיי פאַלקאָם
נאָכגעטאָן די אונטערשטע שטויב־און מילבען־מענשען, וואָס
האָבען זיך ארום די קליינע געוועלבלעך און טישלעך און קעסט־
לעך געטופּעט און זיך אויך געריסען צווישען זיך פאַר א
ג ר אָ ש ע ן פּרנסה. בכלל איז דאָ תמיד פאַרגעגאַנגען ניט
א לעבען, נאָר א רייסעניש, א קאַמפּף פאַר'ן גוי. דער האָט איהם
געצווינגען צו זיך, דער — צו זיך.

נאָר צייטענווייז פלעגט דער לעבענס־קאַמפּף ביי די אונ־
טערשטע שטויב־און מילבען־מענשען שוין ווערען צו־שווער, און
עס האָט ניט געקלעקט דאָס, וואָס די אויבערשטע קרובים פון
די הויכע מויערן האָבען צוגעוואָרפען, דאַן פלעגט מען זיך
לאָזען בעטען הילף ביי די גליקליכע אינזעל־יודען.

די „אינזעל־יודען" — דאָס זענען אויך א מין רייכע קרובה־
שאַפט, וואָס האָבען פערנומען א מיטעל־פּלאַץ צווישען די אָרי־
מע פעטערס און מוהמעס און דעם רייכען פלימעניק. ער אליין,
דער פלימעניק, איז שוין לאַנג אוועק, העט ווייט פון דער אָרי־
מער משפחה, ווייט פון דער רעכטער און לינקער זייט זאַ־
וויערצע.

די „אינזעל־יודען" זענען אויך — צום טייל אליין געקו־
מען אהער, צום טייל האָט מען זיי גערופען. זיי האָט דער פאַב־
ריקאַנט גינצבערג, פונקט ווי דער פאַבריקאַנט פּאָזנאַנסקי,
פונקט ווי אנדערע יודישע פאַבריקאַנטען, געדאַרפט האָבען אלס
בעאַמטע, אלס פערוואַלטער פון זיין גרויסען פערמעגען. אַנ־
טרויען דאָס פערמעגען די, וואָס זענען מיט די ארבייטער פון
איין טייג געקנאָטען, איז פאַר דעם יודישען בורזשואַ ניט גאָר
זיכער. און דעריבער איז ער שוין גראַד „נאַציאָנאַל", ווען עס

האנדעלט זיך ניט אום ארבייטער, נאָר אום „מענשען", וואָס דאַרפֿען אכטונג געבען אויף די ארבייטער. די „מענשען" זענען דוקא מעהרסטענטיילס — יודען. אָט די „מענשען"־יודען זע־נען גאָר א בעזונדער סאָרט יודען. זיי דאַרפֿען דיענען אלס מחיצה, אלס שייד־וואַנטעל צווישען דעם יודישען פאבריקאנט און דעם גוי'אישען ארבייטער. אויף גוי'איש הייסט דאָס א בופער־עלעמענט. און דעריבער איז זייער פּסיכאָלאָגיע גאָר א בעזונדערע. זיי זענען בערופֿען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון דעם בעל־הבית. זיי זענען פּראָלעטאַריער בלויז אויף א וויי־לע, פּראָלעטאַריער, אזוי צו זאָגען, צום בעדויערן. אלע זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען דרעהען זיך ארום דעם בעהאַלטענעם ליעבלינגס־אידעאל צו ווערען אַליין פאבריקאַנ־טען. אויב ניט פאבריקאנטען, איז גלאַט א פירמע, וואָס קאָן געבען און נעהמען וועקסעלעך.

אין זאַוויערצע לעבען אָט די יודען אויף אַן אינזעל צווי־שען דער לינקער און רעכטער זייט פון שטעדטעל. און דאָס איז ניט צופעליג. זייערע אינטערעסען זענען ניט פערבונדען ניט מיט די פון רעכטס, ניט מיט די פון לינקס. זיי לעבען אין שע־נע ווילעס, וואָס זענען איינגעטונקט אין בוימער, שטרויכען און בלומען פון אלע זייטען, ארומגערינגעלט פון וואסער. צו זיי קאָן מען צוקומען נאָר דורך א לאַנג, שמאָל בריקעל.

דאָס בריקעל טרעטען זיי איבער טאָג־טעגליך אין א בע־שטימטער שטונדע. דאָ קומען זיי אין בעריהרונג מיט די, וואָס קומען פון דער לינקער זייט זאַוויערצע. טוען אָב זייערע שליחות און קעהרען זיך אום, איבער'ן זעלבען שמאָלען בריקעל, צו זיך אויף דער אינזעל. מיט זאַוויערצע פון לינקס האָבען זיי קיין שום שייכות ניט. נאָר, אין געוויסע מאָמענטען, ווען דאָרט, ביי זייערע קרובים פון לינקס ווערט דער קאַמפּף פאר'ן לעבען גאָר שווער, וואגען אייניגע פון זיי אריבערצוטרעטען דאָס בריקעל און אויסשטרעקען די האנד צו זייערע ברידער פון אינזעל, צו די אינזעל־יודען. זיי קריגען עפּעס צוגעוואָרפען און געהען האסטיג אוועק. יענע, פון אינזעל ווידער, סטאַרען זיך אויף גיך

אבצוטרייסלען דעם שווערען איינדרוק, וואס דער אונאנגענעה־מער וויזיט האט אויף זיי געמאכט.

אט דער מין „אינזעל־יודען" זענען דא ניט בלויז אין זא־ווייערצע. זיי זענען דא אין לאדז, אין טאמאשאוו, אין פאביא־ניץ, אין זגערזש, אין זדונסקא־וואלא, אומעטום, וואו עס איז דא א יודישער פאבריקאנט און א גוי'אישער ארבייטער. נישט מעהר — דא, אין זאווייערצע, איז די אינזעל — א פשוט'ע אינזעל, און דאס וואסער ארום — א פשוט וואסער, און דאס בריקעל — א פשוט בריקעל. דארט, אין אנדערע ערטער, דארף מען די אינזעל אננעהמען בדרך משל, אבער די „אינזעל־יודען" זענען פונקט דיזעלבע, מיט אלע פישטשעווקעס, ווי אין זא־ווייערצע.

נאר אין דער צייט פון דער רעוואלוציע, בעת די וואהלען צו דער ערשטער און צווייטער דומע, האט זיך בעמערקט אז אינטערעסאנטע ערשיינונג. דאן, ווען רעכטס און לינקס האט געברויזט מיט לעבען, מיט שטרעבען, מיט דרייסטע האפנונ־גען, האבען זיך די אינזעל־יודען געפיהלט עפעס אונבעקוועם אין זייער איינגעשלאסענער אינזעל. צי זיי האבען זיך פער־שעמט פאר זייער עגאאיסטישען פרעפעראנס־לעבען, צי זיי הא־בען זיך פשוט געפיהלט לאנגווייליג און איינזאם, און האבען אקנא געווען דעם „שטורם און דראנג" ביי יענע פון רעכטס און פון לינקס, — ווי די מעשה איז געווען, זיי, די אינזעל־יודען זע־נען אריבער דאס בריקעל, דאס ערשטע מאל אין זייער לעבען, ניט צוליעב זייער טעגליכער שליחות פון א בופער־עלעמענט, נאר אום צו נעהמען אן אנטייל אינ'ם קאך־קעסעל פונ'ם קאמפף.

און דאן איז געווען אינטערעסאנט צו הערען, ווי די דא־זיגע אינזעל־יודען האבען אגיטירט און געשריען: „מיר פרא־לעטאריאט!" „מיר יודען!" א טייל פון זיי זענען אפילו ציוני־סטען געווארען און האבען א שקל געקויפט.

ניט לאנג האט געדויערט דער דאזיגער היציגער צושטאנד. איצט ווערט יעדער פון זיי רויט איבער די אויערן, אז ער דערמאהנט זיך אן יענעם מאמענט, ווען ער האט זיך געלאזט

פערפיהרען פון „יונגעלשער שטות׳עריי“. און ווען ער דער־מאהנט זיך אן יענער „יונגעלשער שטות׳עריי“, גיט ער זיך אזש א קלאפ מיט דער פויסט אין שטערן און זידעלט זיך אליין:
„א, דו אייזעל־קאפ“...

די „אינזעל־יודען“ זענען אלזא געבליבען דיזעלבע נאך דער רעוואלוציע, פונקט ווי זיי זענען געווען פאר דער רעוואלוציע. דערפאר אבער האט פוןביידע זייטען אינזעל, רעכטס און לינקס, די רעוואלוציע געלאזען א טיעפען רושם.

נאך פיעל שטארקער ווי אין זגערזש, האט זיך אין זא־ווירצע, פון דער רעכטער זייט, ענטוויקעלט א ריעזיגע קא־אפעראטיווע בעוועגונג. זאוויערצער קאאפעראטיוועז, אונטער פערשיעדענע נעמען, ווי: „פשישלאסט“, „יעדנאסט“, „ווספול־קא“, „ספאזשיווצע“, און אנדערע זענען די מעכטיגסטע, די רייכסטע, די בעסטע ארגאניזאציעס אין פוילען. די „ספאזשיוו־צע“ אליין האט אן אומזאץ דריי מאל אזוי פיעל, ווי אלע יודי־שע קראמען פון דער לינקער זייט זאוויערצע. קיין איינער פון די צוואנציג טויזענד ארבייטער אין די טעקסטיל־און אייזען־פאבריקען פון זאוויערצע קוקט ניט אריין אין א יודישע קראם. דאס איז נאך אבער וועניג. ניט בענוגענענדיג זיך מיט דעם גע־ביט פון די פאבריקען אין רעכטער זייט זאוויערצע, האבען די ארבייטער געעפענט אין שטעדטעל גופא, אין דער לינקער זייט, א ספולקע פאר די עטליכע קריסטען, וואס וואוינען צווישען די יודען.

און דאס איז געטאן געווארען אהן א שום שלעכטער כונה, אהן א שום אנטיסעמיטישער רשעות. פערקעהרט: די פערזענ־ליכע בעציהונגען צווישען יודען און קריסטען זענען אזוי ווי בעסער געווארען. די ארבייטער האבען זיך פשוט אויסגעלערנט פערוואלטען זייערע ווירטשאפטליכע אינטערעסען. זענען ענט־וויקעלטער, קולטורעלער געווארען. זיי ווייסען שוין אלע קווע־לען, וואו די יודישע קרעמער נעהמען, האבען מעהר קרעדיט פון די יודישע קרעמער, האבען געניטע, פעהיגע פערוואלטער און רביים. זיי ווייסען אויך, אז די ווירטשאפטליכע זעלבסט־פערוואלטונג איז ניט בלויז א גוטע זאך, אליין פאר זיך, נאר

איז אויך אן אויסגעצייכענטע שול פאר העכערער סאציאלער, נאציאנאלער און פאליטישער זעלבסט־ערציהונג.

אין דער לינקער זייט זאַוויערצע איז אַ פאלקאמענער חורבן, אַ גהינום. און דער חורבן, און דער גהינום איז נאך שרעקליכער, אימה׳דיגער דערפון, וואָס פון דרויסען איז דאכט זיך גאר נישט געשעהן. אלץ שטעהט אויף זיין ארט: אי די גרויסע מויערן, אי די אלטע איינגעבויגענע קרעמלעך, אי די שענע, גרויסע שוהל. די קראָמען זענען אפען, ווי אמאָל. ארום די קעסטלעך זיצען אלטע ווייבער און אלטע יודען ווי אמאָל. נאָר וויסט איז דאָס שטעדטעל, שטיל... מ׳הערט קיין שריט ניט, מ׳זעהט קיין נפש ניט. עס זיצען די קרעמער און קרע־מערקעס ביי די געוועלבער, בודען און קעסטלעך און שפּאַרען איין די אויגען אין עק גאס אריין, העט וויט צום סאמע עק: טאָמער געהט עמיצער פון דאָרט, פון יענער זייט... נאָר קיינער געהט ניט. און זיי זיצען און חלש׳ן, און געניצען, און ווארטען...

נאָר אַט רייסט זיך עפּעס אָב אַ נפש, ניט פון דאָרטען, פון עקס גאַס, נאָר פון דערביי. אַ קליין אינגעל, פון אַ טרעפּ אראָב־געפאלען, לויפט צו צו אַ קעסטעל און דינגט פאר אַ פּאָר גראָ־שען קארשען, און עס כאפּען זיך אָן איהם אָן דער אלטער פון איין זייט, די אלטע פון דער אנדער זייט, און שפּאַרען איהם די קארשען, און רייסען פון איהם זשעדנע די פּאָר גראָשען...

יודען זענען מקיים דעם פערזאָג פון דוד המלך: **לכו והתפרנסו זה מזה** — געהט, זענט זיך מפרנס איינער פון דעם אנדערן...

קיין יוגענד איז ניטאָ אין זאַוויערצע. אלע, וואָס האָט כח געהאט צו אנטלויפען און ראטעווען זיך פאר הונגער, איז אנטלאָפען און האָט זיך געראטעוועט. ווער קיין בענדין, ווער קיין סאָסנאָוויץ, ווער קיין ווארשוי, ווער נאָך ווייטער, קיין אמעריקא. די שלאָפע, די אלטע זענען געבליבען. געבליבען היטען די פוסטע קראָמען און די פוסטע הייזער.

און די הויכע הייזער, דאכט זיך, שטעהען און קוקען זיך איבער אונטען מיט די וויסטע איינגעבויגענע הילצערנע קרעמ־

לעך און וואונדערן זיך: צו וואָס שטעהען זיי אַלע דאָ? און צו וואָס האָבען זיי פריהער זיך געריסען, געהאַמפּערט, זיך נאָריש געגרוויסט, איינע איבער די אַנדערע, פון גאוה און קנאה צופרעסען געוואָרען? אום צו האָבען אַזא סוף...

און בעסער וועט שוין זיין דער שיקזאַל פון די הילצערנע קרעמלעך, ווי פון די ציגעלנע מויערן. זיי, די קרעמלעך און קעסטלעך וועט מען ווייטער אויף האָלץ קאָנען פערקויפען און פאַר זיי כאָטש א פּאָר גראָשען בעקומען. פאַר די מויערן אָבער — דאָס אויך ניט. ווער וועט זיי קויפען? ווער וועט זיי דאַרפען?

און איבער זיי אַלע שטעהט די הויכע שענע שוהל, א מתנה פון דעם מיליאָנער־פאַבריקאַנט גינצבערג. און עס דוכט זיך, ווי די וויסטע קרעמלעך, קעסטלעך, געוועלבער און מויערן קוקען אַלע מיט א ביטערן פאַרוואורף אַרויף צו דער שוהל, אויף וועלכער זיי האָבען יאָהרען־לאַנג זייער האָפנונג געלעגט, פון איהר זייער רעטונג ערוואַרט. נאָר די שוהל, וואָס איז וויסט און פערלאָזען, אַזוי ווי זיי, וואַרפט אויף זיי רחמנות'דיגע בליקען און קוקט אַראָב, גלייך, ווי זי וואָלט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

גאַרישע מענשען! ווער איז אייך שולדיג, ווען איהר האָט פערלאָרען די פעהיגקייט צו קוקען פאָראויס, צו טראַכטען וועגען מאָרגענדיגען טאָג? זאָגט, וואָסער פאַלק בויט זיין שיקזאַל אויפ'ן זאַמד, אַזוי ווי איהר? זאָגט, וואָסער פאַלק גערוויכט, אַזוי ווי איהר, צום בנין פון זיין צוקונפט, צום יסוד פון זיין קיום, אַנשטאָט וואַפנע און ציגעל — שטויב און אַלטע פערשימעלטע קברות־בלעטלעך?...

„שמד־קעס"

א. וואָס טרייבט די יודישע מיידלאך אין פוילען צו „שמד“

די געשיכטע מיט פראניע וויעדערשאל, די וואַרשאווער מיידעל, וועלכע מען האָט געהאַלטען א צייט געפאנגען אין א קלויסטער און צוגערעדט איהר זיך צו שמד׳ן, וואָס האָט אויפגערודערט די גאנצע יודישע פּרעסע, האָט מיך בעוואויגען, זייענדיג אין וואַרשא, בעקאַנט צו ווערען בכלל מיט דער לאַגע פון אַט דעם סאָרט מיידלעך, וועלכע טראָגען אין פּוילען א ספּעציעלען נאָמען: „שמד׳קעס“. איך האָב מיך געווענדעט צו די פּערזאָנען, וואָס האָבען, אלס כלל טוער, זיך גענומען די ספּעציאַליטעט — קומען צו הילף די דאָזיגע אָפּפער, און האָב פאַרנאָטירט זייערע פאַקטען און בעטראַכטונגען אין דעם דאָזיגען געביט. אַט די אינטערעסאנטע פאַקטען און בעטראַכטונגען וויל איך מיך יעצט טיילען מיט די לעזער.

קיין אָרגאַניזירטער פעראיין, וואָס זאָל זיך סיסטעמאַטיש אָבגעבען מיט די שמד׳קעס־אַנגעלעגענהייטען, איז אין וואַרשאָ ניטאָ. כאָטש עס איז שווער צו קריגען אין יודישען תחום פון רוסלאַנד אזא געגענד, וואו דאָס טויפען זיך פון יודישע יונגע לייט, איבערהויפּט מיידלעך, זאָל זיין אזאַ הויפיגע ערשיינונג, ווי אין פּוילען. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אז וועניגער פון אַלעמען אינטערעסירען זיך מיט די געטויפטע די וואַרשאווער רבנים. מען דערצעהלט זאגאר אין דעם נאָמען פון ר׳ אליהו חיים מייזעלס, דעם לאדזער רב, וואָס איז געווען איינער פון די סאמע אידעאלע יודישע רבנים אין רוסלאַנד, אז ער האָט גע־

זאָגט: „בעסער זאָלען זיך די מיידלעך שמד'ן, איידער האָבען ממזרים.“ די פראַזע ווייזט דעם שטאַנדפּונקט פון די רבנים אויף דער דאָזיגער פראַגע. זיי בעטראַכטען די געטויפטע מיידלעך, אַלס „פער'סמ'טע נשמות“, וואָס פון זיי קען אַלענפאַלס קיין גוטס נישט אַרויס; דאָס זענען, לויט זייער מיינונג, „טויטע גליעדער“ פון געבאַרענע טאָג אָן, און פאַר'ן אָרגאַניזם פון'ם יו־דישען פאָלק, מיינען זיי, איז פיעל בעסער, אַז מען שניידט אַזעל־כע גליעדער אָב.

דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט ווייזט אויך, ווי ווייט אונזערע רבנים זענען נאָך ווייט פון צו פערשטעהן די בעדינגונגען אין וועלכע דאָס פאָלק לעבט און די ווירקונג פון די בעדינגונגען אויף דאָס לעבען פון פאָלק.

ניט אַזוי קוקט אָבער אויף דער דאָזיגער ערשיינונג דאָס פאָלק אַליין. איך רעד דאָ ספּעציעל פון דער יודישער מאַסע אין פּוילען. ביי איהר, ביי דער מאַסע, איז דאָס טויפען זיך פון קינדער, נאָך יעצט, ווי אַמאָל — אַן אונגעהייערער פאַמיליען־אונגליק. דער פאַמיליען־פערבאַנד ביי דער דאָזיגער מאַסע איז זעהר שטאַרק. עס ווילט זיך ניט אָנווערען אַ לעבעדיג קינד. דער־צו, נאַטירליך, קומט דער „פּסול“, דער „פלעק“ אין דער משפּחה אין רעליגיעזען זין, וואָס דאָ האָט עס נאָך אַ גרויסע בעדייטונג, אַ פיעל גרעסערע, ווי אין ליטא.

וואָס אָנבעלאַנגט די פרייגעזאָנענע רייכע יודישע קלאַסען אין פּוילען, מאַכט דאָרט דאָס טויפען זיך פון די קינדער כמעט קיין שום רושם ניט, ווייל דאָס טויפען זיך איז ניט מעהר ווי אַ צערעמאַניע, וואָס ענדערט, נאַטירליך, גאָר נישט אין דעם לעבען פון די גע'שמד'טע און זייער פאַמיליע. די פּויליש־יודישע בור־זשואַזיע אַסימילירט זיך אַזוי האַסטיג, ווי קיין יודישע בורזשואַ־זיע אין דער וועלט. ווען איהר ווילט זיך דאַרין גוט איבערצייגען, געהט אַריבער אויף דעם וואַרשאַווער יודישען בית עולם. דאָרט וועט איהר בעמערקען אַ סך פאַמיליען־גרעבער, וואו אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ שוועסטער, אָדער אַ ברודער וואַרטען אומזיסט אונ־טער זייער רייכער מאַרמאָרנער מצבה אויף אַ נאָהענטען קרוב

פון זייער פאמיליע, וואס זאל זיך, לויט ווי עס איז געווען אב־געדרעדט, לעגען לעבען זיי ביין ענד פון דעם לעבען: אדער, ווען זיין „שעה“ איז נאך ניט געקומען — קומען צו זיי מיט א וויזיט, זעצען זיך נעבען זיי אויף דער ספעציעל דערצו איינגע־ארדענטעטער באנק. עלענד און פערלאזען, אויף אייביג פערלאזען, ליעגען דא די איינזאמע מתים אין די גערוימע פאמיליען־גרעבער. די, אויף וועמען זיי ווארטען, וועלען שוין צו זיי קיין מאל ניט קומען. ווארום זיי האבען זיך געגרינדעט גרויסארטיגע נייע פאמיליען־גרעבער אויפ׳ן... קאטוילישען, אדער לוטערא־נישען „צמענטארזש“, וואו עס רוהט שוין א טייל פון זייער נייער משפחה...

נאר לאמיר זיך אומקעהרען צוריק צו די שמד׳קעס. עס איז אלזא גאר נישט ארגאניזירט אין פוילען, אום ארויסצונעהמען די געטויפטע פון די קלויסטערס. כאטש, איך זאג נאך אמאל, אז ביי דער פויליש־יודישער מאסע איז דאס א גרויסער, א שרעקליכער פאמיליען־אונגליק. עס זענען דא איינציגע פערזאנען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט די „שמד׳קעס“, און דאס איז גאנץ צופעליג. די הויפט־טוער זענען: פרוי ב. און א געוויסער ווארשאווער סוחר פ. זייביידען קומען צו־הילף נאך געצעהלטע מענשען, און ניט דוקא פון גאר די פרומע. ב. און פ. זענען מעהר אדער ווייניגער יודיש געזאנען, אבער בעלאנגען ניט צו דער עקסטער ארטאדאקסיע. זיי האבען מיר בפירוש געזאגט, אז זיי קימערט ניט, ווען א יודישער יונגער־מאן, אדער א יודיש מיידעל טויפט זיך פרייוויליג און לעבט אין דער נייער ספערע גליקליכער, ווי אין דער אלטער. זיי אינטערעסירט נור, ווען פון דעם פאקט ווערט א פאמיליען־טראגעדיע, ווען דאס טויפען זיך איז געווען א פערפיהרונג אדער א פערגוואלטיגונג.

ב. ביי דער „שמד׳קע" אין דער היים.

וועגען דער פאסירונג מיט פראניע וויעדערשאל האב איך גערעדט מיט פרוי ב. מיט דעם סוחר פ., מיט פראניעס פא־טער, און מיט די שכנים פון גאס. מיך האט ניט אזוי אינטע־רעסירט די סענסאציע אליין, ווי די בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט א „שמד׳קע". איך האב דעריבער בעזוכט די גאס עט־ליכע מאל, בעטראכט דא די זיטען, דאס לעבען. און אז איך האב דא אלעס גענוי בעטראכט, איז מיר דער פאקט מיט פראניע ווידערשאל קיין וואונדער ניט געווען. ביי מיר איז געווען פיעל מעהר וואונדער, וואס מ׳האט דערפון געמאכט אזא גרויסען ליארעם.

פראניע וויעדערשאל איז געבארען און ערצויגען געווארען אויף מאסטאווע גאס. און מאסטאווא גאס איז אזא ווינקעל אין ווארשא, וואו עס וואוינט מייסטענס דער אבפאל פון דער קריסטליכער און יודישער געזעלשאפט. דאס איז א ווינקעל, וואו עס „בליהט" די פראסטיטוציע, דער פרויען־האנדעל, און צולאזענער לעבען בכלל. ווער עס בעלאנגט ניט אליין צו די „הייזלעך", צו דעם „מסחר מיט לעבעדיגע נפשות", איז ארומגע־רינגעלט פון זיי ווי מיט א קייט און קאן אונמעגליך ענטגעהן פון זייער פערדארבענדיגען איינפלוס.

פראניע האט גראד בעקומען א באלעבאטישע ערציהונג, האט בעזוכט א שולע, איז געווען, אום וויפיעל דאס איז מעגליך אין אזא ווינקעל, אן עהרליך קינד. איהר פאטער איז א פערמע־גענדער באלעבאס, אבער אלס פעלדשער און שערער, וועלכער לעבט יאהרענלאנג דא אין גאס, און לעבט פון דער ארטיגער בעפעלקערונג, איבערהויפט פון דער קריסטליכער, וואס אום נושא חן צו זיין אין איהרע אויגען, האט ער געהאלטען א

קריסטליכע ארבייטער — א שערער, קען ער ניט שטעהן פיעל העכער פון דער ארומיגער ספערע. דער גאנצער טומעל וואלט געווים ניט פאסירט, ווען דער „העלד“ פון דער געשיכטע וואלט ניט געווען א פראסטער ארימער ארבייטער, און דערצו גאר ניט קיין שענער. וואלט זיך אין פראניען פערליבט א רייכער „פאַניטש“, וואלטען פיליכט אי דער פאטער, אי די מוטער, אי די שוועסטער, געווים ניט אזוי איינגעריסען וועלטען.

דער געזעלשאפטליכער אינטערעס ליעגט דא אלזא ניט אין דעם עצם פאקט, נור אין דער ראליע וואס דא האט געשפיעלט דער קאטוילישער קלויסטער.

ג. די היימישע ערציהונג פון די שמד'קעס.

ביי די מנישקעס און גלחים פון די קאטוילישע קלויסטערם רעכענט זיך פאר די העכסטע מצוה, וואס ס'קען נאר געבען, אבצושמד'ען א יודיש קינד. עס ווערען אנגעווענדעט אלע מיטלען, אלערליי קונצען אום צו פערדעקען די שפורען פון די „שמד'קעס", אום ניט ארויסצולאזען זיי פון די הענד. עס ווערט אנגעווענדעט א גאנצע פערוויקעלטע סיסטעם, וועלכע האט ניט קיין טעאריע, אבער איז א רעזולטאט פון א הונדערט, פיעלייכט טויזענד־יעהריגער פראקטיק. דא זענען אין שפיעל אי די קאטוילישע מיסיאנערן, אי די פשוט'ע פרומע פאליאקען. די „שמדקעס" שטאמען מערסטענטיילס פון לובלינער, סעדלעצער, ראדאמער און קעלצער גובערניעס, וואו די יודישע בעפעלקערונג איז זעהר דונקעל און פאנאטיש און די פוילישע אויך פאנאטיש, אבער מעהר קולטורעל.

די אורזאכען: פאר וואס טויפען זיך דא אזוי פיעל יודישע מיידלעך, זענען פערשידענע. אין אלגעמיין שטימען זיי מיט מיינע בעטראכטונגען אין ליטא. דער הויפט־גרונד איז דא און דארטען — א ראמאנטישער. ער שטאמט פון די זעלבע ארומיגע בעדינגונגען פון לעבען, אי ביי די יודען אי ביי די קריסטען, פון ביידענס נאהענטקייט צו דער נאטור.

מען דארף געדענקען, אז די יודישע מיידעל אין פוילען געניסט פיעל מעהר פרייהייט אין דער פאמיליע, ווי „דאס אינגעל". און דאס קומט גראד ניט פון ליבעראלע אידעען, ניט פון פרינציפען. פארקעהרט: די מיידעל איז פרייער, ווייל איהר ערציהונג ווערט אינגאנצען פערנאכלעסיגט (איך רעד דא, נאטירליך, וועגען די פאנאטישע הייזער). „דאס אינגעל" דארף לערנען: דאס אינגעל דארף זיין פרום. „דאס מאידעל" דארף

גאר נישט. אום זויפיעל איהר אונוויסענהייט גרייכט, בעווייזט דער פאקט, אז די יודישע מיידעל ווערט זעהר איבערראשט, ווען א קריסטליכע שכנה ערקלעהרט איהר די צעהן געבאט, וואס „קריסטען האבען". זי איז איבערצייגט, אז יודען ווייסען דער־פון נישט, אז גאר קריסטען „האבען דאס."

די יודישע מיידעל, בעזונדערס, ווען זי איז א שענע, ווערט זעהר אונזיניג עקספלאאטירט פון איהרע אייגענע עלטערן צו־ליב פרנסה. מען ברויכט זי אלס „שוי־פענסטער", אלס צוצי־הונג־ארטיקעל אין שענק, אין קראם. אין א ווארשא, אין די יו־דישע גאסען, האט דאס ניט קיין זעהר שעדליכע פאלגען פאר איהר מאראל, ווייל די אומגעבונג איז א יודישע. אין דער קליין שטעדטיל, איז אבער גאנץ אנדערש. דארט איז די אומגעבונג א קריסטליכע, דער מיידעלס ספערע אין דער „פרנסה" זענען יונגע שקצים, כמעט אלע דונקעלע, אונוויסענדע. די עלטערן טוט הנאה, וואס זייער טאכטער ברייננגט זיי אריין חיונה, אבער, סוף כל סוף, צאהלען זיי טייער פאר דער דאזיגער הנאה, ווען די טאכטער אנטלויפט מיט א שייגעץ און טויפט זיך איז דאס, אייגענטליך, שוין דער בעסטער פאל. אפטער נאך טרעפט, אז זי פאלט אריין ניט צו א שייגעץ נור אין א „הייזעל", אדער ווערט א „סחורה" פאר דעם האנדעל מיט לעבעדיגע נפשות. און ווירקליך איז ערגעץ דער האנדעל מיט ווייסע שקלאפען ניט אזוי ענטוויקעלט אין יודישען תחום ווי אין די פוילישע קליין־שטעד־לאך.

עס זענען דא אויך אנדערע סבות, וואס טרייבען יודישע מיידלעך אין פוילען צום שמד. א שטיף־מוטער, און בכלל שלעכטע בעהאנדלונג — דאס טרייבט די יונגע קינדער צו זוכען הילף ביי די קריסטליכע שכנים. די דאזיגע נעהמען זיך אן פאר די בעליידיגטע קינדער. אנפאנגס פון מענשליכען מיטפיהלען, דערנאך מישען זיך אריין זייטיגע פרומע כונות.

דאס זענען אלץ נעגאטיווע סבות. עס זענען אבער אויך דא, לויט די פרוי ב. האט מיר מודה געווען, פאזיטיווע סבות. די ארומיגע קריסטליכע סביבה איז קולטורעלער פאר דער יו־דישער. אין דער פוילישער קליין שטעדטעל הערשט א דיקע

פינסטערנים, און די יודישע יוגענד האט דא נאך אויסצושטעהן יעצט דעמזעלבען השכלה־קאמפף, וואס די ליטווישע יונגע לייט מיט 70־60 יאהר צוריק. ביי די פוילישע שכנים טרעפט מען אפט ענטוויקעלטע, זאגאר געבילדעטע יונגע לייט, וואס קומען צו הילף זייערע יודישע יונגע שכנים. עס ענטוויקעלט זיך א פריינדשאפט. מ'קוקט זיך צו נעהענטער צו דער אינערליכער פיהרונג ביי דעם קריסטליכען שכן. דא איז מעהר ארדנונג, מעהר רוהיגקייט, רייגליכקייט און הארציגקייט, און — מען מוז מודה זיין — ניט זעלטען מעהר תמימות און נאטירליכע, פשוט'ע עהרליכקייט, ווי אין דער היים. מען הויבט אן צו קוקען מיט קריטיזירענדע אויגען אויף דעם היימישען גראשענעם שאכער־מאכער־לעבען. קיין ברייטע וועלט־אנשויאונג גיט נאטירליך ניט די נייע קריסטליכע געזעלשאפט. אנשטאט צו זוכען און געפינען די אורזאכען פון דעם אונארמאלען היימישען לעבען, הויבען די קינדער אן צו האסען די עלטערן, וועלכע נויטיגען זיך, ווי זיי אליין, אין מיטלייד און הילף.

ד. די שמד׳קעס אין קלויסטער.

דעם ערשטען „אונטערריכט“ בעקומען די שמד׳קעס ביי
די קריסטליכע בעקאנטע און פריינד, וועלכע רופען צו הילף
דעם קסיאנדז. די „אגיטאציע“ צו גונסטען דער נייער רעליגיאן
ווערט געפיהרט אויף צווייערליי אופנים: פון איין זייט איז זי
פוטער־ווייך און האניג־זיס, און פון דער אנדערער — שלאנגען־
גיפטיג. די קריסטליכע רעליגיע ווערט פארגעשטעלט אלס אי־
דעאל פון לויטער ליעבע און זעלבסט־אפפערונג. די פריינדליכ־
קייט פון די פרעדיגער בעפעסטיגען די קאנדידאטען אויף קריס־
טען אין אט דער איבערצייגונג. צו דערזעלבער צייט ווערט פאר־
געשטעלט דאס יודענטום, אלס רעליגיאן פון ראכע און בלוט־
דורשטיגקייט, און די יודען אלס שמוציג פאלק פון ליגנער, בע־
טריגער, שאכער־מאכער און ד. גל. די מיידעל, וועלכע איז
פיינדליך געשטימט געגען איהר היימישער ספערע (א שמד׳קע
שטאמט כמעט קיינמאל ניט פון א פאמיליע, וואו די בעצי־
הונגען צווישען עלטערן און קינדער זענען צערטליכע), גלויבט
ביידע זאכען.

ווען די ערשטע פארבערייטונגס־שטופע צו הויז איז אריי־
בער, דאן פיהרט מען די מיידעל, מיט דעם קסיאנדז׳ס רע־
קאמענדאציע און ברכה, איבער אין קלויסטער. דא געהט שוין
די זאך פאר סיסטעמאטיש, נאכ׳ן קאטוילישען קירכליכען סדר
מיט אלע פישטשעוועקעס. פאר׳ן קלויסטער איז דאס איינער פון
די גרעסטע ימים טובים, ווען מען בעקומט א נייע פריש־צא־
פעלדיגע יודישע נשמה. וואס אינגער דער בעזיצער אדער די בע־
זיצערין פון אט דער נשמה איז, אלץ גרעסער דער יום טוב. דער
געשמאקסטער, הייליגסטער „ביסען“ איז א יודיש גע׳גנב׳עט
קינד. ברייגנט א קריסטין א גע׳גנב׳עט יודיש קינד אין קלויס־

טער, מאכט מען קיין שום שאלות ניט: פון וועמען, ווי אזוי און פאר וואס דאס קינד איז גע׳גנב׳עט. דער מענשען־גנב׳טע ווערען פארגעבען אלע איהרע זינד, און די מאנאשקעס מיט די קסיאנדזען ווענדען אן אלע מיטלען צו פארדעקען יעדען שפור פון דעם גע׳גנב׳עטען קינד. מען שיקט עס אום פון איין קלויס־טער אין צווייטען, און אז ס׳האלט שמאל, טראנספארטירט מען דעם „הייליגען ביסען" אזש אין רוים, צו דעם „כסא הכבוד" פון דעם סאמע פאבסט. די ערוואקסענע, וואס האבען שוין פער־זוכט די וועלט מיט איהרע זינד, האלט מען א געוויסע צייט אין זעהר א שטרענגער גייסטיגער דיעטע. זיי שטעהען אויף „מיט דעם האהן" און געהען שלאפען „מיט דער הוהן". מען הויבט זיך אויף מיט תפלות און ברכות און קניען און צלם׳ען זיך, און מען לעגט זיך מיט דיזעלבע זיבען זאכען. א גאנצען טאג מאכען זיך די ליפען ניט צו פון געוועהנליכע און ספעציעלע תפלות, אויף ארויסצוטרייבען דעם „שטן" און „אויסלייטערן" די הארץ פון יעדען יודישען ריח. א ספעציעלע תפלה איז דא געגען דער פרוי ב., וועלכע ווערט געהאלטען אין קלויסטער פאר דער שרעקליכסטער מכשפה. אלע ווילדעסטע און שרעקליכסטע באבע־מעשיות וואס אין דער פינסטערער קריסטליכער לעגענדע האט זיך אנגעקליבען וועגען יודען, ווערט דא, געזאלצען און געפעפערט, דערלאנגט פאר די „נייע נשמות". דערביי שמועסט מען איין די דונקעלע קינדער, אז יודען ווענדען אן אלערליי כשוף, אום ארויסצופיהרען די געטויפטע פון דער נייער „רייגער אמונה." אז זיי טראגען מיט זיך גיפט, וויטריאל, בעזיצען שפרא־כען פון טייוועל מיט אלע זיינע משרתים, און זוכען אויף אזא שטויגער צו שאדען זייערע גע׳שמד׳טע קינדער, מאכען זיי פאר קאליקעס. עס קומט דערצו, אז די פון פאנאטיזם אנגע־פייערטע קינדער שימפפען, שמוצען זייערע עלטערן, ווען זיי קומען — אויב דאס גיט זיך זיי איין — אין קלויסטער זעהען זיך מיט זיי. די פרוי ב., וועלכע איז זעהר גוט בעקאנט מיט דעם לעבען פון די שמד׳קעס, האט מיר דערצעהלט, אז ניט זעל־טען גיסען די „שמד׳קעס" ארוים פון די פענסטער אויף זייערע פערוואנדעטע דזשעגאכטס, סמאלע אדער גיסען זיי פשוט אב

מיט וואסער און ווארפען אויף זיי שטיינער. נאך דעם, ווי די יודען געהען ארויס פון קלויסטער ווערט אלץ גערייניגט און „גע'כשר'ט" מיט הייליגע וואסער, מיט ווייהרויך, מיט שפרו־כען, צלם'ען זיך אין תפלות עקסטרא געשאפען ארויסצוטרייבען די „ניט גוטע" און דעם כשוף, וואס די יודען האבען געלאזען.

די אונגליקליכע עלטערן געלינגט אפט מיט גרויס מאטער־ניס, צו בעקומען אן ערלויבניס זעהען זייערע קינדער אין קלויס־טער. דאן קענען די קאטוילישע אויפזעהער גאר נישט מאכען געגען דעם. דערפאר אבער פייערן זיי אן די שמד'קעס, אז אט די קרבנות ווילען אליין — אום ניט צו ווערען געקאליע־טשעט פון דעם יודישען כשוף — ניט זעהען זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער. און ווען דאס זע־העון זיך קומט יע פאר, פאסירט דאס אימער אין דער אנוועזענהייט פון די „הייליגע שוועסטער". דערביי ווענ־דען די לעצטע אן פערשידענע מיטלען, אז דער יודישער „כשוף" זאל ניט ווירקען. די עלטעסטע „שוועסטער" האלט די גאנצע צייט פון געשפרעך מיט די היימישע איהר האנד אויף דער מיידעלס קאפ, גלעט איהר די האהר, בויגט אן דער „שמד'קעס" קאפ צו איהר ברוסט און שעפטשעט דערביי „היי־ליגע שפרוכען", אז די „טומאה" און דער „כשוף" זאלען אויף דער מיידעל קיין שליטה ניט האבען.

דעם טאג פערברייגגען די מיידלעך אויף דעם זעלבען שטויגער, ווי די מנישקעס אליין: אין פרומקייט, אין ארבייטען. די מיידלעך, וואס בלייבען דארט א לענגערע צייט, לערנט מען ווירטשאפטליכע פרויען־ארבייט: נייהען, שטריקען, האפטען, קאכען, וואשען. „הלואי זאל מען דאס לערנען אונזערע יודישע מיידלאך אין דער היים, וואס מען לערנט זיי אין קלויסטער אין דער הינזיכט פון ווירטשאפט". — האט מיר געזאגט די פרוי ב. — מען לערנט זיי האלטען זיך ריינליך; מען געוואוינט זיי אב פון שילטען זיך, שימפפען, ליגען זאגען; מען לערנט זיי אויך לעזען און שרייבען פויליש.

מען דארף ניט דענקען, אז די האלטונג פון די מינישקעס צו יודען שטאמט פון זיטליכער פערדארבענהייט. די מנישקעס

זענען אפט אין מאראלישער הינזיכט הויך אידעאלע פרויען. אבער די איינזייטיגע ענטוויקלונג, דער טיפער אבערגלויבען פונ'ם קאטאליציזם, די אונבעקאנטשאפט מיט די גוטע זייטען פון דעם יודישען לעבען און דער יודישער קולטור, די איינגע־שלאסענקייט בכלל פון זייער לעבען און דערצו די טויזענד־יעה־ריגע טראדיציעס פון דעם קאטוילישען קלויסטער — דאס אלעס פליסט אין זיי איין, נאך מיט דער מוטער'ס מילך, די פערביסענקייט און גיפטיגקייט צו יודען. מען דארף אויך צוגע־בען אז פון יודען אליין, אין די קליינע פאנאטישע שטערטלאך ווערט ניט זעלטען בעגאנגען גרויזאמקייט געגען די קינדער, ווען זיי טרעטען אריבער דעם גרענעץ, וואס איז זיי געשטעלט פון די עלטערן: צו דיענען בלויז אלס צוציה־געגענשטאנד אין שענק אדער אין קראם, פאר די שטעדטעלדיגע און דארפישע גוים און שקצים. די יונגע קינדער מיט א לעבעדיג־מענשליך הארץ געהען ווייטער: זיי שליסען בעקאנטשאפט און פריינדשאפט מיט די קריסטליכע קונדען און שכנים. דאס קומט פאר בעזונדערס, ווען די היימישע ספערע איז צו ענג, צו דושנע, און דאס איז כמעט אימער דער פאל. די פאנאטישע, פינסטערע עלטערן פערשטעהען ניט, אז זיי אליין שאפען א באדען פאר דער קינפ־טיגער פאמיליען־דראמע, און שלאגען די קינדער פאר חבר'ן זיך מיט קריסטען.

ה. מאַישעלע, געה נישט — דאָ איז בעסער.

פון זייער פּראקטיק האָבען מיר ה׳ פּ. און פּרוי ב. מיטגע־טיילט א סך אינטערעסאנטע פאקטען, פון וועלכע איך ברייננ דאָ אייניגע, די מעהר כאראקטעריסטישע.

היינטיגען ערב יום כפור — דערצעהלט ה׳ פּ. — קומט צו מיר א יודענע אָנזאָגען, אז ביי זיי אין הויף האָט מען ארעס־טירט פאר א סטרייק און באַמבעס האלטען א מאן מיט א פרוי. אין שטוב זענען בלויז געבליבען צוויי קינדער — קליינע אינג־לאך. קיינער האָט זיי ניט צוגענומען, האָט זיך דערבארעמט די פּאָליציי אליין און ביידע אינגלאך ארייננעבראכט אין רוסישען „קינדער־פּריוט“ (קינדער־אזיליום).

בשעת די קינדער זענען געבליעבען פערלאָזען, לעבעדיגע יתומים, האָט עם קיינעם פון די שכנים, אויסער דער פּאָליציי ניט געקימערט. נאָר ווען זיי האָבען געזעהן, אז די קינדער עסען ניט כשר׳ם און — נאָך ערגער — מען וועט זיי דאָרט אָב־שמד׳ען האָט עס אימיצען פעראינטערעסירט און מען איז געלאָ־פען ראטעווען די יודישע נשמות.

„מיך וואָלט ניט ארען“ — ערקלערט מיר ה׳ פּ. — ווען זיי זאָלען זיין דערוואקסענע און געהן מיט׳ן גוטען ווילען. איך בין ניט גאָט׳ם סטראפּטשע. אבער קליינע קינדער, פון 5—6 יאָהר — דאָ האָב איך געפונען פאר נויטיג זיך ארייננצומישען.

— קומט אהיים, — רוף איך זיך אָב צו די קינדער קו־מענדיג אין אזיליום.

— איך האָב ניט קיין היים, האָט געענטפערט דער עלטע־רער יונגעלע. איך וויל צום טאַטען, צו דער מאמען... כ׳וויל צום טאַטעשי, צו מאמעשי, וויל איך... האָט זיך צוואויינט דער קלע־נערער.

פעז האט די קינדער ערקלערט, אז טאטעשי און מאמעשי זיצען אין טורמע און צו זיי קען מען ניט געהן. מען וועט זיי ברייגגען אין א שטוב צו יודען, וואו מען וועט זיי געבען עסען און טרינקען. דער קלענערער האט געוואלט געהן. נור דער גרע־סערער האט די אנגעקומענע בעלי רחמנות אנגעקוקט מיט מיס־טרויען און אבגעהאלטען דעם קלענערן:

— געה ניט, מאישעלע, געה ניט מיט זיי... דא איז בע־סער...

ו. שלום געמאכט.

— איינעם — דערצעהלט מיר ה' פ. — האב איך געשיקט אהיים צוריק און געראטען איהם שלום מאכען מיט זיין געטויפ־טער טאכטער. וואס האב איך געקענט טאן, ווען איך האב גע־וואוסט, אז זיין טאכטער האט אייגענטליך געטאן א גוטען שדוך און לעבט גליקליך און צופרידען מיט איהר קריסטליכען מאן?

דער יוד — דער טאטע פון דער „שמד'קע" — איז אן ארי־מער שמיעד, וואוינט ערגעץ אין א דארף, ניט ווייט פון ווארשא. די געשיכטע איז א קורצע. אין זיין טאכטער האט זיך איינ־געליבט אן אגראנאם, א יונגער, א פיינער קריסט, וואס האט א שטעלע ביי דעם פריץ פון הויף און בעקומט א גוטען געהאלט.

דער פאטער האט איינגעלעגט וועלטען, איז ביי מיר פון שטוב ניט ארוים; האט געוויינט, געקלאגט: איך זאל ראטעווען זיין טאכטער...

זיין טאכטער האט אבער שוין חתונה געהאט מיט איהר קריסטליכען חתן אין קלויסטער און האט זיך גאנץ רוהיג בע־זעצט ביים פריץ אין הויף, ניט ווייט פון איהר טאטענס קוזניע, און לעבט גליקליך מיט איהר מאן. איך האב געזאגט דעם פא־טער, אז דא איז גאר נישט צו טאן, ער זאל געהן און ווערען שלום מיט דער טאכטער. ער איז אוועק און איז מעהר ניט גע־קומען.

די מעשה איז געשעהן מיט א פאר יאהר צוריק. דא ניט לאנג האב איך געהאט א גערוס, דערצעהלט ה' פ., אז צווישען טאטע און טאכטער איז געווארען ווירקליך א „גוט פריינד". זיי געהען איינע צו די אנדערע. דער איידעם איז א גוטער מענש און איז פריינדליך צו זיין יודישען שווער. די טאכטער שטיצט דעם פאטער, און די ברידער און שוועסטער זענען נא־הענט איינע צו די אנדערע ווי גאר גיט געווען.

ז. גע׳שמד׳ט זיך, אום ניט געשאָסן צו ווערן.

צו מיר איז ניט לאַנג, אַט דאָ פאַר סכות, געקומען אַ יונגער מענש, — דערצעהלט מיר ה׳ פ. — און זאָגט: ער איז אַ גע־טויפטער און וויל ווערען צוריק אַ יוד. דערביי האָט ער מיר דערצעהלט זעהר אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געקומען צו טויפען זיך.

ער איז געווען אַ סאָלדאַט, און האָט געדינט אין סעוואַס־טאָפּאָל. דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָהר פאַר דעם רוסיש־יאַפּאַ־נישען קריעג. דינען האָט זיך איהם ניט געגלוסט, און ער האָט געמאַכט אַ „ויברח“ אין אַדעס.

אין אדעס האָט מען איהם געפּאַקט און געבראַכט אין סעוואַסטאָפּאָל. מען האָט איהם פער׳משפּט צו דיסציפּלינאַר־נעם באַטאַליאָן. דאָרט האָט זיך איין אָפיציר איבער איהם שטאַרק איזדיעקעוועט. דער יודישער סאָלדאַט האָט איהם דער־שאָסען און איז נאָך אמאָל פּעראורטיילט געוואָרען דורכ׳ן קריגס־געריכט. דאָס מאָל צום טויט, דורך שיסען. דער פער־משפט׳ער האָט נאַטירליך קיין שום האָפנונג ניט געהאַט אויף רעטונג. ער האָט געפּרובירט דעם לעצטען מיטעל: געשיקט אַ ביטע צום קיסר אום בעגנאַדיגונג און צוגעזאָגט אין דער טע־לעגראַמע, אַז ער וועט ווערען אַ קריסט. דאָס האָט געווירקט. דער טויט איז איהם פערביטען געוואָרען אויף צעהן יאָהר קאַ־טאָרגע, אין סאַכאַלין.

דאָ איז אָנגעקומען די מלחמה. אַ גרופּע קאַטאָרזשניקעס האָבען פערלאַנגט צו געהן אין קריג, אַלס סאָלדאַטען. דאַרונטער איז אויך געווען דער יוד. מען האָט זיי אָנגענומען. זיי האָבען אָבגעדינט אכט מאָנאַטען, און עס איז געשלאָסען געוואָרען פרידען. יעדער מאָנאַט איז זיי פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַ יאָהר: דער יוד איז אין קריג פערוואונדעט געוואָרען און מען האָט איהם בעפרייט — אין גאַנצען. דאַן איז ער געקומען אין דער וואַרשעווער יודישער גמינע און געבעטען מען זאָל איהם צונעהמען צוריק פאַר אַ יודען. מען האָט זיין וואונש ערפילט.

ח. ניט גוט אויסגעפיהרט.

ניט אלע „שמד'קעס" פיהרען גוט אויס. דער נייער גאָט, ווי דער נייער גאָט — מיט איהם קומט מען ווי עס איז דורך. אָבער דער קריסטליכער מאן ווייזט זיך ניט אלע מאָל ארויס אזוי פיין, ווי ער האָט געשיינט אין דער צייט פון פערליבענים.

נאָך דער חתונה ווערט ער אָפט גאָר אן אנדערער: שכורט, הוליעט, ווארפט אויף דער שמד'קע איהר „זשידאָווסקען" יחוס און גאָר ניט זעלטען גיט ער קלעפּ אויך. קלאָגען זיך איז ניטאָ פאר ועמען. זי איז פון אלעמען פערלאָזען און פערהאסט, אמאָל נאָך פון אייגענע קינדער. די לאגע פון אזעלכע פרויען איז זעהר טראגיש. אָט איז א קורצע געשיכטע פון איינער פון זיי, דאָס איז אייגענטליך אן אָפּפער פון פינסטערנים, ניט פון ליעבע.

די דאָזיגע „שמד'קע" האָט זיך געטויפט בלויז דערפאר, וויל אין איהר היימישער ספערע איז געווען זעהר פינסטער און איהר גייסט האָט געשטרעבט צו ליכט, צו בילדונג. קריסט־ליכע שכנים האָבען איהר דארין געהאָלפען; די פאמיליע האָט איהר דערפאר פערפאָלגט. מען האָט איהר געטריבען צום „שמד": די קריסטליכע גוטע פריינד האָבען פאר איהר געקראָ־גען א חתן, וועלכער האָט געהאט פריהער א געליבטע. מען האָט איהר איינגערעדט, אז דאָס איז ניט קיין בייז. „א סך קריס־טען האָבען „קאָכאנקעס", ביי אונז איז אזא מאָדע". א קורצע צייט נאָך דער חתונה האָט איהר דער מאן געוואָרפען. דאן איז זי אוועק צו דער פרוי ב. מען האָט איהר צוגענומען אין אן אזי־ליום פון „געפאלענע"־בעלי תשובה'טעס. נאָר די פרוי איז גע־ווען אן ענטוויקעלטע, אן איידעלע, מיט בילדונג, און האָט ניט געקענט לעבען אין דעם קרייז פון די „געוועזענע מענשען." זי איז פון דאָרטען אוועק און לעבט נע ונד.

אסתר'קע פון דער טוואָרדע גאַס.

בעקאַנט בין איך געוואָרען מיט אסתר'קע גאַנץ צו־פעליג. איך האָב געוואוינט אויבען, צום הויף און זי האָט געהאַלטען אונטען, צו דער גאַס א וועשעריי.

בעקאַנט ווערען מיט אסתר'קען איז געווען ניט שווער. ביי אסתר'קען אין וועשעריי האָט מען זיך געפיהלט היימיש. איהרע קונדען זענען אָפט געוואָרען איהרע פריינד. ווי אזוי דאָס איז געוואָרען, האָט ניט דער קונד, ניט אסתר'קע געקאַנט ער־קלערען.

בחורים, אַז זיי קומען אריין צו איהר אין וועשעריי, האַל־טען זיי זיך אנשטענדיגער, ווי אין אַנ'אַנדער פּלאַץ; מיידלעך ווערען איהרע חבר'טעס; ווייבלעך דערצעהלען פאר איהר אויס דאָס הארץ — אסתר'קע איז ביי אַלעמען אַנ'אייגענער מענש.

זי רעדט ניט קיין איבעריגס און איז בכלל א קלוג מיידעל, כאָר זי קאָן זיך ניט ברעקלען. זי האָט א צאַפּעלדיגע נשמה, ווי אַלע פּויליש־יודישע מיידלעך און נאָך מעהר פון אַלע יודיש־פּוילישע מיידלעך. און ווייל זי האָט ליעב מענשען, האָבען מענ־שען זי ליעב.

אסתר'קע איז איינס פון די טיפּיש־יודישע מיידלעך און איהר פאַמיליע איינע פון די סאַמע אָריגינעלע יודישע פאַמי־ליעס אין ליטאַ און אין פּוילען. אין ליטאַ געפינט איהר גאַנץ אָפט אַז אָרימע בעל־הבת'ישע און אפילו איינפאַכע ארבייטער־פאַמיליע, וואו דאָס גאַנצע געזינד איז מוזיקאַליש. די פּוילישע,

איבערהויפּט די וואַרשעווער יודען, זענען נאָך מעהר מוזיקאַליש, ווי די ליטווישע. איך האָב אויף די נאַלעווקעס אין הויז פון אַן אָרימען חסיד אַן אַלטען מאַן, געפונען צוויי פידלען. אויף מיין פראַגע: ווער שפּיעלט ביי איהם? (ווארום זיין גאַנצע פאַמיליע איז בעשטאַנען פון איהם, זיין פרוי און אַ קליין יונגעל) — האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויף איינער שפּיעלט ער אַליין, צייטענווייז, ביינאַכט, ווען ער קומט אַריין פון קראָם (ער איז אַ קרעמער). און אויף דער צווייטער לערנט ער דעם מוזיניק שפּיעלען.

אָט אַזאַ פאַמיליע איז אסתר'קעס פון טוואַרדע גאַס: איך בין ביי זיי געוועזען אין הויז. חאָטש זיי זענען אָרימע מענשען, איז דאָך ביי זיי צוגעקליבען, ריין און פערפּוצט אין הויז. מיט אַ פּיאַנאָ אין אַ ווינקעל און אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען אויף די ווענד.

אסתר'קע האָט פיער ברידער און אַלע זענען אַרטיסטען. און אסתר'קע אַליין האָט אויך ליעב מוזיק און שפּיעלט ניט שלעכט פּיאַנאָ, האָט אויך גרויס לוסט צו בילדונג. נאָר ניט דאָס און ניט יענעס האָט זי געהאַט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען און דאָ הויבט זיך אָן אסתר'קעס דראַמע.

איהר מאַמע איז שוין יאָהרען-לאַנג פּאַראַליזירט. זי קאָן נאָך אומגעהן, אָבער קוים, קוים וואָס זי שלעפּט די פיס, און מען מוז איהר העלפען. דער לשון איז ביי איהר כמעט אָבגענומען. קוים וואָס זי שטאַמעלט עטליכע ווערטער. איהר לאַגע איז נאָך טראַגישער דערמיט, וואָס זי הערט און פערשטעהט אַלץ זעהר גוט.

אסתר'קע דאַרף ניט בלויז זיין אין דער וועשעריי, וואו מען אַרבייט, און אין קראָם אַנצונעהמען און אַרויסגעבען די וועש. זי דאַרף אויך זיין אין שטוב, אַכטונג געבען אויף די איבעריגע צוויי פּיליעס, וואָס זיי האָבען אויף אַנדערע גאַסען, וואו עס זיצען געדונגענע מיידלעך.

ווי איהר זעהט, איז די פאַבריק אַ גרויסע, נאָר די גאַנצע פאַבריק טראָגט ניט איין אַ קאָפּיקע. פערקעהרט, מען ווערט נאָך פון איהר בדלות. ווען ניט אסתר'קעס ברידער, וואָס גיבען

אויף דער הוצאה, וואלט דאס גאנצע געזינד געשטארבען פאר הונגער.

און דערין איז שולדיג אסתר'קעס טאטע.

— איך קאן איהם גארנישט פערשטעהן — קלאגט זיך מיר אסתר'קע אויפ'ן טאטען, — וואס ער איז פאר א מענש? א משוגעת האט ער, ניט אנדערש.

אוןווירקליך איז ער, אסתר'קעס טאטע, א משונה'דיגער מענש. א טיפ, וואס קומט אייך פאר ניט אפט צו בעגעגענען אין ווארשויער געטא.

דאס איז א יוד א „חסיד", מיט א בייזען פנים, די אויגען קוקען שטענדיג אין דער ערד. זיין גאנצער קערפער איז ווי פון קוועק־זילבער. ער רוהט ניט א מינוט, האלט אין איין האווען. אין דער ליטא רופט מען אזא מענשען „שמעיה — איך האווע".

זיין קאפ איז פול מיט פלענער און די פיס האלטען איין אין לויפען. אבער קיין פלאן אויף אויסצופיהרען די פלענער האט ער ניט. ער האט אין זיך גרויסע קאפיטאליסטישע שטרע־בונגען: עפעס פיהרען גרויסע געשעפטען, האלטען מענשען, עס זאל זיך רודלען און קאכען!

אנדערע מיט אזא ענערגיע און מיט קאפיטאלען עפענען פאבריקען, בעשעפטיגען און עקספלאאטירען הונדערטער, טוי־זענדער מענשען. ער האט מעהר ניט ווי דאס פערדיענסט פון די זיהן און דעם כח פון זיין טאכטער, און אט די ביידע עקס־פלואטירט ער. אסתר'קע און איהרע ברידער זענען שטילע, ארענט־ליכע קינדער. זיי קאנען ניט אנטרעטען דעם טאטען און מיידען־אוים הויזליכע סצענעס, צוליעב דער קראנקער מאמען. די ברי־דער האבען ניט איין מאל געוואלט אסתר'ען לאזען לערנען אין א שול, דינגען איהר א לעהרערין אויף פיאנא, לאזען איהר זיך ענטוויקלען און בילדען. אבער ער, דער טאטע, וויל ניט הערען. ער נעהמט ביי זיי צו די לעצטע קאפיקע, פטר'ט אין זיינע הורט־וועשעריי־געשעפטען (קיין וויכטיגערע ביזנעס איז זיין צודרעהטער קאפ ניט פעהיג אויפצוטאן), האלט די טאכטער פון די סאמע קינדער־יאהרען פערשקלאפט ארום די פעק מיט ברוד־נע וועש און לאזט איהר ניט א מינוט צייט אבצועטעמען זיך.

„אפילו שבת צי יום־טוב ארויסצוגעהן אמאָל שפּאַצירען אין די „לאַזענקעס“ אָדער אין „אויאַזדאָווסקע אַלעע“, גלייך מיט אַלע מיינע חבר׳טעם — קלאָגט זיך מיר אסתר׳קע — איז ניטאָ קיין צייט“.

א חוץ דעם, איז אין שטוב פון איהם דאָס לעבען פעראָר־מערט. רק ער עסט אַלעמען, ווי א וואָרים.

איך האָב אסתר׳קען אַנ׳עצה געגעבען, אז אזוי ווי אויף איהר אַליין האַלט זיך די גאַנצע אונטערנעהמונג, זאָל זי זיך אויפריידען מיט די ברידער, נעהמען עמיצען אין הויז, אכטונג צו געבען אויף דער מאַמען, און אַליין מאַכען ערגיץ פליטה אויף אייניגע וואָכען. דאַן וועט דאָס געשעפט מוזען פּלאַצען און דער טאַטע וועט מוזען נאָכגעבען. אבער אסתר׳קע האָט געזאָגט, אז זי קאָן אַזאַ זאַך ניט טאָן. ער וועט פערשטערען אַלעמען דאָס לעבען, און — א רחמנות אויף דער מאַמען. זי מוז שוין אזוי אבפוילען איהר לעבען.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך אסתר׳קען פערלאָזען. אז איך האָב אין א יאָהר אַרום וויעדער בעזוכט וואַרשוי, האָב איך, צווי־שען אַנדערע בעקאַנטע, אויך בעזוכט אסתר׳קען אין דער וועשע־ריי. א קוק טאָנדיג אויף איהר, בין איך געוואָרען איבערראַשט. אסתר׳קע האָט געשיינט. פריהער איז זי געוועזען בלאַס און מאָ־גער. איצט זענען די בעקלעך געוועזען פול און רויט און די שענע, קלוגע סאַרע אויגלעך האָבען לעבעדיג געשטראַהלט.

אסתר׳קע האָט מיך בעגעגענט, ווי אַן אַלטען גוטען פריינד. איך האָב גלייך, נאָכ׳ן ערשטען קבלת־פּנים, זיך ניט איינגע־האַלטען און געפרעגט :

— וואָס שיינט איהר אזוי ?

— אוי, איהר ווייסט נישט ? — מאַכט זי אזוי ווי מיר וואָלטען ערשט נעכטען זיך געשיידט, — מיין טאַטע איז פער־פאַלען געוואָרען...

— וואָס רעדט איהר ? ווי אזוי ? שוין לאַנג ? און איהר ווייסט גאָר ניט, וואו ער איז ? איהר זוכט איהם ניט ?

— מיר ווייסען ניט, שוין דריי וואָכען... זוכען איהם ?... הלואי זאָל ער א יאָהר ניט קומען. איך רוה איצט אָב. אַלע רוהען

מיר אַב. און באַלד וועט נעהמען אַ סוף צו די וועשעריי־געשעפּטען אויך. מיר פּערקויפען עס. איך וועל מאַכען עפּעס אַ קראַם און מיר וועלען לעבען רוהיג מיט דער מאַמען און מיט די ברידער. הלואי זאָל ער נאָר ניט אַנקומען אין מיטען...

אסתר׳קע איז איצט אַלט 18 יאָהר. די האַרעוואַניע אַרום די פּעק מיט שוואַרצע וועש פון קינדווייז אויף, דער שטענדיגער גהינום אין שטוב פונ׳ם טאַטען, דער מאַמעס קרענק — דאָס אַלץ האָט אין איהר אונטערדריקט די אַמאָליגע שטרעבונגען צו לערנען זיך און צו מוזיק, האָט פון איהר אויסגעזויגען איהר געבוירענע מונטערקייט און לוסטיגקייט און פריה פערצויגען איהר שענעם, רונדען שטערן מיט אַ נעבעל פון זאָרג.

— איצט — זאָגט זי — איז שוין צו־שפּעט צו לערנען זיך; מען דאַרף געהן אין שפּאַן: ווייטער פערדיענען אויף דער הוצאה, מאַכען אַ לעבען פאַר זיך מיט דער מאַמען. פערנעהמען ביי די ברידער וויל זי ניט. זי איז צו־שטאָלץ און האָט מורא צו פערליערען איהר זעלבשטענדיגקייט און ראָלע פון אַ רעספּעקטירטער בעל־הבית׳טע אין הויז.

בײַ די פּױלישע רביאים.

ביין גערער רבי'ן אין א וויזיט.

דער גערער רבי ווערט גערעכענט איצט פאר דעם גרעסטען צווישען די חסידישע רבי'אים אין רוסלאנד. גער איז דער „מעקא“ פון הונדערטער טויזענדער חסידים ניט בלויז פון פוילען, נאר אויך פון ליטא. דאס שטעדטעל געפינט זיך א עטליכע־און־פופציג ווערסט פון ווארשא. די רייזע אהין פון ווארשא מיט דער „קאלייקא“ — א שמאל־רעלסיגע אייזענבאהן — דויערט ניט מעהר ווי א פאר שטונדען. ביי מיר איז שוין לאנג געווען א פערלאנג צו בעזוכען אט דעם גרעסטען נעסט פון דעם פוילישען חסידיזם.

איניגע בעקאנטע, וועמען איך האב פערטרויט דעם פלאן פון א נסיעה, האבען מיר שטארק מקנא געווען: זיי האבען מיך אבער געווארענט, אז איך וועל פון גער ניט ארויס מיט גאנצע ביינער. א ראיה האט מען מיר געגעבען פון פרץ'ן מיט אש'ען, וועלכע זענען געקומען אין גער מיט א וויזיט און ווי בייזע ציינגער ריידען, זענען זיי ניט ארויס טרוקען...

איך האב מיך פערלאזען אויף „קדוש השם“ און בין געפאהרען.

נאטירליך האב איך אנגענומען געוויסע פארזיכטיגקייטס־מיטלען. די פעלערינע האב איך אויסגעטאן און אנגעטאן א געליהענעם מאנטעל, אן אלטען, א לאנגען, א ברייטען. אויפ'ן קאפ האב איך געהאט אן אלטען קאפעליוש. ס'פערשטעהט זיך, אז דעם „דא־אטש“, דעם „ליטוואק“ האב איך ניט געקענט

אויסטאַן איינגאַנצען: די באָרד לאָזען אַבוואַקסען איז קיין צייט ניט געווען. אַלענפאַלס האָב איך מיך געמיהט צו געבען מיין פּנים אַ צורה פון אַ „דאַ־אַטש" אַ „בעל תשובה" און „על כל צרה שלא תבוא" האָב איך געהאַט אַנגעגרייט אַ קוויטעל פון אַ בעקאַנטער ווייבעל, אַ פּאַראַליזירטע, וועלכע, דערווייסענדיג זיך, אַז איך פאָהר צום רבי'ן, האָט געבעטען איהר איינגעל'ס מלמד אַנשרייבען דאָס קוויטעל און איבערגעבען מיר, אַז איך זאָל עס איבערגעבען דעם צדיק, אַז דער צדיק זאָל פאַר איהר מתפלל זיין.

אַנגורטענדיג זיך מיט אַט די אַלע „געוועהר" האָב איך אין אַ שעהנעם ערב שבת זיך געלאָזען מיט דער „קאַלייקע" פון וואַרשאַ קיין גער.

צוליב געוויסע סבות האָב איך דעמזועלבען אָבענד ניט גע־קענט נתגלה ווערען אין גער. איך האָב זיך געלאָזען אין רבי'ס בית המדרש אריין ערשט אויף מאָרגען, שבת פריה. עס איז געווען אַרום עלף אַ זייגער. דאָס שטעדטעל איז געווען אַנגעטאָן אין אַ פייערדיגע רוהיגקייט. די הויפּט־גאַס איז אַ ברייטע. אומעטום, אפילו אין די זייטיגע געסלעך, איז ברוקירט מיט שטיינער. הילצערנע הייזער זעהר ווינציג, דאָס רוב מויערן. אַ סימן אַז די בעפעלקערונג איז ניט אָרעם. ווי בעוואוסט איז מען אָם וועניגסטען קאַטויליש אין דער רעזידענץ פון'ם פאַבסט. און די גערער חסידים גופא האָבען אויף מיר געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי האַלבע מתנגדים. איך האָב זאָגאר בעגעגענט דאָ אין גאַס געהענדיג שפּאַצירען — און דאָס איז געווען אין מיטען דאַווענען — עטליכע בחורים, אפילו מיט קליינינקע חסידישע מיצלעך און פּיצעניצקע ברילקלעך, אָבער אין „שוואַרצע העמדלעך"...

עטליכע חסידים זענען געגאַנגען ערשט אין שוהל מיט די טליתים אונטער די אָרעמס. ווייבער און מיידלעך זענען געזעס־סען ביי די איינגאַנגס, אויף די טרעפּלעך, ערטערווייז אויף די פריזבעס, און געמיטליך געשמועסט.

שילדען איבער די טירען האָבען זיך געזעהן ווינציג. נאָך זעלטענער שילדען פון בעלי מלאכות. דאָס רוב לעבט מען דאָ

ארום די אנגעפאהרענע חסידים. מ'האלט אכסניות, קיכען. „ארום א פעטען טאפ שמירט מען זיך איין" — און ארום רבי'ן מיט זיינע חסידים, וואס קומען אהער פון „ארבע פנות עולם" לעקען אויך די גערער אב א ביינדעל.

און נים בלויז די יודען, אפילו די קריסטען לעבען דא פון די חסידים, אהן וועלכע די קאלייקע וואלט אפילו נים קאנען עקזיסטירען. און עס איז טאקע געווען א מעשה מיט אייניגע יאהר צוריק — מ'האט נאר וואס געהאט אויסגעבויט די קא־לייקע — ווען די קאמפאניע האט געוואלט באנקראטירען, מחמת דער רבי האט געהייסען באיקאטירען די קאלייקע, ווייל זי האט אבגענומען ביי יודישע בעלי עגלות פרנסה. דאן איז מען גע־פאלען אויף א המצאה: מ'האט צוגענומען דעם רבי'ן פאר אן אקציאנער אין דער קאמפאניע: דער באיקאט איז אראב, און די קאלייקע מאכט גוטע געשעפטען.

בכלל האב איך ערגעץ נים געזעהן, אז יודען זאלען זיך פיהלען אזוי פריי און שטאלץ ווי דא. אלץ נעהרט זיך דא ארום רבי'ן און פונ'ם רבי'ן: אפילו די פאליציי, פון די נידריגע ביז די הויכע. טאמער פיהרט זיך אימיצער פון זיי אויף נים ווי מען דארף, שיקט דער רבי רופען דעם איספראווניק און עס ווערט רעכט.

דעם רבי'ס „בית המדרש" איז אנקעגען דעם שטעדטעל־דיגען בית המדרש, אינעווייניג, ביי'ן רבי'ן אין הויף. דער „בית המדרש" גרענעצט זיך מיט'ן רבי'ס וואוינונג, פון וועלכע עס פיהרט א שמאלע טירעלע גלייך אין שוהל. דורך דער דאזיגער טירעלע קומט דער רבי אריין דאווענען.

דער בית המדרש איז א נייער, אויסגעמויערט מיט א יאהר פינף, זעקס צוריק: נאר אינעווייניג איז אלעס שמוציג, אבגע־לאזען און צעווארפען. אויף דער פאדלאגע, וואס שיינט צו זיין פון א האלב יאהר נים געקעהרט, זענען געלעגען אנגעווארפען רעסטען פון אויסגערויכערטע פאפיראסען. איןביידע עקען „בית המדרש" זענען אראבגעהאנגען פון באלקען זעהר אלטע, פערשטויבטע צעבראכענע הענגלייכטער און א פאר פעררוי־כערטע, זעהר ארימע לאמפען. ווי איהר טרעפט נאר אזעלכע

אין די ארימסטע מנינים. דער „ארון קודש" און די בימה זענען זעהר איינפאכע. אין איין ווינקעל רעכטס, נעבען דעם רביז'ס טירעלע שטעהט א לאנגער זעהר אלטער טיש מיט צוויי בענק, פון ביידע זייטען, אויף אזוינע „זקנים" ווי דער טיש אליין. דא ביי'ן טיש זאגט דער רבי תורה ביז מנחה למעריב; דא עסט ער ווארעמס און „שלוש סעודות". צו ווארעמס און שלוש סעודות ווערען געלאדען די געהויבענע געסט: רבנים, אנדערע רביים און חסידים־גבירים. ביי'ן עסען זינגט מען „זמירות" און דער רבי זאגט תורה.

נאטירליך, ווילט זיך יעדען חסיד זיין נעהענטער צום טיש, און ביי'ן עסען איז אזא שטופעניש און ענגשאפט, אז מען דארף האבען בעזונדערע קרעפטען און ענערגיע אום צו בעקומען אן ארט און האלטען זיך אויף דעם ארט.

די וואס פערכאפען אן ארט מוזען שטעהן, ווייל די בענק אויף צו זיצען זענען בלויז פאר די „יחידי סגולה", פאר די „פני", די ספעציעל געלאדענע צום טיש. די פלעצער פאר די צוהערער און צושויער זענען הינטער די בענק. נאר הינטער דער באנק, וואס צום וואנד, נעבען פענסטער, איז געלונגען אריינצושפארען עפעס א שטיקעל בענקיל. אויף אט דעם בענקיל איז אבער אונמעגליך צו זיצען. שטעהען דערויף איז אבער נאך פיעל שווערער, ווייל די שטופענעס איז דא אזוי מורא'דיג אז קיינער קאן זיך ניט איינהאלטען אויף זיין פלאץ.

העכער איז דא א פענסטער, און ארויפכאפען זיך אויפ'ן פענסטער וואלטען געווען א סך בעלנים — דאס האט טאקי דעם רבי'ס אדמיניסטראציע פאראויסגעזעהן און מען האט אין פענסטער־ברעטעל אנגעשלאגען טשוועקעס, אום מען זאל ניט קענען דערויף זיצען. אט די טשוועקעס זענען אבער א טובה פאר די חסידים, וואס וועלען זיך האלטען אויף זייער פאזיציע, אויפ'ן קליינעם, שמאלען בענקעל. שטעהענדיג אויפ'ן בענקעל פערוואדפט מען דעם לאנגען גארטעל אויף די טשוועקעס, וואס זענען אנגעשלאגען אויבען אין פענסטער־ברעטעל און מען האלט זיך אן ביידע עקען גארטעל. דאן קאן מען נאר זיך וויע־גען, קריגען געשטויסען, געשטופט, געקוועטשט, אבער דעם

ארט קאָן מען שוין ניט פערלירען, אזוי לאנג מען האלט זיך פאר'ן גארטעל.

אט דער פּלאץ נעבען פענסטער, אויפ'ן שמאָלען ביינקעל, הארט ביי דער וואנד, איז דער געהויבענסטער מקום. פונדא־נען איז מען זוכה אריינצוקוקען אי אין די פּנים'ער פונ'ם רבי'ן מיט די חשוב'ע געסט, אי אין די שיסלען אויפ'ן טיש, אי מען קען הערען די תורה און גוט אונטערהאלטען די זמירות. דעריבער איז אויף דעם בענקעל פאראן זעהר א סך בעלנים. ערטער איז דאָ אבער מעהר ניטאָ ווי א זיבען, אכט. מוז מען נעהמען די ערטער מיט שטורם.

ניט אלע ווערען דאָ אויך צוגעלאָזען. בחורים — פאר קיין פאל ניט. ווארום א בחור, ער מעג זיין דער פרימסטער, דער גרעסטער עלוי, קען אמאָל האָבען „שלעכטע מחשבות" און דע־רום טאָר ער נישט שטעהן אזוי נאָהענט צום רבי'ן. דער געהויי־בענער בענקעל ווערט אלזאָ כמעט אימער א מאָנאָפּאָל פון עט־ליכע „וואוילע" באלעבעסלאך פון געהויבענע חסידישע פא־מיליעס.

אום צו פערכאפּען דאָ א פּלאץ מוז מען אויפשטעהן פינף אזייגער פאר טאָג. ווער עס כאפּט זיך ארויף פריהער אויפ'ן בענקעל און פערוואַרפט זיין גארטעל אויף איינעם פון די טשעוועקעס, וואָס זענען אָנגעשטאָכען אויבען אין פענסטער־ברעטיל, יענער בלייבט שוין. אבער דערמיט איז אייגענטליך נאָך ניט געענדיגט. האלטען זיך אויפ'ן פּלאץ איז נאָר מעגליך, ווען מען האלט זיך שטייף פאר'ן גארטעל. פון פינף אין דער פריה ביז זעקס אין אָווענד — ווען עס ענדיגט זיך שלוש סעודות — מוז מען שטעהן פעסט, האלטענדיג זיך פאר'ן גארטעל. די גאנ־צע דרייצעהן שעה האלט מען אין איין שטופּען זיך און שטויסען זיך, איינער דעם אנדערן. דאָס איז א ווילדער ברוינענדער ים, וואו עס לויפען אָהן און אויפהער א כוואליע אויף א כוואליע. פערלירט ווער אויף און אויגענבליק דאָס גלייכגעוויכט, לאָזט אָב אביסעל דעם גארטעל — איז קאפּוט! ער ווערט מאָמענטאל ארויסגעשטויסען ווי א באָמבע, און אן אנדער פערנעהמט שוין זיין פּלאץ. עס העלפט נישט קיין שום טענות און קלאָגען. דאָ

הערשט אין זיין גאנצער אבסאלוטהייט און רויהעסטער גרויס־זאמקייט דאס געזעץ: „כל דאלים גבר" — ווער עס איז שטאר־קער, יענער זיעגט. ווען איהר זאלט צוגעבען דערצו, אז די גאנ־צע דרייצעהן שעה מוז מען שטעהן ניט געגעסען, קענט איהר זיך פארשטעלען ליכט, וואס דא פאסירט אין א הייסען זומער־דיגען טאג, אין א שבועות, צום ביישפיל, ווען אין „בית המדרש", וואס קאן קוים איינהאלטען 400—500 פערזאן, קלוי־בען זיך אויף פינף, זעקס טויזענד חסידים, און דער גרעסטער טייל פון זיי שטיקען זיך אויף אלע אין אט דעם ווינקעל, ארום דעם לאנגען הילצערנעם טיש.

ווען איך בין געקומען אין שוהל האט דעמאלט דער עולם אבגערוהט אין מיטען דאווגען, צווישען „שחרית" און „קריאת התורה". דער איצטיגער רבי, וועלכער זיצט אויפ'ן „טראן" ניט לאנג, האט א געוויסע נייגונג צו „רעפארמען". פריהער פלעגט מען אנהויבען דאווגען שפעט, ווי דער מנהג איז ביי חסידים, און אבדאווגען דעם דאווגען כסדר. איצט הויבט מען אן דאוו־נען פריהער, א זייגער האלב צעהן. אזוי ווי אבער ענדיגען דארף מען אין דערזעלבער צייט, אזייגער האלב איינס, האט דער רבי געמאכט א „תקנה" מען זאל אברוהען אין מיטען דאווגען ביי א שעה. כדי אבער מען זאל אין מיטען דאווגען ניט אומגעהן און ניט רעדען „דברים בטלים", האט דער רבי געהייסען אנ־קלעפען א מודעה אין בית המדרש, אז אין אברוה־צייט זאל מען לערנען.

דער פריהמארגען איז אבער געווען א ווארימער, א שענער. עס האט געצויגען דרויסען, און דער שול־עולם האט זיך געלא־זען מיט די גמרות אויפ'ן ברייטען און פרייען, מיט גראז בע־וואקסענעם שול־הויף. דא זענען צום זיצען געמאכט געווארען עטליכע בענק. דער גרויסער עולם האט זיך געשאקעלט אויף די בענק איבער די גמרות. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם רבי'ס שטרענגען פערזאג אין די אנגעקלעפטע מודעות, האט זיך ניט געלערנט: מען האט זיך נאר געשאקעלט פון יוצא ווענען. אנ־דערע האבען געדרעמעלט. ווידער אנדערע — אי איינגערע אי

עלטערע — זענען אומגעגאנגען און ניט אכטענדיג אויף דעם רבי'ס „אזהרה" — גערעדט „דברים בטלים".

נאר די קינדער האבען ערפילט — ווי עס האט אויסגעזעהן — הייליג דעם פארזאג אין דער מודעה. זיי זענען, אין זייערע אטלעסענע לאנגע קאפאטקעלעך און דיזעלבע אטלעסענע מיצלעך, געזעסען אנגעבויגען און געשאקעלט זיך איבער דער גמרא. פלפל'ענדיג זיך איינער מיט דעם אנדערן איבער א ביטרע אויסגעקלערטע קשיא און פארענטפערענדיג דיזעלבע קשיא מיט א המצאה'דיגען, נאך מעהר ביטרע און געווים נאך פריהער פאר דער קשיא אויסגעקלערטען, תירוץ. די קשיא איז בעשאפען געווארען נאר אום צו ווייזען דעם שכל'דיגען איינפאל פון דעם תירוץ און בעווייזען אויף אזא ארט די חריפות פון די ענטפערער און פרעגער צוזאמען. דאס פלפל'ען זיך און האמפערן זיך איז געווען זעהר התלהבות'דיג. די יונגע אויגעלאך האבען גע־בלישצעט, די אויסגעווייקטע, בלאסע פנים'לאך האבען גע־שיינט. נאר פאר דעם טיפערן בעאבאכטער פון די דאזיגע התלהבות'דיגע חקרנ'ען און איבערשרייען איינער דעם אנדערן, האט ניט געקענט ענטגעהן. אז די גאנצע סצענע איז א געמאכ־טע, א געקינסטעלטע. די ווינקענדע זון און דער קונדס'עוואטער ווינטעל, וואס האט געשטיפט מיט די אינגלאך'ס ארשין־לאנגע און ברייטע פאות, האבען אין די קינדערשע הערצלאך געווים פארנומען מעהר פלאץ, ווי דער ביטרער, פאר דער נשמה אונבע־גרייפליכער אויסגעמוטשעטער פלפול פון דער גרויסער לאנג־ווייליגער גמרא. נאר שאקלען זיך און פלפל'ען זיך האט מען געמוזט צוליב די טאטעס. ווארים די טאטעס, די דאוונער פונ'ם רבי'ס „בית המדרש", זענען אימער אנגעפאהרענע אורחים. זיי האבען געבראכט אהער זייערע אינגלאך צום רבי'ן ווייזען זייער פרומקייט און התמדה.

בשעת אויף איין באנק האבען זיך קינדער גע'פלפל'ט, איז אויף אן אנדער באנק פארגעקומען אן עקזאמען: צוויי מלמדים זענען געזעסען איןביידע עקען באנק און דריי יונגלאך אין מי־טען. פון די דריי אינגלאך האט איינער אויסגעהאלטען גלענצענד אלע „אטאקעס" פון די „ראשי ישיבות" און די איבריגע צוויי

האָבען געענטפערט „בוידעם“, אָדער האָבען גאָר ניט געענט־פערט. זיי האָבען געכאַפּט דעם טיטעל: „גוים“ און דעם פאָר־וואורף: „אין וואָס ליגען אייערע קעפּ“? נאָר די כיטרע גלייכ־גילטיגע מינע פון די „גוים“ האָט געוויזען, אז זיי אַרט דאָס, ווי די וואנד. און ווירקליך: ווי די ביידע מלמדים האָבען זיך נאָר אָבגעקעהרט, האָבען שוין אַלע דריי, אפילו דער „מתמיד“, און „גוטע קאָפּ“ אויך, אײנע די אנדערע גענומען „סטורכען“ און געבען „הינטערפּלעצלעך“.

א שבת'דיגער פריהמארגען אין „גער".

די קינדער מיט לאנג צעוואַרפענע פאה'קעלעך האָבען אונז בעטראכט (איך בין געפאָהרען אין גער צוזאַמען מיט א בעקאַנטען ווארשויער בוכהענדלער און פערלעגער) מיט א חדושים'דיגער נייגיריגקייט. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט געגענאיבער דער באנק, וואו מיר זענען געזעסען, אויפ'ן הויף, און אויסגעשטודירט אונז פון קאָפּ ביז די פיס, ווי מ'שטודירט חיות אין א טיער־גאָרטען. די סצענע האָט אונז אמוזירט און מיר האָבען זיי געגעבען א שאנס צו קוקען וויפיעל זיי ווילען. אנדערע האָבען אונז בעטראכט פון דער זייט און געשושקעט זיך. אפּנים, איבערגעבענדיג איינער דעם אנדערן די „חדושים", וואָס זיי האָבען ענטדעקט אין די „דאַטשען". נאטירליך, האָב איך מיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו בעקוקען מיינע קליינע בעקוקער. באלד האָבען זיך בעגעגענט אונזערע שמייכלען, און עס האָט געזאָלט אָנגעקניפּט ווערען א געשפּרעך. נאָר די גרויסע האָבען זיי מיט געוואַלט אוועקגעשלעפּט.

די גרויסע האָבען אויף אונז אויך געקוקט פון אָנפאנג מיט פריעדליכער נייגיריגקייט. מ'האָט אונז געפרעגט: פון וואַנען מיר זענען און וואָס מיר טוען: איך האָב ערקלערט, אז איך בין געקומען צו א בעקאַנטען אויף שבת און האָב שוין אָבגעדאַווענט פריהער אין שטעדטעלדיגען „בית־המדרש". דער תירוץ איז אָנגענומען, און אייניגע חסידים האָבען זיך גערן געלאָזט מיט מיר אין א שמועס.

— פארוואס איז דא, ביי אייך, אזוי שטויביג, שמוציג און אבגעלאזען? — האב איך געפרעגט איינעם, וואס איז געזעסען ביי דעם לאנגען טיש.

— ווער זאל קוקען? — האט דער חסיד געענטפערט מיט א פראגע, — מיר זענען דא אלע אורחים.

— און דער שמש? עס מוז דאך זיין א שמש. קאן ער ניט אויסווישען די לאמפען? אויסקעהרען, האלטען ריין? און, בכלל, קאן עמיצער ניט געבען א נדבה עפעס שענערע הענגלייכטער און לאמפען?

דער חסיד און די אנדערע, וואס זענען געשטאנען ארום, האבען מיך אנגעקוקט מאדנע, פארוואס איך שטעל אזעלכע פראגען.

— די, וואס קומען אהער, ליגען ניט אין ד ע ם, — האבען מיר געענטפערט א פאר פון דער זייט, — דער שמש איז אן אלטער מאן, און קיינעם קימערט ניט, ווי און וואס ער טוט.

דעם רבי'נס בית־המדרש, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, איז ענליך צו אן אנארכיסטישען „מיטינג־האל" אין נויארק. דא איז ניטא קיין בעל־הבית, אדער דא זענען אלע בעלי־בתים. אין גער קומט מען צוליב „רוחניות", ניט צוליב „גשמיות". וואס מעהר שמוץ, שטויב, אונארדנונג, אלץ בעסער פיהלט מען זיך דא.

ווען עס קומט אזא עולם, וואס קאן זיך בשום אופן ניט ארייינשפארען אין בית־המדרש, דאן עפענט מען אין סופיט דאס טירעל פונ'ם בוידעם. דאס טירעל איז א ברייטס און דער בוידעם איז א הויכער. די אויסען געבליבענע דאווענען אויפ'ן בוידעם, און דורכ'ן טירעל קוקט מען ארונטער. דאס טירעל איז גראד איבער דער בימה. דא שטעהט דער רבי בשעת „קריאת התורה", און די חסידים פון אויבען האבען א שאנס אריינצוקוקען גלייך דעם צדיק אין פנים אריין.

— פארוואס איז ביי אייך אזא שטיקעניש, דא אין ווינקעל ארום דעם לאנגען טיש? — האב איך געפרעגט איינעם פון די חסידים — מ'האט דאך געקאנט מאכען דא א מין גאלעריע.

אז אלע זאלען קאנען זיין ארום דעם רבי'נס טיש און הערען דעם רבי'נס תורה...

דער חסיד האט אויף מיר געקוקט מיט א רחמנות'דיגען שמייכעל. נאר איך האב איהם פערשטאנען.

אז די „התקרבות", דאס נאהנט־זיין צום רבי'ן וואלט אנ־קומען לייכט, אהן „מסירת נפש", אהן א ביטערן, פערצווייפעל־טען קאמפף — וואלט דאך דאס געווען א פשוט'ע זאך, וואלט דא ניט געשטעקט קיין „התלהבות", קיין „ברען". דאס רעכטע פינטעל ליעגט טאקע אט אין דעם שטויסען און שטופען זיך, הענגענדיג אויפ'ן גארטעל 15 שעה נאכאנאנד...

— זעהט איהר אט דעם יונגען־מאן, — רופט זיך אב צו מיר איין חסיד, מיט וועלכען איך האב פריהער געשמועסט, — אט דער יונגער־מאן מיט די צוריסענע ארבעל, וואס הענגט דער ערשטער אויפ'ן גארטעל... איהר מיינט, ער איז אן ארימאן? ער האט זיינע דרייסיג טויזענד רובל! זיין טאטע איז א רייכער לאדזער פאבריקאנט.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אלע יונגע־לייט, וואס הענגען אויף די גארטלען פון פינף א זייגער אין דער־פריה, זע־נען אלע רייכע בעל־הבית'לעך. דער האט זיינע 30 טויזענד, דער 20 טויזענד, און דער 10 טויזענד קערבלעך, און זענען ביי טאטעס, אדער שווערער און שוויגערס אויף קעסט. דאס איז די אריסטאקראטיע פון דער חסיד'ישער יוגענד. אלע געהען אין הויכע שטריימלעך און אלטע צוריסענע קאפאטעס, ווייל פון א נייער קאפאטע וואלט דא געווארען אש אין איין שעה.

איינעם פון אט די יונגע־לייט האט מען געבראכט אין א קליין פלעשעלע א ביסעל וויין. ער האט א ברכה געמאכט און אויסגעזופט. די איבעריגע זענען געשטאנען פערשמאכט פון פינף א זייגער אין דער־פריה.

הענגען דא דרייצעהן שעה אויפ'ן גארטעל, אין אזא שרעק־ליכער שטיקעניש — דערצו פאדערט זיך א גרויסע מאס אידעא־ליזם, — האב איך געטראכט, — און אט דער געדאנק מיינער איז געווען א נאטירליכער. ליידען, פייניגען זיך צוליעב אן אי־דעע, די אידעע מעג זיין אנ'איינגעשמועסטע, — דאס ווייזט

אויף העכערע גייסטיגע בעדערפניש און שטרעבונגען, דאָס דאַרף מאַכען איידעל דאָס פּנים און צינדט־אָן אין אויג אַ ליכט פון אינטעליגענץ.

נאָר אומזיסט האָב איך געזוכט אין די צופלאַמטע פּנים׳ער פון אַט די יונגע־לייט עפּיס ליכטיגקייט. קיין שום שפּור פון געדאַנק! האַפענונגסלאָזע טעמפּקייט, אונוויסענהייט און ווילדער אבערגלויבען אויף אַלע געזיכטער. די גאַנצע סצענע דאָ, וועלכע איבערראַשט צום ערשטען בליק, ערשיינט אייך, נאָך אַ טיעפּער־רער בעטראַכטונג, ניט מעהר, ווי אַ מין ספּאָרט, וואָס געהט איי־בער, אונבעוואוסט, בירושה, פון איין דור חסידים צום אנדערן. אַ גאַנץ יאָהר גרייט מען זיך צו אַט דעם ספּאָרט פריהער, און אַ יאָהר נאָכאַנאַנד שפּעטער שפּייזט ער דעם טעמפּען געדאַנק. אַט דער מין ספּאָרט האָט זיך זיינע איינפאַלען, שפּיצלעך, העל־דישקייט, אַז איהר ווילט, מיט וואָס מען ריהמט זיך איינער פאַר דעם אנדערן.

דער יונגער חסיד, וואָס איז מיט אַ האַלבער שעה פריהער ארויסגעפלויגען פון שורה, ווי אַ באָמבע, און האָט מאָמענטאַל ווידער פערכאַפּט זיין פּלאַץ — ד אָ ס מ אָ ל פּעסט און זי־כער — האָט בעוויזען אַן אונגעהויערע, כמעט אונבעגרייפליכע קראַפט און געשיקטהייט, וואָס האָט ארויסגערופען אַלגעמיינע בעוואונדערונג אין בית־המדרש. ער אַליין איז אָבער דערפון ניט נתפּעל געוואָרען, זיין פּנים איז געווען מורא׳דיג צוהיצט, און נאָך דעם זיעג איז ער געוואָרען נאָך טעמפּער, ווי פריהער.

דער רבי אַליין — איך האָב איהם גוט בעטראַכט דורכ׳ן פענסטער פון דרויסען — איז וועניג עהנליך אויף אַ חסיד׳ישען רבי׳ן. ער איז אַ מענש אין מיטעלע יאָהרען מיט אַ טיעף שוואַר־צער באָרד; זעלטען וואו ווארפען זיך דורך גרויע האָהר. ער האָט אַ ברייט און לענגליך געזיכט און זעהט אויס, ווי אַ בכבוד׳יגער סוחר. כאָטש ער דאווענט התלהבות׳דיג, ווארפט זיך נאָכאַנאַנד און פערטיעפט זיך אין „דבקות“, דאָך ליעגט אויף זיין פּנים אַ מין סוחר׳ישע רוהיגקייט, געמישט מיט אַ תמימות׳דיגער גוטמוטהיגקייט.

דאָך וועגען דעם גערער רבי און גערער „הויף“ בכלל —

זיין פערגאנגענהייט און געגנטווערטיגען צושטאַנד — וועט זיין געדערט בעזונדער. איך וויל ענדיגען וועגען מיין וויזיט.

איך מוז מודה זיין, אז דער סוף איז פאר מיר ניט געוועזן אזוי גינסטיג, ווי דער אַנהויב. מיין בעגלייטער איז אוועקגע־פאהרען און איך בין געבליבען, אום צו בעזוכען נאַכאמאל דעם בית־המדרש צו ווארמעס.

איצט, ביי מיין צווייטען בעזוך אין דעם רבי'נס בית־המדרש, האָט זיך די דעקאָראַציע געביטען. אין ווינקעל ארום דער לאַנגער באנק איז געווען איינג ביז צום דערשטיקען, נאַר פייערליך שטיל; די הענגענדיגע יונגע־לייט זענען אזוי ער־שטארט געוואָרען אין זייער הענגענדער פאַזע. אויף די ארומיגע פענסטער, אויף די שטענדערס, אויף דער בימה, ארום די אייזערנע סלופעס, אויף די אלמערס, מיט ספרים איז געווען אנ־געשטעקט מיט חסידים, גרויסע און קליינע, אזוי ווי מיט פליע־גען. נאַר פון צייט צו צייט איז די שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען דורך די קלאפעריי פון די געפעס, מיט די געריכטען, וואס מ'האָט דערלאַנגט, דורכ'ן שמאָלען טירעלע פון דעם רבי'נס וואוינונג, צום טיש. אלעמענס אויגען זענען געווען צו־געשמידט צום טיש, ארום וועלכען עס זענען געזעסען דער רבי מיט די געהויבענע געלאדענע געסט. פון איין געריכט צו דעם אנדערן האָט מען געזונגען זמירות. דער גאַנצער עולם האָט אונ־טערגעהאלטען מיט דבקות און פליעסקען מיט די הענד.

איך האָב מיך געוואָלט דורכשפארען נעהנטער צום טיש, נאַר דאַ האָבען זיך אַנגעהויבען ציהען צו מיר חסידים פון אלע זייטען. איך האָב געהערט דייטליך הינטער מיר פראזען: וואָס דרעהט ער זיך דאַ ארום?... הא?.. גיב איהם אין קאפעליוש!...

די לאַנגע איז געווען ניט גאַר קיין זיכערע. איך בין ארומגע־נומען געוואָרען פון א האַפטע חסידים, ווי מיט א קייט. איינער פון זיי, אן עלטערער, א דיק בערדיגער, מיט א ברייטען, פרע־כען פנים, א ברייטער און גערויטעלטער נאָז — א פנים, פון משקה — איז צוגעגאַנגען הארט צו מיר:

— ווער זענט איהר? פון טריאטער אפנים, הא? א שרייבער?... ר'ווילט אונז בעשרייבען?... הא?..

— גיב איהם אין קאפעליוש!... — האט איין שטריימעל געזאגט פון דער זייט.

עס איז געווארען א גערויש, ווי פון א ביהנען־שוואַרם. די האפטע האט מיך ארומגענומען אלץ פעסטער. מיין וויזיט אין פער וואלט זיך געווים ניט גוט געענדיגט, ווען א פאר אלטע סאלידע חסידים וואלטען ניט אבגעהאלטען די איבעריגע פאַנאטיקער. איך האב מיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, האב געמאכט ביסלעכווייז הינטער־טריט, דורכשניידענדיג דעם רינג, און בין לאנגזאם ארויס פון בית־המדרש. דרויסען האט מיך קיינער ניט געטשעפעט. איך האב מיך געשטעלט אויף א באנק אויף יענער זייט פענסטער און געקאנט רוהיג נאך א געוויסע צייט בעטראכטען די ווארמעס־סצענע און הערען די זמירות.

דער גערער הויף.

דער איצטיגער גערער רבי, רב אברהם מרדכי אלטער („אלטער" איז דער פאמיליען נאמען) איז א דירעקטער צווייג פון דעם „בעש'ט" (רבי ישראל בעל שם טוב.) דער „גערער" איז פון אמאל אן ניט אומזיסט חשוב אין דער גאנצער חסידי־שער וועלט און אפילו ביי די פרומע ליטוואקעס. צווישען דעם היינטיגען גערער'ס זיידעס און עלטער־זיידעס זענען געווען גרויסע מופלגים, מקובלים, בכלל אידעאליסטען און גרויסע מענשען, און ס'איז נאטירליך, וואס „גער" איז ביי א פוילישען חסיד און זאגאר ביי אנ'ארטאדאקסישען ליטוואק אזוי הייליג כמעט ווי ירושלים.

אז עס מאכט זיך ביי א פרומען יודען עפעס אנ'אומגליק, רחמנא לצלן: קיין קינדער ניטא,אדער עס האלטען זיך ניט קיין קינדער, צי א קינד שמד'ט זיך, צי אנ'אנדער צרה, — איז „גער" די לעצטע „דיסטאנציע". פריהער געהט מען צום „קאידאנא־ווער", צום אשמיאנער", צום „ליובאוויטשער", צום „אלעקסאנ־דראווער", צום ראדזימינער" און גאר צום סוף, אז די טויערן פון טרעהרען שיינען צו זיין אלע פערשלאסען, — לאזט מען זיך צום „גערער".

דער גרינדער פון דעם גערער „הויף" איז געווען רבי איטשע מאיר. דאס איז געווען מיט פופציג יאהר צוריק. געוועל־טיגט האט ער א גאנץ קורצע צייט: בלויז זיבען יאהר. ער האט אבער געלאזען אין דעם פויליש־חסידישער וועלט א טיפען רושם. די חסידים דריקען זיך וועגען איהם אויס, אז ער איז געווען „סלתה ושמנה של החסידות" — דאס „זעמעל־מעהל" און דאס „אייל" פון חסידות. נאך זיין טויט האבען אלע פוילישע יודען א נאמען געגעבען זייערע נייע־געבוירענע קינדער „איטשע־

מאיר", און זאגאר ביז איצט איז אט דער נאמען זעהר אפט ביי די פוילישע חסידים. דערפון שטאמט, וואס א פוילישען חסיד רופט מען ביי די ליטוואקעס „איטשע־מאיער".

די „גערער" האבען אין זייער „יחוס־בוים" געהאט רביים, וואס זענען ארומגערינגעלט מיט א וואלקען פון לעגענדעס. איי־נער פון זיי, פון דעם בעל שם טוב'ס תלמידים, רבי יעקב־יצחק האט געהייסען — דער „יוד". פארוואס האט ער געהייסען דער „יוד"? ווייל אמאל — דערצעהלען די חסידים — איז ער גע־גאנגען זוכען אליהו הנביא'ן. ער איז געקומען אויף א יריד. דארט זענען געווען טויזענדער פויערים מיט זייערע וועגען און פערד. אין מיטען אט די מאסען פויערים האט ער דערזעהן, ווי איינער טראגט זיך, רייטענדיג, האסטיג אויף זיין פערד, און ער האט טאקע „איהם" גלייך דערקענט. „אט איז ער!"... האט ער אנגעוויזען מיט דער האנד צו זיינע חסידים אויפ'ן פויער. נור דער פויער האט אויף איהם אויפגעהויבען די בייטש און געזאגט: „אידזש, זשידזשע!"... ד. ה. געה, יוד!

„אליהו הנביא" האט דערמיט געגעבען צו פערשטעהן — אזוי האבען די חסידים דאס אויסגעטייטשט — אז רבי יעקב־יצחק איז אנ'אמת'ער יוד. פון דעמאלט אן הייסט ער ביי די חסידים דער „יוד".

דאס איז איינע פון די שענסטע חסידישע לעגענדעס, אין וועלכער עס ליגט אהן א ספק בעהאלטען א טיפערע כונה: דער בעסטער, דער גרעסטער יוד איז דער פשוטער „יוד" — אהן א שום טיטעל. די פערשטעלונג פון אליהו הנביא אין א פראסטען פויער וויזט אויך אויף דער מאראלישער גרונד־אי־דעע פון אמת'ער חסידות. די וואהרע געטליכקייט — הייסט עס — פון א מענשען (אליהו הנביא) דריקט זיך אויס ניט אין גרויסער געלעהרזאמקייט, נאר אין תמימות, ארבייטזאמקייט און נאהנקייט צו דער נאטור (דער פויער). זוכען דעם געטליכען מאן דארף מען נישט אין די גרויסע ישיבות און בתי־מדרשים, ניט אויף די פערזאמלונגען פון בעריהמטע געלערנטע, נאר אין די פלעצער, וואו עס קלויבען זיך צונויף גרויסע מאסען פון ארבייטס־מענשען, פון פויערים (דער יריד).

צווישען די עלטער־זיידעס פון דעם „גערער" איז געווען איינער א רבי, רבי מענדיל קאצקער, וועמעס שיקזאל האט געקאנט דינען פאר א דראמאטורג אלס טהעמא צו בע־שאפען א מערקווירדיגע טראגעדיע.

רבי מענדעלע קאצקער איז געווען א גרויסער למדן, א דענ־קענדער גייסט, און איז צו די עלטערע יאהרען „נתפקר געווא־רען, ד. ה. געווארען אן „אפיקורס". ער האט אפנים, אין געהיים פון זיינע חסידים, געקראגען צו לעזען פילאזאפישע ביכער, און איז געווארען דורכגעדרונגען מיט פילאזאפישע אידעען. ער האט געוואלט רעפארמירען דעם חסידיזם, בעשאפען דערפון א טעאריע, געבויט אויף פילאזאפישע יסודות; שאפען פון די חסידים יענעם שטארקען קערן איג'ם יודענטום, וואס זאל זיין א העכערע, א וויטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם בעש"ט'ס תורה. דאס האט זיך אבער איהם ניט איינגעגעבען און ער איז געווארען פעסימיסטיש, אין זיך איינגעשלאסען. די חסידים דערצעהלען, אז, זאגענדיג פאר דעם עולם, פלעגט ער זיך פער־טיפען אזוי וויט, אז ער פלעגט אבלייקענען די „השגחה פרטית" און בעהויפטען, אז „לית דין ולית דיין" — „ניטא קיין גערכט, ניטא קיין ריכטער". די צוהערער פלעגען אזוינע רייד, נאטיר־ליך, ניט אננעהמען גלאט, נאר אויסטייטשען אויף זייער שטייר־גער, אז דא ליגען בעהאלטען טיעפע כונות און סודי סודות. די סודות און די כונות — האבען די חסידים בעהויפטעט — זענען אזוי טיעף, אז דער, וואס איז ניט קיין קדוש, אזוי ווי דער רבי אליין, קאן פון זיי „פערברענט" ווערן. און דעריבער האט מען בעשלאסען, אז אחוץ אייניצעלנע מענשען, גאר די נאהענטע פון'ם צדיק, זאל קיינער ניט הערען זיינע חסידות. רבי מענ־דעלי'ן האט מען ווידער אזוי פערגעטערט, אז מען פלעגט איהם במעט פון זיין חדר ניט ארויסלאזען.

אזוי דערצעהלען חסידים פון רבי מענדעלי קאצקער, און זיי לייקענען, נאטירליך, אב, אז זייער רבי איז אן אפיקורס גע־ווארען. געוועהנליך, דארף מען פערשטעהן די מעשה אנדערש. די פערגעטערונג און פערהייליגונג פון רבי מענדעלי'ן איז גע־ווען גישט מעהר ווי א פאליטישער „טריק". מ'האט פשוט דעם

רבי׳ן איינגעזעצט אויף זיין לעבען־לאנג אין קערקער פון זיין חדר מיוחד, כדי ער זאָל ניט האָבען די מעגליכקייט צו פּראָפּאַגאנדירען אפּיקורסות פאר דעם ברייטען חסידישען עולם*).

עס זעהט זיך אָז, אז רבי מענדעלי אליין האָט דאָס פערשטאנען, נור די קאָנספּיראטיווע וואָך ארום איהם איז געווען אזוי שטארק, אז ער האָט גאָר נישט געקאָנט טאָן, א חוץ... שילטען זיינע פּייניגער. אמאָל — דערצעהלען די חסידים — האָט דער רבי געמאַכט ביי זיך הבדלה, און זיין שמש רבי פייוויל, — אפּנים, פון די פערשווארענע געגען איהם — האָט גע־האַלטען דערביי א ליכט. נאָך הבדלה האָט ער געהייסען דעם שמש, ער זאָל נאָך האַלטען דאָס ליכט און אליין האָט ער איהם געשאָלטען. דער שמש האָט געהאַלטען דאָס ליכט און דער רבי האָט געשאָלטען מיט ביטערע קללות. דאָס ליכט האָט שוין גע־האַלטען גאר ביים אויסגעהן און דער שמש, ווי ערשטארט, האָט ניט געוואגט צו פערלעשען עס און געהאַלטען דעם עק ליכט אויפ׳ן נאָגעל פונ׳ם פינגער. ענדליך האָט אויך דער נאָגעל אָנ־געהויבען צו ברענגען און דער שמש האָט פון שמערץ אראָבגע־וואָרפען דעם לעצטען רעשט פונ׳ם ליכט און עס איז געוואָרען פינסטער. — שטעה!... ווארט נאָך!... ווארט!... האָט דער רבי געשריען מיט ערביטערונג — ניט פערלעש!... איך האָב נאָך די לעצטע קללה ניט ארויסגעשאָלטען...

די דאָזיגע לעגענדע האראקטעריזירט טריי די בעצויבע־רענדע קראפט, וואָס אַט דער מערקווירדיגער רבי האָט געהאַט אויף זיינע חסידים אפילו אין אַט די שרעקליכע מאָמענטען פון זיין לעבען.

איינער פון דעם גערער׳ם פאמיליע, רבי גרשון העניך, וועל־

---

*) אַנדערע זאָגען, אז רבי מענדעלי קאָצקער האָט אליין ניט געוואָלט אָננעהמען קיין חסידים, ווייל ער האָט זיך ענטוישט אין דער מעגליכקייט צו בילדען פון זיי אן עלעמענט פאר אמת׳ע חסידות, צו אויפהויבען זיי צו דער מדרגה, ווי ער האָט געוואָלט, און זיך האָט דעריבער איינגעשלאָסען אין זיך. דער ערשטער נוסח שיינט מיר אָבער מעהר וואָרהאפטיג.

כער איז געווען א רבי אין ראדין, סעדלעצער גובערניע (ער איז געשטארבען אין יאהר 1896), איז געווען א געניאלער מענש אין טעכנישע ערפינדונגען. ער האט אליין געמאכט א לאקאמאטיוו, וועלכער איז ביי איהם אומגעגאנגען אויפ׳ן טיש, האט געבויט א דאמפף־מיהל, געשטודירט פון זיך זעלבסט מעדיצין און פלעגט נעהמען, זאגט מען, 10-15 רובל פאר א וויזיט. ער איז געווען בטבע א לץ, פלעגט תמיד ליעב האבען צו זאגען גלייכווערטלעך און חסידים פלעגען אריינלעגען אין די צו־„פרייע" ווערטלעך הויכע כונות.

נאך איינער פון דעמזעלבען גערער׳ס פאמיליע, דער פרוסעווער רבי, ר׳ אברהם׳עלע, איז געווען א פאטאלאגישע נאטור און איז אויך בעקאנט מיט זיין טראגישען שיקזאל.

אט דאס איז די פערגאנגענהייט פון דעם גערער „הויף". וואס אנבעלאנגט דעם איצטיגען צושטאנד, איז ער כמעט דער־זעלבער, וואס אין דער גאנצער חסידישער וועלט. דער ריינערער אידעאליזם און די שטרעבונג צו אחדות, צו הערצליכקייט; די בעגייסטערונג און תמימות׳דיגע איינפאכסייט פונ׳ם בעל־שם טוב׳ס תורה, איז אויסגעוועבט און ווערט אלץ מעהר פער־וואנדעלט אין א מין אבסאלוטיזם אויף א קאפיטאליסטישען באדען.

דער גערער „הויף" בעשטעהט איצט פון זיבען פאמיליעס, אחוץ דעם רבי׳ס. די אלע זיבען פאמיליעס (פינף ברידער, דעם רבי׳ס, און צוויי שוואגערס) לעבען אויף דעם חשבון פון די חסידים. קיין דירעקטער שטייער אין דער געשטאלט פון פדיונות איז ניטא. נאך רבי איטשע־מייער, דער ערשטער גע־רער רבי, האט אבגעשאפט די פדיונות. דערמיט איז אויך אב־געשאפט געווארען די גבאות אין דער אמאליגער העסליכער גע־שטאלט.

פון וואס־זשע לעבט דער רבי און דער גאנצער הויף?

פון אן אינדירעקטען שטייער, וואס ווערט, אין דער אדער אין יענער פארם, ארויפגעלעגט אויף די חסידים. דערפון בעקומט דעם רבי׳ס הויז א דריטעל; דאס צווייטע דריטעל ווערט געגע־בען דער אלמנה פון דעם פערשטארבענעם רבי׳ן, און א דריטעל

קריגען די איבעריגע פון דער משפחה. אחוץ דעם, האט די משפחה נאך א קוועלע פון הכנסות, וואס טראגען אויך אריין א שענע מטבע. זי האט אין מאנאפאל אן אגענטור פון א פערזיכערונגס־געזעלשאפט. פאר די 12 יאהר, זינט דער מאנאפאל עקזיסטירט, האט די אגענטור געמאכט — זאגט מען — ביי די חסידים ביז זיבען מיליאן פאליסען. פון אט די צוויי הכנסות איז דעם רבי'ס משפחה פערזארגט מיט „פיינער חיונה". מען עסט, מען טרינקט, מען קליידט זיך און מען נייהט זיך פון דעם שענסטען און דעם בעסטען, די ווייבער מאכען זיך קליידער אין די גרויסארטיגע ווארשאווער מאדע־מאגאזינען און דוקא אין קריסטליכע. יודען גיט מען וועניג ארבייט, עס זאל חלילה ניט שאדען קיין „עין הרע"...

פונדעסטוועגען איז שווער צו זאגען: ווער וועמען עס עקספלאאטירט מעהר — דער רבי די חסידים, צי די חסידים דעם רבי'ן?

אינווייניג איז גערער חסידות, אזוי ווי סאחאטשאווער, אזוי ווי ביאלער, אזוי ווי סטריקער — אויסגעוועבט. ווי אומעטום. אין דער חסידישער וועלט, איז דא אויך ניטא קיין שטארקע פערזענליכקייט, וואס זאל קאנען זיין א צעמענט, אויפהאלטען וועניגסטענס די אידעע פון אחדות, דעם אויסערליכען גלאנץ פון אמאליגען חסידיזם. אזא פערזענליכקייט קאן אויך ניט זיין. די אומשטענדען פאדערן זי ניט. די חסידים האבען שוין לאנג פערלארען די אלט־פרענקישע פשטות און תמימות פון זייער לעבענס־געבײ. די גערער חסידים, וועלכע בעלאנגען מעהרסטענטייל צו דער ווארשאווער און לאדזער גרויס־און־מיטעל־בורזשואזיע, ליגען א סך מעהר, אין מאכען קאפיטאל, ווי אין דעם עולם האצילות. זיי דארפען האבען א רבי'ן, וואס זאל ביי זיי שפילען דיזעלבע ראלע, ווי דער ענגלישער קעניג ביים ענגלישען פאלק — צוליעב פוץ און פאראד.

זיי האבען אבער ניט אזא רבי'ן.

דער איצטיגער „גערער" איז פיליכט איינער פון די ווינציגע „גוטע יודען", וואס זענען נאטירליך און אויפריכטיג אין זייער בערוף. ער שפילט ניט די ראלע פון א בעל מופת, ער גיט

נישט קיין קמיעות, ניט קיין סגולות. „וואס קומט איהר צו מיר?"" וואונדערט ער זיך, ווען עס קומט צו איהם א יוד, צי א יודענע מיט א חלאת.

— געהט צום דאקטאר! — עצה'ט ער זיי.

— געהט צו א סוחר! — ראט ער אנדערע, וואס קומען צו איהם פרעגען אן עצה מכח מסחר: איך בין ניט קיין דאק־טאר, ניט קיין סוחר.

ווארום כאטש דער גערער רבי זעהט אויס אויפ'ן פנים ווי א בכבוד'ער סוחר, פונדעסטוועגען איז ער גאנץ ווייט פון דעם סוחר'ישען גייסט, מיט וועלכען דער גאנצער „הויף" אחוץ איהם, איז דורכגעדרונגען. דאס איז א יוד א תמים, א גראדע נאטור, א יושב אוהל, וואס האט נור איין פערלאנג: צו זיצען רוהיג אין אוהל פון דער תורה. טיעף אין דער נשמה איז איהם, אהן א ספק, צו לאסט דער גאנצער פאמפ פון פיהרען א „הויף" און א „טיש". ער וואלט זיך געווים געפיהלט בעסער און גליקליכער, ווען מ'לאזט איהם צו־רוה, לעבען ערגעץ שטיל אין א ווינקעל.

נאר וואס וואלט דאן געווען מיט דעם גאנצען הויף? מיט די צעהנדליגער טויזענדער חסידים?

* * *

פעהיגער פונ'ם רבי'ן אליין צו פיהרען די חסידישע עדה איז געווים זיין יונגער ברודער, דער יורש פון גערער כסא. דאס איז א מענש מיט א לעבעדיגען טעמפעראמענט, מיט שטארקערע אונטערנעהמונגס־פעהיגקייטען, מיט א ברייטען, כאטש ניט טיפען, קוק אויפ'ן לעבען. ער איז אין דער יוגענד געווען גע־חאפט אין „אפיקורסות", ד. ה. פלעגט לייענען מאפו'ם און סמאלענסקי'ם „ביכלעך", נאר ער איז שוין לאנג א „בעל תשובה". ער איז א פעהיגער סוחר און אינטערעסירט זיך שטארק מיט „מלי דעלמא". מיט עטליכע יאהר צוריק האט גע־נומען ארויסגעהן אין ווארשוי אן ארטאדאקסישע וועכענטליכע צייטונג „הקול", אין העברעאיש, דערנאך, אז זי איז אונטער־געגאנגען, איז אויף איהר פלאץ געקומען אנאנדער ארטאדאק־

פיש בלאט, שוין אין יודיש. דאס איז געווען דעם גערער רבי'ס ברודער'ס אונטערנעהמונג. דער צוועק פון די דאזיגע ביידע ארגאנען איז געווען „מחזיר למוטב" זיין די חסידישע יוגענד, וואס איז אין דער צייט פון דער רעוואלוציע ווייט ארויסגעקראכען פון שפאן און פערשאפט פיעל זארג די פרומע חסידישע טאטע־מאמעס. דער „הקול" איז אבער געווען א „קול קורא במדבר". די יוגענד האט מיט א סך מעהר חשק געלעזען די „פאלקס־צייטונג" און די עלטערע — „די בלוטיגע פרוי", ווי זייער אייגענעם חסידישען ארגאן. דער פאקט איז אבער דאך געווען א חאראקטעריסטישער און אינטערעסאנטער. די חסידות האט אין יענער שטורמדיגער צייט געמוזט ארויס פון שטיבעל און פיהרען איהר פראפאגאנדע ניט בלויז ביים „שולחן", נאר דורך דער פרעסע, ווי אלע פארטייען און חברות.

ס'איז מעגליך, אז די ליטעראַרישע אונטערנעהמונג, וואס האט אלענפאלס געלעבט ניט קיין סך מעהר פון דעם „קקיון דיונה", האט אויך געהאט אנאנדער זייט, א ביזנעס־זייט. ליטעראטור איז דעמאלט געווארען אזא גאנגבארע סחורה אויפ'ן יודישען ביכער־מארק, ווי קיינמאל ניט פריהער. דער „הויף" האט זיך דאן געלאזען אין א גרעסערע ביזנעס־ליטעראַרישע־אונטערנעהמונג. מ'האט ארויסגעגעבען אין א גרויסער צאהל עקזעמפלארען דעם אלטען רבי'ס חבור מיט דעם איינפאך־קלארען חשבון צו פערדינען אז דעם 100 טויזענד רובל פון די הונדערט טויזענד חסידים. נור אט דער פלאן איז אויך דורכגעפאלען. די חסידים האבען דעם חבור ניט געקויפט. מען האט צוגעבאקט צו אלע ליטעראַרישע עסקים א שענע פאר טויזענדער. דאס ווייזט, אז די פוילישע חסידים זענען דאך ניט אינגאנצען אונבעוואוסטזיניג: מ'לאזט זיך בעשטייערן נור ביז א געוויסען שטאפעל און — מעהר ניט.

א רבי — א ברוקירער.

דער „ברוקארזש“, אדער „א רבי — א מכשף“ האט געהייסען דער פאריגער פעטריקאווער רבי. „ברוקאזש“ איז אין פויליש א ברוקירער. דער לעצטער פעטריקאווער רבי איז ווירקליך געווען א ברוקירער. פון ברוק האבען איהם פעטריקאווער חסידים גענומען צו „קעניגען“.

ווי אזוי קומט א ברוקירער צו זיין א רבי? וועט איהר פרעגען.

אט די פראגע האבען פעטריקאווער חסידים אויך געפרעגט, נאר איבערגעקעהרט: ווי אזוי קומט א גוטער יוד צו זיין א ברוקירער?

פעטריקאווער חסידים האבען געפונען, ווי געזאגט, זייער „גוטען יודען“ אויפ'ן ברוק. דאס איז געווען גאר א וואונדערליכער יוד. דער האלז, דער גאנצער פנים איז ביי איהם געווען ארומגעוואקסען מיט האר. דאס געזיכט האט זיך כמעט ניט געזעהען דורך די האר. נאר דאס איז ניט אלעס. דאס וואונדערליכסטע איז ביין ברוקארזש געווען, וואס בשעת ער האט געברוקירט די שטיינער, האט ער ניט געקנייט, ווי אנדערע ברוקירער טוען. שטעהענדיגערהייד האט ער געלעגט די שטיינער און פלאסטער.

א חוץ דעם האט דער „ברוקאזש“ כמעט מיט קיינעם ניט גערעדט. האט מען איהם עפעס געפרעגט, האט ער א ברום גע-

טאָן אין באָרד אריין, וואָס האָט בעדעקט זיין גאַנצען פּנים און האַלז, און — מעהר — ניט א וואָרט.

— דאָס איז ניט קיין פּשוט'ער יוד! דאָס איז א למד־וואָווניק! האָט אימיצער א זאָג געטאָן, מ'ווייס ניט צו א ליץ, צו א בת קול פון הימעל.

— „א למד־וואָווניק!" — האָט זיך דורכגעטראָגען א געמורמעל צווישען פּעטריקאָווער חסידים.

נאָר דער „ברוקאזש" האָט פון קיין זאַך ניט געהערט, פון קיין זאַך ניט געוואוסט. אָדער אפשר מאַכט ער זיך? ער בעהאַלט זיך?

מ'האָט גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי צוצוטרעטען צום „ברוקאזש". מ'האָט איהם גענומען טראַגען פון דאָס שענסטע און פון דאָס בעסטע, אונטערוואַרפען בלומרשט איהם די מטבע. דער „ברוקאזש" האָט אַלץ געברומט אין באָרד אריין, גאָר נישט גערעדט, געזעצט די שטיינער אין ברוק שטעהענדיג און... האָט פונדעסטוועגען גענומען, וואָס מ'האָט געגעבען.

די פּעטריקאָווער חסידים האָבען געזעהן, אז דער ברוקארזש, דער „למד־וואָווניק", לאָזט זיך נעהמען, האָבען זיי בעשלאָסען צו נעהמען דעם „ברוקארזש" פון ברוק און אוועקזעצען איהם אויפ'ן „טראָן".

דער „טראָן" איז גראָד דעמאָלט געווען א לעדיגער. ניט לאַנג איז געשטאָרבען דער „זאַלוזשינער". דער „זאַלוזשינער" איז אויך געווען נאָר א מערקווירדיגער, אויך א למד־וואָווניק, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. וועגען איהם וועט קומען שפּעטער. די פּעטריקאָווער חסידים האָבען בעשלאָסען, אז זיי זענען ניט, ווי אַנדערע חסידים. אז זיי מוזען האָבען א „למד־וואָווניק".

דער „ברוקארזש" האָט זיך ניט לאַנג בעהאַלטען. ביסלעכווייז איז ער „נתגלה" געוואָרען, געלאָזט זיך אַנטפּלעקען. גערעדט האָט ער נאָך אַלץ ניט. אויפ'ן טראָן איז ער אָבער געזעסען, די „מלוכה" געפיהרט... מיט זיין ברום אין דער באָרד אריין.

אינגיכען איז דער „ברוקארזש" מפורסים געווארען אין דער גאנצער וועלט. מ'איז צו איהם געפאהרען פון ליטא, וואה־ לין, פון גאליציען, פון דייטשלאנד, פון אמעריקא. ער האט גע־ וועלטיגט איבער הונדערט טויזענד חסידים אין אלע לענדער. מיט זיינע „מופתים" האט געקלונגען. ער האט געהיילט מיט „סגולות" און „קמיעות". אונטער אכטצעהן רובל א פדיון איז נים גענאנגען.

נאר דער גרעסטער וואונדער איז געוועז, וואס דער „ברו־ קארזש" האט אלע צוויי יאהר חתונה געהאט. א טייל ווייבער זענען ביי איהם געשטארבען, א טייל ווייבער האט ער גע'גט. דעם לעצטען מאל האט ער חתונה געהאט צו נײנציג יאהר.

חסידים האט עם אביסעל גע'חדושט. אבער צו יעדער חתונה איז דאך געווען א וועטשערע. חסידים האבען זיך דערוויי־ לע משמח געווען, געטאנצט, געהוליעט, געזונגען, געגעסען.

דער „ברוקארזש" איז נים געווען צופרידען, וואס די חסידים פערזיצען זיך ביי איהם צו שפעט אויף דער חתונה.

— מארגען זינגען! מארגען זינגען! — האט ער געברומט אין באַרד אריין.

— „מארגען זינגען"! „מארגען זינגען"! דאס איז די איינציגע ירושה, וואס איז געבליבען אין פעטראקאוו ביי קינד און קייט פון דעם „ברוקארזש".

געשטארבען איז ער צו הונדערט יאהר. נאך זיין טויט איז זיין טראן, זיין רייכטום מיט זיין גאנצער גדולה פערשוואונדען, ווי עס איז גאר נישט געווען. זיינע קינדער האבען זיך צולאזען איבער די וועלט. די חסידים האבען זיך אויסגעצוכעט, ארומגע־ זעהן זיך, אז מיט'ן „למדן־וואוויניק" איז עפעס נים גלאט גע־ ווען. דער גאנצער רעספעקט צום „ברוקארזש" איז פערפאלען געווארען. אויף זיין קבר האט מען קיין „אהל" נים געשטעלט, ווי דער מנהג איז ביי אנדערע פערשטארבענע גוטע יודען. נאר א מצבה, אן איינפאכע, שטעהט אויף זיין קבר. קיינער פון די צעהנדליגער טויזענדער פערעהרער זיינע קומט נים אהין מתפלל

זיין און שיקען דורך איהם קוויטלאך צום „רבונו של עולם".
פערגעסען איז דער „ברוקארזש", ווי א שווערער פינסטערער
חלום. דער חסידישער המון שעמט זיך איצט צו רעדען וועגען
„ברוקארזש", זיי גלויבען, אז דאס איז געווען נים קיין גלאטער
מענש, אז דאס איז געווען א מכשף...

אָ רבי --- אָ דאָקטאָר.

איידער ער איז רבי געוואָרען, האָט ער געהייסען ד"ר בערנאַרד. געשטאַמט האָט ער פון גאַליציען. שטודירט דאָקטאָר האָט ער אין ברעסלוי. ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסען געלערנטען מאַן.

פאַר וואָס און ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אין רוסלאַנד און זיך בעזעצט אין פּעטריקאָוו, האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר אין איינינע טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען אין פּעטריקאָוו, האָבען זיך אָנגעהובען צו טראָגען איבער'ן שטאָדט גאָר וואונדערליכע מעשיות וועגען דעם „זאַלושינער דאָקטאָר". מ'האָט דערצעהלט, אַז באַלד, ווי ער האָט זיך בעזעצט אין שטאָדט, האָט ער אַרויסגעוואָרפען די געשיר דורכ'ן פענסטער און זיך געקויפט נייע: האָט איינגעפיהרט פליישיגע כלים בעזונדער און מילכיגע בעזונדער. די ווייב האָט געמוזט אָנטאָן אַ „שייטעל". אַליין האָט ער אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם צילינדער־הוט און דעם שוואַרצען ראָק, האָט אָנגעטאָן אַ שטריימעל און אַ זופּעצע מיט אַ גאַרטעל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען פיהרען דאָקטאָריע אין שטאָדט.

און אַלס דאָקטאָר האָט ער זיך אויפגעפיהרט גאָר מאָדנע. פאַר אַ וויזיט האָט יעדערער געמוזט בעצאָהלען. און נישט אַבי וואָס, נאָר דוקא צוויי גילדען. דאָס איז געווען אַ פעסטע טאַקסע. דינגען זיך האָט ניט געהאָלפען. האָט אימיצער ניט געהאָט האָט ער געמוזט לייהען און צאָהלען מזומנים. דאָס געלד פאַר

די וויזיטען פלעגט דער זאלושינער דאקטאר לעגען אין א פושקע און דער נאך צוטיילען אויף צדקה.

ווען איהר פרעגען: פאר וואס איז דער זאלושינער געווען אזוי שטרענג אין דער טאקסע און גאר נישט ארונטער־געלאזען? איז דער תירוץ, אז ער, דער זאלושינער, האט שטארק געגלויבט אין דעם כח פון מעדיצין. ער האט געוואלט אז יודען זאלען זיך היילען, זאלען נעהמען זיין „רפואה", זאלען האבען צו איהם צו־טרוי. ער האט אויך געוואוסט אז יודען זענען א צוטראגען פאלק: ס'איז ניטא קיין צייט צו קוקען אויף זיך. דער עיקר איז פרנסה. אויפ'ן געזונד קוקט מען ניט. רופט מען א דאקטאר, איז נאר פון יוצא וועגען. מ'פערלאזט זיך מעהר אויף נסים, ווי אויף דער רפואה. איז דער דאקטאר אן אומזיסטער, האט מען צו איהם קיין דרך ארץ ניט. מ'גלויבט ניט אין זיין רפואה און מ'נעהמט זי ניט. קאסט אבער געלד, ווען שוין א יוד נעהמען די רפואה. ווארום געלד זשאלעוועט א יוד! בעצאהלט ער דעם דאקטאר, ווען ער שוין פאלגען דעם דאקטאר, וואס ער זאגט, וועט שלינגען די פילען אדער זופען פון דער מעדעצין־פלעשעלע אקוראט, ווי דער דאקטאר האט געהייסען.

אום שבת איז דער „זאלושינער" געפאהרען צו זיינע פא־ציענטען, געפאהרען בפרהסיה, דעמאנסטראטיוו. ווארום „פקוח נפש", האט ער געזאגט, איז העכער פון שבת. האט אום שבת אויך געלד גענומען. אבער שרייבען א רעצעפט פלעגט ער ניט. ער פלעגט פאהרען אליין אין אפטייק, אליין דארטען מאכען די מעדיציין און ברענגען דעם חולה אין שטוב אריין. פאהרען פלעגט ער צו די פאציענטען אין גרעסטען פראסט, ביי טאג און ביי נאכט. האט ער געזעהן, אז דער קראנקער מוז האבען וואויל־טאג, אדער דאס געזינד איז ארים, האט ער שוין יענעם אריינ־געשיקט וויפיעל און וואס יענער האט געדארפט. אבער צאהלען פאר דעם וויזיט האט מען געמוזט און ניט וועניגער פון צוויי גילדען.

דער „זאלושינער" איז אין א קורצע צייט מפורסם געווא־רען ווייט ארום און ארום פעטריקאוו. מ'האט אנגעהויבען צו איהם צו פאהרען פון דער גאנצער וועלט. ביי קריסטען איז ער

געווען נאך מעהר אנגענומען, ווי ביי יודען. פריצים, גלחים, גענעראלען, פויערען — ביי אלעמען האט ער געהייסען דער היי'ליגער דאקטאר.

ביי נאכט פלעגט דער „זאלושינער" זיצען און לערנען. נאך מעהר אבער פלעגט ער זיך בעשעפטיגען מיט דער וויסענשאפט. ער האט געהאט א רייכע מעדיצינישע ביבליאטעק. האט אליין אויך געשריבען א מעדיצינישע ווערק אויף דייטש. געקענט האט ער נאר צוויי שפראכען: פראנצויזיש און דייטש. פויליש האט ער זיך שוין שפעטער אביסעל אויסגעלערנט. זיינע קינדער האט דער „זאלושינער" דאקטאר ניט געגעבען קיין שום בילדונג. ער האט זיי ערצויגען אזוי, ווי ס'ווערען ערצויגען אלע יודישע קינדער אין פוילען: זיי האבען געלערנט אין בית־המדרש, געגאנגען אין קאפאטעס און שטריימלעך, געטראגען לאנגע געקרייזעלטע פאה'לעך. שבת און יום־טוב פלעגט דער „זאלושינער" זאגען פאר די חסידים תורה, מיט דביקות, מיט התלהבות, מיט טענץ און נגונים, ווי אלע רביים. קיין קוויטלעך, קיין סגולות, קיין קמעות האט ער ניט געברויכט. ער פלעגט נאר היילען קראנקע מיט פשוט'ע רפואות און פיהרען די געזונטע מיט עצות פון גע־זונטען פערשטאנד. זיינע קינדער זענען פשוט'ע יודען חסידים, ווי אלע חסידים. נאר זיינע אייניקלאך זענען שוין היינטוועל־טיגע. א סך פון זיי זענען געשטודירטע. דער גרעסטער טייל פון זיינע קינדער און אייניקלאך זענען אין אמעריקא.

דער זאלושינער האט ניט געפראוועט קיין „טיש", גלייך ווי אנדערע רביים. האט ניט צוגעגרייט פון זיינע קינדער יורשים פאר דעם „טראן", ער האט אליין אויך ניט געזוכט צו ווערען א רבי. דאס איז געשעהן נאטירליך, אליין פון זיך. זיינע קינדער האט ער, ווי געזאגט, ערצויגען פאר פשוט'ע יודען, דורך זיינע טעכטער האט ער ניט געזוכט צו פערקנעפלען זיך מיט רייכע חסידים. איין טאכטער זיינע האט געלעבט פון די נדבות, וואס חסידים פלעגען וואַרפען אין פושקע, וואס איז געווען צוגע־שלאגען צום „אהל" אויף זיין קבר.

נאך דעם זאלושינערס טויט האבען זיינע חסידים זיך ניט געקענט צוקלייבען קיין רבי'ן, דאס איז דאך געווען אזוי אונגע־

ווײַנליך, אזוי וואונדערליך. ביי א סך פון זיי איז געווען איינ־געפלאנצט דער גלויבען, אז דער „זאלושינער“ איז געווים געווען א למד־וואווניק און וויבאלד אז איין מאל איז זיי געווען בע־שערט א למד׳וואווניק, טא פאר וואס זאלען זיי ניט האבען אזא רבי׳ן נאך אמאל? דערמיט ערקלערט זיך, פילייכט, פאר־וואס די חסידים פון „זאלושינער“ האבען זיך אנגעכאפט אן דעם „ברוקארזש“. א ברוקירער, וואס קניעט זיך ניט, וואס רעדט ניט, וואס האט אזא וואונדערליכען פנים, מסתמא איז ער פון יענע, וואס בעהאלטען זיך; מסתמא איז ער א למד־וואווניק...

אבער, ווי דונקעל די מאסע איז, לאנג קען מען זי ניט נארען, מיט איהר געזונדטען אינסטינקט דערשפירט זי די וואר־הייט, פריהער אדער שפעטער. נאכ׳ן טויט פונ׳ם „ברוקארזש“ איז פערשוואונדען געווארען יעדער שפור פון איהם. דער וועג צו זיין קבר איז פערוואקסען מיט ווילדען גראז, אויף זיין קבר ברענט קיין ליכט ניט, איז ניטא קיין „אהל“, ס׳קומט קיינער ניט בעטען פון זיינע פריהערדיגע איינגעגלויבטע.

אויפ׳ן „זאלושינער׳ס קבר“ אבער איז אויפגעבויט א שע־נער „אהל“. דארט ברענט טאג און נאכט א „נר תמיד“. פול איז דער „אהל“ מיט קוויטלעך פון טויזענדער מענשען, וואס קומען מתפלל זיין אהער פון גאנץ פוילען, און ליטא, און וואהלין; פון דער גאנצער וועלט. און פון יאהר צו יאהר וואקסט דער קראנץ פון לעגענדען, וואס פלעכטען זיך ארום דעם גלאנץ און אנדענקען פון דעם וואונדערליכען זאלושינער דאקטאר.

דער ביאלער „הויף".

צווישען אלע חסיד'ישע „הויפען" אין פוילען האט קיינער ניט בעזעסען אזא גלאנץ, אזא צויבער, ווי דער ביאלער. ניט אין גער, ניט אין טריסק, ניט אין אנדערע רבי'אישע „הויפען" האט מען פערשטאנען די קונסט צו פיהרען אזוי א „טיש" ווי אין ביאלע.

דער ביאלער רבי יעקב יצחק איז געווען פון שפיץ רבי־אישען יחוס. ער איז געווען אן איניקעל פונ'ם „יוד" און א אור־אור־אייניקעל פון די בעסטע תלמידים פונ'ם בעל־שם־טוב.

דעם לעצטען ביאלער רבי'ן האט מען גערופען דער „הינ־קעדיגער". נאטירליך, האבען חסידים זיך ניט ערלויבט איהם צו רופען מיט אזא נאמען, נאר מתנגדים. עס איז אבער געווען אן אמת. דער „ביאלער" איז ווירקליך געווען א הינקעדיגער.

און פונדעסטוועגען איז דאס געווען ניט גאר קיין גע־וועהנליכע פערזענליכקייט. ער איז געווען זעהר א פעהיגער און זעהר א קלוגער. ער האט געוואוסט אזוי צו האלטען זיך מיט זיינע חסידים, אז מענער און פרויען האבען איהם פערגעטערט. אן ארימע יודענע, וואס האט דאס גאנצע לעבען געצאהלט דעם רבי'ן „ראטע", ד. ה. וועכענטליכען פדיון פאר איהר בן־יחיד, האט זיך תמיד געקלאגט נאר אויף איין זאך: פארוואס זי איז ניט קיין מאנסביל און קאן ניט שטעהן נאהנט נעבען רבי'ן.

נאך א פאקט ווייזט אויף דער בעזונדערער פערגעטערונג פונ'ם ביאלער רבי'ן. געוועהנליך, האט יעדער רבי ביי זיך אין

שטעדטיל וועניגער חסידים, ווי אומעטום. די שטעדטיל׳דיגע, וואס ווייסען די סודות פון „הויף״, וואס קענען דעם רבי׳ן און זיינע לייט פון דער אינווייניגסטער זייט, האבען פאר איהם ווע־ניג דרך־ארץ און ערלויבען זיך פון איהם אפילו אונטערצולאכען. אין ביאלע איז געווען פערקעהרט. דא, ביי זיך אין שטעדטיל האט דער „הויף״ געהאט זיינע טרייסטע און ערגעבענסטע אנ־הענגער.

דאס אלץ האט דער „ביאלער״ געהאט צו פערדאנקען זיין גרויסער קונסט צו פיהרען די „מלוכה״. איבערהויפט ימים־נוראים איז ער געווען אימה׳דיג: ארומגעשטעקט מיט זיעבען שופרות. אין א ווייסער זיידענער זופעצע, אליין געלייענט דעם ספר. ביים „טיש״ האט ער געזאגט תורה איינציגע אבגעריסענע ווערטער און דער „טיש־זיצער״, ד. ה. דער גבאי, וואס איז גע־ווען א טאלמעטשער, פלעגט אויסטייטשען דעם רבינ׳ס כונות. קיין רבי האט ניט געקאנט אזוי קונציג, ווי ער, די תנועות פון פערגאפען זיך, פערגעהן אין די הימלישע וועלטען אויף לאנג און דערנאך זיך אויפכאפען, ווי די נשמה זיינע וואלט אראב־געשפרונגען פונ׳ם זיעבטען הימעל און אנגעריהרט זיך ערשט אן דער זינדיגער ערד.

דער „ביאלער״ איז געווען צו־שטאלץ ארומצופאהרען נאך פדיונות, ווי אנדערע רבנים. די פדיונות האט איטליכער גע־בראכט צו איהם אליין. יעדער חסיד, אפילו דער ארימסטער, איז געווען בעלעגט מיט א וועכענטליכער אבצאהלונג. דאס האט געהייסען „ראטע״. דער קלענסטער וויבערשער קוויטעל האט געקאסט א רובל. רייכע חסידים פלעגען גלאט געבען געלד אהן א שעור. דעם רבינ׳ס ווינקעלער האט געהאט פאר טויזענ־דער רובל די טייערסטע ווייגען. ביים טיש איז צוגעגאנגען לויט א שטרענגען, במעט קעניגליכען צערעמאניאל.

א חוץ די קמעות פלעגט דער ביאלער געבען די קראנקע „סגולות״, וואס האבען ניט זעלטען מיט אנ׳אמת געווירקט. די סגולות זענען פשוט געווען — היגיענישע מיטלען. יונגעלייט, וואס זענען געווען גרויסע מקורבים אין הויף, האבען מיר דער־צעהלט, אז דער אלטער רבי פלעגט לעזען אין אבטריט די

„הצפירה" און האָט ביי זיך געהאַט אַ פיינע וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק. נאָכ'ן רבינ'ס טויט, מיט פינף יאָהר צוריק, האָבען אַלטע משכילים געפּאַקט און צונג'גנב'עט פון הויף אַ מאַסע השכלה־ספרים. פון די דאָזיגע „טרפה" ביכער האָט קיינער אין הויף ניט געוואוסט ביז נאָכ'ן רבינ'ס טויט.

מערקווירדיגער נאָך פאַר'ן רבי'ן איז אָבער געווען די ביאַ־לער רבי'צין. נאָך איצט ריידען אַ סך מיט ענטציקונג וועגען איהר אַמאָליגער אונגעוועהנליכער שענהייט. אויב דער רבי האָט געגאָסען די פערגעטערונג פון די חסידישע ווייבער, איז זי, די רבי'צין, געווען דער אָבגאָט פון די חסידים.

זי איז פון דער נאַטור געווען בעגאָבט מיט אַלע קערפּער־ליכע און גייסטיגע מעלות צו פיהרען דעם שטאַט פון אַ פירס־טין, צו געבען דעם טאָן אין גרויסאַרטיגע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, אַרומגערינגעלט מיט סוויטעס בליצענדע קאַוואַלע־רען. און זי האָט פון דעם רבינ'ס הויף געמאַכט אַ פירסטליכען פּאַלאַץ. זי האָט געהאַט איהר בעזונדער אַדיוטאַנט, אַ שענעם, אַ געזונדטען גבאי, וואָס האָט זי בעגלייט אומעטום. מיט איהם פלעגט זי געהן שפּאַצירען אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסעל.

געקליידט האָט זיך די רבי'צין נאָך דער לעצטער מאָדע פון פּאַריז, וויען און בערלין. איהרע קליידער פלעגט זי זיך בע־שטעלען דוקא אין אויסלאַנד אין די גרעסטע מאָדע־מאַגאַזינען. אַ קלייד איהרס פלעגט קאָסטען 800 און 1000 רובל, אַ שירם — 100 רובל. איהרע זאָקען־בענדלעך זענען געווען אויסגעזעצט מיט בריליאַנטען. בשעת זי האָט אויסגעגעבען אַ טאָכטער, האָט זי, די רבי'צין אַליין, זיך געמאַכט אַ קלייד מיט אַ גאָלדענעם זוים — אַ טייערעס און אַ שענערעס, ווי דער כלה'ס.

פון דער רביצינ'ס לוקסוס און איהר פערגעטערונג ביי די חסידים וייזען פאָלגענדע צוויי זעהר כאַראַקטעריסטישע פאַק־טען. איין מאָל איז זי אַריין אין וויען אין אַ מאָדע־מאַגאַזין, קויפען זיך אַ טואַלעט־זאַך. נעבען איהר האָט אויך עפּעס גע־דונגען אַ רייכע פרוי, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען — אַ בע־ריהמטע דייטשע גרעפין. דער פּריקאַשטשיק פון מאַגאַזין האָט

געבעטען א צו־הויכען פרייז. די גרעפין האט ניט געוואלט גע־בען און איז אוועק. די רבי׳צין האט דאס בעמערקט און ווייל דער גרעפין איז די זאך געפעלען, האט זי בעצאהלט דערפאר, וויפיעל מ׳האט געבעטען. נאכדעם, ווי זי איז אוועק, איז גע־קומען צוריק די גרעפין און האט געוואלט קויפען דעם פוץ־אר־טיקעל, וואס זי האט געדונגען. נאר עס איז שוין געווען פערפא־לען. זי האט זיך זעהר געערגערט און געפרעגט: ווער איז דאס די מיליאנערין, וואס האט איהר אויסגעקויפט די זאך? ווען זי איז געוואהר געווארען, אז די „מיליאנערין" איז איינגאנצען א יודישען „ראבי׳ס" א ווייב, איז זי שיער פון זינען ניט אראב. די דייטשע צייטונגען זענען דעמאלט געווען פול מיט דער מעשה. נאר די רביצין האט טריאומפירט....

אמאל אין א דונקעלער נאכט האט די רביצין פערלארען א שפילקע פון די האהר. די שפילקע איז געווען, נאטירליך, אויסגעזעצט מיט בריליאנטען. ווי די חסידים האבען דאס דער־הערט, האבען זיך אלע א לאז געטאן זוכען. מ׳האט געזוכט אזוי לאנג, ביז מ׳האט זי געפונען.

דער ביאלער הויף איז געווען אנ׳אמת׳ער פאלאץ. ער האט געהאט ארום א גרויסען גארטען, און צום ארויספאהר איז גע־ווען גרייט א פרעכטיגער קאטש מיט פערד. יעדעס קינד האט געהאט א בעזונדער הויז, בעזונדערע משרתים, א בעזונדער סוויטע פון חסידים.

פיער זיהן און צוויי טעכטער האט געהאט די ביאלער רביצין מיט׳ן ביאלער רבי׳ן. איין טאכטער איז דעם ראדזימי־נער רבי׳ס ווייב (ראדזימין, גער, ביאלע און טריסק — דאס זענען די פיער בעריהמטעסטע הויפען אין פוילען און וואלין). א טאכטער דעם רבינ׳ס, זאגט מען, האט געפיהרט פאר דער חתונה א ליעבע מיט א פשוט׳ן בחור פון שטעדטיל. מ׳האט זי אבער געכאפט און דער ראמאן איז געווארען פערשטיקט. דער יונגסטער זוהן, הערשעלע, איז געווען זעהר א בעגאבטער. ער איז געווען א זינגער, א שפיעלער אויף פידעל, א מאלער און דערצו זעהר א שענער. ביי־נאכט פלעגט ער ארונטערוקען די

פאות אונטער׳ן היטעל, פלעגט זיך ארוים׳גנב׳ענען פון הויף און אומגעהן שפאצירען מיט שטעדטיל׳דיגע מיידלעך.

דער אלטער ביאלער רבי איז געשטארבען ערב דער ערש־טער רוסישער רעוואלוציע. הערשעלע איז געווארען רבי — נאר פאקטיש האט געהערשט די אלטע „פירסטין", די רביצין־מור־טער. די דאזיגע הערשאפט האט אבער לאנג ניט געדויערט. דער נייער רבי האט געפיהרט די מלוכה בלויז א האלב יאהר. באלד דערנאך איז ער געשטארבען אין סעדלעץ.

דאן האט זיך אין ביאלע אבגעשפיעלט דאסזעלבע, וואס פאסירט אפט אין אמת׳ע קעניגליכע הויפען. עס איז פארגעקור־מען א הארטנעקיגער קאמפף צווישען די געבליבענע זיהן, די פרעטענדענטען אויפ׳ן ביאלער „טראהן". דער סוף איז געווען, אז ביאלער „מלוכה" איז חרוב געווארען. פערשוואונדען אויף אייביג איז דער גלאנץ פון ביאלער הויף, פון דער ביאלער יודי־שער „פירסטין". די זיהן האבען זיך געגרינדעט קליינע „מלוכות" ווער אין מעזעריטש, ווער אין סעדלעץ, ווער ערגיץ אנדערסוואו. זייער הערשאפט איז אבער נאר א שאטען פון דער פריהערדיגער פראכט און הערליכקייט פון ביאלער הויף. ביאלער הויף איז פער־לאזען, די וועגען צו איהם שטעהען וויסט. נאר א קליינער טייל פון די טויזענדער „עולי רגל" און חסידים־אונטערטאנען זענען געבליבען טריי דער „דינאסטיע", די דירעקטע „טראהן־פאל־גער". א סך אבער פון די פריהערדיגע טרייע אנהענגער זענען אונטריי געווארען דעם הויף, זענען אוועק דיענען פרעמדע גע־טער.

נאר זי, די יודישע „פירסטין", דערלעבט נאך אין לובלין ביי א טאכטער, אין עהרע און רוהיגקייט, איהרע לעצטע יאה־רען. א י ה ר ע אנהענגער און פערעהרער זענען איהר טריי געבליבען און האבען איהר א רייכע פענסיע בעשטימט ביז איהרע לעצטע שטונדען.

ווינער אַנטיקן

איבער וויענער יודישען געטא.

1. דער קאיזער זאל שטארק און געזונד זיין.
2. דער הונדערט־יעהריגער יודישער סאלדאט.
3. ביי א יודישען אפיציר.
4. אויף דעם קבר פון... א פיש.
5. דער זעעלען־בעזארגער.
6. ווי אזוי יאסיל אסיפ פון קאסטראמא שלאגט זיך אדורך אין וויען.
7. סאקראמענטא! קרוציפיקס!
8. ווי אזוי יאסיל אסיפ פערברענגט די צייט אין וויענער פראטער.
9. דער „קאטארזשניק".

אינ׳ם לאנד פון „שטריימעלע" און „שמד".

1. די יודען אין אונגארן.
2. דער „חתם סופר".
3. צווישען „שטריימעלע" און „שמד".

"דער קאַיזער זאָל שטאַרק און געזונד זיין.

דאָס איז געווען דער ערשטער וויענער יוד — ניט קיין עמיגראַנט, נאָר אַן אמת׳ער וויענער יוד — וואָס איך האָב מיט איהם די בעקאַנטשאַפט געמאַכט, אַ פּאָר טעג נאָך מיין אָנקומען אין וויען. אַ פּראָלעטאַריער איז דאָס געווען, אַ „דינסטמאַן“, ד. ה. אַ טרעגער ביי דער באַהן. איך האָב געוואָלט האָבען די מעגליכקייט צוקוקען זיך נאָהענט צום אידישען קווארטאַל אין וויען. האָב איך בעשלאָסען צו נעהמען אַ פּריוואַט-צימער אין לעאָפּאָלדשטאָדט. מיינע זאַכען האָב איך געלאָזען אויף דער באַהן. דערנאָך אַז איך האָב שוין געהאַט געפונען אַ „קאַבינעט“, ד. ה. אַ צימער מיט איין פענסטער (נאָר אַ חדר מיט צוויי פענסטער טראָגט דאָ דעם בכבוד׳דיגען נאָמען „צימער“; מיט איין פענסטער אָבער רופט זיך בעשיידען — „קאַבינעט“.) האָב איך אַראָבגענומען די זאַכען, געוואָלט נעהמען אַן איינשפּאַנער (אַ דראָזשקע מיט איין פערד) און פאָהרען אויף מיין קווארטיר. נאָר אַ דינסטמאַן, וואָס האָט בעמערקט ביי מיין זייט דעם טרעגער מיט מיינע זאַכען האָט מיר פאָרגעשלאָגען פאַר מיינע דריי פּעק זיין רוקען, אַנשטאָט דעם איינשפּאַנער, און האָט מיך דערביי פערזיכערט, אַז עס וועט מיר קאָסטען אַ סך ביליגער, ווי דער פערד.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפ׳ן טרעגער. דאָס איז געווען אַ יוד פון אַ יאָהר זעכציג, היבש גראָה, נאָך זיין פּנים און רוקען האָט ניט אויסגעזעהן, ער זאָל זיין אַנגעמאָסטען פאַר מיינע פּעק.

ער האָט פאַרשטאַנען מיין קוק און האָט מיר ערקלערט, אַז ער האָט אַ וועגעלע און וועט שוין אַלעם ברייננגען אין אָרדנונג.

די אויסזיכט צו געהן צופוס נאָכ'ן וועגעלע מיט מיינע פעק איז פאַר מיר ניט געווען אַזוי אונאַנגענעהם, ווי אונער־וואַרטעט. אַזוי ווי מיין „קאַבינעט" איז אָבער געווען ניט גאַנץ ווייט פון דער באַהן בין איך גערן איינגעגאַנגען אויף זיין פאָרשלאָג. ער האָט מיך געבעטען אַ ביסעל אַכטונג געבען אויף מיינע פעק און ער וועט אונטערלויפען אַ היים נעהמען דעם וועגעלע. ער וואוינט דאָ ניט ווייט.

אין אַ פינף מינוט אַרום איז ער געקומען מיט דעם וועגעלע און מיט אַ ווייבעל.

— דאָס איז מיין פרוי, — האָט ער מיר געמעלדעט, — זי העלפט מיר ביין וועגעל, געהט נאָך פון הינטען, גיט אַכטונג, (ער האָט גערעדט גאַליציאַנער דייטש, איך גיב דאָס איבער אויף פראָסט יודיש), און ווען עס איז שווער, שטופט זי אונ־טער. ער האָט צוזאַמען מיט זיין ווייבעל (זי איז געווען היבש אינגער פון איהם) אַריינגעלעגט די זאַכען אין וועגעלע; זי האָט גאָר נישט רעדענדיג, פאַרנומען איהר אָרט הינטער וועגעלע און איך מיט'ן „דינסטמאַן" האָבען זיך געלאָזען פאַראויס.

איך האָב, נאַטירליך, מיט איהם פאַרבונדען אַ געשפּרעך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ שווערען זיפץ געטאָן.

— איז שווער צו פיהרען? — האָב איך געזאָגט.

— אַ, ניין, — האָט ער געענטפערט, — איך בין שוין געוואָהנט. עס טרעפט נאָך פיעל שווערערע געפּעק צו פיהרען. אָבער ז י ע האָבען עס איצט שווער, די רוסישע יודען... דער ביילים... אַ פאַטער אים הימעל! ערבאַרם דיך איבער די רוסישע יודען...

עס האָט זיך פון אונזער ווייטערדיגען געשפרעך אַרויסגע־וויזען, אַז אַ קליינע צייט איז ער אויך אַ רוסישער יוד גע־ווען. געבאָרען איז ער אין גאַליציען, נעבען דער רוסישער גרע־ניץ. אַלס קינד האָט זיין פאַטער איהם און די גאַנצע פאַמיליע אַריבערגעבראַכט אין רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט אַמאָל געהאַט און, צום טייל, האָט נאָך איצט אַ גרויסע צוציהונגס־קראַפט

ביי די גאַליציאַנער יודען, אלס א לאַנד פון תורה, פון חכמה, פון פרנסה. אַמאָל פלעגען זיך גאַליציאַנער יודען אָפט אריבערכאַפּען די גרעניץ און בעזעצען זיך אין רוסלאַנד. זיי האָבען אָפט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דעם אריינפיהר האַנדעל פון דרום רוסלאַנד. האָבען אין רוסלאַנד זיך איינגעלעבט און געפיהלט זיך גוט. נאָר ווען עס איז אַרויס די גזרה, אז אויסלענדישע יודען טאָרען אין רוסלאַנד ניט וואוינען, האָבען א סך גאַליציאַנער יודען, וואָס האָבען אין רוסלאַנד געהאַט שוין קינדער און קינדס-קינדער, און א גרויסע משפחה אויפ'ן בית הקברות, געמוזט איבערפּעקלען זיך צוריק, רואינירטע, פּאַראַרימטע, אין זייער אַלטער היים, וואָס איז זיי אין גאַנצען פרעמד געוואָרען.

דעם דינסטמאַנ'ס מוטער (זיין פאָטער איז שוין געווען געשטאָרבען — זי האָט געהאַלטען א קרעטשמע) איז אין איין ווינטערדיגע נאַכט, אין א ברענענדיגען פראָסט, אריבערגעשלייערט געוואָרען פון דער רוסישער פּאָליציי, מיט דריי פּערטעלטויז קינדער, צומעהרסט קליינע, איבער דער גרעניץ פון עסטרייך. זיין פאָטער איז אַמאָל געווען א א סאָלדאַט, האָט מען צוליב זיין זכות צוגענומען די קינדער צוריק אין עסטרייכישער אונטערטאַנשאַפט. די קינדער האָבען זיך לאַנג געפּלאָגט מיט דער מוטער, ביז זיי האָבען געקענט א לעבען מאַכען. ער איז שוין פון צעהנדליגע יאָהרען א טרעגער, א שליחות-אויספיהרער, א „דינסטמאַן" הייסט עס דאָ, אין וויען. מ'בעגעגענט זיי — די יודישע „דינסטלייט" — אויף יעדען טריט און שריט. זיי האָבען זייער קאַסע פאַר אונטערשטיצונג. דאָס איז דער איינציגער יודישער ארבייטער פאַך, וואָס איז ארגאַניזירט באַזונדער, אלס יודישע חברה, שוין לאַנג. צומייסט — עלטערע יודען פון גאַליציען: ווער מיט א וועגעל, ווער מיט א בייסיקל, ווער מיט'ן פּשוט'ן רוקען. אלע זיינע קינדער זענען בעלי מלאכות, ארבייטען שווער און זענען אָרים. ער האָט זיין ערשטע ווייב מיט עטליכע יאָהר צוריק פאַרלאָרען. האָט חתונה געהאַט ניט לאַנג מיט א צווייטער, וואָס העלפט איהם, אויך אַזוי טריי, ווי די ערשטע, שטופען דעם וועגעל. ער איז צופרידען, וואָס ער קען

נאך טראגנען און פיהרען די פעק און דארף ניט אנקומען צו די קינדער. ער בעקלאגט זיך אויף גאר נישט. פאר זיין צייט האבען א סך גאליציאנער יודען זיך ארויפגעארבייט אין ווינען. גרויסע גבירים געווארען. שפילען א ראלע אויף דער בערזע. ער האט זיין רוקען און זיין וועגעל, האט ווער עס זאל איהם צוהעלפען אונטערשטופען, און איז קיינעם ניט מקנא. נאר איין שרעקליכע ערינערונג האט ער אין זיין לעבען: יענע פראסטיגע ווינטער־נאכט, ווען מ'האט איהם מיט זיין מאמען, מיט זיינע שוועסטער און ברידער געטריבען, האלב נאקעטע, ציטערענדיגע פון קעלט, צו דער גרעניץ.

ער האט זיך שוין געהאט, זאגט ער, אויף רוסלאנד לאנג פערגעסען. זענען געקומען די פאגראמען פון 1903, 1904 און 1905, און ער האט איבערגעלעבט מיט די רוסישע יודען אלע שרעקען זייערע. „און ווען איך פלעג זיך דערמאהנען אויף רוס־לאנד" — זאגט ער — „פלעג איך אויפהויבען די הענד צום הימעל און בעטען פאר אונזער גנעדיגען קאיזער, זאל ער לאנג לעבען, שטארק און געזונד זיין".

און יעצט — זאגט ער — לאזט איהם דער ביילים ניט שלאפען. ער בעט מ'זאל איהם לייענען די ציימונגען. ער שלינגט אויף יעדע ידיעה וועגען רוסלאנד, און אז ער דערזעהט א רוסישען יודען צוגעהט איהם דאס הארץ פון צער. און ווען ער לעגט זיך און ווען ער שטעהט אויף, דאנקט ער גאט, וואס דער קאיזער פראנץ־יאזעף לעבט.

ער האט צוגעפיהרט דעם וועגעלע צום הויז פון מיין קוואר־טיר, אראבגענומען און איבערגעגעבען דעם הויז בעזארגער די פעק, א שמעק געטאן טאבאק, אריינגעלעגט דאס קליינגעלד אין קעשענע און אבגעהענדיג פון מיר עטליכע טריט האט ער נאך אמאל מיט צופרידענהייט בעמערקט:

— יא, אזוי לאנג אונזער גנעדיגער קאיזער, — זאל ער שטארק און געזונד זיין, — לעבט, זענען מ י ר זיכער פון פאגראמען.

דער הונדערט־יעהריגער יודישער סאָלדאַט.

(א טיפּ פון ווינער מושב זקנים)

געטראָפפען האָב איך איהם אין ווינער „מושב זקנים“. דער „מושב זקנים — אזיל פאַר אַלטע און שוואכע — איז געבויט אויף א טייל פּלאַץ פונ׳ם אַלטען ווינער יודישען בית עולם. די קברים־בערגלאַך אויפ׳ן בית עולם זענען שוין לאַנג פער־שוואונדען. דער בית עולם איז שוין לאַנג פאַרפּוצט, ווי א גערטעל. די מצבות קימערן ניט די אַלטע, ווען זיי שפּאַצירען דאָ זעהר גערן אין וואַרימע זומערדיגע טעג.

דער ווינער „מושב זקנים“ שטעהט אין זיין אינערליכער אָרדנונג, א סך העכער פון דעם ווילנער „מושב זקנים“, דער גרעסטער אזיל פאַר אַלטע אין רוסלאַנד: דאָ ווערען בעזאָרגט ביז פיער הונדערט פּערזאָן, מענער און פרויען און קען, נאָך מיין מיינונג, גערעכענט ווערען צווישען די בעסטע יודישע צדקה־אַנשטאַלטען אין דער וועלט.

שוין אָריגינעל אין דעם ווינער „מושב זקנים“ איז דאָס, וואָס די אויפזעהערין דערויף איז א פריילין, אמת, די פריילין איז ניט גאָר קיין יונגע. איינגערע פון איהר געפינען זיך אין דעם דאָזיגען הויז, אונטער איהר אויפזיכט. זי איז היבש גראָה. זעהט זיך אָן צווישען פופציג און זעכציג. אָבער אזא פרישקייט, מונ־טערקייט, לייכטקייט אין די בעוועגונגען און אויפגעראַמט־קייט איז ניט אָפט צו בעמערקען ביי אַנדערע פריילינס, וואָס האָבען העלפט פון איהרע יאָהרען. ס׳איז קענטיג געווען, אז

דאָס איז אַ מענטש מיט אַ בערוף צו איהר אמת. איהר בעהאַנד־לען די אַלטע איז געווען שוועסטערליך, אָבער נאַטירליך, אָהן ביוראָקראַטישפילאַנטראָפּישע זיסקייט. אין אַלע פּאַלאַ־טעס האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג און ריינליכ־קייט. די אַלטע האָבען זיך געפיהלט פריי, ווי אין דער היים. איין זאַך, וואָס איך האָב ביז איצט ניט בעגעגענט אין קיין „מושב זקנים" איז — אַ גאַנצע רייה בעזונדערע צימערן פאַר אַלטע פּאַר־פּאָלקען. מאַן און ווייב לעבען זיך צוזאַמען אין אַ צימער מיט אַלע זייערע אייגענע הויז־געשיר און איבריגע באַ־לעבאַטישקייט. צווישען זיי איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען ניט גאַר אָרים. האָבען געהאַט פריהער געשעפטען, געהאַלטען שענע דירות. די געשעפטען זענען נאָך געגאַנגען, נאָר צו די עלטערע יאָהרען איז מעהר קיין כח ניט געווען צו לויפען, האָ־ווען און דרייען מיט'ן מוח, און אויסהאַלטען אַליין אַ דירה מיט הייצען, מיט קאָכען. האָט מען געמאַכט דאָס קרעמיל צו געלד. אָביסעל האָט מען געלאָזען ביי זיך און דאָס איבריגע אַוועקגע־געבען דער פערוואַלטונג פון „מושב זקנים" און געוואָרען דאָ באָרדער. די אַלטע בעקומען איצט אַלץ פאַרטיג, און דערלעבען זיך רוהיג זייערע יאָהרען, בעזוכענדיג דאָס שולכעל, לעזענדיג אַ צייטונג, אַ בוך, אָדער אַ ספר.

די איינוואוינער אין דעם אַלטענהויז, בכלל זענען עסט־רייכישע יודען, אונגאַרישע, גאַליציאַנער, בוקאָווינער, אַ פּאָר טערקישע יודען און אַ פרוי פון רוסלאַנד. דער שיקזאַל פון דער רוסישער פרוי איז ניט גאָר קיין געוועהנליכער. זי איז ניט קיין אַלטע. אַ קראַנקהייט האָט איהר געבראַכט אַהער אין וויען. זי האָט געהאַט אַ שטענדיגען מורא'דיגען אַפּעטיט. נאָר אַלץ, וואָס זי האָט געגעסען איז איהר איבערגעגאַנגען אין פעט. זי איז געווען איבערנאַטירליך דיק, האָט ניט געקענט בויגען קיין אבר. איהר מאַן, אַ מוזיקער, איז פון איהר אַנטלאָפען. זי האָט זיך קורירט ביי אַלע רוסישע דאָקטוירים, נאָר ס'האָט ניט גע־האָלפען. אין וויען האָט מען צו איהר אַנגעווענדט אַ נייעם מי־טעל: ס'האָט געווירקט. זי איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען. איהר קוראַציע דאַרף נאָך אָבער דויערן אַ לענגערע צייט, אָבער

זי איז שוין געזונד . האט זי געפועלט מ'זאל איהר אריינגעהמען אין אזיליום.

זי האט איהר אייגענס איין טאכטער, א מיידעל — אן ארטיסטין אין סטאקהאלם. וואס די מיידעל פערדינט, שיקט זי אוועק דער מאמען. דער פרוי פעהלט גאר נישט. דער מאן האט דערהערט אז זי איז געזונד געווארען, האט ער זיך בעוויזען און בעט ווידער אויף א לעבען. נאר זי טרויט איהם מעהר ניט. „איצט" — זאגט זי, — אז איך בין געזונד, דארף ער האבען איך זאל איהם בעדינען. ניין, בעסער וועל איך שוין בלייבען דא שטענדיג. די טאכטער שיקט איהר געלד. קומט צוויי מאל א יאהר איהר בעזוכען. שרייבט איהר אפט בריעף.

צווישען די איבריגע זקנים פון אזיל איז אינטערעסאנט א הונדערט־יאהריגער יודישער סאלדאט. ער האט נאך געדינט אין 1848־טען יאהר אין דער צייט פון דער רעוואלוציע, האט בעקומען פאר זיין לאנגען דינסט דריי מעדאלען: צוויי בראנזענע און איינעם א זילבערנעם. ער איז שוין גאר שוואך און קינדיש, זיצט אויף זיין בעטעל אין איין העמד, און אונטערהויזען און פון אויבען דעם כאלאט. אויפ'ן כאלאט באמבלען זיך די צוויי בראנזענע מעדאלען, געפוצטע, בלאנקע. דער אלטער שטאלצירט מיט זיי שטארק און האלט זיי אין שטרענגער ארדנונג. ער האט מיר ערקלערט די היסטאריע פון יעדען מעדאל, אין וועלכען יאהר, אין וועלכען קריג ער האט דעם און יענעם בעקומען, און פון וואסערע אויסצייכנונגען אין דינסט. גאר בעזונדער טייער האט ער געהאלטען א דריטען מעדאל, א זילבערנעם, וואס איז געוועזן שוין ניט אנגעהאנגען אויף איהם, נאר געלעגען, ווי א טייערע קמיע אין א שווארצער טיבעל, אויף א זיידען קיסעלע, בעהאלטען אין קעסטעל פון זיין בעט־טישעל. ער האט לאנגזאם ארויסגעצויגען דאס קעסטעל, אבגעווישט אפאר מאל די הענד אן כאלאט, פארזיכטיג געעפענט דאס שאכטעל און ציטערנדיג ארויסגענומען דעם מעדאל, איינגעקוקט זיך מיט גרוים ליעבע און צערטליכקייט אינ'ם פנים פונ'ם קאיזער פראנץ יאזעף, אוועקגעלעגט פאוואליע דעם מעדאל אויפ'ן קיסען, און אויפגעהויבען די אויסגעדארטע ביינערדיגע

הענד צום הימעל, ד. ה. צו דער סטעליע מיט א פרום געבעט: בארמהערציגער, אלמעכטיגער גאָט! שענק דעם גנעדיגען קאי־זער לאנגע יאָהר און געזונד, ער איזט יא דער בעסטער מאָ־נארך אין איירָאפא, פיר אונז יודען, איז ער איין פאטער. זאָ־לאנג ער לעבט, האָבען וויר ניכטס צו פירכטען.

און ער האָט מיט גרויס בעגייסטערונג אָנגעהויבען צו דערצעהלען, וויפיעל מאָל און וואו ער האָט איהם געזעהן, דעם גנעדיגען קאיזער. האָט ווידער מיט גרויס ליבשאפט ארומגע־קוקט דעם מעדאל, פארזיכטיג און פּאַוואָליע אוועקגעלעגט איהם אויף דאָס קיסעלע אין שאַכטעלע, אוועקגעלעגט אויפ׳ן פריהערדיגען אָרט און פאררוקט דאָס קעסטעלע. די פּראָסטע, קלענערע מעדאלען זענען ביי איהם געווען, אזוי צו זאָגען, א וואָכעדיגע צירונג. דער גרעסטער, דער זילבערנער, איז געווען א יום טוב׳דיגער חפץ. אויף איהם צוקוקען און נעהמען איהם אין האנד האָט ער זיך ניט ערלויבט אלע טאָג, נאָר אין א גע־הויבענעם פאל, א שטויגער, ווען איהם האָבען בעזוכט געסט און ער האָט פאר זיי איבערגעבלעטערט זיינע אלטע זעלטענע זכרונות.

איבריגענס זענען די זכרונות פון זיין לאנגען לעבען ניט גאָר קיין פרעהליכע. זיין ווייב און אלע קינדער האָט ער שוין לאנג בעגראָבען. שוין לאנג, ווי ער געהט אום אן איינזאמער, א היימ־לאָזער אויף דער וועלט. יאָהרענלאַנג איז ער שוין אויך דאָ, אין מושב זקנים, די פערוואלטערין פּיעסטעט איהם אביסעל, ווייל ער איז דער עלטעסטער אין אזיל. מיט דרך ארץ צו זיינע הונדערט יאָהר פערהאַלט זיך צו איהם די גאנצע בעפעלקערונג פונ׳ם „מושב זקנים“

ווען איך האָב פונ׳ם זקן אָבשייד גענומען און געלאָזען זיך אוועק פון זיין בעט אין בעגלייטונג פון דער פערוואלטערין, האָט דער אלטער אויסגעשטרעקט זיין געלע, דארע ביינערדיגע האנד, בעטענדיג די פערוואלטערין זאָל צו געהן צו איהם, ער דארף איהר עפּעס וויכטיגעס פארטרויען. אז זי איז צוגעגאנגען האָט ער אראָבגעלאָזט די אויגען, ווי א שעמעוודיג קינד און געשטאָ־מעלט עפּעס, טשאמקענדיג מיט זיינע פארטריקענטע ליפּען

און ווינקענדיג מיט די רויטע פארשוואָלענע ברעמען אַזוי רחמנות'דיג. איך האָב פון דער ווייטען נאָר געהערט די ווער־טער: „גנעדיגעס פרייליין" „ביטע" און „מאַטילדע".

די פרייליין פערוואַלטערין האָט זיך צולאַכט און געדראָ־העט איהם מיט'ן פינגער:

— אָ, איהר אַלטער! אייך ליגט נאָך אין זינען אַזעלכע זאַכען. — דער הונדערט־יאָהריגער זעלנער האָט טשאַמקען־דיג און שטאַמלענדיג, מיט אַ שרעקליך רחמנות'דיג פּנים, איהר פערזיכערט, אַז ער איז ניט אויסען קיין פערגעניגענס, ווי די יונגע, נאָר ער וויל האָבען אַ גוטען פריינד, ווייל די מ אַ ט י ל־ד ע איז אַ גוטהערציגע פרוי.

דער אַלטער עולם ארום האָט זיך צולאַכט. אָבער די שטי־מונג איז ביי אַלעמען באַלד ווידער געוואָרען אַן ערנסטע. עס האָט זיך געפיהלט אין דער קאָמישער סצענע אַ טיפע טראַגע־דיע פון דעם מענשענס נשמה. אין דער קאַלטער סביבה פון וועלקע האַלב אָבגעשטאָרבענע נפשות, האָט ערוואַכט אַ פּראָ־טעסט, כאָטש אַ פערשפעטיגטער, געגען אַ פאַרשפּילטען, פאַר־מוטשעטען לעבען. שטעהענדיג מיט איין פוס אין קבר, האָט דער מענש אָנגעהויבען פאָדערן זיין רעכט אויף גליק, צוליב וועלכען ער איז געבאָרען און וועלכען ער האָט ניט געקענט...

די פרייליין האָט צוגעזאָגט דעם אַלטען: — **רעכט, רעכט!** איך וועל שוין רעדען מיט דער מאַטילדע.

ביי אַ יודישען אָפּיציר.

אַ צופאַל האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט אריינצוקוקען אין דעם אינערליכען לעבען פון אַן עסטרייכישען יודישען אָפּי־ציר. איך האָב געהאַט די מעגליכקייט, מעהר ווי איין מאָל, מיט דעם אָפּיציר צו פארברייננגען. איך בין געווען מעהר ווי זיין גאַסט. איך בין געווען זיין קוואַרטיראַנט אין אַ משך פון דריי וואָכען.

אין די פּאָר מאָנאַטען, וואָס איך האָב פארבראַכט אין וויען, האָב איך, אלס נית סטאַבילער, ד. ה. נית שטענדיגער קוואַרטיראַנט*) געמוזט בייטען דריי מאָל מיין וואוינונג. דאָס איז געווען אביסעל אונרוהיג און נית בעקוועם. דערפאַר האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צוצוקוקען זיך נעהענטער צום וויענער אידישען לעבען, ווי אויך צום לעבען פון די וויענער קריסטליכע פּראָלעטאַריער.

דער דורכשניטליכער יוד, ווער ער זאָל נית זיין: האַנד־ווערקער, קליינער קרעמער, בעאַמטער, אָפּיציר און ד. ג. קען זיך נית פארגינען צו האַלטען אַ גאַנצע דירה פאַר זיך, און מעג זיין די דירה אפילו בלויז פון דריי צימערן. אזא דירה קאָסט

*) א גרויסער טייל פון די וויענער באָרדער זענען סטודענ־טען. די הייסען „סטאַבילע". נית סטאַבילע הייסען די וואָס דינגען אַ צימער אין צייט פון וואקאציע. זיי מוזען דעם צימער אָבראַמען, ווען די סטודענטען קומען.

1500-1000 קראָנען א יאָהר און דער פאַרדינסט קלעקט ניט אויף אזא גרויסע צינש (רענט, דירה געלד). געוועהנליך בע־שטעהט א דירה פון דעם ניט רייכען קלאַס אין ווינען פון דריי חדרים: קיך, קאַבינעט, (קליינער צימער מיט איין פענסטער) און צ י מ ע ר (מיט צוויי פענסטער, אָדער מיט איין פענס־טער — א ברייטען). דער קאַבינעט, אָדער צימער ווערט פער־דונגען. דער איינציגער צימער, וואָס בלייבט פאַר דער פאַמיליע דיענט פאַר א שלאָפצימער, א זאַל, א גאַסטצימער. דאָרט שטעהט אויך די „פיאַנאָ", ווען אימיצער פון דער פאַמיליע איז מוזיקאַליש. די קיך דיענט אויך פאַר אן עס־צימער, פאַר צו־נעהמען געזעלשאַפט שבת און יום טוב, פאַר א שלאָף צימער די קינדער און, ניט זעלטען, ווערט אין דער קיך פערדונגען א „בעט" צו נאָך א „באַרדער".

מיינע דריי בעלי בתים. ביי וועלכע איך האָב געוואוינט, פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ווין, זענען געווען פראָלעטאַריער פון דריי פאַרשידענע מדרגות. דער ער־שטער א גאַליציאַנער יוד אין לעפּאָלדשטאַדט, א הענדלער פון שמאַטעס, א פרומע יודישע פאַמיליע: 4 קינדער — צוויי זיהן און צוויי טעכטער. ביידע זיהן — „קאַמים" אין געשעפטען. איין טאָכטער פאַרהייראַט פאַר אן ארבייטער. א צווייטע — א מיידעל נאָך — א זאַקענמאַכערין. זי ארבייט אין דער היים (אין קיך ביין פענסטער) אויף א זאַקענמאַשין, גענומען אויף אויסצוצאָהלען. ארבייט פאַר פריוואַטע קונדען, וואָס בעקאַנ־טע רעקאָמענדירען. דעריבער נעהמט זי אביסעל א בעסערן פּרייז און ארבייט אוים איהרע צעהן קראָנען א וואָך. דערפון קליידט זי זיך, און לעגט אָב אביסעל אויף נדן, און גיט די על־טערן צו שטייער אויף צינש, אויף עסען. אט אזוי קומט מען ווי עס איז דורך.

מיין צווייטער בעל־הבית — (עק שטאָדט, וואו די גאַסען זענען ריינליכער און די הייזער מיט גערטלאָך פון פאָרענט) איז געווען א קריסט, א נידעריגער בעאַמטער אין א פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. זונטאג, און צייטענווייז, אן דער וואָכען אין אוונד ברויכט ער צו איינבינדעריי (געהאַט אמאָל א שאַפּ פון

אט דעם פאך). דער צימער איז פארדונגען, אין קאבינעט שלאפט די גאנצע פאמיליע: די מאמע מיט דער טאכטער (א מיידעל פון א יאהר 16) אין איין בעט; דער טאטע מיט איין זוהן אין א צווייטער. אין דער דריטער בעט שלאפען דא די צוויי איבער־ריגע „בורשען". די קיך איז זעהר א קליינע. פארברייננגט די גאנצע געזינד אין קאבינעט ביי טאג און ביי נאכט. אין א ווינ־קעל שטעהט א פיאנא. די גאנצע געזינד איז מוזיקאליש. די טאכטער ארבייט ביין טאג אין זעלבען געשעפט, וואס איהר פאטער. אין אוונד לערנט זי זיך שפילען. זי שפילט פיאנא: די בורשען — פיעדעל, וויאלין. די אינגלאך האבען אויך טא־לאנט צום מאלען. זענען נאך יונג. ביי טאג געהט מען אין דער שולע. ביי נאכט בעזוכט מען די ספעציעלע שולע פאר מאלען און צייכנען. טאטע־מאמע זעהר איינפאכע מענשען (זי — א דייטשקע, ער א פערדייטשטער משעך פון טיעף בעהמען) הא־בען אבער א סך געפיהל פאר די קינדערס טאלאנטען, און זענען זיך פשוט מקריב צו שאפען זיי מיטלען, געבען זיי די מעגליכ־קייט ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען. דאס קאסט א סך געלד. איבערהויפט די אלטע ארבייט ווי א פערד, בעדינט די קווארט־טיראנטען, און יעדען העלער, וואס זי בעקומט גיט זי די קינדער אוועק. דאס איז ביי איהר דער צווייטער מאן. דער ערשטער — האט זי מיר דערצעהלט — איז געווען א „האטעליע", ד. ה. א לאקיי אין א האטעל. האט געשכור'ט, פערהולטעוועט איהר נדן, וואס זי האט איהם ארייננגעבראכט, און יעדען קרייצער, וואס זי פלעגט פערדינען פון גרעט וואשען. דער איז — זאגט זי — אן אנשטענדיגער מענש: טרינקט ניט, רויכערט ניט, איז אב־געגעבען דער פאמיליע און זי איז פאר איהם גליקליך.

איך האב געמוזט אברוימען מיין צווייטע קווארטיר — פאר סטאבילע סטודענטען — די פריהערדיגע בארדער פונ'ם צימער, און האב מיך געלאזט זוכען ווידער א צימער אין לעא־פאלדשטאדט. זוכענדיג האב איך מיך אנגעשטויסען, גאנץ אונגעריכט, אויף דעם אפיציר. דערזעהענדיג אין פארהויז די מיליטערישע אוניפארם מיט'ן שווערד, האב איך שוין געוואלט געהן צוריק. איך בין געווען זיכער, אז דא וועט מען א אידען

ניט פערדינגען. דערצו האָב איך געקענט נעהמען דעם צימער, נאָר אויף צוויי וואָכען. נאָר געגען מיין ערוואַרטונג האָט מען מיך דאָ גאַנץ פריינדליך אויפגענומען און איינגעשטימט אָבצור געבען זייער צימער אויף דעם קורצען טערמין, וואָס איך האָב פערלאַנגט. אז דער אָפיציר איז א אידישער האָב איך זיך דער־וואוסט שפּעטער, פון זיין פרוי, אַ יונגע, שענע דייטשקע, אַן אמת׳ע דייטשקע — אַ קריסטין. איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אז דאָ איז געווען א ראָמאַן און, דערצו — אַ טראַגעדיע.

אז אַן עסטרייכישער אָפיציר האָט אַ ראָמאַן — דאָס גופא איז שוין, אייגענטליך, אַ טראַגעדיע. אַן עסטרייכישער אזוי ווי א דייטשער אָפיציר, טאָר ניט חתונה האָבען ווען ער טראָגט ניט אריין אין דער מיליטערישער קרויז־קאַסע מינדעס־טענס 30 טויזענד קראָנען, אלס גאַראַנטיע, אז ער וועט זיין אין שטאַנד צו פיהרען אַן אַנשטענדיגען לעבען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָפיציר. דער מינימום פאר אַן אַנשטענדיגען לעבען איז לויט׳ן בעגריעף פון דער עסטרייכישער ביוראָקראַטיע — זעקס טויזענד קראָנען א יאָהר. דריי טויזענד בעקומט אַן אפיציר גע־האַלט. די איבריגע דריי טויזענד קראָנען מוז ער האָבען פון פּראָצענט אויף זיין קאַפּיטאַל. דער אָפיציר וואָס וויל חתונה האָבען, מוז ער אליזאָ, ענטוועדער אליין זיין רייך, אָדער — טאָן א רייכען שדוך. דעריבער סטאַרען זיך די אָפיצירען צו האָ־בען אריינגאַנג אין די רייכע הייזער און קריגען פון דאָרט אַ כלה. ביי די אויפגעקומענע נגידים ווידער, רעכענט זיך פאר א כבוד צו פאַרקנעפּלען זיך מיט אַן אָפיציר, איבערהויפּט, ווען ער האָט נאָך אַ קרעל אויפ׳ן באָק — א סימן, אז ער האָט געהאַט „היסטאָריעס“ מיט דועלען.

אין דייטשלאַנד, ווי בעוואוסט, איז דער יונקער־קלאַס שטאַרק איינגעשלאָסען און כמעט אין גאַנצען געשלאָסען פאַר אַ יודען. א יוד אַן אָפיציר איז דאָרט אַ זעלטענע ערשיינונג. גאַנץ אומגעקעהרט איז אין עסטרייך. דאָ האָבען יודען די פולע פרייהייט צו פערטרעטען העכערע מיליטערישע עמטער. אין דער עסטרייכישער מיליטער זענען דאָ ניט ווייניג יודען פּאָל־קאָווניקעס און גענעראַלען. די רעגירונג קען די פּאַטריאָטישע

שטימונג פון דער אידישער בעפעלקערונג און פערטרויט יודען די פעראנטווארטליכסטע שטעלע אויף אלע געביטען פון ציווילען און מיליטערישען דינסט אין שטאאט.

אידען בענוצען זיך אבער וועניג מיט דער געפעלינקייט פון דער רעגירונג אין דעם פרט פון מיליטערישען דינסט. א רייכע וויענער יודישע מיידעל האט אמת שטארק חשק צו א גוי׳אישען אפיציר. אבער א זוהן פון א יודישען בורזשוא האט וועניג חשק צו ווערין אפיציר. מיט געלד און בילדונג האט א יודישער יונגער מאן א סך א ברייטערן פעלד פאר זיך צו ענטוויקלען און אויסנוצען זיינע פעהיגקייטען, ווי דער געביט פון מיליטערישען דינסט. ניט בלויז אן אדוואקאט, א דאקטאר, א טעכניקער, א סוחר, נאר אפילו א גוטער וואיאזשאר, פארדינט א סך בעסער פון אן אפיציר, און קען לעבען פיעל ברייטער, פרייער און לוסטיגער. פריי און לוסטיג צו לעבען, בעזוכען איינינגע מאל א וואך טעאטער, קאנצערטען, באלען, מאסקעראדען, נעהמען אנטייל אין ספארט, רייסעס, לופט־פליהעריי — דאס איז דער אידעאל פון דער בורזשואזער יודישער יוגענד אין וויען. דערצו פאדערט זיך אבער געלד און א סך. דער געהאלט פון אן אפיציר קלעקט ניט אויף א פרייען וויענער לעבען, און דער יצר הרע צו א לוסטיג לעבען איז שטארקער פון דער אמביציע צו טראגען אן אפיצירישע קעפ.

דעריבער בענוצט זיך די וויענער יוגענד בעסער מיט דעם ברייטען פעלד פון האנדעל, אינדוסטריע און ליבעראלע פראפעסיעס, וואו זי שפיעל א מעכטיגע ראלע, פערדינט א סך געלד און לעבט א גוטען טאג. נאר איינצעלנע איינגעפונדעוועטע יודישע גבירים, וואס האבען שוין מעהר ניט נויטיג צו יאגען זיך נאך ביזנעס, בעזיצען אין די בענק א היבשען פעקיל מזומן, פערגינען זיך דעם לוקסוס צו געבען די קינדער א מיליטערישע קאריער, דערין שפיעלט א ראלע ענטוועדער די קנעפיל־אמביציע, אדער חער שטארקער חשק צו פערקנעפעלען זיך מיט דעם קריסטליכען אדעל.

פון אזא הויז, א פנים איז געוועזן מיין דריטער בעל הבית. ווערענדיג אפיציר האט ער אבער געהאט דעם אונגליק צו פער־

ליבען זיך אין א דייטשקע, זעהר אן איינפאכע ארים מיידעל, פון אן ארבייטער פאמיליע. וואלט ער זיך פערליבט אין א רייכער דייטשקע, וואלט זיך פערקנע־פילט דורך איהר וועניגסטענס מיט א קריסטליכער אדע־ליגער משפחה, וואלט איהם זיין יודישער טאטע געגעבען זיין ברכה און נאך א שענע פאר צעהנדליג טויזענד קרא־נען דערצו. נאר פערליבען זיך אין א פראסטער ארבייטער־מיי־דעל — דאס האט מען איהם ניט געקענט שענקען. זיין טאטע און מאמע האבען איהם ניט בלויז קיין ברכה און קיין געלד ניט געגעבען, נאר האבען זיך פון איהם אבגעזאגט.

איך וויים ניט אקוראט, צי דער אפיציר, מיין בעל־הבית, האט ארויסגעקראגען ביים טאטען, צי ער האט אליין פערדינט (ער איז מיליטערישער עלטערער בוימייסטער (אינזשיניער) אין דעם ראנג פון אן אפיציר) די דרייסיג טויזענד קראנען גאראנטיע, נאר ער האט זיינס אויסגעפיהרט: ער האט חתונה געהאט מיט דער געליבטער. נאר דא האט זיך ערשט אנ־געהויבען זיין טראגעדיע. טויפען האט ער זיך ניט געוואלט, אבער א יוד מיט א קריסטין (און פערקעהרט) מעגען חתונה האבען נאר אין דעם פאל ווען די יונגע לייט ערקלערען זיך „קאנפעסיאנסלאז“, ד. ה. גאר אהן א גלויבען. די כלה האט גאר נישט געהאט דאגעגען. זי האט איהר חתן שטארק ליב געהאט. דערפאר איז איהר מאמע ברוגז געווארען אויף איהר טאכטער, וואס זי האט גענומען אן אפיקורס, דערצו נאך א יודען. און זי האט זיך אבגעזאגט פון דער טאכטער פונקט אזוי, ווי זיין טאטע און מאמע האבען זיך אבגעזאגט פון איהם. אין די חברי'שע אפיצערישע קרייזען ווידער האט מען אויף איהם אנגע־הויבען קרום צו קוקען פאר דריי זאכען. ערשטענס, וואס ער איז א „יוד“; צווייטענס — אן „אפיקורס“, דריטענס — און דאס איז די גרעסטע זינד — וואס ער איז אליין א קבצן און האט גענומען אן ארימע ארבייטער־מיידעל. ער האלט זיך אבער אויפ'ן דינסט, ווייל די העכערע מיליטערישע בעאמטע מוזען איהם האבען, פערטרויענדיג איהם וויכטיגע מיליטערישע באהן־און־פעסטונגס־ארבייט.

אט אזוי לעבען זיי, די יונגע פּאר (ביי זיי איז ערשט צוויי יאהר נאך דער חתונה), איינזאם, איינגעשלאסען, פארלאזען פון אלעמען. נאר זיי דארפען קיינעם ניט. ניין אזייגער אין דער פריה געהט ער אוועק אין דינסט. זי שטעהט אויף פריה (7 אזייגער איז זי שוין אויף) לויפט ארונטער אין קרעמיל, מאכט איהם פרישטיק, גיט איהם עפּעס א גוטע זאך מיט. ער געהט אוועק. נעהמט זי זיך רייניגען, וואשען, שייערן, נייהען, פוצען, קאכען. אין קיך און אין שלאפצימער (מעהר האבען זיי ניט, אחוץ מיין צימער) פינקעלט יעדע ברעקעלע. אלע טאג ווערען געוואשען די שויבען, געפוצט די ווענט, די געשיר, זיינע און איהרע קליידער — קורץ: זי איז פארהארעוועט דעם גאנצען טאג אין שטוב. זעקס אין אוונד קומט ער צוגעהן, דערוויסט א רייניגעם, איינפאכען און געשמאקען ווארמעס. פון דעם ווארמעס לאזט מען אביסעל אויף מארגען. בייסט זי דאס איבער ביין טאג און מיט'ן ווארמעס ווארט זי אויף איהם. אבגעגעסען ווארמעס פארברייננגען ביידע דעם אבענד אין דער היים, ער לייענט איהר עפּעס, אדער דערצעהלט איהר געלעבטערדיגע מעשיות און ביידע לאכען, אמאל געהט מען צוזאמען מאכען א וויזיט איהרע א שוועסטער, אן עלטערע אביסעל פון איהר, אויך זעהר א שע־נע. אמאל, זעהר זעלטען קומט די שוועסטער צו א י ה ר. אלע זונטאג קומט איהר בעזוכען דער ברודער — אן ארבייטער, א שלאסער, א סאציאל־דעמאקראט. די שוועסטער און דער ברודער זענען אויף איהר ניט ברוגז, האבען זיך, פון איהר ניט אב־געזאגט. נאר די מאמע (קיין פאטער האט זי ניט) — איז נאך אלץ אויף איהר ברוגז.

מיט מיר איז אט די בל־הבית'טע מיינע שיער ניט ברוגז געווארען אויפ'ן צווייטען טאג, נאך מיין אריינקלייבען זיך. און אט צוליעב וואס:

אין אוונד האט זי מיך געבעטען, איך זאל מיינע קליידער און קאמאשען ארויסשטעלען, פארן שלאף, פאר דער טיר אין קארידאר, וועט זי עס אין דער פריה פוצען און רייניגען. איך האב איהר געמעלדעט, אז איך פוץ מיינע קליידער און שיך אליין. די דייטשקע האט אויסגעשטעלט אפאר אויגען און האט

מיך אנגעקוקט מאָדנע, זי האָט געזאָגט, אַז אַזוי איז דאָ דער מנהג. דיווירטין מוז פּוצען דעם קוואַרטיראַנטס קליידער, און שיך. איך האָב זיך פאַר׳עקשנט, האָב איהר ערקלערט, אַז „ביי אונז" אין רוסלאַנד, האָט מען וועגען אַזוינע זאַכען אַנדערע בעגריפען: יעדער מענש מוז אויף זיך אַליין אויפּפּאַסען און ניט בעלעסטיגען יענעם מיט אַזוינע קליינינקייטען, וואָס ער קען אַליין טאָן. זי האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן און האָט זיך מיט מיר שטאַרק געאַמפּערט. ענדליך איז זי אַוועק מסר׳ן דעם מאַן. דער אָפיציר האָט זיך „אַנגענומען" פאַר זיין ווייב און אויך געוואָלט מיך איבערצייגען, אַז אַזוי איז שוין דאָ דער מנהג פון שנים קדמוניות. איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געשטעלט אויף דאָס מייניגע.

אין אייניגע טעג אַרום האָט זיך מיין דייטשקע איבערצייגט, אַז דאָס איז פאַר איהר ניט קיין חסרון, זי איז שלום געוואָרען מיט מיר און האָט מיר אפילו דערצעהלט, אַז דער פאַריגער קוואַרטיראַנט האָט עס זיך „געמאַכט בעקוועם". ער פלעגט איהר אַלע טאָג אַרויסשטעלען פּוצען און רייניגען דריי קאָסטיומען.

אחוץ דעם מאַן, דער שוועסטער און דעם ברודער, האָט די אָפיצערשע געהאַט נאָך אַ גוטען פריינד, וואָס פלעגט קומען צו איהר אָפט ביי טאָג, איהר אַמוזירען. דער אָפיציר איז ניט געווען אייפערזיכטיג. פאַרקעהרט: ער האָט איהר „גוטען פריינד" געטראָפען, קומענדיג אַהיים פון דינסט, פלעגט ער איהם בעהאַנדלען אויפ׳ן שענסטען אַרט. דער גוטער פריינד איז געווען — „לאָקערל" — דער שוועסטערס הונד. דאָס איז געווען אַ מאַידים פון אַ הונד. זי פלעגט מיך אָפט אַרויסרופען פון מיין צימער, איך זאָל זעהן, ווי „לאָקערל" צוקעהרט מעשים. דאָס אַמוזירען זיך איז געווען אויף אַזאַ שטייגער: זי פלעגט נעהמען אַ שמאַטע אין האַנד ביי איין עק און „לאָקערל" פלעגט דאָס נעמען אין די ציין ביי אַן אַנדער עק און שפּרינגען דערמיט, האַווקען, בורטשען און שטיפען, טאַקע ממש ווי אַ איינגעל — אַ קונדס.

אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָבפאָהרען פון וויען האָט מיר מיין בעל־הבית׳טע פאַרטרויט אַז איהר מאַן האָט בעקומען אַ בעפעהל

איבערציהען זיך אין א קליין שטעדטעל, אין טיעף אונגארן, וואו עס ווערט געבויט א נייע מיליטערישע באהן. זיי זענען מיט מיר אוועקגעפאהרען אין איין טאג. מיר האט זיך גערוכט, אז דאס האבען איהם די חברים צוגעדיינט. ער זאל זיי ניט פארשווארצען די אויגען. די דייטשקע האט מיר אבער ערקלערט, אז איהר טוט עס הנאה. זי איז אליין געבארען פון יענעם געגענד. אין א קליין שטעדטעל איז עס דאך, רוהיגער, בעקוועמער: מ׳קען לעבען ווי מ׳וויל. זי וואלט געוועזן גאר גליקליך, ווען זי וואלט נאך דארטען. אין דער קליין־שטעדטעלע, קענען האבען איהר גוטען פריינד — דעם „לאקערל“...

אויף דעם „קבר" פון... א פיש.

אויף דעם אלטען יודישען בית עולם אין וויען איז דא א מצבה וואס שטעלט פאר א פיש מיט שופען, מיט אן עק מיט א ברייטען מויל אויפגעריסען צום הימעל, אזוי ווי דער פיש וואלט שרייען צו גאט.

ווי קומט א שטומער פיש צו עפנען א מויל? צו שרייען? צו וועלען שרייען אפילו? און ווי קומט גלאט א פיש אויפ'ן יודישען בית הקברות?

איז דאס טאקי ניט קיין פשוט'ער פיש. אט וואס אלטע פרומע יודען אין וויען דערצעהלען וועגען דעם דאזיגען פיש.

דאס איז געווען לאנג, לאנג מיט דורות צוריק. איצטיגע וויענער זקנים געדענקען דאס ניט. האט אמאל א פרומער יוד געקויפט א פיש אויף שבת. א גרויסען פיש, א לעבעדיגען פיש, א צאפעלדיגען, און ווי מ'האט דעם פיש גענומען מאכען, האט ער זיך ארויסגעריסען פון די הענד, א שפרונג געטאן אין דער הויך און א געשריי געטאן: „שמע ישראל".

עס איז געווארען א גערודער, אלע שטוביגע האבען זיך דערשראקען, מ'האט באלד געשיקט פרעגען א שאלה צום רב, און דער רב האט געזאגט, אז אין דעם פיש איז א „גלגול" פון א יודישע זינדיגע נשמה, וואס האט איצט בעקומען איהר „תיקון".

מ'האט דעם פיש געמאכט א גרויסע לויה און געבראכט איהם צו קבר ישראל אויפ'ן אלטען וויענער בית הקברות.

אזוי דערצעהלען וויענער פרומע יודען. און יאהר־יעהרליך,

אין אלע הייליגע און מורא'דיגע טעג, ווען די פרומע יודען און יודענעס, וואס זענען, צוליעב אונזער גרויסע זינד גאר ווענינ געווארען אין איצטיגען פארשייטען דור, קומען אויפ'ן אלטען בית עולם אויסוויינען זיך אויף די אלטע קברים און בעטען אויף א גוט יאהר, קומען זיי אויך צום „הייליגען" קבר פון דעם פיש און זענען אויך אויף זיין קבר מתפלל... ער, דער פיש, זאל זיין א גוטער בעטער...

מיר האט די מעשה דערצעהלט מיין גאליציאנער באלע־באסטע, און דער מאן איהרער דער באלעבאס, האט דאס בע־שטעטיגט, און האט מיר שטארק צוגערעדט, איך זאל געהן אויפ'ן אלטען יודישען בית עולם, וועל איך זעהן בעשיינפער־ליך דעם קבר און די מצבה פונ'ם פיש.

איך האב געפאלגט און בין געווען אויפ'ן אלטען יודישען בית עולם. איך האב בעשיינפערליך געזעהן דעם פיש, ד. ה. די מצבה וואס איז עהנליך צו א פיש.

נאר פריהער א פאר ווערטער וועגען דעם בית עולם גופא. אין וויען איז פאראן 3 בית עולם'ס, און דאס איז דער עלטעס־טער. עס זענען דא אויף איהם מצבות פון אריבער צוויי הונדערט יאהר. אבער דער בית עולם איז, אין אמת, א סך עלטער. ער דארף אלט זיין אן ערך א פינף, זעקס הונדערט יאהר. כאטש אפען האט ביז דער רעוואלוציע פון 1848 אין וויען נים געטארט זיין קיין יודישע געמיינדע. לויט דער סטאטיסטיק פון יענער צייט, זענען אין דער ערשטער העלפט פונ'ם פאריגען יאהר הונדערט געווען אין וויען בלויז 500 „טאלערירטע" יודען, ד. ה. יודען, וואס האבען געהאט א ספעציעלע ערלויבניש צו וואוינען אין עסטרייך'ס רעזידענץ. מיט זיי האבען געמעגט וואוינען אין וויען אויך זייערע ווייבער און קינדער. איז אבער אימיצער פון די „טאלערירטע" געשטארבען, האט די אלמנה מיט די קינדער געמוזט פארלאזען וויען און פאהרען צוריק אהין, פון וואנען זיי זענען געקומען.

דאס איז אבער געווען נאר אפיציעל, לויט'ן געזעץ. אין אמת'ן איז שוין דאן געווען יודען אין וויען צעהן מאל אזוי פיעל. זיי האבען שוין לאנג געהאט זייערע שולען, זייער בית

הקבֿרות, זייער אינערליך־אָרגאַניזירטע געמיינדע־לעבן. האָבן פּערנומען זעהר אַ וויכטיגען אָרט אין אַלע געביטען פון לעבען. און ניט נאָר דאָ, — שוין מיט הונדערט יאָהר פריהער האָט מען אין איירָאָפּאַ, בשעת עסטרייך האָט געדאַרפט פיהרען מלחמה מיט טערקיי, געטרויט געלד ניט אויף דעם קייזער'ס אונטערשריפט, נאָר אויף דעם אונטערשריפט פונ'ם הויף־יוד, שמשון ווערטהיימער.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, פון וועלכער דער ערשטער אָפּפער און דער לעצטער איז געווען אַ יוד, הויבט זיך ערשט אָן בויען „כשר", געזעצליך די וויענער יודישע „קולטוס־געמיינדע", (קהילה). איצט — די רייכסטע, די גרעסטע, די שטאַרקסטע יודישע געמיינדע אין איירָאָפּאַ. מיט 60—70 יאָהר צוריק האָט זי געהאַט אַ 5000 יודען און איצט איז זי אויסגעוואַקסען צו אַ געמיינדע פון 200 טויזענד יודען. יודען שפּיעלען אַ מעכטיגע ראָלע אין וויענער עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען. יודען בעגעגענט איהר אויף יעדען טריט און שריט, וואו איהר גיט אַ וואָרף מיט אַן אויג: אין האנדעל אין פּאַרלאַמענט, אין דער רעגירונג, אין דער מיליטער, אין דער פּאָליציי, אין דער ליטעראַטור, קונסט — אויף יעדען געביעט פון מענשליכען ווירקען און דענקען זענען יודען פול. מ'פיהלט זיך, ווען מען קומט אין וויען, פּונקט ווי אין אַ יודישער שטאָדט.

און בלויז דער אַלטער בית עולם, וואָס קומט איצט אויס אין סאַמע צענטער פון שטאָדט, דערמאָהנט אַן אַמאָליגע דונקעלע צייטען. און די לעגענדע פונ'ם פיש, איז אַ סימבאָל פון יענע צייטען, ווען דאָס יודישע פאָלק האָט געמוזט אריבערטראָגען אַלע ענוים און שרעקען פון רעכטלאָזיגקייט און זיין שטום ווי אַ פיש. און נאָר דאָ, ווען מ'האָט זיין לייב לעבעדיג געשניטען, האָט עס געוואָגט צו שרייען: „שמע ישראל!"...

איך האָב געפרעגט ביי'ם פערוואַלטער פונ'ם אַלטען בית עולם און ביים ראַבינער, דר. גרונוואַלד: פון וואַנען שטאַמט די לעגענדע פונ'ם פיש, וואָס האָט געשריען „שמע ישראל", האָבען זיי מיר ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען דערויף. נאָר

דר. גרונוואלד א גרויסער קענער אין דער יודישער געשיכטע, האט מיר געזאגט זיין השערה, אז דאס איז וואהרשיינליך א ים־הונד, איינער פון די, וואס האבען בעלאנגט צום אלטען וויע־נער אוניווערזיטעט. בשעת מ׳האט מיט א יאהר הונדערט צו־ריק, איינגעריסען די אלטע אוניווערזיטעטס־געביידע און גע־בויט די נייע, די איצטיגע, האבען פריוואט מענשען אבגעקויפט דא פערשיעדענע אלטע שטיין־בילדער, וואס האבען פערציערט דעם אוניווערזיטעט, פון זיי האט איינער א יוד, געמוזט שענקען איין שטיין־בילד דעם אלטען בית הקברות. דאס האט געמוזט זיין א וואסער־בעקען אויף וואשען די הענד. שפעטער איז דאס קאליע געווארען און געבליבען צווישען די אנדערע שטיינער אויפ׳ן בית עולם.

דער פערוואלטער האט מיר געזאגט אז ער האט אמאל אי־בערגעקעהרט דעם שטיין און האט דארט ווירקליך געפונען אן אייזערנעם רעהר, וואס איז געגאנגען ביז צום מויל פון פיש. עס בלייבט אבער דאך א רעטעניש: ווי אזוי מאכט דאס פאלק פון א בעקען — א מצבה. דער אלטער בית עולם איז געשלאסען געווארען מיט א יאהר 60־70 צוריק. ס׳זענען דא אלטע לייט, וואס געדענקען נאך דאס. אין אזא קורצער צייט ווערט ניט בע־שאפען קיין לעגענדע. וואהרשיינליך האט אויסערהאלב דעם בית־עולם געמוזט עפעס פאסירען, וואס גיט דעם טונקעלען אבערגלויבישען המון א באדען פאר אזא בייקע (בבא מעשה).

עס טרעפט, אז א הוהן, א גאנז רייסט זיך ארויס פון אונטער דעם שוחט׳ס מעסער און צייגען א פראטעסט געגען זיי־ערע מערדער. פיליכט האט עהנליכעס פאסירט מיט א פיש. דער פרומער יוד פון אמאליגע צייטען קען זיך ניט ערקלערען, אזא „פראטעסט" פון אן עוף אדער א פיש, און ערקלערט עס מיט א „גלגול". די פאנטאזיע דערמאנט שוין ווייטער דעם „שמע ישראל". אויפ׳ן אלטען בית עולם איז שוין לאנג געווען דער גוף פאר דער לעגענדע. עס האט נאר געפעהלט די נשמה...

דער אלטער וויענער בית עולם איז, איבעריגענס, איצט נאך ניט עהנליך, א שטייגער, צו א ווילנער אלטען בית עולם. דארט איז אלץ חרוב, פערלאזען, פערוויסט, דא איז אלץ אויפ־

גערוימט, אויסגעפוצט, גערייניגט. יעדע מצבה — שוין לאנג נומערירט, פארריכט און לעזבאר געמאכט. צובראכענע מצבות־שטיקער איינגעפאסט אין א וואנד. יעדע שטיק, ווי יעדע גאנצע מצבה בעצייכענט מיט א נומער און — וואו מעגליך — מיט'ן יאהר. וויענער אלטער יודישער בית־עולם איז א וויכטיגער היס־טארישער דענקמאל. א גאנצע רייהע מצבות־אויפשריפטען ווייזען, אז מיט הונדערט און זאגאר 200 יאהר צוריק, איז וויען געווען א שטאדט פון לומדים, מופלגים, בעלי צדקות.

דא אויף דעם קליינעם שטח פונ'ם אלטען וויענער בית הקברות ליגט דאס גאר אלטע יודישע וויען פון פאר דריי פיער פינף און זאגאר זעקס הונדערט יאהר. ביז דעם מיטען פונ'ם פאריגען יאהרהונדערט, האבען וויענער יודען ניט גע־טארט מקבר זיין זייערע טויטע אין אן אנדער ארט. האבען זיי, די וויענער יודען, אין א משך פון א האלבען יאהר טויזענד געבויט דא א מערת המכפלה — דאס הייסט א בית עולם פון 3־4 שטאק. איז פול געווארען דער „בית־עולם" האט מען ארונ־טער גענומען די מצבות און אנגעשאטען א נייעם פאך ערד און אויף די אלטע — נייע קברים געגראבען. אז אט די נייע זענען ענג געווארען, האט מען אויף זיי א פרישען פאך ערד אנגעשא־טען און א דריטען שטאק קברים געגראבען. די טויטע האבען עס געהאט ניט בעסער פון די לעבעדיגע...

די רעוואלוציע פון 1848 האט ביידען פריי געמאכט: אי די טויטע, אי די לעבעדיגע. דער נייער יודישער בית עולם אויף דעם „צענטראל־פריעדהאף" איז אן אמת'ער פארק. וואהרשיינ־ליך דער שענסטער יודישער בית עולם אין איירא פא.

נאר צופיעל הרחבה פערפיהרט... אט אזוי האבען א סך יודען זיך געפיהלט שוין צו ענג אויף זייער יודישען בית עולם און האבען זיך אריבער געקליבען אין שכנות, דערביי, אויפ'ן קאטוילישען... א טייל פון זיי — ניט ווילענדיג. די געטויפטע קינדער האבען זיי, פאר'ן טוידט גע'טובל'ט מיט שמד־וואסער און געבראכט זיי אויפ'ן קאטוילישען פריעד־האף, וואס נעהמט אויף פריינדליך אלע מתים, אהן אונטערשייד פון רעליגיאן. דער־מיט האבען זיי געוואלט איבעררייסען יעדע פערבינדונג מיט

דער יודישער וועלט. אנדערע יודען, ווידער, ווי דער קברות־שמש פון'ם גייעם בית־עולם (פארבייגעהענדיג בעמערקט — א ספּאַרט, אין א פראק, צילענדער און ווייסע האנדשוה) האָט מיר ערקלערט, האָבען אליין געקויפט פאמיליען־גרעבער אויפ'ן קאַטוילישען פריעדהאף, כדי זייערע קינדער, וואָס זענען אלע גע'שמד'ט, זאָלען זיך ניט שעמען זיי צו בעזוכען...

דער זעעלען־בעזארגער.

וואס איז אזוינס א זעעלען־בעזארגער?

דאס איז א גייסטליכער, וואס קומט צו דעם מענשען אין זיינע לעצטע שטונדען. ער קומט צוגרייטען איהם צו זיין אייביגען וועג, צו בעזארגען זיין נשמה פאר יענער וועלט.

אייגענטליך האט יעדער קריסטליכער גייסטליכער די דאזיגע אויפגאבע. נאר עס זענען דא גייסטליכע, וואס זייער בערוף בעשטעהט נאר אין דער ראלע פון א זעעלענבעזארגער. דאס איז אין די גרויסע שטעדט, אין די שפיטאלען, וואו אלע טאג זענען דא קראנקע, וואס האלטען ביי שטארבען, דארט מוז זיין אן עקסטרא גלח צו געבען דעם מענשען זיין לעצטע טרייסט.

דאס איז אבער נאר ביי קריסטען. ביי יודען איז קיין מאל ניט געווען קיין „זעעלענבעזארגער". דער יוד נויטיגט זיך ניט אין דעם רב ביי זיינע לעצטע מינוטען. זיין טרייסט ביים שטארבען, אזוי ווי ביים לעבען, זוכט ער און געפינט אין זיין פאמיליע. דער רב קומט נאר צו א שמחה: צו א ברית, צו א חתונה. ער קומט צוגרייטען דעם יודען צום לעבען און ניט צום טוידט.

דעריבער האב איך זיך טאקע שטארק געוואונדערט, ווען איך האב געפונען אין וויען א יודישען „זעעלענבעזארגער". דאס איז, אהן א ספק, דער איינציגער יודישער „זעעלענבעזארגער" אין דער וועלט. דער ערשטער און, וואהרשיינליך, דער לעצטער.

דאס איז אבער אויך אן אונגעוועהנליכער „זעעלענבעזאר־

גער". געגוג צו זאָגען, אַז אַמאָל, אין זיינע יונגע יאָהרען, איז ער געוועזען אַ השכלה־קעמפפער, אַ מיטאַרבייטער פון דעם אַמאָ־ליגען בעריהמטען העברעאישען מאָנאַטליכען זשורנאַל „השחר". און אַ קורצע צייט — דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיגען מערק־ווירדיגען זשורנאַל.

אין אמת'ען איז ער איצט אויך ניט קיין גייסטליכער. כאָטש די דאָקטוירים, באַרמהערציגע שוועסטער און דיענער אין די וויענער שפּיטאָלען רופען איהם „זעעלענבעזאָרגער": גאַנץ וויען רופט איהם אַזוי, און ער זיך אַליין רופט אויך מיט דעם דאָזיגען נאָמען. מיר דאַכט אַפילו, אַז ער שטאָלצירט מיט זיין טיטעל.

ער בעזוכט טעגליך אַלע וויענער שטאָדטישע שפּיטאָלען. צוויי טעג האָב איך איהם בעגלייט אויף זיינע וויזיטען. מיר זענען דורכגעגאַנגען די גרעסטע וויענער שפּיטאָלען. די באַרמ־הערציגע שוועסטער קענען איהם שוין זעהר גוט. ווי ער בעווייזט זיך נאָר, מעלדען זיי איהם באַלד, וואו עס ליעגען יודען. ליעגט ערגעץ אַ רייכער יוד און אַרום זיין בעט זיצען פּערפוצטע הע־רען און דאַמען, געהט ער צו יענער בעט ניט צו. יענע נויטיגען זיך אין איהם ניט. נאָר וואו עס איז קענטיג אַז אַרימער חולה, אַז עלענדער יוד, אַ פאַרוואָרפענער פון גאַליציען, רומעניען, אַי־בערהויפּט פון רוסלאַנד, צו יענעם געהט ער צו מיט זיין גע־וועהנליכען גוטמוטיגען, פריינדליכען „גרים גאָט!" פרעגט זיך אוים: פון וואַנען? ווי לאַנג אין שפּיטאָל? וואָס פאַר אַ קראַנקהייט? און געהט אַוועק ווינשענדיג אַ רפואה שלמה.

זיין ראָלע איז אייגענטליך אַ שווערערע ווי די ראָלע פון דעם קריסטליכען זעעלענבעזאָרגער, און זעהר אַ וויכטיגע. אמת, אַז ער געפינט אין שפּיטאָל אַ אידישען חולה, זאָגט ער מיט איהם וידוי, בעגלייט איהם צו דער אייביגער רוה. אבער דערמיט אַליין ענדיגט זיך ניט זיין אויפגאַבע, וועלכע ער האָט אויף זיך אַליין גענומען. ער זאָרגט מעהר פאַר'ן לעבעדיגען, ווי פאַר'ן טויטען. איז דער חולה אַז אַרימער, גיט ער צו וויסען אין דער יודישער קהלה און סטאַרעט זיך אוים פאַר איהם שטיצע. ער איז טאַקע פון דער קהלה אַנגעשטעלט צוליעב דעם צוועק, און גע־

פינט זיך שוין אויף דעם פּאַסטען נאָהענט פון דרייסיג יאָהר.

די וויענער שפּיטאַלען, דאָס איז אַ ווינקעל, וואָס איז כמעט אין גאַנצען אונבעקאַנט דעם יודישען לעזער. דאָס האָט אָבער אַזוי ניט געדאַרפט זיין, וואָרים די וויענער שפּיטאַלען האָבען אַ סך צו טאָן מיט יודען. ניט בלויז עסטרייכישע, אונגאַרישע, גאַליציאַנער, רומענער, רוסישע יודען, נאָר יודען, קען מען זאָגען, פון דער גאַנצער וועלט בעגעגענט איהר דאָ. וויענער דאָקטוירים זענען בעריהמט אין דער וועלט פאַר די גרעסטע ספּעציאַליסטען אין אַלערליי קראַנקהייטען. קראַנקע פון אַלערליי מינים, וואָס האָבען אין זייער שטאָדט, אין זייער לאַנד, קיין רפואה ניט געקענט קריגען, איז פאַר זיי וויען די לעצטע האָפנונג. דאָ, פון די וויענער פּראָפעסאָרען האָפען זיי אַ רפואה צו בעקומען.

וויענער שפּיטאַלען, ווידער, עפענען ברייט זייערע טויערען פאַר אַלערליי קראַנקע, ווער זיי זאָלען ניט זיין, פון וואַנען זיי זאָלען ניט קומען. די חולאים בעקומען אומזיסטע הילף, בעט, עסען, טרינקען. איך האָב געטראָפען יודישע קראַנקע, וואָס געפינען זיך דאָ שוין אַ האַלב יאָהר, זאָגאַר אַ יאָהר צייט. מיט דער גאַסטפריינדליכקייט פון די וויענער שפּיטאַלען בענוצען זיך די יודישע קראַנקע אָון קומען אַהער אין מאַסען. אַ סך פון די קראַנקע זענען אָבער עלענד אין אַט דער גרויסער, פרעמדער שטאָדט. די עלענדקייט דריקט אויף זייער גייסט, מאַכט זיי מוטלאָז און פערצווייפעלט. אַ סך אָרימע ברויכען שטיצע, הוצאות אויף פאָהרען אַהיים. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ טרייסט פאַר אַזעלכע קראַנקע איז, ווען עס קומט אַריין צו זיי אַ היגער יוד, רעדט מיט די עלענדע קראַנקע פריינדליך, מונטערט זיי אויף, באַט זיי אָן זיין מיה, זיין הילף, פערבינדט זיי מיט דער אויסערליכער וועלט, מיט דער ווייטער היים, בעזאָרגט וואָס זיי דאַרפען און טרעט פון זיי ניט אָב ביז זיי הערען זיך אויף אין איהם צו נויטיגען.

ווי געזאָגט, האָט דער „זעעלענבעזאָרגער“ אַליין בעשאַפען זיין אַמט.

פריהער איז ער געוועזען אַ פּריוואַטער שפּיטאַלען־בעזור־

בער. ערשט שפעטער, ווען וויענער קהלה האָט געזעהן, ווי ווייט וויכטיג אזא מענש איז פאר די הונדערטע און טויזענדע יודישע חולאים, האָט מען איהם בעשטימט א געהאלט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געקענט אָבגעבען פריי זיין בערוף, זיין איגנערלי־כע שטרעבונג צו העלפען די עלענדע יודישע קראנקע. ער איז איצט שוין גרייז־גראָה, א זקן 74 יאָהר אלט. האלט זיך נאָך אָבער גאנץ פעסט און מונטער, בעזוכט אלע טאָג, אין דער בע־שטימטער צייט, די שפיטאָלען און טהוט פאר די יודישע קראנ־קע וואָס עס איז מעגליך.

איך האָב דעם „זעעלענבעזאָרגער" בעזוכט אין זיין היים. פארבראכט מיט איהם, מיט זיין פרוי, מיט זיינע קינדער. און צו פארברענגען מיט איהם איז זעהר אינטערעסאנט, וואָרים ער האָט א סך, א סך צו דערצעהלען פון זיין פערגאנגענהייט, פון זיינע איבערלעבונגען פאר די גאנצע 40 יאָהר, וואָס ער איז אין עסטרייך.

זיינע עראינערונגען זענען שטיקער קולטור־געשיכטע, פון וויענער יודישען קווארטאל, פון דער השכלה־צייט, פון דער ערשטער נאַציאָנאַלער יודישער ערוואכונג. וואָרים ער איז ניט געווען א געוועהנליכער משכיל. ער איז געשטאַנען יאָהרענלאנג אין דער שפיץ פונ'ם השכלה־קאמפף. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע שוואלבען פון דער יודישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג.

דער „זעעלענבעזאָרגער", לאָמיר איהם רופען איצט ביי זיין נאָמען: לעאָ סמאָלענסקין, איז געווען ניט אזא טאלאנט, ווי זיין ברודער פרץ סמאָלענסקין, נאָר זיין טרייער אנהענגער, חבר און מיטקעמפפער די גאנצע צייט, ווען יענער איז גע־שטאַנען אין פעלד, אלס אנפיהרער פון דער יודישער יוגענד.

„כדי דער „השחר" זאָל קענען עקזיסטירען און מיין ברו־דער זאָל קענען זיך אָבגעבען רוהיג צו זיין ארבייט", דערצעהלט מיר איצט לעאָ סמאָלענסקין, „האָב איך בעשלאָסען ניט צו הייראטען און אלץ, וואָס איך וועל פערדיענען, איהם אָבגעבען".

ער האָט געמאכט רייזען איבער רוסלאנד, האָט געזאמעלט אבאָנענטען פאר'ן „השחר", האָט געשריבען דאָרט ארטיקלען,

בריעף, האט געהאלפען דעם זשורנאל רעדאגירען, געווען זיין קארעקטאר, געטראגען אלע זיינע יסורים, און אויף זיינע הענד איז דער זשורנאל געשטארבען, באלד נאכ'ן טראגישען טויט פון זיין גרינדער און רעדאקטאר.

לעא סמאלענסקין איז געווען עלטער פון זיין ברודער מיט דריי יאהר. איז געווען פריהער זיין לעהרער און וועגווייזער, דערנאך זיין חבר און תלמיד, האט מיט איהם צוזאמען דורכגעמאכט אלע גלגולים פון א ישיבה־בחור, פון א משכיל, פון א קעמפפער, פון א שריפטשטעלער. ביי זיי איז שטענדיג געווען איין קאסע, איין אידעאל, איין וועג, איין ציעל. די ברידער זענען אויך געווען שטארק עהנליך אין געזיכט און פיגור איינער מיט דעם אנדערען.

נאר מיט זייער אנקומען אין וויען האבען זיך אביסעל צוטיילט די וועגען פון די ברידער: לעאן סמאלענסקין האט געשטרעבט צו ווערען דאקטאר; האט אומגעוואנדערט איבער פערשיעדענע שטעדט פון עסטרייך־אונגארן; איז צייטענווייז געווען ראבינער, פרעדיגער, חזן, מלמד. אבער דאקטאר איז ער ניט געווארען. ער איז געווען צופיעל וואנדער־יוד; האט געהאט א צו לעבעדיגען טעמפעראמענט אום צו זיצען יאהרענלאנג אויף איין ארט און לערנען. ער האט שיער ניט גענומען א כלה מיט 300־טויזענד גולדען נדן. „צופעליג" האט ער זיך דערוואוסט, אז די כלה האט א הויקער. איז ער אנטלאפען. האט זיך נאך אלע גלגולים בעזעצט וויעדער אין וויען און חתונה געהאט, אבער ערשט נאכדעם ווי זיין ברודער איז שוין געווען פערהייראט. פרץ סמאלענסקין האט חתונה געהאט מיט א רוסיש מיידעל, איז ביז זיין טוידט געבליבען צוגעבונדען צו זיינע רוסישע ברידער און צום „השחר". קיין אנדער שטרעבונג, קיין אנדער אויפגאבע אין לעבען האט ער ניט געהאט. לעא סמאלענסקין האט גענומען א וויענער מיידעל, איז ביסלעכווייז געווארען אן עסטרייכישער פאטריאט, ווי אלע וויענער יודען.

ביידע ברידער האבען זיך שטענדיג געפונען אין א קרייז פון רוסישע יודען. אלע רוסישע יודען האבען געוואוסט, אז פרץ סמאלענסקין איז אין וויען. דעריבער איז זיין הויז שטענדיג גע־

ווען אז אכסניא פאר אורחים פון רוסלאנד, פאר אלט און יונג, ארים און רייך, פריי און פרום. ביידע ברידער האבן זיך געמוזט זעהר אפט אבריימען פון רעדאקציאנס־טיש און נעה־מען אויף זיך די ראלע פון „בארמהערציגע ברידער" אין די שפיטאלען. דער שפיטאל האט זאגאר געשפילט די ראלע פון א „שדכן" ביי פרץ סמאלענסקין, וועמעס פערזענליכער ראמאן איז פיעל אינטערעסאנטער פון זיינע געשריבענע ראמאנען. דער עלענד, די ליידען פון זיינע ברידער, האבן אויף דעם עלטערן ברודער אזוי טיעף געווירקט, אז ער האט, נאך א יונגער מאן פון עטליכע און פערציג יאהר, אויפגעגעבען אלע זיינע פריהער־דיגע שטרעבונגען און געמאכט דאס בעזוכען די קראנקע אין די שפיטאלען פאר זיין לעבענס־בערוף.

איצט דערלעבט ער רוהיג זיינע יאהרען. ער האט אויסגע־פיהרט די וועלט ניט שלעכט. אלע זיינע קינדער זענען געשטו־דירטע און פערזארגט. א טייל קינדער זענען נאך יונג, לעבען צו־זאמען מיט די עלטערן, אבער פארדיענען גוט און שטיצען די עלטערן. ניט לאנג האט דער „זעעלענבעזארגער" זיך אויסגע־סטארעט ביי דער וויענער שטאדט־פערוואלטונג, אז זי זאל בויען אין הויף פונ'ם הויפט־שפיטאל א טעמפעל פאר די יודישע קראנקע. ער האט מיר געפיהרט ווייזען דעם טעמפעל. ער איז זעהר א קליינציגקער. אין איהם געהען אריין בלויז עטליכע מנינים יודען. ער זעהט אוים פון ווייטען ווי א בינשטאק. נאר דער „זעעלענבעזארגער" איז שטאלץ מיט זיין „טעמפעל". ער איז דארט אי ראבינער פאר די קראנקע, אי פרעדיגער, אי חזן.

קיין טעטיגען אנטייל אין געזעלשאפטליכען יודישען לעבען נעהמט ער שוין לאנג ניט. דאך האט ער ליעב צו דערמאנען אמאליגע יאהרען. ער האט מיט מיר זעהר גערן פארבראכט. שטונדענלאנג האט ער גערעדט, דערצעהלט פון זיינע איבער־לעבונגען מיט יוגענדליכער בעגייסטערונג. אין זיין לעבעדי־גער שילדערונג האט זיך געטראגען ווי פאר די אויגען א גאנצע רייהע פערזאנען, וואס האבען מיט א האלבען יאהרהונדערט צוריק געשפיעלט א גרויסע ראלע אויף פערשידענע געביעטען פונ'ם יודישען לעבען.

ווי אזוי יאסיל־אסיף פון קאָסטראמא שלאָגט זיך דורך אין וויען.

בעקאַנט געוואָרען בין איך מיט איהם אין דער „רוסישער ביבליאָטעק". אומעטום, אין די אייראָפּעאישע הויפּטשטעדט, איז די רוסישע ביבליאָטעק, אייגענטליך, דער קלוב, וואוהין עס קומען זיך צוזאמען די יודישע עמיגראַנטען נע־ונד'ניקעס. דאָ, אין וויען, איז די רוסישע ביבליאָטעק טאַקע אן אמת'ע אַ רוסישע. יעדעס מאָל, ווען איך האָב זי בעזוכט, האָב איך געטראָפען דאָרט נאָר רוסישע ארבייטער; צייטענווייז אַ רוסישען אינטעליגענט. דער גרעסטער טייל פון זיי — געצוואונגענע פּאָליטישע עמיגראַנטען. נאָר די דעזשורנע זענען שטענדיג געווען אידישע פריילינס פונ'ם זעלבען מין: אָדער סטודענטקעס, אָדער קאָנסערוואַרטאָרקעס, ד. ה. מיידלאַך וואָס בעזוכען וויענער קאָנסערוואטאָריום. צייטענווייז האָט זיך דורכגעוואָרפען אויך צווישען די בעזוכער אַ אידישער יונגער מאַן. נאָר אַלעם האָט גערעדט רוסיש, קין יודיש וואָרט אויף אַ רפואה! די וואָס קומען אַהער, לעבען דאָ, ווי עס זעהט אויס, אַן אייגגעשלאָסענעם קרייזעל־לעבען. און אומזיסט וועט איהר זוכען דאָ אַ געלעגענהייט בעקאַנט צו ווערען מיט דעם אינערליכען לעבען פון דער אידישער עמיגראַנטען־מאסע, וואָס איז, צוליעב וועלכע ס'איז סבות געצוואונגען צו בלייבען דאָ, אויף דער דורכפאַהר־סטאַנציע פון דעם גרויסען עמיגראַנטען־שליאַך, וואָס פיהרט אין האַמבורג און ברעמען. די ביבליאָטעק אליין איז

א פעד׳יתום׳ט ארים צימעריל, מיט א פּאר אלמערס ביכער, כמעט בלויז רוסישע, קיין איין יודישעס. אויפ׳ן טיש וואל־גערן זיך עטליכע אלטע רוסישע בלעטער. זעלטען ווער עס נעהמט זיי אין האנד. אויף מיין פראגע: פאר וואס שרייבט מען ניט אוים קיין פרישע צייטונגען? האב איך בעקומען דעם ענטפער: ניטא קיין מיטלען! די ביסעל ביכער אין די אלמערס זענען פון אן ערנסטען אינהאלט. אבער אין גאנצען איז פאראן דא עטליכע צעהנדליג לעזער.

נאר ווי טרויעריג דער איינדרוק איז פון דעם דאזיגען איינציגען רוסיש־יודישען קלוב אין וויען, — עס פיהלט זיך דאך אט דא היימיש, צווישען די סימפּאטישע פּנים׳ער פון די זעלטענע בעזוכער. דער יודישער עמיגראנט אין וויען פיהלט זיך דא אזוי עלענד, אזוי וויסט און פערלאזען, אין דער גרויסער וועלט שטאדט, אז עס איז א וואונדער: פאר וואס די צאהל פון די בעזוכער בכלל און פון די יודישע בעזונדערס איז דא, אין דעם איינציגען צענטער פאר די רוסישע עמיגראנטען, אזוי וויניג, אזוי זעלטען.

דערפאר איז מיר טאקע געווען אזוי אנגענעהם צו טרעפען זיך דא מיט איהם, מיט יאסיל־אסיפ פון קאסטראמא, וואס איז אויך א פּנים , ווי איך, געווען דא א צופעליגער בע־זוכער, און אויך אזוי ווי איך געזוכט א לאנדסמאן פאר וועמען צו עפענען די נשמה און דורכשמועסען זיך אהן קונצען, אויפ׳ן היימישען שטייגער, וועגען איבערלעבעניסען אויפ׳ן וואנדער־וועג, וואס האט ניט קיין אנהויב, וואס האט ניט קיין ענד.

איך האב יאסיל־אסיפ׳ן ניט געדארפט קיין סך פרעגען. ער האט מיר אליין אויסגעשאטען, וואס אויפ׳ן הארצען. און איך גיב דאס דא איבער דעם לעזער האלב אויף מיין שטייגער, האלב אויף זיינעם. איך וויל נאר צוגעבען, אז געדעט האט ער אויף געבראכענעם יודיש און געבראכענעם רוסיש, פון וואס עס איז קענטיג געווען א געבראכענע יודישע נשמה, וואס האט ניט געהאט קיין תקומה ניט אין תחום, ניט אויסערן תחום. קורץ — א מענש מיט א פּנים פון א פּאניע און מיט א נשמה פון א שקלאווער יודען.

אויפ׳ן ערשטען בליק האב איך טאקע געהאלטען יאסיל־

אסיפ'ן פאַר אַ קאַצאַפּ: אַן אמת פּערפאַניעטער פּנים, הויך — אַ געזונטער קלאַפּטער, און, געוויס, אַנדערהאַלבען מאָל אַזוי די ברייט, ווען ער לאָזט פאַרנאַנדער זיינע ביידע הענד. די הענד לאָזט ער פאַרנאַנדער, ווען ער דערצעהלט מיט התפּעלות. און התפּעלות געהט ער אבער אריין אַלע ווייַלע. דעריבער רעדט ער שטענדיג מיט פאַרנאַנדערגעלאָזענע הענד.

אַ געבאָרענער איז ער אייגענטליך ניט אַ קאַסטראָמאָער. זיינע עלטערן האָבען איהם אהין געבראַכט — אַ קליין קינד. טאַטע און מאַמע — ביידע זענען פריה געשטאָרבען. געלאָזען איהם אליין אין דער פרעמדער רוסישער שטאָדט, אַ יתום אויף גאָט'ס בעראָט. ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע שעפער ביי די פּאָניעס, ביז ער איז אַ שניידער געוואָרען. אַ בעל מלאכה איז ער, ווי איך פערשטעה, ניט קיין אַי־אַי! דאָך ניט גאָר קיין פּאַרטאַטש. מיט איין וואָרט — אַ טאַנדעט־שניידער.

זיין גאַנצען לעבען, פון קינדווייז אָן האָט ער געוואַנדערט, געוואַנדערט איבער גאַנץ רוסלאַנד. פון קאַצאַפּ־לאַנד האָט איהם געצויגען צו אַ יודישער שטאָדט. פון דעם יודישען שאַפּ אין תחום האָט ער געבענקט נאָך פּאָניע. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ער גענומען אומעטום אין דער בעוועגונג אַ שטאַרקען אנטייל. אומעטום — אין די „באָיעוויקעס“, ד. ה. אין „חברה קלאַפּער“. ווארום ער האָט געהאַט גוטע צוויי קולאַקעס, און האָט זיי נאָך איצט. פון סאָציאַליסטישע טעאָריעס האָט ער דעמאָלט ווענינ פערשטאַנען, און פערשטעהט איצט אויך ווענינ. דאָס איז אַ מענש פון דעק, פון הירש לעקערט'ס טיפּ, מיט הייסע בלוט און אַ פּשוט'ער אונגעקינסטעלטער נשמה, וואָס קען ניט צוזעהן קיין עולות. דערפאַר האָט ער טאַקע זיין גאַנצען לעבען געליטען. אבער זיינע געזונדע צוויי הענד שלאָגען איהם אומעטום דורך אַ וועג.

אין וויען איז ער געקומען, ווייל ער האָט געמוזט מאַכען פּליטה פון מיליטער. און געמאַכט פּליטה פון מיליטער האָט ער ניט, ווייל ער איז פּרינציפּיעל געווען געגען דיענען דעם פּאָניע. גראָד פאַרקעהרט. ער האָט געוואָלט מיט אַן אמת דיענען, כדי צו ווייזען „זיי“, ס'הייסט די פּאָניעס, אַז אַ איד אַנטלויפט ניט

פון דיענסט. אגב איז איהם כמעט געווען אלץ איינס. ער האט עס אויף דער פריי אויך ניט געהאט בעסער. און צווישען פאַניעס איז ער דאך געווען האלב, ווי אין דער היים. אין דיענסט איז מען טאקע געווען מיט איהם צופרידען און מ'וואלט איהם געווים אריינגעגעבען אין גווארדיע, ווען ער איז ניט קיין איד. דער קאמאנדיר האט איהם גוט בעהאנדעלט. נאר אנטלאפען איז ער פון פעלדפעבעל, דערפאר, וואס ער האט ניט געקענט צו זעהן קיין עולות און וויל ער האט הייסע בלוט. דער פעלדפעבעל האט איהם געגעבען א קלאפ. יאסיל־אסיפ איז אין דער פריי ניט געוואוינט געווען צו שענקען קלעפ. האט ער איהם געגעבען צוריק, ווי ער דערקלערט, נאך מיט עפעס „צוגאב“. ער האט געדארפט געהן אין דיסציפלינארנעם באטאליאן און אפשר אין קאטארגע. האט ער זיך אבער באצייטענס אבגעטראגען.

אין וויען איז ער געבליבען, ווי צעהנדליגע אנדערע יודישע ארבייטער, וויל עס איז ניט געווען אויף הוצאות צו פאהרען ווייטער, און וויל עס איז אייגענטליך, ניט געווען — וואוהין, צו וועמען צו פאהרען. ער האט קיינעם ניט געהאט אין דער גאנצער וועלט. עטליכע טעג האט ער געהאט זעהר שווערע. ער האט ניט געוואוסט וואו מ'דארף זוכען ארבייט. ענדליך האט ער בעקומען ארבייט ביי א שניידער, א טשעך, אין לעאפאלדשטאדט, דעם איסט סייד פון ניו־יארק. דאס איז דער צענטער פון דער יודישער בעפעלקערונג. די טשעכען, וואס זענען גרויסע בעלנים אויף ביליגע „הענד“, און שטארקע אנהענגער פון דער שוויץ ־ סיסטעם, האלטען דעריבער דא, אין יודישען קווארטאל, זייערע סוועט־שעפער, וויל דא קענען זיי לייכט קריגען פארהונגערטע רוסישע ביליגע ארבייטער. דאס הייסט אייגענטליך — יודישע ארבייטער פון רוסלאנד. דער גאליציאנער יודישער ארבייטער לעבט דא אויך ניט גלענצענד. אבער ער איז אן עסטרייכישער בירגער, קען די שפראך, טרעפט אויף יעדען טריט לאנדסלייט. אמת, די אויפגעקומענע גאליציאנער יועדן אין וויען לאזען זיך ניט שטארק דערקענען זייערע ארימע לאנדסלייט. אבער דאך בעשעפטיגען זיי געדן אן אייגענעם, ווען

זיי דארפען א מענשען. דער יודישער עמיגראנט אבער פון רוס־
לאנד, וואס פערשטעהט וועניג די שפראך, ניט בעקאנט מיט די
זיטען און ווייס ניט וואו זיך צו קעהרען, איז זעהר עלענד. ער
איז גערן אריינצופאלען צו א טשעך, וואס זיין שפראך איז
שטארק עהנליך צו רוסיש, און וועלכער איז, אייגענטליך, דא
אויך א גר. די היגע טשעכען אבער זענען א סך אבגעשטאנען
פון זייערע ברידער אין בעהמען. די ארדנונגען אין זייערע שע־
פער זענען א סך ערגער נאך פון די ניו־יארקער און אפילו לאנ־
דאנער.

אין עסטרייך האט זיך נאך בכלל דערהאלטען די אלטפרענ־
קישע סיסטעם פון צאהלען מיט דער נאטור. ניט בלויז לערנ־
אינגלאך, נאר אפילו ארבייטער זענען ביים בעל הבית אויף טיש
און קווארטיר און קריגען א קלייניגקייט צוגעצאהלט. ביי די
דייטשען געהט עס אבער ביסלעכווייז אויס פון דער מאדע.
נאר די טשעכען האלטען זיך נאך שטארק אן אמאליגע זיטען.

אריינפאלענדיג נאך וואכענלאנגען הונגער אין וואגלענעס
אין א טשעכישען שאפ איז מיין בעקאנטער יאסיל־אסיפ געוועז
זעהר צופרידען. ענדליך האט מען אויף זיין פראגע: צי דארף
מען א שניידער?" געענטפערט „יא". און ניט בלויז „יא" נאר
אויך „דא, נאדא!" אויף רוסיש. יאסיל־אסיפ איז געווען אין
זיבעטען הימעל. איהם האט זיך געדוכט, ער איז אריינגעפאלען
צו א רוס. וועגען מקח האט ער שוין גאר ניט גערעדט.

— וואס פערלאנגסט דו? — האט איהם דער טשעך גע־
פרעגט.

— אט, וויפיעל דו וועסט געבען, — ענטפערט יאסיל־
אסיפ. — „נע אבידיש זעמליאקא", ס'הייסט וועסט א לאנדס־
מאן ניט קריוודען.

יאסיל־אסיפ האט זיך געזעצט ארבייטען און ארבייט פאר
דרייען. ענדליך וועט ער האבען א זאטען מיטאג, וועט פערזוכען
ווארעמס, וואס ער האט שוין לאנג אין מויל ניט געהאט. אב־
געארבייט פיער שעה, ניט אבבויגענדיג דעם רוקען, זעהט ער
די בעל־הבית'טע דעקט דעם טיש. ליכטיג איז איהם געווארען
אין די אויגען. ער ווערט נאך מעהר פלייסיג. דער טשעך קוקט

און קוועלט. — דאַבראַ! דאַבראַ! גיט ער איהם צו חשק.

אויפ'ן טיש שטעהט שוין א שיסעל מיט הייסע זופּ. ביי יאָסיל־אָסיפּ'ען געהען אום רעדער אין בויך און עס רינט די שמאהע איבער די פערטריקענטע ליפּען. אַלע געהען צום טיש. ער ווארט ניט ביז מ'וועט איהם בעטען און זעצט זיך אויף צום טיש. די בעל הבית'טע גיסט איהם אָן א טעלער'ל זופּ, שטעלט אויף א טעלער פאר אַלעמען א זיבען אכט, פּענעצלאַך ברויט. איהם איז אָנגעקומען נאָר איין פּענעציל. נאָך די זופּ האָט מען געגעבען עפּעס א מין צושמירעכץ, עפּעס א גערשטען־גריץ מיט א קניידעל אינעווייניג, וואָס האָט זיך געגליטשט אין מויל און האָט קיין שום טעם ניט געהאַט. מ'האָט דאָס גערופען „מעהל־שפּייז“.

און פאַרטיג! ווידער צו דער אַרבייט.

טרויעריג איז געוואָרען יאָסיל־אָסיפּ'ען אויפ'ן האַרצען. ריידען האָט ער ניט געוואָגט. נאָר ער האָט געפיהלט, אז אין בויך רודערט נאָך שטאַרקער. דער יצר הרע פון עסען האָט זיך ערשט צוברענט.

און וויסען ווייסט איהר שוין, אז יאָסיל־אָסיפּ איז א בחור — א דעמב! א גוטען קלאַפּטער די הויך און — ווען ער לאָזט פאַרנאַנדער ביידע הענד — געזונטע אנדערהאַלבען קלאַפּטער די ברייט... א פּנים האָט ער א מגושם'דיגען — אן אמת'ער קאַצאַפּ. גאָר ניט ענליך אויף א יודען. קיין שעמעוודיגער איז ער אויך ניט און איז דערצו א מענש א „פּערקאַכטער“, מיט הייסע בלוטען.

ער פערבייסט אַבער די ליפּען. לויפט אריין דערביי אין א יודישע שפּייזקראַם, כאַפּט „אויף באָרג“ פאַר פינף קרייצער ברויט און פאַר פינף קרייצער „טאַפּען“, צוואַרעך הייסט עס, וואַרפט דאָס אריין אין א מינוט און — ווידער ביי דער מאַשין!

אין אָוונד און אויף מאָרגען האָט יאָסיל־אָסיפּ אַראָבגעוואַרפען די „בושה“ און האָט — ווי מ'האָט נאָר דערלאַנגט די ברויט — אַראָבגענומען פריהער פאַר זיך פיער שטיקלאַך ברויט. די בעל הבית'טע האָט אָנגעהויבען צו בורטשען. דער בעל הבית

האָט געוואָרפּען בייזע בליקען. אויף איבערמאָרגען האָט מען איהם שוין אויסגעטיילט צוויי פּעגעצלאַך ברויט. דאָ איז ער שוין געוואָרען גאָר דרייסט און, ארייננעהמענדיג מיט אמאָל ביידע שטיקלאַך ברויט, האָט ער גלייך געבעטען ביי דער בעל־הבית'טע נאָך ברויט. די „טשעכיבע" האָט געזאָגט, אז עסען קען זי געבען אַ מענשען, אָבער ניט קיין וואָלף. דער טשעך האָט זיך געפּיפּקעט זיין פייף און האָט גאָר נישט גערעדט.

אויפ'ן דריטען טאָג איז ביים טשעך געוואָרען ווייניגער אר־בייט. ער האָט איהם גאָר נישט געזאָגט. נאָך דעם איטאַליענער, — אַ צווייטער ארבייטער, וואָס האָט צוזאמען מיט איהם גע־אַרבייט און צו מיטאָג פלעגט ער ניט ווערען, — האָט דער טשעך איין אווענד אריינגערופען אין קיך און, ארייננרוקענדיג איהם אין האנד עטליכע מטבעות, איהם געזאָגט, ער זאָל ניט קומען מאָרגען: ס'איז מעהר קיין ארבייט ניטאָ. דער איטאַל־יענער האָט איבערגעקוקט די מטבעות, האָט אויפגעהויבען אַ שטוהל און געגעבען אַ געשריי:

— סאַקראַמענטאָ! קרוציפיקס!... באַלד נאָכדעם האָט יאָסיל־אָסיפ בעמערקט, ווי דער באַלעבאָס האָט אַ דערשראָקע־נער ארויסגענומען נאָך אַ פּאָר מטבעות פון קעשענע און איינ־געשטעקט דעם איטאַליענער אין האנד. דער איטאַליענער איז אוועק, בורטשענדיג:

— סאַקקררר...אַ...אַ...מענטאָ!...

סאַקראַמענטאָ! קרוציפיקס!

יאָסיל־אָסיפּ האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג גאָר נישט. נאָר וועגען דעם וואָרט „סאַקראַמענטאָ“ האָט ער זיך פאַרטראַכט. ס'איז גוט צו וויסען אזא וואָרט, קלערט ער, פאַר וועלכען די טשעכען האָבען מורא. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אז די טשעכען האָבען ניט אזא מורא פאַר „סאַקראַמענטאָ“, ווי פאַר אַ איטאַליענער. נאָך שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז, „סאַקראַמענטאָ“ און „קרוציפיקס“ זענען גאָר אין אמת הייליגע ווערטער, אַ שטויגער, ווי ביי אונז „קדושה“ און „קודשא בריך הוא“. ווען איז דאָס אָבער גערעדט, אז מ'זאָגט דאָס ניט זענענדיג אין כעס. זאָגט מען דאָס אָבער אין כעס האָט דאָס לחלוטין גאָר אַ אנדער זין. גאר אַן אנדערן. אַ שטייגער, ווי אַ רוסישער „מי שברך“.... זאָגט דאָס אָבער אַ איטאַליענער, זענענדיג אין כעס, איז דאָס נאָך ערגער. דעמאָלט שמעקט שוין דאָס מיט אַ מעסער אין זייט... אָט פאַר וואָס אַ טשעך דערשרעקט זיך, ווי נאָר זיין ארבייטער, דער איטאַליענער פאַרקריצט די ציין און גיט אַ זאָג:

— סאַקראַ־אַ־מענטאָ! קרוציפיקס!...

יאָסיל־אָסיפּ'ן זענען די צוויי ווערטער ניט איין מאָל צונוץ געקומען אין זיין קאַמפּף מיט די טשעכען־בעלי־בתים.

אין צוויי טעג ארום האָט ער שוין געמאַכט דערפון געברויך ביי דעם ערשטען טשעך.

עס האָט זיך געענדיגט די „ביזי“ האָט דער טשעך, לויט'ן

נוסח פון לאנדאן און ניו־יארק, יאסיל־אסיפ'ן געגעבן די „סעק".
דערביי האט ער איהם פאר די 5 טעג ארבייט ארויסגעלעגט אויף
דער מאשין 3 קראנען.

יאסיל האט אויסגעשטעלט אפאר גרויסע אויגען.

— 3 קראנען פאר 5 טעג ארבייט און 5 טעג הונ־ער?...

— סאקראמענטא! קרוציפיקס!... — האט ער, פארקרי־צענדיג די ציין, פונקט ווי דער איטאליענער, ארויסגעברומט. — אונטער צעהן קראנען געה איך ניט אוועק.

— פון מיינט וועגען, — זאגט דער טשעך. — זיץ!

כדי צו פערטרייבען די צייט האט יאסיל־אסיפ אוועקגע־לאזען די מאשין — טררר...ררר....

די טשעכיכע האט געמאכט גוואלדען:

— ער פטר'ט די מאשין! אהן פאדים... אהן שטאף!...

דער טשעך האט זיך צו איהם אלאז געטאן מיטביידע קור־לאקעס.

נאר יאסיל־אסיפ האט זיך געטאן א שטעל אויף, פארנאג־דערגעלאזען ביידע הענד, דאן געכאפט דעם פרעס־אייזען.

— סאקראמענטא! — זאגט ער צום טשעך, איין טריט צו מיר, לאז איך דיר אין קאפ דעם אייזען.

דער טשעך מיט דער טשעכיכע האבען זיך אלאז געטאן אין גאס ארוים מיט גוואלדען נאכ'ן וואכמאן.

יאסיל זעצט זיך דערווייל ביי דער מאשין און שטעפט מיט א פוסטער נאדעל:

— טררר...ררר...

עס לויפען אריין דער טשעך מיט דער טשעכיכע און נאך זיי טרעט אריין געלאסען דער וואכמאן.

— ער האט אונז מארדען געוואלט! — שרייט די טשע־כיכע.

— ער האט מיר מיט'ן אייזען דעם קאפ געוואלט שפאל־טען! — קלאגט זיך דער טשעך.

— נו, וואס טוען זי, יא,? — ווענדט זיך דער וואכמאן צו יאסלען.

— וואס זאל איך טאן? — ענטפערט יאסיל קאלטבלו־טיג, — איך נעה, איך בין א שניידער, נעה איך.

— ער פערדירבט די מאשין! — שרייט די טשעכיכע; זעהען זי, הער וואכמאן, ער נעהט אהן פאדים, ער פערדירבט די מאשין...

— נו, זא געבען זי איהם צווירן (פאדים), — בעמערקט דער וואכמאן.

— אבער עס איז ניקס מעהר קיין ארבייט! — שרייט דער טשעך.

— נו, טא בעצאהלען זי מיר פאר די 5 טעג! 3 קראנען גיט ער מיר פאר 5 טעג, הער וואכמאן! דריי קראנען.

דער וואכמאן קוועטשט מיט די פלייצעס:

— נו, ווירקליך, ווארום בעצאהלען זי איהם ניקס? און געהט אוועק.

יאסיל זעצט זיך ווייטער ביי דער מאשין:

— טררר... ררר...

בקצור דער טשעך האט איהם אוועקגעלעגט אויף דער מא־שין 4, און 5, און 6, און 7 קראנען. אבער יאסיל — ניט פון ארט! צעהן קראנען! סאקראמענטא! אז ניט סטעפט ער ווײ־טער: טר... ררר...

דער טשעך מיט דער טשעכיכע האבען גאר נישט געקענט מאכען. יאסיל־אסיף האט בעקומען די צעהן קראנען. נאר דע־מאלט איז ער אוועק.

דאס איז געוועזן די ערשטע, אדער צווייטע וואך נאך יאסיל׳ס אנקומען אין וויען. בשעת איך האב איהם בעגעגענט איז ער שוין דארט געוועזן דריי פערטעל יאהר. פאר אט דער צייט איז ער אין וויען געווארען א גאנצער בן בית: ווייס וואו עס גע־פינען זיך אלע יודישע און קריסטליכע ביליגע קיכען. אין די קריסטליכע פאלקסקיכען קען ער מאכען קאמפלימענטען די קעל־נערינס. דערפאר בעקומט ער א פולערע שיסעל זופ, א בעסערע פארפארציע. ער ווייס אין די שפייזקראמען, וואס צו קויפען

אזוינס, ס'זאָל זיין ביליג און זעטיג און וואו מ'קען קריגען א „בעט" פאר דרייסיג העלער*) א נאכט. ארבייט האָט ער כמעט שטענדיג, דאָס הייסט, דורכשניטליך אר־בייט ער, אייגענטליך האלבע וואָכען. האָט אָבער זיינע 5־6 גולדען א וואָך. דאָס איז איהם פּאַלקאָם גענוג. בעזונ־דערס, זינט עס איז אָסיען געוואָרען. ווי נור דער זומער איז אַוועק, האָט ער בעמערקט, ווי אין אַלע עקען גאסען האָבען זיך בעוויזען גויים מיט אייזערנע אייוועלאָך און פּארקויפען געבראָ־טענע קאָשטאָנעס (דאָ רופט מען דאָס מאראָנען), געבאַקטע בול־בע און געבאַקטע עפּעל. פאר 30 העלער האָט ער צוויי פולע קע־שענעס קארטאָפעל, קאָשטאָנעס און געבאקטע עפּיל. אין די פּוסטע טעג, ד. ה. ווען ס'איז ניטאָ קיין ארבייט און מ'דאַרף לעבען אויסגערעכענט, נעהרט זיך יאָסיל דריי פערטעל פון די אייזערנע אויוועלאָך.

איז דאָ ארבייט קען ער נאָך עפּעס אָבשפּאָרען און א הוליע טאָן אין „פּראַטער" — דער בעריהמטער וויענער שטאָדט־גאָר־טען — וואו עס געפינען זיך אַלערליי „חדושים". פערדלאָך און קונצען, וואָס א מויל קען נאָר ריידען.

---

*) א העלער איז עפּעס ווינציגער ווי א גראָשען.

ווי אזוי יאסיל־אסיפ פערברענגט די צייט אין פראטער.

אך, דער פראטער! דער פראטער! עפעס א כשוף ליגט אין איהם! עפעס א מאגנעט... מ׳קען ניט זאגען, אז יאסיל־אסיפ לעקט אין וויען האניג. גראד פערקעהרט! אין אלגעמיין קען מען זאגען, אז ער האט נאך אין וויען קיין איין גוטען טאג ניט געזעהן. נאר אלץ איז איהם ניחא, ווען ער געהט אין אווענד אריין אין פראטער.

קיין אונטעראייוועגדיגער בחור איז יאסיל־אסיפ ניט; איז אויסעגגעוועו וואו רוסלאנד האט אן עק. האט דארט, אין ראַ־סיי, אויך ליעב געהאט צו אלץ צוקוקען זיך. און אין מאסקווע, קיעוו, פעטערבורג, אדעס איז דא וואס צו זעהן. אבער וואס פאר א ווערד האט אלץ דארטען, אנטגעגען דא, אנטקעגען פראַ־טער. יאסיל האט אויסגעבראכט אין פראטער, זינט ער איז אין וויען, א שענע פאר קראנען. איז געפאהרען רייטענדיג אויף די הילצערנע פערדלאך: אויף די אמת׳ע ווייסע קליינע פערדלאך; האט זיך געשיפט אויף דער יבשה, האט געררייזט אויף הער בלומרשטער עלעקטרישער באהן אויף די פאפירענע בערג, דורך פאפירענע טונעלען; האט זיך געדרעהט אויף דער הויכער ראד, וואס איז געווים הונדערט מאל העכער פון איהם, און פון וועלכער אז מ׳זיצט אין א הענג־וועגעלע אויבען, — זעהט מען אונטען, ארום זיך, גאנץ וויען אויסגעשפרייט ביי נאכט, מיט איהרע מיליאנען עלעקטרישע פייערן, ממש ווי עפעס א צויַ־בערלאנד פון די סיפורי נפלאות־מעשיות.

היינט די אַלע קונצען און פּאַרשטעלונגען און אויסשטעלונגען, פּון וואָס אַ מויל קען נאָר ריידען! און די שענע מיידלאַך ביי די שענע, וואונדערליכע זאַכען, אין די בודען, אויף די טישלאַך, ביי וועלכע זיי זיצען און פערקויפען דיר אָט די אַלע שענע זאַכען, שמייכלענדיג אַזוי זיס, אַז די נשמה צעגעהט דיר.

יאָסיל האָט פון אַלץ פאַרזוכט צוביסלאַך, נאָך זיין קעשענע. ער האָט ליעב דעם פּראַטער. נאָר פערגעסען קען ער ניט, ווי אַזוי ער האָט צוגעבראַכט דאָרט דעם טאָג פון קייזער פראַנץ יאָזעף׳ס קאָראָנאַציע, דעם „פעסט־טאָג״ ווי מ׳רופט עס אין וויען (יאָסיל־אָסיפּ זאָגט „פּעסט־טאָג״ מיט אַ פּינטעל אין „פּא״), דעם טאָג, וואָס לויט׳ן וויענער מנהג, מעג מען אין איהם ק י צ ל ע ן   יעדע טייטשקע, וואָס קומט דיר אַנטקעגען.

יאָסיל־אָסיפּ האָט פון דעם דאָזיגען מנהג זיך דערוואוסט אַ סך פריהער און האָט זיך צו איהם שטאַרק מכין געווען. ער האָט געקויפט אין ראָטען־שטערן־גאַס (אַ מין וויענער העסטער סטריט) ביי אַ „טרעדלער״, ס׳הייסט אַ טאַנדעטניק, אַ צילענדערהוט, ווייסע האַנדשוה און אַ געפּרעסטע העמד—אַלץ צוזאַמען פאַר אַ גולדען, אויסגעפּוצט זיינע מלבושים, אָבגעפּוצט די קאַמאַשען און פאַרפריה געלאָזט זיך אין פראַטער. דער פראַטער איז שוין געווען אויך: אַלע אַלעען האָבען געווימעלט פון דייטשען מיט דייטשקעס. אַלע אויסגעפּוצט יום־טוב׳דיג, פרעהלאַך, לעבעדיג. יאָסיל איז בכלל צו די דייטשקעס ניט גלייבגילטיג. לויט, ווי ער האָט מיר בסוד פערטרויט, האָט ער שוין געפּרופּט מיט אַ פּאָר פון זיי פאַרפיהרען אַ ראָמאַן. און דאָ, אין פּראַטער, איז געווען פון וואָס אויסצוקלייבען. נאָר יאָסיל־אָסיפּ איז ניט קיין גראָבער יונג. ער וועט ניט נעהמען גלאַט אין דער וועלט אריין קיצלען אַ דייטשקע. דערצו האָט ער פון אָנהויב זיך אביסעל געשראָקען. טאָמער האָבען די בעקאַנטע אַרבייטער „געמולירט״. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק און וואַרט: גאָט זאָל איהם צושיקען זיין „באַשערטע״. עס זענען געזעסען נעבען איהם און דערנאָך אייניגע מאָל געביטען זיך אויף דער באַנק אַ סך דייטשקעס, אָבער אַלץ „ניע וו׳מאַיאָם ווקוסיע״.

(„ניט מיין געשמאק“), ווי ער האט זיך מיר אויסגעדריקט. ער האט שוין איינציגע בענק געביטען, און, ענדליך האט איהם גאט צוגעשיקט. אויף איין באנק איז געזעסען א דייטשקע, א יונגע, א רויטע, א פּהעהליבע, א פארפוצטע. א פּעהלער איז געווען, וואס נעבען איהר איז געזעסען א קאוואלער, אויך א פיינער יונג, א דייטש, א פנים א חתן, אדער אפשר גאר א מאן. נאר וואס איז ער דאס מחויב צו וויסען. אויף דעם איז עס „פעסט־טאג“... ער האט זיך צוגעזעצט נעבען דער דייטשקע אויפ׳ן עק באנק. פערלעגט די האנד פון הינטען און פרופט, כלומרשט, ווי ניט מיט א כיוון, א קיצעל טאן. אליין קוקט ער כלומרשט אן א זייט, נאר ווארפט איין אויג אין דער דייטשקעס זייט, צו זעהן, הייסט עס, וואס זי וועט דערויף זאגען.

— נו, וואס האט זי געזאגט? — האב איך געפרעגט.

— גאר נישט, ענטפערט יאסיל־אסיפ. פון אנהויב האט זי זיך ווי דערשראקען. דערנאך האט זי געשמייכעלט. נו, קלער איך, ווי באלד אז אזוי, נעהם זיך, יאסיל, צו דער ארבייט, ווי מ׳דארף.

— „אדנים סלאוואס“, — זאגט יאסיל — איך קיצעל איהר אהער און אהין, און זי שמייכעלט און דער דייטש שמייכעלט.

— ס׳איז גאנץ שען פאן איהנען, — זאגט זי. ס׳הייסט וואס איך האלט פון דעם יום טוב, ווי אן אמת׳ער דייטש, וואָרום אויף מיין פנים, פערשטעהט איהר, איז קענטיג, אז איך בין ניט קיין געבארענער — א וויענער.

— אזוי האט זי געזאגט? — פרעג איך: „דאס איז גאנץ שען פון איהנען“.

— יע, אזוי האט זי געזאגט: דאס איז גאנץ שען פון איהנען...

— און ער, דער דייטש?

— דער דייטש, — זאגט יאסיל־אסיפ, האט שוין דעמאלט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האט פארביסען די ליפען און געווארפען בייזע אויגען אין מיין זייט.

— נו, און איהר? וואס האט איהר געטאן?

— וואָס זאָל איך טאָן ? איך האָב געקיצעלט די דייטש־קע...

— און וואָס האָט ער געטאָן ? — פרעג איך ווייטער.

— ער ? ער רופט זיך אָב : נו, יאָ, נו שוין... אָבער עס מוס דאָך איין ענד האָבען ?

— נו, און וואָס איהר ? — פרעג איך ווייטער.

— וואָס הייסט : וואָס איך ? — ענטפערט יאָסיל, — אַז זי שמייכעלט, טו וואָס הער איך עם ?

— נו איז וואָס געווען ?

— וואָס איז געווען ? הויבט ער זיך אויף נעהמט זי אונ־טער האַנד און געהט אוועק אין אַן אַנדער זייט. איך זיץ אויף מיין אָרט און וואַרט אויף אַן אַנדער דייטשקע. אין מיטען זעה איך, ווי יענער דייטש קעהרט זיך אום און געהט פאַרביי מיין באַנק, געהט פאַרביי און שטעלט זיך מיט זיין אַבזאַץ אויף מיי־נע פינגער פון די פיס, אויף די היהנער אויגען. מיר איז אַרוים אַזש פונקען פון די אויגען. אַזאַ וועהטאָג האָב איך דערפיהלט... און ער געהט זיך ווייטער זיין וועג, ווי ניט איהם מיינט מען. אפילו „פּאַרדאָן" ניט געזאָגט.

אַ מינוט צו צוויי האָב איך זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. דערנאָך אַז איך גיב זיך ניט אַ כאַפּ אויף און פליוף איהם דעם וועג אַנטקעגען.

— סאַקראַמענטאָ ! קרוציפיקס !... — גיב איך אַ געשריי, — וואָרום זאָגען זי ניכט „פּאַרדאָן ?" אַז אַן אַנשטענ־דיגער מענש טרעט אָן דעם אַנדערען אויף די היהנער־אויגען, ברויכט ער „פּאַרדאָן" זאָגען...

— נו, און דער דייטש ? — האָב איך געפרעגט.

— ווי זשע ? ער האָט געזאָגט : „פּאַרדאָן". דאָנערוועטער !... — זאָגט ער, — צעהן טויזענד טייפעל... — זאָגט ער— פּאַרדאָן !...

יאָסיל־אָסיפּ האָט מיר אויך דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט געלערנט די דייטשקעס פון דער ביליגער פאָלקס־קיך ריכטיג דייטש ריידען.

נאָך זיין מיינונג ריידען די וויענער דייטשען אַזוי ווי מיר,

פשוט אידעש-לשון, אַ שטויגער: זיי ריידען ניט: „וואָס" „דאָס" „אַבער" „יאַ" (מיט'ן פתח) נאָר: וואָס, דאָס אָבער יאָ (מיט'ן קמץ) זיי זאָגען: „קום", „אַ ביסעל", נאָר אייניגע ווערטער ריידען זיי פערגרייזט. אַ שטויגער: אָנשטאָט „אויסגיסען" זאָגען זיי „אויסשיטען". איך נעהם, כדומה למשל, ביי דער דייטשקע די שיסעל זופּ (איך האָב איהר געזאָגט, אַז זי האָט שענע אויגען, און אַז איך וועל אָבעסען, וועל איך זיך אין איהר פאַרליבען), דערווייל פערגיס איך אביסעל.

— אָבער אום גאָטעס ווילען! — שרייט זי, — דומער קערל! גיבען זיי אכט, זיי שיטען דאָך די זופּ אוים!...

— נאַרישע דייטשקע — זאָג איך — מעהל שיט מען אוים, אָבער זופּ גיסט מען אוים... שיטען זיי מיר אָן נאָך אַביסעל זופּ...

איך האָב געפרעגט יאָסיל־אָסיפּ'ן, צו קלייבט ער זיך ניט אין אמעריקאַ? דאָרטען פערדינען דאָך שניידער בעסער.

— ניין! — ענטפערט יאָסיל, — ערשטענס, האָט ער צו די דייטשען גאָר נישט: צווייטענס, — זאָגט ער, האָט ער ניט ווער עס זאָל איהם שיקען אַ שיפסקאַרטע. און ביז ער וועט אָנקלייבען דאָ אויף הוצאות, וועט ער שוין מסתמא אַלט ווערען...

דער „קאטאָרזשניק".

איך ווייס ניט: וואָסערע פון זיינע דריי טראגעדיעס איז אַ גרעסערע, אַ שרעקליכערע: צי די ערשטע טראגעדיע פון זיין ליבע, צי די צווייטע פון זיין אַכט־יעהריגען צוגעשמידט זיין צו דער טאַטשקע אין ארכאַנגעלסק, צי די דריטע טראַגע־דיע פון זיין אַנטלויפען. נאָר געטראָגען האָט ער אַלע דריי מיט יענער שווייגענדער געדולד, וואָס איז אייגען דעם פשוט'ן יודען, דעם מענשען פון פאָלק.

בעגעגענט האָב איך איהם פאר כל נדרי, ארום דער פּוילי־שער שול, וואָס אויף לעאָפּאָלדשטראַסע, אין וויען. געשטאַנען איז ער מיט נאָך אַ הייפעל אָרימע אידישע עמיגראַנטען, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען אַנגעקומען פון גרעניץ.

די אָרימע וואנדערער האָבען זיך אַפּאָר מאָל ארייגגע־גנב'עט אין שול. נאָר מ'האָט זיי פון דאָרט ארויסגעפיהרט מיט אַ וואכמאַן, ס'הייסט אַ פּאָליסמאַן. ראש השנה און יום כפור קען מען ניט אריין אין שול אָהן אַ בילעט. אזוי איז עס אין ניו־יאָרק, אין לאָנדאָן, אין רוסלאַנד, אין וויען — אומעטום. אויסהאלטען אַ שול, ווי יעדע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע, קאָסט געלד און צאָהלען, נאַטירליך דארף יעדער, פאר וועמען די שול איז נויטיג. אָבער די עלענדע עמיגראַנטען האָבען ניט געהאַט קיין געלד. דערצו זענען זיי כמעט אלע אַנגעקומען דעמזעלבען טאָג. ס'הייסט ערב יום כפור. אפילו פאר געלד איז שוין אויך געווען שפעט. דער וואכמאַן האָט אפילו איידעל

געבעטעז. (זיי זענעז בכלל העפליך: די רוסישע עמיגראנטעז האבעז זיך דא ניט וואס צו בעקלאגען אויף דער פאליציי). נאר מ'האט געמוזט פאלגען. דער הייפעל איז זיך באלד צוגאנגען, ווער צי דער שיפשול (שול פון די אונגארישע און בכלל שטרענג ארטאדאקסישע אידען), ווער צו דער חסידישער שול, מיט אפאר גאסען ווייטער, אין דערזעלבער לעאפאלדשטראסע. קיי־נעם פון זיי האט זיך ניט געוואלט, ניט געקענט גלויבען, אז צו „כל נדרי" זאלען זיי מוזען בלייבען אויפ'ן גאס. נאר ער, דער העלד פון מיין איצטיגער שילדערונג, איז געבליבען שטעהן ביין שוועל פון שול, מיט זיין אלטען טלית אונטער'ן ארם, קוקענדיג אין דער ווייט אריין, ווי ער וואלט קלערען: זאלען זיי געהן, סיי ווי סיי, איז אומזיסט די מיה. פאר'ן ארימאן איז ערגעץ קיין ארט ניטא.

איך בין צוגעגאנגען צו איהם און האב זיך מיט איהם פונאנדער גערעדט. ער האט פון אנהויב ווענינ גערעדט, געענט־פערט נאר אויף מיינע פראגען. גערעדט האט ער האלב רוסיש, האלב יודיש, האט געהאט א פערפאניעטען פנים, שטארק בעוואקסען מיט א גערדיכטע ברייטע און לאנגע געלע בארד האט אריינגעבראקט צייטענווייז ווערטלאך, וואס ווערען גע־ברויכט אויפ'ן סאמע דעק. נאר בכלל האט ער גערעדט ניט פון זיך, נאר אין אלגעמיין. איך האב בעמערקט, אז ער בעהאלט עפעס, און האב געזוכט צו געווינען זיין צוטרוי, דאס איז מיר אויך באלד געלונגען. ער האט אין מיטען א בראק געטאן אן ענגליש ווארט, פון וואס עס איז דייטליך געווען, אז ער איז א „לאנדסמאן". איך האב איהם געזאגט, אז איך בין אויך געווען אין אמעריקא, און, ביסלעכווייז, איז ער געווארען מעהר רעדעוודיג. נאר עטליכע טעג האט געדויערט ביז איך האב זיין פולען צוטרוי געוואונען. איך האב מיט איהם אבגערעדט ווידער צו זעהן זיך. איך בין געווען ביי איהם אויף זיין נאכט־לאגער, האב איהם אריינגערופען אין א קאפע־הויז, און אזוי האב איך ביסלעכווייז דערגאנגען זיין טרויעריגע געשיכטע.

אנגעהויבען דערצעהלען זיין געשיכטע האט ער גוטמוטיג מיט א שמייכעלדיגער מינע, אבער ניט מיט אמאל, האט זיך

אפט אבגעשטעלט, אנטשוויגנ געווארנ און אונטערגעברומט עפעס א לידעל, ווי ער וואלט וועלנ דערמיט פארשלאגנ די שווערע געפיהלנ, וואס די הקדמה צו זיין געשיכטע האט אויפגעוועקט אין זיין זכרונ.

—וואס איז דאס פאר א לידעל? — האב איך מיך פעראינטערעסירט.

— מיט קלארעו, — זאגט ער, — א היינטוועלטיגע מדאם.

— אדרבא, זאג איך, זינגט, איך בין נייגעריג צו הערנ.

און ער האט טאקע גלייך גענומענ זינגענ:

„אוי, האב איך א ווייבעל, הייסעו הייסט זי קלארע —

א גרינגע, און א געלע, און א דארע:

האט זי א פיגורע — הויט און ביינער,

און אין מויל — ארייננגשטעלטע ציינער.

ס'מוז איהר זיין אבאנע און אן אמע,

און די דינסט מוז רופענ איהר: „מאדאמע“

פארקרימט דער נאז, בלאזט פונ זיך גרויסארטיג,

וויל איך עסנ, זאגט זי: עס איז ניט פארטיג.

אוי האב איך א ווייבעל, הייסענ הייסט זי קלארע,

זאל שוינ, גאטעניו, ארויס פונ איהר די פארע...

דאס איז א בעוואוסטע פאלקס-לידעל, א סאטירע אויף די היינטיגע „געבאלבעטע“ „מאדאמענ“, פאר וועלכע דער מאנ האט א פינסטערע מערכה.

פונ דער לידעל האט מענ געקענט דערינגענ, אז איהם אליינ, מיינ לאנדסמאנ, האט גאט בעשערט מיט אזא מינ „קלארע“. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזענ, אז זיינ ווייב, די ערשטע ווייב, הייסט דאס, איז גאר ניט געווענ פונ די וואס רופענ זיך „קלארע“. ער האט גענומענ א ווייב פונ „דעק“. א פארשוינ, זאגט ער, איז זי געווענ א מאדנע. בחורים זענענ איהר נאכגע־לאפענ. אבער איך בינ געווענ פאר איהר א בעסערער שדוך. א וועבער בינ איך, האב געקענט גוט מיינ ארבייט, א באלע־

באַטיש קינד, ניט ווי די אַלע „בלאַטנע", וואָס האָבן זיך אַרום איהר געדרייט."

ער האָט חתונה געהאַט, און אין גיכען איז ער מיט איהר אַוועק אין אַמעריקאַ. ערשטענס איז דאָ געגאַנגען שלעכט די אַרבייט. צווייטענס — און דאָס האָט געמוזט זיין די וויכטיג־סטע סבה — האָט ער זיך ניט געפיהלט זיכער מיט זיין ווייבעל די פאַרשוין — פון די „בלאַטנע", וואָס האָבן מיט איהר גע־שיכטעס געהאַט. אין אַמעריקאַ האָט ער פערבראַכט צוועלף יאָהר. האָט מיט דער ווייב קינדער געהאַט. האָט געאַרבייט אין די בעסטע וועבעריי־פאַבריקען פון די פעראייניגטע שטאַטען. געוואָרען אַ סיטיז'ן, אַ גרויסער ספעציאַליסט אין די אַרבייט, און פלעגט פאַרדינען דורכשניטליך 5־6 דאָלער אַ טאָג.

קורץ אין צייט פון די צוועלף יאָהר האָט ער געמאַכט אַ פיינעם לעבען, געהאַט אַ שענע באַלעבאַטישקייט, געטראָגען טייערע רינגען און אַ גאָלדענעם „וואַטש און טשיין"*). די ווייב איז געווען בעהאַנגען מיט דזשולערי**). אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט זיבען־אַכט טויזענד דאָלער אין די בענק.

אין יאָהר 1903, אין דער צייט פון די פּאָגראָמען, אין דעם רעכטען קאָך פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד האָט ער פּלוצלונג אַרויסגענומען די געלד פון די בענק און גע־נומען שטאַרק קלערען וועגען פאָהרען צוריק אין רוסלאַנד.

פאַר וואָס? דאָס האָט ער פערשוויגען. נאָר פון זיין וויי־טערדיגען געשפּרעך האָב איך פערשטאַנען, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען ניט זיכער מיט זיין ווייבעל, די פאַרשוין. עס האָבן זיך אָבגעפונען בעקאַנטע פון די אַמאָליגע „בלאַטנע" און נייע בעקאַנטשאַפטען האָבען, אַ פּנים, אַריינגעטראָגען אונרוה אין דער ביז אַהער רוהיגער נשמה פון זיין ווייבעל, וואָס איז שוין געווען אַ מוטער פון עטליכע סקול־קינדער.

אויף מאָרגען נאָך זיין אָבנעהמען די געלד פון די בענק, איז ער געקומען פון דער אַרבייט אַ היים. האָבען איהם די קינ־

---

*) זייגער און קייט.
**) דימענטען.

דער דערציילט, אז די מאמע איז אוועק, שוין עטליכע שעה און איז ניט געקומען. קיין ווארעמס האט זי אויך ניט געקאכט.

עס האט איהם עפּעס א ריס געטאן די הארץ. ער האט זיך געכאפּט צום פארשלאסענעם קאמאד. ער איז געווען אויפגעריסען און די געלד איז ניטא.

ווי א וואהנזיניגער האט ער זיך גענומען ווארפען אהין, ווארפען אהער, געלאפען צו זיינע, צו איהרע קרובים און לאנדסלייט. ענדליך געמעלדעט אויף דער פּאליציי. עס איז אוועק א טאג, דער אנדערער, דער דריטער. ניטא קיין שום שפּור, ניט פון דער ווייב, ניט פון די געלד.

ערשט שפּעטער האט ער זיך דערוואוסט, אז וויסענדיג א סך געשיכטעס פון זיין ווייבס פריהערדיגען לעבען, האט ער אבער איינע ניט געוואוסט. דאס איז די געשיכטע, אז א קאטערינשטשיק האט איהר געהאט מקדש געווען. א שענער יונג — זאגט ער, א העלד, נאר א גרויסער שכור. האט זי יענעם געווארפען און חתונה געהאט מיט איהם.

אט מיט דעם קאטערינשטשיק איז זי איצט אנטלאפען. צוגנבענענדיג ביים מאן די געלד.

באלד האט ער זיך דערוואוסט, אז זיי זענען שוין אין רוסלאנד. ער האט פערקויפט אלץ, וואס ער האט געהאט, געמאכט די באלעבאטישקייט צו געלד און געזעצט זיך מיט די קינדער אויפ'ן שיף — קיין רוסלאנד.

וואס האט איהם געצויגען: צי די האפנונג צו בעקומען זיין געלד, צי די בענקשאפט נאך דער אנטלאפענער ווייב — דאס האט ער מיר ניט געזאגט. נאך א גאנצע רייה וואגלענעס איבער פערשיידענע וועבערייען אין דייטשלאנד, איז ער אנגעקומען אין רוסלאנד, מיט'ן פעקעל קינדער אויף די פּלייצעס, פון וועלכע דאס אינגסטע איז געווען אלט צוויי יאהר.

א פּאר יאהר זענען אוועק אין צרות, אין ארומשלעפּען זיך מיט'ן פעקעל קינדער. פון דער ווייב האט ער קיין שום ידיעה ניט געהאט: ווי אין וואסער אריינגעפאלען. אין יאהר 1905 האט ער ענדליך געקראגען ארבייט, אלס גוטער וועבער, אין לאדז, ביי פּאזנאנסקי'ן אין פאבריק. די עלטערע קינדער האט

ער אָבגעגעבען צו אַן ארבייט. אַליין האָט ער ווידער חתונה געהאַט, נאַטירליך איז דאָס געווען אַ שטילע חופּה, אָהן קלעז־מער, בלויז פאר אַ מנין אידען. קיין פרומער איז דער דאָזיגער לאַנדסמאַן קיין מאָל ניט געווען. דערצו איז ער איצט געווען אַ „פּע־פּע־עס־ניק“.

אין זעלבען יאָהר האָט אין לאָדז, מעהר ווי אומעטום, געשטורמט מיט רעוואָלוציע. דעמאָלט איז פאָרגעקומען אין פּאָזנאַנסקי׳ס פּאַבריק דער אַקט פון בלוטיגער נקמה געגען דעם דירעקטאָר און עלטעסטען מייסטער, וואָס האָבען זיך בעזונדער פערהאַסט געמאַכט ביי די ארבייטער. מ׳האָט זיי, אין אַ צוזאַמענשטויס,ביידען דערשאָסען. די פּאָליציי האָט דעמאָלט איבערגעקעהרט לאָדז. הונדערטער ארבייטער האָט מען ארעסטירט. צעהנדליגע נאָך קאַטאָרגע פּארשיקט. איינער פון זיי איז געווען — ע ר.

מ׳האָט איהם בעשולדיגט ניט אין מאָרד, נאָר אין וויסען און ניט ארויסגעבען די, וואָס האָבען געהרג׳עט דעם דירעקטאָר מיט דעם מייסטער. אַ האַלב יאָהר האָט מען איהם געפּייניגט מיט׳ן פערהער אין ווארשעווער ציטאַדעל. ער איז געווען די גאַנצע צייט צוגעשמידט מיט׳ן פּנים צו דער ערד. ביי איהם, אַלס פּשוט׳ן יודען, האָט מען געמיינט ארויסצוקריגען דעם סוד, דאָ מיט סטראַשונקעס, אַז מ׳וועט איהם הענגען, דאָ מיט צוזאָגען און זאָגאַר אַנידערלעגען פאר איהם ריזיגע סומען געלד. האָט מען געוואָלט ארויסציהען ביי איהם ווערטער. נאָר ער האָט געענטפערט איינס: אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. ענדליך איז געווען דער סוד און מ׳האָט איהם, מיט איינינע אַנדערע, פערמשפּט צו 12 יאָהר קאַטאָרגע.

אכט יאָהר איז ער אָבגעווען אין ארכאַנגעלסק. די גאַנצע צייט מיט קייטען אויף די פיס. ענדליך, מיט אַ צעהן מאָנאַטען צוריק, האָט זיך די רעוואָלוציאָנערען איינגעגעבען צו אָרגאַניזירען אַ „ויברח“ פון פיער פּאָליטישע קאַטארזשניקעס. צווישען זיי איז ער אויך געווען. נאָר ארונטערלאָזענדיג זיך דורך די ורעהרען פון אַ קלאָזעט, זיינען צוויי דערשטיקט געוואָרען, און נאָר איהם מיט נאָך איינעם האָט זיך איינגעגעבען צו דער־

זעהן די פרייע וועלט.

מיין לאנדסמאן האט קומענדיג צו דעם ארט פון זיין געשיכטע, וועלכע איך מאך בקיצור, פריי אבגעאטעמט אזן. אפנים, צופרידען, וואס ער איז אין וויען און ניט אין ארכאנגעלסק, האט ער אנגעהויבען ברומען, נאך זיין פריהערדיגען שטוינער, ווי פאר זיך, א ליעדעל. נאר דאס מאל אויף רוסיש דאס ליעדעל פון דער בעריהמטער „נאגאיעטשקא“.

גאסודאר איספוגאלסיא אי דאל מאניפעסט:

מיארטווים סוואבאדו, זשיווים — פאד ארעסט!

ס'הייסט דער קיסר האט זיך דערשראקען (פאר דער רעוואלוציע) און ארויסגעגעבען א מאניפעסט: פרייהייט די טויטע און די לעבעדיגע — ארעסטירען... אזוי ווערט אויסגעלאכט אין אט דער רעוואלוציאנערער פאלקסלידעל די רוסישע קאנסטיטוציע.

ע ר איז געווען א לעבעדיגער בעווייז פון דעם שרעקליכען אמת וואס ליגט אין דעם דאזיגען שפאס.

די רעוואלוציאנערען האבען, ווי עס שיינט, מעהר ניט געקענט טאן, ווי בעפרייען איהם פון די קייטען און ברייננגען איהם אין זיכערהייט ביז'ן גרעניץ — אויף יענער זייט.

איהם האט זיך אבער איינגעגעבען זיין אין דערהיים, זעהן זיך מיט די קינדער, מיט דער פאמיליע. און דא הויבט זיך אן זיין דריטע טראגעדיע.

פאר די גאנצע 8 יאהר פון זיין קאטארגע האט ער ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו בעקומען א ידיעה פון דער היים און צו לאזען עפעס וויסען די ווייב און קינדער. ער האט זיך גערעכענט פאר לעבעדיג בעגראבען און אבגעריסען אויף אייביג, פון דער פרייער וועלט. די בעפרייאונג איז געקומען אונגעריכטערהייט.

אבער ווען ער האט זיך אבגעגעבען דעם שיקזאל, האט זיך אין הארצען געזעגענט אויף אייביג מיט דער פריי, האט זיך זיין ווייב, די צווייטע ווייב, ניט געקענט טרייסטען. זי איז איהם געבליבען טריי די גאנצע אכט יאהר פון זיין קאטארגע. זי האט אבער מעהר ניט געקענט טאן פאר איהם, ווי איין זאך —

וויינען.

און זי האט געוויינט, געוויינט טאג און נאכט. ניט איבערגעגאנגען א טאג, וואס זי האט קיין טרערן ניט געגאסען.

און אז ער האט איהר אויפגעזוכט בעהאלטענערהייט, אנטלויפענדיג פון דער קאטארגע, האט זי איהם קוים דערקענט.. נאך דער שטים. נאכ'ן פנים ניט. זי איז בלינד געווען. האט איהרע אויגען אויסגעוויינט: און איינגעבויגען, פארהארבעט איז זי געווארען. א צעבראכענער שארבען.

נאר אט דער צעבראכענער שארבען איז איהם טייערער געווארען, ווי פריהער די געזונטע, די יונגע ווייב. דאס איז געווען זיין איינציגער פריינד אין לעבען.

זיינע קינדער — מיידלאך — זענען אויסגעוואקסען — ארבייטערינס געווארען, אין לאדז. זיין זוהן, א בחור פון צוויי און צוואנציג יאהר האט געדינט אין מיליטער.

די מיידלאך, די ארימע ארבייטערינס, האבען ווי עס איז אויפגעקליבען עטליכע רובל און געגעבען איהם מיט, צום גרעניץ. מ'האט אויך די „מוהמען" איבערגעשיקט צו איהם, צו יענער זייט גרעניץ.

און אזוי האב איך זיך מיט איהם און מיט איהר בעגעגענט אין וויען. ער איז נאך געבליבען, ניט קוקענדיג אויף אלע יסורים, וואס ער האט איבערגעליטען, ביי זיינע קרעפטען — דער בוי פון זיין קערפער איז א פנים אייזען געווען. א ברייטער, א ביינערדיגער יוד פון א יאהר עטליכע און פערציג. זי— אן איינגעהארבעטע, בלינדע ווייבעל פון עטליכע און דרייסיג. זי רעדט ניט וועגען איהר בלינדקייט, וועגען איהרע ליידען: הארצרייסענעס און ביטערע ארימקייט פאר די פערגאנגענע 8 יאהר. זי איז גליקליך, וואס ער איז לעבען איהר. אז ער רעדט צו איהר, שיינט איהר פנים מיט א גליקליכען שמייכעל. און אז ער קומט פון גאס, קומט ער קיין מאל ניט מיט ליידיגען. ברייגנט איהר שטענדיג עפעס, א גוטע זאך, אין מויל אריין. נעהמט איהם ארום און צערטעלט איהר, ווי א קינד: מיין ווייבעלע, מיין ליעב ווייבעלע...

ער איז געווען אין וויען ביי דעם אמעריקאנער קאנסול.

האט זיך איהם פארגעשטעלט, אלס אמעריקאנער סיטיז'ן. דערצעהלט זיין קריטישע לאגע און געבעטען פערהעלפען איהם אין א טיקעט — קיין אמעריקא. ער האט אבער געלאזען די סיטיז'ן פייפערס אין אמעריקא. דער קאנסול האט איהם צו־געזאגט צו געבען א טיקעט, ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז ער איז ווירקליך אן אמעריקאנער בירגער. דאס דארף דויערן אפאר מאנאטען. דער עיקר אבער: צי וועט מען ארייגלא־זען מיט איהם זיין בלינדע ווייב?

איך האב איהם געשאפען א בריעף פון א וויענער ראבינער צו איינעם פון די גרעסטע וויענער אויגען־פראפעסארען. דער פראפעסאר האט בעטראכט די בלינדע און ערקלערט: צו שפעט! פארפאלען. דערזעלבער ראבינער האט איהם געגעבען א בריעף צו דער וויענער „אליאנס", וועלכע האט איהם בעזארגט מיט טיקעטס און געגעבען איהם שטיצע צו פאהרען ווייטער.

אייניגע טעג בין איך געווען שטארק פערנומען און האב ניט געקענט בעזוכען מיין לאנדסמאן. אז איך בין דערנאך געקומען צו איהם, האב איך איהם שוין ניט געפונען. זיין באלעבאסטע האט מיר געזאגט, אז ער מיט דער בלינדער זענען ערגעץ אוועקגעשיקט געווארען פון דער „אליאנס". וואוהין? דאס האט זי אויך ניט געוואוסט.

מיך האט שטארק פערדראסען, וואס איך האב פערלארען יעדען שפור פון איהם. און יעצט בשעת איך פארענדיג זיין טרויעריגע געשיכטע עגבערט מיך אין מח א געדאנק: צי האט זיך ניט פארענדיגט זיין שרעקליכער לעבען מיט א פער־טער טראגעדיע? צי האט מען איהם אויף עלים־איילענד ניט צושיידט מיט זיין בלינדען פריינד, דעם איינציגען פריינד אין זיין מארטירער־לעבען?

עס קען זיין, אז בשעת איך שרייב אט די צייל ען, טראגט א שיף די בלינדע פריינדין, די איינציגע פריינדין פון דעם מארטירער, אבגעריסען פון איהם, צוריק אין דאס קאלטע, גרויזאמע לאנד, וואס האט ביי איהר דאס ליכט פון די אויגען אויסגעלאשען און איהר אזוי פיעל טרערען, אזוי פיעל טרערען געקאסט...

אינ׳ם לאנד פון „שטריימעלע״
און „שמד״.

די יודען אין אונגארן.

אויב עס איז דא, ערגעץ אין אייראפא, א גן עדן פאר יי־דען, איז דאס אין אונגארן. אויב עס איז ערגעץ דא א ווינקעל וואו יודען זענען אין דער גרעסטער געפאהר צו פערשווינדען, איז דאס ווידער אין אונגארן. אין אונגארן זענען די פרומסטע יודען פון דער גאנצער וועלט. דא איז אויך די גרעסטע צאהל משומדים.

די לאגע פון די אונגארישע יודען איז פול מיט קאנטראס־טען. זי איז די סאמע אינטערעסאנטע פון אלע יודען אין דער וועלט. און דאך וויסען מיר פון די אונגארישע יודען וועניגער, פיליכט, ווי פון אלע יודען אין דער וועלט.

אונגארן איז אפשר דאס איינציגע לאנד אין דער וועלט, וואס האט ניט, וואס וויים ניט פון אנטיסעמיטיזם. און דאס אונגארישע פאלק בעלאנגט צו די וועניגער ציוויליזירטע אין אייראפא, דערפאר בעגעגענט איהר אין קיין לאנד ניט אזא צו־געבונדענקייט, אזא ליעבע פון דער יודישער יוגענד צו זייער לאנד, צום פאלק צווישען וועלכען זיי לעבען, ווי אין אונגארן. די גאנצע יודישע יוגענד אין אונגארן זענען פלאם פייערדיגע מאדיארען. ד. ה. אונגארישע פאטריאטען. נאר אפילו די אלטע, די פרומע אונגארישע יודען, האבען שטארק ליעב זייער לאנד, און פיהלען זיך דא בעסער, ווי אומעטום.

צו פארשטעהן די יודישע לאגע אין אונגארן, דארף מען פריהער פון אלץ בעטראכטען די עקאנאמישע לאגע פון אונגארן

בכלל. אונגארן איז פון אמאל אן און ביז היינטיגען טאג — אן אגראריש לאנד, א לאנד פון פריצים און פויערן. אין פוילען האט די ענגשאפט און די נויט שוין לאנג געצוואונגען דעם פריץ פערלאזען זיין ערד, איבערגעהן אין שטאדט און קאנקורירען דארט מיט דעם יודישען קרעמער און אינטעליגענט. די נאציאנאלע אונטערדריקונג וויעדער טרייבט דעם פאליאק צום בלינדען פאנאטיזם אין זיין פאטריאטישען געפיהל, מאכט איהם פערדעכטיג געגען יודען, וועקט אין איהם גיפטיגען האס צו די יודען. אין אונגארן זענען אט די סבות ניטא. זיין נאציאנאלע אויטאנאמיע האט דאס אונגארישע פאלק אויסגעקעמפפט פון יאהר 1867. דאס לאנד איז גענוג גרויס אי פאר'ן פריץ, אי פאר'ן פויער. דער פריץ וויעדער איז דא שטענדיג געווען קולטורעלער, ריהרעוודיגער, פלייסיגער פאר'ן פוילישען פריץ. ער איז קיין מאל ניט געווען אזוי הערשזיכטיג, פויל און פערדארבען דורך תאוות, ווי יענער. דער גאנצער האנדעל איז דעריבער אין אונגארן נאך יעצט, ווי אמאל פאלקאם אין יודישע הענד. דער פריץ, ווי דער פויער לעבען ביי דער ערד און קענען ביידע אהן דעם יודען ניט אויסקומען. דער יוד איז דא שטענדיג געווען ביידענס בעל עצה. אהן איהם האט מען זיך ניט א קעהר געטאן. דעריבער האבען יודען אין פאליטישען לעבען פון אלע מאל דא געשפילט א וויכטיגע ראלע. אין דער רעוואלוציע פון 1848 האבען יודען זיך זעהר שטארק בעטייליגט און א סך קרבנות געבראכט. דאס אונגארישע פאלק געדענקט דאס, האט שטארק הרך ארץ פאר דעם יודישען מוט און איז זיכער אין דעם יודענס פאטריאטיזם. די גרעסטע אונגארישע פאליטיקער האבען יודישע סעקרעטארען און עצה־געבער, וועלכע זיי ווייזען ארויס אפען זייער פריינדשאפט.

נאך א שטריך דארף מען בעמערקען צו ערקלערען זיך די בעציהונגען צווישען אונגארן און יודען. דאס איז שוין ניט קיין עקאנאמישער, נאר א קולטורעלער. דער קאטאליציזם האט אין אונגארן קיין מאל ניט געהערשט, קיין מאל ניט געהאט אזא מאכט, ווי אין פוילען, א שטויגער. די יעזואיטען האבען דא ניט געפונען קיין באדען פאר זייערע בלוטדורשטיגע און גיפטי־

גע דרשות. דאס פאלק האט ניט פארשטאנען זייער שפראך און זיי ניט די שפראך פונ'ם פאלק. די אונגארען, א פאלק, אזוי ווי די פינען, פון מאנגאליש־טאטארשער אבשטאמונג, איז בכלל ניט גענויגט צו רעליגיעזען פאנאטיזם. דערצו זענען דא יודען אין לאנד זעהר לאנג. די היגע יודען בעהויפטען, אז ־ער ערש־טער אונגארישער פירשט, ארפאד, וואס האט איינגענומען דאס לאנד מיט א טויזענד יאהר צוריק, האט געהאט א יודישע פרוי, אדער מוטער, און אין דעם העכסטען אונגארישען אדעל פליסט אלזא יודיש בלוט. א חוץ דעם, זענען מיט די ערשטע איינגעה־מער פונ'ם לאנד, מיטגעקומען פון אזיען יודען, און זיי האבען שוין געפונען אין לאנד יודען, וואס האבען דא פון פריהער געלעבט. די אונגארישע יודען בעשטעהען פון דרייערליי עלע־מענטען. גאר דער עלטערער עלעמענט געפינט זיך אין לאנד גלייך מיט די אונגארען. די דאזיגע יודען האבען ביז דעם 16טען יאהרהונדערט גערעדט די שפראך פונ'ם לאנד, ד. ה. אונגאריש. פונקט אזוי האבען די רוסישע יודען ביז יענער צייט גערעדט ליטוויש, רוסיש און פויליש און ניט געוואוסט קיין אנדער שפראך, א חוץ העברעאיש, וואס נאר איינצעלנע מענשען און דער רב האבען פארשטאנען. אין אנהויב פון 18טען יאהרהונ־דערט הויבט זיך אן די מאסען־איינוואנדערונג פון אנדערע יו־דען אין אונגארן. דער ערשטער שטראם ברינגט אהער יודען פון מעהרען און בעהמען. שפעטער מיט א 60—50 יאהר קומט א צווייטער שטראם פון גאליצישע יודען. דער דאזיגער שטראם געהט כסדר פון דעמאלט אן און הערט ניט אויף ביז היינטיגען טאג. ווען ניט אמעריקא, וואס איז פאר'ן גאליצישען יודען אסך מעהר אנציהענד, ווי אונגארן, וואלטען איבערגעגאנגען אהער געוויס דריי פערטעל פון די גאליצישע יודען.

די איינגעוואנדערטע יודען האבען שוין לאנג געלעגט זייער שטעמפעל אויף דער גאר אמאליגער אונגארישער יודישער בעפעלקערונג, ווייל זיי זענען אין קולטור געשטאנען העכער פון זיי. פונקט ווי די רוסישע און פוילישע יודען ריידען זיי צווישען זיך יודיש מיט דער גאליצישער אויסשפראך. יעדער יוד קען אבער אויך זעהר גוט אונגאריש. די יודישע יוגענד ליעבט

זעהר די אונגארישע שפּראך און רעדט צווישען זיך נאר אונ־ גאריש. די ליבע צו דער לאנדסשפּראך און איהר ליטעראטור איז אזוי גרויס ביי דער יודישער יוגענד, אז אין א גאנצער ריי־ הע שטעדטלאך האבען די יודישע קינדער אין גאנצען פארגע־ סען יודיש צו ריידען, און די עלטערן, וואס קענען נאך יודיש, זענען געצוואונגען מיט זייערע קינדער אונגאריש צו ריידען. איך רייד דא, נאטירליך, פון דער מאסע. וואס אנבעלאנגט דער אינטעליגענץ, האט זיך נאך מיט א דור פריהער מאמע־לשון פארגעסען לחלוטין און אונגאריש איז זייער אמת'ע מוטער־ שפּראך.

אין דער עקאנאמישער לאגע איז זעהר א גרויסער אונטער־ שייד צווישען די עסטרייכישע גאליצישע און אונגארישע יו־ דען. די אונגארישע קאנסטיטוציע איז, ווי געזאגט, די פרייעסטע אין אייראפּא. יודען האבען שוין לאנג צוטריט צו אלע בעשעפ־ טיגונגען. דער האנדעל אבער, ווי געזאגט, ליגט נאך איצט, ווי אמאל כמעט אין גאנצען אין יודישע הענד. אין די דערפער האט מען אפילו געפּרובט איינפיהרען קאנסום־פעראיינען, נאר דאס האט ניט געהאט קיין ערפאלג. ניטא קיין פעהיגע מענשען דערצו. אינטעליגענטע פּראפעסיעס — דאקטוירים, יוריסטען, אינזשענערען און אנד. כמעט אלע יודען. צווישען אונגארישע קינסטלער שפּילען יודען די גרעסטע ראלע. זשורנאליסטען, דרא־ מאטורגען, דיכטער, הויפּטזעכליך יודען.

יודען זענען די גרעסטע פּאליטישע טוער, די בעסטע רעד־ נער אין פּארלאמענט. אין אונגארישען פּארלאמענט זיצען 30 יודישע דעפּוטאטען. דאך בילדען זיי ניט קיין בעזונדער יודי־ שען קלוב, נאר זיי זענען צעטיילט אין אלע פּארטייען. אסך יו־ דען גוטסבעזיצער און פּאקטערס פון גיטער זענען דא אין אונגארן. וואס אנבעלאנגט מלוכה־שטעלען און שטאדטישע עמ־ טער זענען יודען פול אומעטום פון א קאנדוקטאר אין צוג ביז א גענעראל אין מיליטער. זענען ניטא קיין יודען מיניסטארען. איז דערפאר כמעט שטענדיג די „רעכטע האנד" פון יעדען מיניסטער, זיין סעקרעטאר, — א יוד. דער גרעסטער אונגא־ רישער כירורג, פּראפעסאר הערצל, איז א יוד. דאסגלייכען דער

גרעסטער רעדנער אין פּאַרלאַמענט, ווייספּעלד (האָט שוין לאַנג זיין פאַמיליע איבערגעניצעוועט אויף אונגאַריש — וואַזשאָ־ ני), דער גרעסטער אונגאַרישער דראַמאַטורג מאָלנאַר, דער ניט לאַנג פערשטאָרבענער בודאַפּעסטער סיטי־מעיאָר — העל־ טאַי, דער גרעסטער אונגאַרישער דיכטער יאָזעף קיש — דאָס זענען אַלע יודישע פאַמיליעס, חאָטש צום גרעסטען טייל מאַ־ דיאַריזירטע, ד. ה. איבערגעניצעוועטע, פערטייטשטע אויף אונ־ גאַריש. אַ שטויגער: „קיש" איז אין אונגאַריש דער טייטש פון „קליין". יודען זענען אויך שטאַרק פערטראַטען אין דער גרויס־ פּראָדוקציאָן. אַזוי איז, צום ביישפּיעל, דער יוד מאַנפריד ווייס דער גרעסטער, דער רייכסטער פאַבריקאַנט אין אונגאַרן. ער האָט אַ פאַבריק פון מיליטער־קאָנסערוועז, פּאַטראָנען און קאַ־ נאָנען.

אָבער ווען יודען זענען אַזוי שטאַרק פערטראַטען אין אַלע טיילען פון דער אונגאַרישער בורזשואַזיע, דערפאַר זענען אין אונגאַרן זעהר ווענינ דאָ יודישע אַרבייטער. אמת, איהר בעגעגענט אין בודאַפּעסט אויף יעדען טריט און שריט יודישע דינסטמענער מיט מעשענע בלעכלאַך אויף זייערע היטלאַך, אָדער יודישע פוהרלייט, אָדער „פיאַקערניקעס", ווי זיי הייסען דאָ און אין גאַליציען. אָבער דאָס זענען נאָר די ניט לאַנג איינגע־ וואַנדערטע גאַליציאַנער יודען, וועלכע זענען צו אַלט אָדער צו שוואַך אויף אויסצוגרינען זיך מאַדיאַריש. וואָס אָבער צווישען די אונגאַרישע יודען איז יונג און שטאַרק און מוטיג און פעהיג האָט די פולע מעגליכקייט איבערצוגעהן אין דעם לאַגער פון די שטאַרקע און ניט פאַרנעהמען קיין פלאַץ צווישען די אויס־ געבייטעטע.

און דעריבער איז טאַקע פשוט אַ וואונדער, וואָס יודען זענען אַם שטאַרקסטען פערטראַטען אויך אין דער — אונגאַרי־ שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אמת צווישען די אָרגאַניזירטע אונגאַרישע אַרבייטער זענען ווינציג יודען פּאַראַן. דערפאַר אָבער פערנעהמען יודען אַ פלאַץ צווישען די גענעראַלען פון דער פּאַרטיי. כמעט אַלע לידערס, אַלע בעסטע רעדנער, אַלע

פארטיינע רעדאקטארען און זשורנאליסטען בכלל זענען יודען. דאס ערקלערט זיך פיליכט דערמיט, וואס יודען זענען תמיד מעהר געשטימט ראדיקאל און געניגט צו דער עקסטער אפא־זיציע; פיליכט דערמיט, וואס אין דער יודישער יוגענד זענען אומעטום און שטענדיג פאראן גענוג אידיינע און אידעאלע עלעמענטען, וואס קענען געפינען א בעפרידיגונג פאר זייערע אידעלע שטרעבונגען נאר אין סאציאליסטישען לאגער.

דער „חתם סופר".

די רוסלענדער ישיבות שטעלען פאר פיערערליי טיפען: מ י ר אין וואלאזין — די עלטעסטע, די יחסנ'טעס, די פלאנצהייזער פון דאס רוב מתנגדישע רבנים; לידא — א פרוב פון א רעפארמירטער ישיבה, א קאמפראמיס מיט דער נייער צייט, א שטרעבונג צו פעראייניגען תורה מיט וועלטליכער בילדונג. דאן קומט „סלאבאדקע" און „נאוואגרודאק" מיט זייערע „מוסר'ניקעס": צולעצט — ליבאוויטש — א ספעציעלע ישיבה פאר חסידישע רבנים און לומדים. אין אדעס געפינט זיך א גרויסע ישיבה, נאר זי איז פונ'ם זעלבען טיפ, ווי די לידער ישיבה.

דאס אייראפעאישע ארטאדאקסישע יודענטום האט מעהר ניט ווי איין ישיבה, וואס גרייט צו רבנים פונ'ם אלטען שניט. דאס איז — די פרעסבורגער ישיבה. די פרעסבורגער ישיבה פערזעהט מיט רבנים ניט בלויז גאנץ אייראפא, נאר אויך אמעריקא, אפריקא און אויסטראליען, מיט איין ווארט: וואו עס איז נאר פאראן אין דער וועלט א פרומע יודישע געמיינדע, וואס נויטיגט זיך אין פרומע רבנים.

דער גרינדער פון דער פרעסבורגער ישיבה איז דער בעריהמטער ר' משה סופר, וואס איז מעהר בעקאנט אונטער דעם נאמען פון זיין חבור „חתם סופר". דער „חתם סופר" האט געלעבט אין איין צייט מיט דעם ווילנער גאון און ר' חיים'קע וואלאזשינער. זיין ישיבה איז געגרינדעט געווארען כמעט

אין איין צייט מיט מירער און וואלאזשינער ישיבה. דער „חתם סופר“ איז געווען דאן רב אין פרעסבורג. דאס איז געווען א מענש מיט א גוואלדיגער ענערגיע, מיט א גרויסען טאלאנט פון א לידער. די יודען פון מערב אייראפא האבען דעמאלט געלעבט אין גאנץ אנדערע בעדינגונגען, ווי די רוסישע יודען. בשעת אין רוסלאנד האבען זיך ערשט פארטראגען צופעליגע, איינציגע פונקען פון אייראפעאישער בילדונג, האט שוין עסטרייך־אונגארן און, איבערהויפט, — דייטשלאנד געקאכט מיט בערלינער השכלה. די השכלה האט שוין דארט געבראכט איהרע ביטערע פרוכט אין דער געשטאלט פון דער אסימילאציע. א גאנצע רייה מענדעלסאנס חברים און תלמידים האבען זיך צושמדט, צוזאמען מיט מענדעלסאנס קינדער. זייער ביישפיל האבען נאכגעטאן א מאסע יודען, וואס האבען בעקומען בילדונג און זייער יודישער אבשאמונג איז זיי געשטאנען אין וועג צו קריגען פעטע דזשאבס (קאריערעס) און האבען כבוד פון דער קריסטליכער וועלט. אלץ, וואס האט זיך געפיהלט שטארק און יונג האט גענומען אנטלויפען פון דעם יודישען לאגער. די שטרעבונג צו רעפארמען האט אנגענומען א העסליכען כאראקטער. עס האבען זיך געפונען רבנים, וואס האבען מתיר געמאכט עסען טרייפעס און געהייסען אויסמעקען פון די סדורים און מחזורים אלץ, וואס האט פערבונדען דעם פשוט׳ען פרומען יודען מיט זיין פערגאנגענהייט. אין יענער צייט איז ערשיענען דער „חתם סופר“, א מענש מיט אן אייזערנער ענערגיע און מוט, און האט זיך געשטעלט אין קאמפף געגען די אסימילאטארען מיט די רעפארמער. צעהנדליגע יאהרען נאכאנאנד האט ער געקעמפפט און — האט געזיגט. ער האט פארשטאנען, אז די אסימילאטארישע בעוועגונג איז א פועל יוצא פון די „עם הארצות“, פון דער רעליגיעזער אונוויסענהייט, אין וועלכער דאס פאלק האט זיך געפונען, און ווען פרעסבורג האט איהם גענומען פאר א רב האט ער אויסגענומען א תנאי, אז שטאדט זאל אויסהאלטען 8 בחורים־לערנער. אין א משך פון יאהרען איז פון די אכט בחורים געווארען 400 ישיבה־לייט, און די פרעסבורגער ישיבה האט פאר די הונדערט

יאָהר פון איהר עקסיסטענץ ארויסגעבראכט טויזענדער רבנים און לומדים. צום ענדע פון זיין לעבען איז דער „חתם סופר" פערהייליגט געווארען אין פאָלק. אזוי ווי ר' חיים וואלאזינער אין ליטא. זיין אנדענקען איז ארומגערינגעלט מיט א קראַנץ פון לעגענדען, וואָס כאראקטעריזירען זיין שטארקע פערזענ־ליכקייט און די גרויסע פערעהרונג, וואָס ער האָט גענאָסען אין זיין צייט. אזוי, צ. ב. האָט מען מיך פערזיכערט, אז אין די צייטען פונ'ם „חתם סופר" האָט קיין איין יוד ניט מחלל שבת געווען אין פרעסבורג. אין יאָהר 1813 איז אויסגעבראָ־כען א פייער אין שטאָדט. גאַנץ פרעסבורג איז געשטאַנען אין פלאַמען. נאָך דעם „חתם סופר" האָט דאָס ווייניג געארט. ער איז ארונטער אין א קעלער און האָט דאָרט געלערנט מיט זיינע תלמידים ווי אַלע טאָג. פון צעהן יאָהר אן איז ער ניט געגאַנ־גען פיער איילען אַהן תורה. יום כפור צום דאַווענען האָבען איהם ארומגערינגעלט טויזענדער נשמות פון תנאים און אמוראים. פון ביידע זייטען זענען געשטאַנען ביי איהם, ווי לייבוועכטער: רעכטס דער „רמבם" און לינקס דער „רמבן". אין דער אַלטער פרעסבורגער שול האָט מען מיר געוויזען די „זענפטע" — די ביידעל אין וועלכער מ'האָט איהם געטראָגען אין שול.

די קינדער און קינדס־קינדער פונ'ם „חתם סופר" האָבען נאָך זיין טויט טריי געהאַלטען זיין פאָהן. זיי זענען ביז היינטי־גען טאָג די זיילען פון דעם אייראָפּעאישען ארטאָדאָקסישען יודענטום. זיינער אן אייניקעל איז געווען דער בעריהמטער רב שמעון סופר, רעדאקטאָר פון דער ארטאָדאָקסישער צייטונג „איזראַעליט" אין מיינץ. אן אוראייניקעל פונ'ם „חתם סופר" פערנעהמט נאָך איצט דעם שטוהל פון רבנות אין פרעסבורג. ער איז אויך דער ראש ישיבה. איך האָב איהם בעזוכט. ער האָט מיך פריינדליך אויפגענומען. האָט מיר דערצעהלט די גע־שיכטע פון דער פרעסבורגער ישיבה, איהר איצטיגען צושטאַנד.

אין דער ישיבה געפינען זיך איצט 300 יונגע לייט. נאָך מיט 58 יאָהר צוריק איז די פרעסבורגער ישיבה אנערקענט גע־וואָרען פון דער רעגירונג. זי האָט געקראָגען א פּאַטענט פונ'ם

קייזער, וואס האט די ישיבה־לייט געגעבען די זעלבע רעכט פריי צו זיין פון דינסט, ווי דאס האט די קריסטליכע גייסט־ליכע סעמינאר. געלערנט ווערט דא ניט, ווי אין די רוסלענדער ישיבות. מ׳לערנט ניט אלע צוזאמען. א יעדער לערנט ביי זיך אין דער היים די לעקציע, וואס מ׳האט איהם פערגעבען. די לעקציע בעשטעהט אין א פארציע גמרא, תוספות, ערשטע מפרשים, פוסקים, יורה דעה, אורח חיים. יעדע וואך קומט פאר א קליינער עקזאמען. סוף זמן איז א גרויסער עקזאמען. דער גאנצער קורס דויערט, אדער, וועניגסטענס, דארף דויערן ניט וועניגער, ווי 5 יאהר. יעדער ישיבה־מאן בעקומט א גאנץ בעשיידענע וועכענטליכע אונטערשטיצונג. אביסעל שיקט מען צו פון דער היים. אמאל קריגט מען א שטונדע אויף גמרא. צו ווערען רב, מוז דער ישיבה־מאן, א חוץ סמיכה פון דעם רב און ראש ישיבה, אבגעבען עקזאמען אויף א געוויסען גראד בילדונג. דעריבער לערנען זיך די ישיבה־לייט, אויסער דער ישיבות. מ׳לערנט ניט אלע צוזאמען. א יעדער לערנט ביי זיך און וואו ער וויל. צו דער ישיבה האט דאס ניט. געוועהנליך איז דער עקזאמען פון בילדונג מעהר אויף׳ן פאפיר, ווי א ווירקלי־כער. דער רב, וואס געהט ארויס פון דער פרעסבורגער ישיבה, האט דעריבער ניט מעהר בילדונג, ווי א תלמיד פון א מירער ישיבה, א שטויגער. וואס אנבעלאנגט וואלאזשינער ישיבה, שטעהען איהרע תלמידים אין אינטעליגענץ א סך העכער, ווי די בחורים פון דער פרעסבורגער ישיבה, ס׳זענען פאראן, נא־טירליך, אויך אויסנאמען. אנדערע יונגע לייט בענוגענען זיך ניט מיט די אלגעמיינע בילדונג, וואס פאדערט זיך פאר א רב. זיי געהען, נאכ׳ן ענדיגען די ישיבה, ווייטער שטודירען און בעקומען א דאקטאר־דיפלאם. ווייעדער זענען דא אזעלכע, וואס, איין מאל פערזוכט פונ׳ם „עץ הדעת", קעהרען זיי זיך ניט אום צו דער ישיבה און צו רבנות, און נעהמען זיך צו א וועלטליכען שטודיום.

צו שטיצען די ישיבה־לייט זענען אין פרעסבורג פאראנען דריי חברות, וואס זארגען פאר די נויטיגסטע בעדערפעניסען פון די לערנער. „חברה לחם", בעזארגט זיי מיט ברויט, „חברה

מלבוש" — מיט א בגד, און „חברה גדולה" מיט שבת, א חוץ דעם איז פאר די ישיבה־לייט פאראן א ביליגע קיך. קיין משולחים שיקט די ישיבה ניט פונאנדער. נאר זי בעקומט א סך אונטערשטיצונג פון אונגארן און דייטשלאנד.

ניט לאנג איז אין פרעסבורג געווען א שרפה, וואס האט אנגעמאכט א גוואלדיגען טומעל אויף דער וועלט. דער אונגליק איז ניט געווען גאר קיין גרויסער. ווי דער רב האט מיר גע־זאגט האבען אבגעברענט אין גאנצען 70 הייזער. ניט ווייניג זענען געווען פערזיכערט. נאר ווייל די שרפה איז געווען אי־בערהויפט אין דער יודענגאס, צווישען די אבגעברענטע הייזער איז אויך געווען די ישיבה, און, דערצו, איז פרעסבורג זעהר אן אלטע בעריהמטע יודישע שטאדט, האט די שרפה געמאכט א רעש אין די בלעטער. עס זענען אריינגעלאפען נדבות פון דער גאנצער וועלט. איצט בויט זיך א נייע גרויסארטיגע ישיבה.

אויף דער פרעסבורגער יודישער גאס ליגט נאך שטארק דער שטעמפעל פון מיטעלאלטער. דאס יודישע געזעלשאפטלי־כע לעבען איז דא זעהר שטארק ענטוויקעלט, אבער אויפ'ן אלטען שניט. ביז 30 חברות זענען דא פאראן, וואס האבען די פערשיידענסטע אויפגאבען. א שטייגער: „חברה ש"ס", „חברת שעורים" פון בעלי בתים, וואס לערנען חומש מיט רש"י, חברה „תינוקות של בית רבן" ד. ה. פון חדר־אינגלאך, „חברה בית חנוך ילדים" (צו געבען קינדער א רעליגיעזע ערציהונג), „חברה גמילת חסד", „חברה קדישא" מיט א שפיטאל, „מושב זקנים", „אהבת חסד", „ירוחם יתום" און נאך און נאך.

אין פרעסבורג איז דא אן אלטער מנהג, אז די היגע יודי־שע געמיינדע שיקט אלע יאהר, דעם 11טען נאוועמבער, אין דעם טאג פון דעם הייליגען מארטין — 6 גענז אין קייזערליכען הויף. פון זיי — דעם אלטען קייזער פראנץ יאזעף 4 און 2 דעם טראנפאלגער. די גענז זענען דעקארירט מיט נאציאנאלע בענ־דער — רויט — ווייס — גרין. די גענז ברייננגט דער גאמן פון דער קהילה אין דער קייזערליכער קיך אריין. צו דערזעלבער צייט, ווען מ'דערלאנגט די גענז, שטעלט זיך פאר דעם קייזער

א דעפוטאציע פון דער ארטאדאקסישער קהילה און דריקט איהם אוים טרייקייט און אונטערטעניגקייט.

בכלל איז פרעסבורג די איינציגע יודישע שטאדט אין אונ־גארן, וואס האט נאך ערהאלטען א סך פון דער אמאליגער יודישער אלטפרענקישער רוהיגקייט און שענקייט. ווענינסטענס אויסערליך. נאך היינט, ווי אמאל, פערהאלט זיך די שטאדט מיט גרויס ערפארכטיגקייט צום אנדענקען פון איהרע אמאליגע גרויסע מענשען. דערפון שטאמט, וואס ניט בלויז די רבנות געהט איבער אין א משך פון 100 יאהר פון טאטען צום זוהן, נאר אויך די עמטער אין קהל. אזוי צ. ב. האב איך געטראפען אלס אנגעשטעלטע פון דער געמיינדע — א טאטען, א זוהן און אן אייניקעל, וואס פיהרען זייער יחום פון ר' קאפיל פרנס, א ראש הקהל, וואס האט געלעבט מיט 200 יאהר צוריק.

צווישען „שטריימערע" און „שמד".

(דאס אונגאריש־יודישע קליין־שטעדטעל).

אום צו האבען א בעגריף ווי אזוי עס לעבען די אונגארישע יודען, איז ווייניג צו זעהן פרעסבורג און בודאפעסט. מ'מוז אריינדרינגען טיעפער, אין דער אונגארישער קליין שטעדטעל. ערגעץ איז ניטא אזא קאנטראסט צווישען גרויסשטאדט און קליין שטעדטעל אין וואס בעלאנגט דעם יודישען לעבען, ווי דא אין אונגארן.

איך האב דעריבער בעזוכט ניט בלויז די אונגארישע מיטעלשטאדט (פרעסבורג) און הויפטשטאדט (בודאפעסט), נאר אויך דריי קלענערע שטעדטלאך: מונקאטש, סיגעט און קערעשמעזא.

נאר איידער איך וועל קומען צו מיין שילדערונג פון דער אונגארישער קליין שטעדטעל, איז נויטיג צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דער ארגאניזירונג פון דער יודישער געמיינדע אין אונגארן בכלל. דערין איז אויך א גרויסער אונטערשייד צווישען אונגארן און יודישע געמיינדעס פון אנדערע לענדער.

אין דייטשלאנד, ווי בעוואוסט, איז די יודישע בעפעלקערונג, אין די גרעסטע שטעדט, צעטיילט אין צוויי זעלבסטשטענדיגע געמיינדען ארטאקסישע און רעפארמירטע יודען. עסטרייך ווייס ניט דערפון. די פיהרער פון דער וויענער יודישער געמיינער סטארען זיך אויסצומיידען רייבונגען. זיי גיבען יעדען טייל פון דער בעפעלקערונג א געוויסע זעלבסטשטענ־

דיגקייט און מעגליכקייט צו לעבען, ווי איהם געפעלט. דער קאמפף פון פערשיידענע עלעמענטען קומט פאר אין דער קולטוס־געמיינדע, גופא. אבער צו א שפאלטונג ווערט ניט דערלאזען. די לעצטע צייט שטרעבט די וויענער יודישע קולטוס־געמיינדע צו ארגאניזירען אלע יודישע געמיינדעס פון עסטרייך, בוקאווינא און גאליציען אין איין פערבאנד. צו דעם צווינגט זיי דער וואקסענדער אנטיסעמיטיזם אין עסטרייך. די פעראייניגונג פון אלע יודישע געמיינדען אין עסטרייך וועט זיין א גליק פאר די עסטרייכישע יודען. זי וועט זיי געבען א גרעסערע פאליטישע מאכט און וועט זיין אין שטאנד אבצוהאלטען דעם חורבן פון די גאליצישע יודען.

אין אונגארן אבער איז שוין לאנג פארגעקומען די שפאלטונג: נאך מיט עטליכע און פערציג יאהר צוריק. די שפאלטונג איז פארגעקומען נאך א מורא׳דיגען, פערצווייפעלטען קאמפף צווישען די ארטאדאקסען און רעפארמער. פון דעמאלט אן איז ניטא קיין יודען אין אונגארן. עס זענען דא ארטאדאקסען, „נעאלאגען“ און „סטאטוס־קווא“.

אונטער נעאלאגען ווערען בעצייכענט אין אונגארן די רעפארמירטע יודען, די „דאאטשען“. וואס אנבעלאנגט „סטאטוס־קווא“ ווערט מיט אט דעם ווארט בעצייכענט דער יעניגער טייל יודען, סתם יודען, ניט קיין גרויסע פרומאקעס, ניט קיין איינגע׳עקשנ׳טע רעפארמער, וואס האבען בשעת דער צוטיילונג געזאגט: מיר ווילען ניט רוקען זיך ניט רעכטס, ניט לינקס; מיר בלייבען דארט, וואו מיר זענען — סתם יודען. די דאזיגע דריי עלעמענטען לעבען גאנץ אבגעזונדערט איינער פון דעם אנדערן, האבען איינער מיט דעם אנדערן נישט צו טאן. יעדער טייל האט זיין בעזונדערע געמיינדע־פערוואלטונג, זיינע רבנים, זיינע שוחטים, זיינע איבריגע כלי קודש. בלויז די „סטאטוס־קוואניקעס“, וואס זענען אין א סך ערטער די קלענסטע אין צאהל פארמישען זיך אפט מיט איינער פון די איבריגע צוויי עלעמענטען, ווען יענע אליין זענען אויך אין א ווינציגער צאהל. אין בודאפעסט, מיט איהרע 200 טויזענד יודען — די גרעסטע יודישע געמיינדע אין אייראפא — זענען

דאַ אַלע יודישע געמיינדעס: די אָ ר ט אָ ד אָ ק ס ע ן מיט זייער רב פון דער פּרעסבורגער ישיבה; די נעאָלאָגען מיט זייער ראַבינער פון דעם נעאָלאָגישען סעמינאַר און די „סטאַ־טוסקוואָ" — דער קלענסטער טייל (ביי 8000 נפשות), וואָס קומט אויס אי מיט אַן אָרטאָדאָקסישען רב, אי מיט אַ נעאָלאָ־גישען ראַבינער, ווי עס פּאַסט זיי און ווי עס לוינט זיך זיי בעסער. מ'דאַרף דאַ בעמערקען, אַז טויזענדער פון די גאַליצישע יודען אין בודאַפּעסט, כמעט אַלע פרומע יודען, בעלאַנגען פונ־דעסטוועגען צו דער נעאָלאָגען־געמיינדע. דאָס איז דערפאַר, וואָס די נעאָלאָגען - געמיינדע איז די צאָהלרייכסטע און טאַקע פּשוט די רייכסטע. אַלע שטאָדטיגע יודישע צדקה־זאַכען זענען איהרע. די גאַליצישע יודען זענען צום מעהרסטען — אָרימע לייט און נויטיגען זיך אין שטיצע. מוזען זיי אָנקומען צו די נעאָ־לאָגען. אַזוי ווי יעדע געמיינדע שטיצט אָבער בלויז איהרע מיטגליעדער, בכן מוזען די אָרימע גאַליצישע יודען זיך פאַר־שרייבען פאַר נעאָלאָגען, כאָטש אין דער היים פיהרען זיי זיך ווי די אָרטאָדאָקסען. זיי קומען אויך אַז צום אָרטאָדאָקסישען רב מיט אַ שאלה; קויפען פלייש אין די אָרטאָדאָקסישע יאַט־קעס און מצה פאַר פּסח פון די אָרטאָדאָקסישע מצה־בעקער און הענדלער. אַזוי טוען אויך אַ סך פון די סטאַטוס־קוואָ. פון דער אַנדער זייט איז אויך אַ פאַקט, אַז אַ טייל פון די אָרטאָדאָקסען, די יונגערע, וואָס זענען אָרטאָדאָקסען נאָר לפנים, ווייל זיי זענען אבהענגיג פון די פרומע יודען, קויפען פלייש ביי די נעאָ־לאָגען, ווייל אָרטאָדאָקסיש־כשר'ע פלייש קאָסט אַ סך טייע־רער... בכלל קאָסטען די לעבענסמיטעל אין די אָרטאָדאָקסישע קראָמען טייערער און דערפאַר קויפען טאַקע אַ סך אָרימע פון דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע, זייערע עסען־זאַכען באַהאַל־טענערהייט אין די קראָמען פון די נעאָלאָגען. בפרט, אַז ניט זעלטען איז דער שטעמפּעל און פירמע „כשר" נאָר אַ בלאָף.

דעם טאָן אין פּאָליטישען לעבען גיבען די נעאָלאָגען נאָר פּשוט: זיי זענען די רייכסטע, די געבילדעטסטע. בודאַפּעסט איז כמעט אין גאַנצען נעאָלאָגיש. דערפאַר איז אָבער די פּראָ־ווינץ מעהרסטענס אָרטאָדאָקסיש. לויט דעם אונגאַרישען גע־

זעץ מענען צעהן מענשען אבטיילען זיך און ארגאניזירען א בעזונדער זעלבסטשטענדיגע געמיינדע. אויסהאלטען די הוצאות פון א קהילה קאסט אבער טייער. דעריבער ווארפט זיך אונטער די קליינע מינדערהייט דער גרויסער מאיאריטעט. מיר בעגעגענען אין דער אונגארישער קליין־שטעדטעל ניט זעלטען בלויז ארטאדאקסישע געמיינדעס, כאטש אין שטעדטעל זענען דא אויך נעאלאגען און סטאטוס־קוואניקעס. און פארקעהרט. די מינדערהייט ווארפט זיך אונטער דער מערהייט. עס טרעפט אבער אויך — און זעהר אפט, אז די פרייגעזאנענע, וואס זענען אין דער מינדערהייט, ווילען ניט האבען קיין שייכות מיט די שטריימלאך — און געהען איבער צום צלם...

אין אונגארן, אין דער פראווינץ, איבערהויפט, איז קיין מיטעלוועג ניטא. עס הערשען צוויי עקסטרעמען: אדער שטריימעלע, אדער שמד. אינטערעסאנט איז, אז די צאהל פון די ארטאדאקסישע קהילות און ארטאדאקסען בכלל, וואקסט שטארק אין אונגארן, אבער די שמד'ן צעהן מאל אזוי פיעל. דאס איז ניט קיין גוזמא, נאר בוכשטעבליך אמת. ס'איז א פאקט, אז אין איין יאהר 1912 האבען זיך גע'שמד'ט אין אונגארן 30 טויזענד יודען און צום יודענטום זענען איבערגעגאנגען 800 קריסטען. מ'דארף דא צוגעבען, אז דעם אויסדרוק שמד'ן זיך דארף מען ניט אלע מאל אננעהמען דא אין דעם זין פון איבערגעהן צום קריסטענטום. אין אונגארן איז ערלויבט חתונה צו האבען מענשען פון פערשיידענע רעליגיאנען, ניט בייטענדיג זייער אמונה. דער שמד אין דעם געוועהנליכען זין, אלס איבערגאנג צום קריסטענטום, איז אין אונגארן דעריבער א זעהר זעלטענע ערשיינונג. א יודישער בחור נעהמט אן אונגארישע שיקסע, אדער א יודישע מיידעל האט חתונה מיט אן אונגארישען שייגעץ און מוזען צוליב דעם איבערגעהן לעבען אין דער קריסטליכער סביבה. בכלל זענען געמישטע חתונות דא כמעט די איינציגע סבה צום שמד. די יודישע און אונגארישע יוגענד לערנט צוזאמען אין דער שולע, זענען מיטגליעדער אין דיזעלבע פעראיינען, און די נאהענטע בעקאנטשאפט און פריינדשאפט מוז ברינגען צו ענגערע ליבעסבעציהונגען. די סטאטוס־

טיק ווייזט טאקע, אז די ריזיגע שמד־בעוועגונג אין אונגארן הויבט זיך אָן פון דעם יאָהר, ווען עס זענען ערלויבט געוואָרען חתונות, אָהן רעליגיעזע צערעמאָניעס. דאָס איז א פאקט, אז עס איז כמעט ניטאָ אין אונגארן קיין איין יודיש הויז, וואו עס זאָל ניט זיין קיין משומד, עס זאָל אזוי געהן נאָך א יאָהר 30—40, וועט אין אונגארן ניט בלייבען קיין איין יוד.

די אָרטאָדאָקסען פיהלען דאָס און דעריבער דריקען זיי זיך צונויף איינע צו די אנדערע, ווי בלודנע שעפסען, פאר־שטארקען די פרומקייט, קעמפפען פאר זייער עקסיסטענץ מיט פערצווייפלונג. נאָר עס וועט זיי גאָר נישט העלפען. די אונגא־רישע אָרטאָדאָקסישע יודען זענען ווילד פאנאטיש,אנטלויפען פון לעבען, זענען אונוויסענד, אָרים. ווי אין גאליציען, ווי אין פוילען איז קליין־קרעמעריי זייער איינציגע פרנסה. די יוגענד, די קינדער פון די אָרטאָדאָקסען, וואָס האָבען איין מאָל פארזוכט בילדונג, קענען זיך ניט פיהלען גוט אין דעם קליינליכען האָ־ווענעם פון זייער עלטערנס טרוקענער סביבה, און זוכען א רעטונג אין דער קערפערליך און גייסטיג געזונטערער ספערע פון די אונגארען.

צו ערקלערען זיך: פון וואנען נעהמט זיך אין אונגארן, ביי יודען אזא פינסטערניס פון איין זייט און האָלסייל־שמד פון דער אַנדערער, איז נויטיג צו געדענקען דעם פאקט, וואָס איז שוין אויבען דערמאָהנט געוואָרען. אין גאליציען און רוסלאנד האָט די השכלה אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם 19טען יאהרהונ־דערט געשאפען א שטארקע יודישע אינטעליגענץ, וואָס די שפורען פון איהר טעטיגקייט פיהלט זיך נאָך איצט. די יודישע יוגענד האָט פאר זיך מוסטערן פון גרויסע גייסטער און מוטיגע קעמפפער. כאָטש דער קוק אויפ׳ן לעבען איז, בכלל, איצט ברייטער, אָבער אין פונדאמענט פון די נייעסטע נאציאָנאלע און סאָציאלע אידעאלען, ליגען אויך יענע פרוכטבארע אידעען פון ליכט און אויפקלערונג, וואָס האָבען בעגייסטערט די טרע־גער פון דער השכלה אין דייטשלאנד, גאליציען און רוסלאנד. פון דער אנדער זייט, צוזאמען מיט דער יודישער עמאנסיפאציע אין די ערשטע צוויי לענדער, האָט זיך אָנגעהויבען צו ענט־

וויקלען דארט א געזעלשאפטליכער און עקאנאמישער אנטיסע־מיטיזם, וואס לאזט ניט די יודישע אינטעליגענץ קומען אין נאענטער בעריהרונג מיט דער קריסטליכער געזעלשאפט, און העלפט אונדירעקט דער פערשטארקונג פון נאציאנאלען זעלבסט־געפיהל. ווענען רוסלאנד איז דאך געוויס ניטא וואס צו ריידען.

אנדערש שטעהען די אומשטענדען אין אונגארן. דער „חתם־סופר" מיט זיינע תלמידים האבען אין קאמפף מיט דער אסימילאציע פארפיהרט די אונגארישע יודען אין א צווייטען עקסטרעם: אנטלויפען פון לעבען און איינוויקלען זיך געדיכטער אין די וועלקע בלעטער. עס איז בעוואוסט, אז אין יאהר 1848, אין רעכטען ברען פון דער רעוואלוציע, האט די יודישע צו פרייהייט שטרעבענדע יוגענד געשטעלט א סך קעמפפער אין די רעוואלוציאנערע אונגארישע ארמייען. צו דערזעלבער צייט זענען זייערע פרומע טאטעס געזעסען אין די שולען און תהילים געזאגט, אז די רעוואלוציאנערען זאלען האבען די מפלה. בשעת, שפעטער, אין יאהר 1867 האט זיך אונגארן איינגעגעבען בעקומען פולע אויטאנאמיע, בענוצענדיג, אזוי ווי פינלאנד אין יאהר 1905, א מאמענט ווען די עסטרייכישע רעגירונג איז געווען אין א קריטישען צושטאנד, האט זי, די אונגארישע רעגירונג, די יודען פעררעכענט ניט די תפילות פון די טאטעס, נאר די קרבנות, וואס די זיהן האבען געבראכט פאר דער אונגארישער פרייהייט. די וואס האבען אבער פריהער גאט געבעטען, אז דער „קאיזער" זאל מנצח זיין, זענען ניט צופרידען געווען פון דער פרייהייט, אין וועלכער זיי האבען געזעהן א געפאהר פאר דער יודישקייט. זיי זענען געבליבען ביי זייערע קליינקרעמעריי און שענקעריי. נאך איצט קויפען זיך די פרומע יודען אויס מיט כאבאר, מיט אלע מיטלען פון צו שיקען די קינדער אין די שולען. און ווען זיי קענען זיך ניט אויסקויפען (אין אונגארן איז שול־צוואנג) פארמאטערן זיי די קינדער מיט דעם חדר און מיט דער גמרא נאך דער שול. דער אינגעל מוז אויפשטעהן 4 א זייגער פאר טאג און ביז 7 לערנען ביי'ן רבי'ן. פון האלב אכט ביז 3 (מיט קליינע אונטערברעכונגען) מוז זיין דער אינגעל אין דער שולע. קומט ער אהיים, קוים

געבאפט עפעס אין מויל, מוז ער מאכען די לעקציעס א פאר שטונדען. און קוים פארטיג מיט די לעקציעס, מוז ער ווייטער געהן צום רבי'ן אויף פיער, פינף שעה. גאנץ אפט מאטערט מען די קינדער ביז 11—12 אין דער נאכט. די איינגלאך פון די ארטאדאקסישע יודען אין קליין שטעדטעל זעהען, דעריבער אויס זעהר אויסגעמאטערט, בלוטלאז און מוטלאז. אין שולע מוזען זיי געהן, ווי זיי געהען אין דער היים: אין די לאנגע קאפאטקעלאך, מיט די „לייבצודעקלאך" ד. ה. ארבע כנפות'ען מיט לאנגע ציצית און מיט לאנגע פאות'ן. די אונגארישע קינדער אין דער קליינשטעטדטעל זענען שוין דערצו געוועהנט און לאכען פון זיי ניט. די לעהרער בעציהען זיך אויך מיט סימפאטיע צו די דאזיגע יודישע תלמידים, ווייל די מעהרסטע פון זיי, ניט קוקענדיג אויף זייער לעבערליכען אויסזעהן, האבען גוטע פעהיגקייטען און זענען פלייסיג. מ'האט מיר דערצעהלט, אז איין לעהרער אין מונקאטש האט זיך ערלויבט לוסטיג צו מאכען איבער די פאות און ארבע כנפות פון א יודישען שילער, האט מען איהם ענטזאגט פון דער שטעל.

אין אונגארן איז זעהר זעלטען געזעלשאפטליכער אנטיסעמיטיזם. און דעריבער, ווי דער איינגעל ווערט אביסעל עלטער, פארזוכט דעם טעם פון „עץ הדעת", ווערט בעקאנט מיט דער מונטערער און קרעפטיגער אונגארישער ליטעראטור, אנטלויפט ער פון זיין ענגער און דונקלער היימישער ספערע אין דער קריסטליכער אונגארישער געזעלשאפט, וואו זיינע נייע געפיהלען און געדאנקען בעקומען א פרייען רוים. א בעזונדער ראלע אין דער מאדיאריזירונג פון דער יודישער יוגענד שפילט די יודישע מיידעל, וואס איז וועניגער געצוואונגען אין איהר ערציהונג און איהר ערלויבט, וואס איהר ברודער איז פערבאטען.

אויסערליך איז די אונגארישע קליינשטעטדטעל שמוציג און אונהיימליך אזוי ווי די גאליצישע און רוסישע קליינשטעדטעל. פאנאטיש — נאך מעהר. א גאנצע רייהע גאליצישע גוטע יודען לעבען נאר פון די אונגארישע חסידים. די עקאנאמישע לאגע איז דא זעהר שלעכט, צוליעב דער קאנקורענץ פון די

קרעמער, צוליב די גרויסע שטייער און צוליב דעם אלגעמיינעם קריזיס, וואָס עסטרייך לעבט איבער. דער עיקר אבער: צוליב זייער אונוויסענהייט, ווייל גענויסענדיג פולע פּאָליטישע פרייהייט און נים בעגעגענדיג קיין שום שטערונג אין זייער עקאָנאָמישען און סאָציאַלען לעבען פאַר דער קריסטליכער געזעלשאַפט, האָבען די אונגארישע יודען געקענט ביסלעכווייז איבערגעהן פון וואוכעריי אין קרעמעריי צו מעהר פּראָדוקטיווע פרנסות. זיי זענען אבער ניט פעהיג אויף קיין שום רעפאָרם אין זייער עקאָנאָמישען, ווי אין זייער גייסטיגען לעבען. דעריבער לעבט דאָ די מאסע און קליינקרעמער־קלאַס א סך ערגער, ווי אין רוסלאַנד. אויף די רוסישע יודען קוקען זיי מיט קנאה, פאָרשטעלענדיג זיך רוסלאַנד, ווי א לאַנד פון שפע און פרנסה.

איך האָב שוין אויבען געזאָגט, אז מונקאטש, סיגעט און קערעשמעזאָ זענען דריי קליינשטעדטלאך פון פערשיידענע גרוים. קערעשמעזא איז כמעט א דערפעל, ליגט אין זעהר א מאלערישער געגענד, ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג. אבער אין אלע דריי שטעדטלאך האָב איך כמעט גאָר נישט געפונען בעזונדער אָריגינעלעס. פון בודאפעסט ביז'ן גרעניץ פון גאליציען בעגעגענט איהר נאָר צוויי עקסטרעמען: אָדער שטריימעל, אָדער אסימיליאציע. פון קיין ציוניזם איז כמעט ערגעץ קיין געדעכענים ניטאָ. די שטריימלאך־יודען האָבען איהם פיינט דערפאַר, וואָס ער וויל ברינגען די גאולה אָהן משיח'ן. די מאָדיאריזירטע זאָגען, מיר דארפען קיין ציוניזם ניט; ביי אונז איז דאָ ארץ ישראל. אינטערעסאנט איז, אז הערצל און נאָרדאו, די טאַטעס פונ'ם פּאָליטישען ציוניזם, זענען ביידע אונגארישע יודען, ביידע געבאָרען אין בודאפעסט. זיי האָבען געמוזט פון דאנען אוועק אום צו ווערען דאָס, וואָס זיי זענען געוואָרען: בעשאַפער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

נאָר איין איינציגען י ו ד י ש ע ן י ו ד ע ן האָב איך געפונען אין אונגארן. דאָס איז דער מארשאליק גאָטליב פון סיגעט. דער לעצטער יודישער מארשאליק, פיליייכט, ניט בלויז אין אונגארן, נאָר אויך אין דעם יודישען געטאָ בכלל. א יוד פון קרוב צו אכציג יאָהר, האָט ער אין זיך דערהאלטען

פריש און זאלציג דעם יודישען הומאָר, א גרויסער למדן, מיט סמיכה אויף רבנות, האָט ער בעסער זיך אויסגעקליבען די קאַר־יערע פון א לוסטיג־מאכער אויף יודישע חתונות, ווי צו זיין א באנק־קוועטשער און פסק'ענען שאלות. ער בעלאנגט צום ערנס־טען טיפ פון די יודישע בדחנים, וואָס זייערע שארפסטע פאַר־שטעהער זענען געוועזן צונזער און זבארזשער. ער איז דער רעדאקטאָר פון א יודישער צייטונג אין סיגעט — די איינ־ציגע יודישע צייטונג אין אונגארן.

צווישען צוויי פלאמען.

צווישען טשערנאוויץ און קאלאמעא ליגט א קליין שטעדטעלע „אטאניע“. זי איז די רעזידענץ פון א רבי'ן איינער פון די גרעסטע אין גאליציען מיט א הויף — א פאלאץ, וואס איז אבער פול מיט טראגעדיעס. איך לאז דעם רבינ'ס פאלאץ מיט זיינע טראגעדיעס אויף שפעטער און געה איבער צו דער שטעדטעל גופא. דאס איז א שטעדטעל מיט א בעזונדער פיזיאנאמיע. זי בעזיצט איין שטריך, וואס כאראקטעריזירט שארפער ווי אומעטום אין גאליציען, די טראגעדיע פונ'ן גאליצישען יודענטום. די שטעדטעל הענגט אב אין גאנצען מיט איהר פרנסה פון דעם רוטענישען ארבייטער. דא איז פאראן א פאבריק — א זעלטענהייט אין גאליציען! די פאבריק (אן אייזענגיסעריי) בעשעפטיגט טויזענדער ארבייטער. זי בעלאנגט צו אן אקציען־געזעלשאפט (דייטשען). די דייטשען אליין לעבען ניט דא. די דירעקטארען זענען ניט אנטיסעמיטיש. די בעאמטע זענען כמעט אלע יודען. היגע יודען האבען, א חוץ דעם, אויך פרנסה א ר ו ם דער פאבריק: פוהרמאנעס, צושטעלער פון פערשיידענע מאטעריאלען; דער עיקר — די טויזענדער ארבייטער וואס לעבען ארום שטעדטעל אין די נאהענטע דערפלאך. דער רוטענער — דער ארבייטער, ווי דער פויער — איז בטבע ניט פיינדליך צו יודען. וואלט געווען נישט קשה. מישט זיך אבער אריין די פאליטיק און די יודען ווערען איהר קרבן. די מעשה איז, וואס די פאקטישע באלעבאטים אין שטאדט זענען די פאליאקען. זיי

נעוועלטיגען אין מאַגיסטראַט (סיטי־האָל). אין צייט פון אַ וואהל־קאמפּף מוזען די יודען אַבגעבען זייערע שטימען פאַר די פּוילישע קאַנדידאַטען, אַז ניט — טוט זיי דער דער מאַגיס־טראַט אַן אַלערליי צרות: גיט ניט קיין קאָנצעסיעס אויף קראַ־מען, שענקען, גאַסט־הייזער און ד. ג. טשעפּעט זיך פאַר יעדער קלייניגקייט און פאַרביטערט דעם לעבען.

גיבען אַבער די יודען אַוועק זייערע שטימען די פּוילישע קאַנדידאַטען, ברענט דאָס ווי אַ פייער די רוטענער, פון וועמען די היגע יודען זענען איבערהויפּט אַבהענגיג מיט זייער פּרנסה.

אַט אַזוי געפינען זיך די יודען צווישען צוויי פייערן. ווע־גען פיהרען אַן אייגענע פּאָליטיק איז ניטאָ וואָס צו ריידען. די לאַגע איז דיזעלבע כמעט אומעטום. נאָר ערגעץ איז זי ניט אַזוי בולט ווי דאָ.

איצט איז אין דער פאַבריק געוואָרען אַ קאָנסום־פעראיין פון די אַרבייטער גופא. דערצו איז אין שטעדטעל ניט לאַנג געוואָרען אַ פּוילישע קראָם און אַ רוטענישע ווערט באַלד. די אָרימע אַטיגיער יודען האַלטען אין איין ציטערן: דער היינט איז טרויעריג — האַלב פּרנסה איז שוין אַראָב. דער מאָרגען איז נאָר שרעקליך: ער דראָהט מיט אַ גאַנצען חורבן.

די חסידישע רעוואלוציע אין טארנאפאל*)

טארנאפאל, טשארטקאוו, בוטשאטש און בראד — דאס זענען די פיער בעריהמטעסטע שטעדט און שטעדטלאך אין מזרח־גאליציען. זיי בעלאנגען אויך צו די מערקווירדיגסטע און אריגינעלסטע אין דער יודישער וועלט בכלל. יעדע פון אט די שטעדט האט געשפילט א וויכטיגע ראלע ניט בלויז אין גאַליצישען, נאר אויך אין אלגעמיינעם יודישען לעבען.

אויב טשארטקאוו איז די בעריהמטעסטע רעזידענץ פון די גוטע יודען, איז בוטשאטש געוועזן די ניט ווייניגער בעריהמטע פעסטונג פון די גאליצישע מתנגדים. איז בראד געוועזן א גאנצען יאהרהונדערט א שטאדט, וואס האט געקלונגען מיט איהרע גבירים, חכמים און לומדים, איז טארנאפאל, פאר דער צייט פון דעם גאנצען פאריגען יאהרהונדערט, געוועזן די איינציגע פעסטונג פון השכלה אין גאליציען. י ו ס ף פ ע ר ל, א היגער גביר, משכיל, למדן און תקיף, איז א היסטארישע פערזענליכקייט. דאס איז געוועזן דער גאליצישער מענדעלסאן. דער נאמען טארנאפאל איז פעסט פערבונדען מיט'ן נאמען יוסף

---

*) די דאזיגע שילדערונג פון דעם אינערליכען יודישען לעבען אין גאליציען, צוזאמען מיט אלע איבריגע, וואס קומען אריין אין אט דעם באנד, איז געשריבען געווארען ערב דער מלחמה. די מלחמה האט די לאגע ניט געענדערט. די שילדערונג איז, אלענפאלס א שטיק וויכטיגער קולטור־געשיכטליכער מאטעריאל אויס דעם לעבען פון די גאליצישע יודען.

פערל. זיין איינפלוס פיהלט זיך אין שטאָדט נאָך איצט, צ פונפציג יאָהר נאָך זיין טויט.

אויסערליך איז טאַרנאָפּאָל זעהר אַ זויבערע שטאָדט. האָט אַן אייראָפּעאיש פּנים. זי בעשטעהט פון דריי טיילען. דעם צענטער פערנעהמט דער שטאָדטישער פּארק מיט די רייכערע געשעפטען ארום. לינקס — דער נייער טייל שטאָדט מיט שעהנע מויערן, גרויסע הויפען, אַ ברייטע גאַס מיט אַן אַלעע צו שפּאַצירען, ביין ענדע אַ נייער קאָסצעל (פּוילישע קירכע) איינע פון די שענסטע קירכען, לויט איהר ארכיטעקטור, געבויט דריי פערטעל פאַר יודיש געלד. דאָס געלד האָט גע־געבען אַ יודישער קאַפּיטאַליסט, גאַל, וואָס האָט אויסגעבויט דעם קאָסצעל און דערנאָך זיך גע׳שמד׳ט.

רעכטס פון צענטר און פון פּארק ליגט דאָס אַלטע טאַרנאָ־פּאָל, מיט איהר ברודיגע געסלאַך, מארק און הייזלאַך, מיט איהר טומעלנעם און האַוועגעס, ווי אין אַלע שטעדטלאַך פון גאַליציען, פּוילען און ליטא. נאָר אפילו אַט דער טייל שטאָדט איז אויך גרוים, הרחבה׳דיג. דער מארק — אַן אונגעהייער ברייטער פּלאַץ. קיין ענגשאַפט, שטיקענעס פיהלט זיך דאָ ניט, ווי אין אנדערע שטעדטלאַך. אמאָל האָט זיך דאָ אַ פּנים געלעבט בעסער. נאָך איצט זענען אין טאַרנאָפּאָל דאָ ניט ווענינ יודישע קאַפּיטאַליסטען. די שטאָדט האַלט נאָך אויסערליך אויף איהר אמאָליגען פּוץ און יחוס. נאָר אינעווענינ איז שוין אַלעס צעפּוילט.

פאַר דעם פרעמדען מאַכט אַט די צעטיילונג פון דער שטאָדט אין דריי ווי בעזונדערע, זעלבסטשטענדיגע טיילען, אַן איינדרוק, ווי דאָס וואָלטען געווען דריי בעזונדערע שטעדטלאַך הארט נעבען אנאַנדער. אין צענטער ליגט פּערל־שטראַסע, אַ גאַס וואָס רופט זיך אויף דעם נאָמען פון יוסף פּערל. אין איין עק פון אַט דער גאַס שטעהט דער פּערל־טעמפּעל — די ערשטע יודיש־רעפאָרמירטע שול אין גאַליציען, וואָס פּערל האָט זי גע־בויט מיט אַ 80—90 יאָהר צוריק.

אַט די בעריהמטע פעסטונג פון השכלה איז אין איהר אי־נערליכען לעבען איצט שוין אַ האַלבע חורבה. אַ פּאָר טעג האָט

געדויערט ביז איך האָב געקראָגן די מעגליכקייט צו זעהן אימיצען פון דער היגער מאסען ־ יוגענד. און דאָס זענען אויך געווען גאנץ אנדערע פון די, וואָס איך האָב געפונען אין דער קלענסטער אָרימסטער גאַליצי־שער שטעדטעל. אמת, אַ ציוניסטישען לאָקאל האָב איך דאָ געפונען, נאָר ער האָט בעשיינפערליך געוויזען דעם חורבן פונ׳ם גייסטיגען יודישען לעבען אין טארנאָפּאָל. ארום אַ רוי־כערדיגען לעמפּעל זיצען עטליכע פער׳יתום׳טע בחורים, לייענען אַ „טאָגעבלאַט“, אַ „הצפירה“. מעהר איז, דאכט זיך, ניטאָ. די אויגען ביי די בחורים, די בעוועגונגען — מוטלאָז, פער׳יאוש׳ט. מיט גרויס מיה האָב איך געפונען אַיין „פּועל ציון“ און איין „זשע־פּע־עסניק“ — אַ טרויעריגער זכר פון אַמאָליגע אָרגאַני־זאַציעס.

עס זענען אָבער געווען, ווי דיביידע איבערעסטען פון אַמאָליגע פּאַרטייען האָבען מיר דערצעהלט, אין טאַרנאָפּאָל אַמאָל בעסערע צייטען. דאָס איז געווען אין די טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. גרויסע יום־טוב טעג זענען דאָס געווען פאַר דער גאַליצישער יודישער יוגענד. זיי, די יודישע יונגע לייט אין גאַליציען, דערמאָהנען „יענע טעג“ מיט גוואַלדיגער בעגייסטערונג, מיט ענטציקען און — טיעפען בעדויערן, וואָס זיי זענען אוועק. זיי האָבען געפיהלט די רוסישע רעאַקציע שמערצליכער, ווי די רוסישע יודען.

דער קומענדיגער געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט וועט דאַרפען אַ נאָמען געבען די עפּאָכע — די גרויסע וואַנדערונג פון דער יודישער יוגענד. צווישען אַנדערע שטריכען, אין וואָס די ערוואַכונג פון דער יודישער יוגענד האָט זיך דאָן אויסגעדריקט, איז געווען — די אונגעהייערע וואַנדערלוסט פון דער יוגענדליכער אינטעליגענץ און דער מאסע. עס פערשטעהט זיך: די פּאָגראָמען האָבען גע־טריבען גרויסע כוואַלעס מענשען איבער אַלע גרענעצען. די פּאָ־ליטישע פערפאָלגונגען האָבען אויך געשטויסען אַ סך יונגע לייט צו וואַנדערן. אָבער אַ חוץ דעם איז גלאַט געווען אַ מעכ־טיגע וואַנדערלוסט. מ׳האָט ניט געקענט זיצען אויף אַן אָרט. עס

האט געטראגן. גרעסער ווי די אויסלענדישע עמיגראציע איז געווען די אינערליכע וואנדערונג. די פערפאלגונגען, די בעדערפ־נעם אין מענשען, דער חשק צו זעהען א נייע וועלט, פרישע מענשען; די לייכטקייט צו לעבען אויף א נייעם ארט — ווייל מ'האט אומעטום בעגעגענט חברים, וואס זענען שטענדיג גרייט געווען צו טיילען זיך מיט אן אנגעקומענעם „בעקאנטען" מיט דער בעט, מיט דעם לעצטען ביסען. מאלע וואסערע סבות עס זענען דעמאלט געווען צו דער גרויסער יודישער יוגענד־וואנ־דערונג.

עס איז דעמאלט ניט געווען, דאכט זיך, קיין איין ווינקעל אין אייראפא — איך רייד שוין ניט וועגען רוסלאנד — וואו־הין דער וואנדערשטראם האט ניט פארטראגען קיין יודישע יו־גענד - כוואליעס. נאך מעהר ווי אומעטום — אין עסטרייך, אונגארן און איבערהויפט — גאליציען. אין בודאפעסט האב איך מיט גרויס מיה אויפגעזוכט אן יודישען עמיגראנט פון רוסלאנד. איך האב איהם בעזוכט אין דער היים. דאס איז גע־ווען א גאסענהענדלער. האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז דער איבעררעסט פון א גאנץ גרויסער רוסיש־יודישער קאלאניע, וואס איז געווען אין „יענע טעג" אין בודאפעסט. עס האט „דאן גע־קאכט מיט סאציאליסטישע מיטינגען, לעקציעס, פערוויילונגס־אבענדען. ס'איז דאכט זיך אויך א צייטונג ארויסגעגאנגען אויף יודיש אין יענער צייט. מ'האט זיך געפיהלט היימיש, ווי אין רוסלאנד. א ביבליאטעק — א יודישע איז געווען. צייטונגען יודישע האט מען אויסגעשריבען און סאציאליסטישע ליטע־ראטור פון רוסלאנד, לאנדאן, אמעריקא.

נאר די רוסישע רעגירונג האט דעמאלט אויך ניט געשלא־פען. זי האט פארזארגט די גרויסע וואנדערונג אויך מיט „איהרע מענשען". די אונגארישע רעגירונג האט זיך פון אנ־פאנג בעצויגען מיט סימפאטיע צו די יודישע עמיגראנטען. די דאזיגע האבען אויך ברייט אויסגענוצט די פרייהייט פון דער אונגארישער קאנסטיטוציע. האבען אבער געוואוסט צו שעצען די גאסטפריינדליכקייט פון די אונגארען. זענען ניט איבערגע־טראטען די גרענעצען פון דעם, וואס איז זיי געווען ערלויבט.

א סך האבען געקראגען ארבייט, האבען זיך געפיהלט גוט. אין מיטען דערינען — טראך! אן עקספראפריאציע אויף אן אונגארישע באנק אין מיטען העלען טאג, מיט מענשליכע קרבנות. די עקספראפריאציע האט זיך ניט איינגעגעבען. זי איז געווען א נארישע, אן אונזיניגע. זי האט אבער איהר ציעל דערגרייכט. די צייטונגען האבען געשטורמט מיט די רוסישע אנארכיסטען. די אונגארישע רעגירונג האט זיך דערשראקען און אנגענומען שטרענגע מיטלען געגען די „רוסען". ד. ה. די רוסישע יודען. א סך האט מען ארויסגעשיקט. מיט צרות איז ווי עס איז געבליבען דער אויבענדערמאנטער גאסען־הענדלער. באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער מאכער פונ'ם „עקס" איז געווען א פראוואקאטאר. עהנליכע „עקסען"־פראוואקאציעס פון דער רוסישער רעגירונג האבען כמעט אין דער זעלבער צייט פאסירט אין לאנדאן, אין פאריז, אין דער שווייץ, אומעטום — א חוץ ענגלאנד — מיט דעמזעלבען „ערפאלג" פאר דער רוסישער רעגירונג, וואס האט דערמיט געשטרעבט צו פארמאוס'ן די רוסישע, איבערהויפט די יודישע פרייהייטסליבענדע יוגענד אין די אויגען פון אייראפא.

אין גאליציען איז דאן פול געווען מיט די יודישע יוגענדוואנדערער אין יעדען ווינקעלע. אומעטום האבען זיי געלאזען א טיעפען שפור. נאר מעהר, דאכט זיך, ווי אומעטום — אין טארנאפאל. אומעטום וואוהין די וואנדערפויגלאך זענען אנגעקומען האבען זיי זיך גענומען גלייך צו דער ארבייט — אגיטירען און ארגאניזירען.

אין טארנאפאל איז קיין מאל ניט געווען קיין אינדוסטריע. בעלי מלאכות עטליכע — און די — אהן ארבייטער. וועמען אגיטירט מען? האט מען זיך גענומען צו די טרעגער און פיאקערניקעס (בעלי עגלות). עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אט די פראלעטאריער זענען געווען אין טארנאפאל א גאנץ היבשע ביסעל: ניט וועניגער ווי 500 מאן. דאס איז געווען אן אוצר פאר די רוסישע אגיטאטארען. מ'האט זיך גענומען צו דער ארבייט. אין רוסלאנד אפילו האט זיך ניט איינגעגעבען די בעלי עגלות אריינצוציהען אין דער בעוועגונג און דא האט מען זיי

ארגאניזירט. עס האט געשטורמט אין טארנאפאל מיט בעל עגלות'שע מיטינגען, מיט סטרייקס. עס איז געווארען ביי זיי א קאסע. זיי זענען געווארען א מאכט אין די הענד פון די סאציאליסטען. אין א וואהל־צייט האט מען געציטערט פאר די פיאקערניקעס. מ'האט גע'חנ'פעט. צוליעב זיי זענען געווארען די סאציאליסטען א וויכטיגע קראפט. מ'האט זיך מיט זיי שטארק גערעכענט.

ס'איז לייכט צו פערשטעהן, אז די ארגאניזאציע פון די פיאקארניקעס האט געהאט א האפט „פון אסתר תענית ביז פורים". פאר די רוסישע עמיגראנטען איז אין טארנאפאל ניט געווען וואס צו טאן. דער הונגער האט זיי, ווי אומעטום, פון דאנען אין גיכען צוטריבען. די פיאקערניקעס זענען נאך אבי־סעל צייט אויסגענוצט געווארען פון די ציוניסטען, אלס „שלע־גער" אין צייט פון א וואהלקאמפף. נאך דעם זענען זיי געווארען פשוט'ע שטימפיה ביי דער אסימיליאטארישער קאמפאניע. און פערקויפען זייער בכורה ביליג: פאר א טרונק בראנפען מיט א פאר קרייצער. דא איז דער נעסט פון די העסליכסטע אסימיליא־טארען. דער אויבען דערמאהנטער גאל האט אן אונגעהייערע מאכט אין צייט פון וואהלען און געהט אויפ'ן שטריקעל ביי די „וושעד־פאלסקע" („אל־פאלען"). די מאכט פון די ס. ד. איז דא שוין לאנג געבראכען. דער שווינדעל און וואהל־רויבעריי איז אזוי גרויס, אז אפילו ביי א רוטענישען סאציאליסטישען קאנדידאט האט מען אויסגענארט די בכורה און מיט א טריק געברויכט איהם אלס ווערקצייג פאר די „וושעד־פאלסקע". ווען ער האט דאס דערזעהן, איז ער פון שאנד אנטלאפען פון גאלי־ציען קיין אונגארן. די איינציגע קראפט, וואס קעמפפט געגען די יודישע אסימיליאטארען זענען די היגע ציוניסטען, וועלכע בעווייזען סמנים פון לעבען, דא ווי אומעטום, אין גאליציען, נאר אין צייט פון וואהלקאמפף. דערנאך ווערען זיי פארלאשען אויף א גאנצען יאהר. מעהר ווי אומעטום וואקסט דא די מאכט פון די חסידים. די חסידים, צוזאמען מיט די רבייאים, ווערען וואס ווייטער, אלץ מעהר אריינגעצויגען אין פאליטישען קאמפף. בשעת וואהלען געהען זיי צוזאמען מיט די אסימיליא־

רען און דינען פאר א ווערקצייג ביי די פוילישע אנטיסעמיטען. דא בעגעגענט איהר אזא מין געמישטע בריאה, ווי א דאקטאר — א חסיד און — א ציוניסט, אלץ אין איין פערזאן.

צוליב דער וואקסענדער מאכט פון די חסידים שטעהט אין געפאהר די היגע פערל־שולע. די ערשטע און גרעסטע יודי־שע שולע אין גאליציען, וואו פערל אליין האט זי געגרינדעט מיט 80—90 יאהר צוריק. דארט לערנען נאך איצט ביי א 600 קינדער. זי איז אוועקגעשטעלט געווארען זעהר מוסטערהאפט. פאר דער צייט פון איהר עקזיסטענץ האט זי טויזענדער און טויזענדער יודישע קינדער אויסגעבילדעט און צום לעבענס־קאמפף פעהיג געמאכט. פערל האט אויף אט דער שולע געאפ־פערט אלע זיינע קרעפטען און פארמעגען. זי האט געהאט א פריווילעגיע פונ'ם קייזער יאזעף, וואס פלעגט אומגעהן מיט יוסף פערל אונטערהאנד, אז פון גאנץ מזרח־גאליציען זאל יע־דע יודישע געמיינדע געבען צושטייער א געוויסע סומע געלד אויף אויסהאלטען די שולע. די חסידים האבען געגען אט דעם שול־שטייער מורא'דיג געקעמפפט. האבען אבער גאר נישט געקענט מאכען.

וואס זיי האבען אבער ניט געקענט אויספיהרען מיט 80 יאהר צוריק — פיהרען זיי איצט אוים לייכט. די שטייער פאר דער פערל־שולע איז שוין מיט איניגע יאהר צוריק אבגעשאפט. איצט ווערען די חסידים־בעלי־בתים אין דער קולטוס־געמיינדע פון טארנאפאל גופא. זייער ערשטע זאך וועט זיין צו פערניכ־טען אין גאנצען אט די פערהאסטע „אפיקורסישע" קלאסען.

אט אזוי דרעהט זיך די רעדעל פונ'ם גאליצישען יודישען גייסטיגען לעבען צוריק. וואס ווייטער ציהט זיך אן אלץ מעהר פינסטערנים אויף דאס לאנד, וואס האט ארויסגעבראכט אמאל אזוי פיעל גייסטיגע העלדען און קעמפפער.